This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

6 1967

היימלאנד

לייענט אין זיבעטן נומער
„סאָוועטיש היימלאנד“

■

דעם צווייטן טייל פון יעכיעל פאַליקמאַנס ראָמאַן „דער שווארצער ווינט“.

די לעצטע קאַפּיטלען פון מישע לעווס דערציילונג „פּעראָ רוס“.

נייע לידער פון מאָטל גרוביאַן, שיקע דריז, שלוימע רויטמאַן.

■

נאָכעם אויסלענדערס ארטיקל „מענדעלעס קאַמף פאַר א נייעם טיפּ שרייבער“.

■

די ווייטערדיקע נאָטיצן פון ארן ווערגעליס וועגן זיין רייזע קיין ענגלאנד.

■

כראָניק פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע, ליטעראַרישער קאַלענדאַר, נאָטיצן פון א יידישן בוקיניסט אא.

■

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

זיבעטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

6

יון

1967

אינהאַלט

זײַט

פון אונדזער ליטעראַטור־אוצר. ארן קושניראָוו. דערציילונג וועגן צוויי. — הינטישע סטעזשקע (דערציילונגען) 3

הירש אָשעראָוויטש. ראָבעספּיער (פּאָעמע) 12

מישע לעוו. פּעראָ רוס (דערציילונג) 18

מייער כאראַץ. מײַנע האָריזאָנטן (לידער) 61

שירע גאָרשמאַן. יעדעס מאָל — ווי צום ערשטן מאָל. — קרים. סאָף צוואַנציקער יאָרן (דערציילונגען) 65

מאָטל שטורמאַן. מײַנע זומער־לידער 74

ליובע וואַסערמאַן. באַ ברעגן (לידער) 75

יוסעף ראַבין. שעוועלע און טעוקע אין מאָסקווע (ראָמאַן. סאָף). צייכענונגען ה. אינגער 76

באָריס סלוצקי. אויף דער אויסשטעלונג פונעם קינסטלער ראָבערט פאַלק 112

ריווע באַליאַסנע. איסאַק לעוויטאַן (פון א פּאָעמע) . . 113

טריבונע פון לעבן

ארן ווערגעליס. אין נעפּל (רײַזע־נאָטיצן) 115

איזראַעל מײַער. דאָס בולגאַרישע פאָלק האָט געראַטעוועט די ייִדן פון פאַשיסטישער אויסראָטונג 121

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

בינימין מאַכלין. וואַריאַנטן פון מענדעלעס „די קליאַטשע" 125

יאַנקעוו שטערנבערג. צו דער טעמע: איציק מאַנגער 132

מאַטעריאַלן פון דער שפּראַך־באַראַטונג. כאַים ליצקער. וועגן דער לעקסיק אין די ווערק פון אייניקע שרײַבער 138

י. סערעבריאַני. כראָניק פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 142

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 149

מ. גרוביאַן. קורצע רעצענזיעס 151

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 153

לאָמיר ווידער זינגען אָט די לידער. יונגע גוואַרדיע 155

פאַרשיידנס 156

נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט 158

די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן 158

כראָניק 64, 153, 154

נאָטיצן אויפן קאַלענדאַר 160

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש, אי. באָרוכאָוויטש, א. גאָנטאַר, נאָטע לוריע, מ. לעוו (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), ב. מילער, י. פאַליקמאַן, ס. פרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

50 יאָר אָקטאָבער

פון אונדזער ליטעראַטור-אוצער

אַרן קושניראָוו

דערציילונג וועגן צוויי

אין האַרבסט, אין שפּעטן האַרבסט פון יאָר 1917, ווען מידע, אויסגעוואַלגערטע סאָלדאַטישע מאַסן האָבן געוואָרפן די פראָנטן און צופעליקע עשעלאָנען און צוגן האָבן די דאָזיקע סאָלדאַטישע מאַסן פאַנאַנדערגעפירט וווּהין וועמען אין אַלע ריכטונגען, — אין איינער אַ פינצטערער נאַכט פון יענעם שפּעטן האַרבסט איז פון פראָנט, ערגעץ אַרום סמאָרגאָן און קרעוואַ, צו אַ קלייניטשקער פינצטערער אוקראַיִנישער סטאַנציע אָנגעקומען אַ סאָלדאַטישער פינצטערער און שווערער עשעלאָן.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט באַלד אויסגעלאָשן זײַן איינציק פאַררייכערט אייגל. אָן אַ פּיִף, אָן אַ פּיפּס זיך אָפּגעשפּיליעט פון דער פינצטערער לאַנגער שורע טעפּלושקעס און שטיל זיך אַוועקגעקײַקלט — אין נאַכט, אין פינצטערניש.

אַ סאָלדאַט, וועלכער איז געלעגן אין איינער פון די טעפּלושקעס, בײַ דער וואַנט אויף די אייבערשטע ברעטער, האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווײַל דורך דעם פענצטער־לאָך ניט פאַרהאַנגענעם און דורך שפּאַרונעס אין דער וואַנט האָט אים דורכגעבלאָזן דער קאַלטער האַרבסטיקער ווינט. אַלע אייוורים זײַנע האָבן שאַרף און אָנגעשטרענגט געוואָלט עפּעס אַזעלכעס, צוליב וואָס ס'איז נייטיק געווען זיך אויפהייבן און אַרויסגיין אויף דער קעלט, אַפילו ווינט. און אים איז אַזוי אויך קאַלט געווען. זיך אויפהייבן האָט זיך ניט געגלוסט. די גאַנצע פינצטערע טעפּלושקע איז פול געווען מיט שלעפערדיקער כראָפּעניש.

פון ערגעץ, פון נאַכט, פונדערווײַטן האָבן זיך געהערט דײַטלעכע, ווי דונערן, קאַנאָנאַדעשאָסן. און אויף די אונטערשטע ברעטער האָט אַ צווייטער סאָלדאַט פון שלאָף צעשטורכעט זײַנע כראָפּענדיקע שכיינים און שלעפערדיק זיך אויסגעזידלט:

— הערסט, הערסט, ווי עס רעגנט און עס דונערט...

און בייז אַרײַנגעשריִען אין פינצטערניש פון טעפּלושקע:

— דו, וואָס טוסטו דאָרטן... דער מאַמען אין דײַנער...

און טאַקע באַלד מיטן זעלבן קאָל און פאַרוווּנדערט אויסגעשריִען:

— כאַוויירים!.. מיר פאָרן דאָך גאָרניט... די גאַנצע צײַט אויף איין אָרט געשטאַנען... סאַבאָטאַזש!

אויפגעוועקטע, פינצטערע טעפּלושקעס האָבן בייז און פײַנטלעך זיך אָנגעשטעלט קעגן דער

קליינינקער סטאַנציע מיט אָפענע שלונגען פון טירן. די קליינינקע סטאַנציע האָט אופגעוואַכט מיט מענטשן־שאָטנס און מיט מענטשלעכן געפילדער.

פונדערווײַטנס, פון כוישעך, פון נעפל האָבן זיך געהערט דײַטלעכע, ווי דונערן, קאַנאָנען־שאָסן. טרוקענע זעלטענע קלעפ האָבן זיך ערגעץ געשאָטן אין נאַכט אַרײַן און שיטערער און היימלעכער געמאַכט די געדיכטע פינצטערניש...

און פון דער קליינינקער פינצטערער סטאַנציע, פון געפילדערדיקע שאָטנס האָבן זיך אָפּגעטיילט צווייען און מיט שפּאַלן, מיט רעלסן אוועקגעשפּאַנט אין פינצטערניש.

איינער האָט אײַנגערעדט:

— קום, איך זאָג דיר: ניט מער — אַ וויאָרסט צוואַנציק פונדאַנען... ס'איז דאָך מײַן שטאָט... אַלע ערטער זײַנען מיר דאָ באַקאַנט. צו באַגינען — און מיר זײַנען דאָרטן...

אַ מידן, אויסגעוואַלגערטן סאָלדאַט האָט געצויגן צו נאָענטער היים. פינצטערע נאַכט און קלעפּ, דײַטלעכע פון ווײַטע שאָסן, האָבן אים ניט געשראָקן.

דער צווייטער האָט זיך געקווענקלט:

— עפּשער בעסער וואַרטן... האַ?.. עפּשער מיטן עשעלאָן וועט זײַן זיכערער.

— ער וועט ניט פאָרן... איך זאָג, ער וועט ניט פאָרן — קיין לאָקאָמאָטיוו איז ניטאָ.

און פּלוצעם אויסגעשריִען: — אָט זע, די רעלסן זײַנען צענומען... דאָ אויך, זע...

דער צווייטער האָט שוין מער ניט דערווידערט...

איבער פראָנט און איבער יאָרן מילכאָמע האָט דער צווייטער שוין לאַנג צעטרייסלט זײַן לעצט ביסל פאַרשטעלונג וועגן דעם, וואָס געפאַר הייסט...

זײַן היים איז געווען ווײַט, אין סיביר, אין טאָבאָלסקער גובערניע. און ווען ער וועט אַהינצו קומען, און ווען ער וועט אַהינצו זיך דערקלײַבן, האָט ער שוין אַפילע זיך ניט פאַרגעשטעלט...

נאָך דאָרטן, אַף דער כאַרעווער סטאַנציע באַם פראָנט, —

אין שטופעניש פון אויסגעוואַלגערטע לײַבער, צווישן אויסגעבייזערטע פאַרצווייפלטע קוילעס האָט אויך זײַן קאָל געהילכט:

— שפּאַר שטאַרקער... פאַרנעם ערטער!

— וווּהין... ניט אַהין גייט ער...

אָבער וווּהין — איז געווען אַלציינס, ווײַל פון פראָנט אוועקפאָרן האָט מען באַדאַרפט...

און איצטער איז ער געגאַנגען מיט זײַן כאַווער, וועמעס היים און שטאָט זײַנען געווען נאָענט. זײַן היים איז געווען ווײַט — טויזנטער וויאָרסטן פון דער קליינינקער אוקראַיִנישער סטאַנציע, — און ער האָט געפילט, ווי פריידיק און ווייטעקדיק עס מוז מיסטאָם באַ יענעם צוויפדריקן דאָס האַרץ פאַר נאַכט און פאַר פינצטערניש און פאַר צוואַנציקוויאָרסטיקער נאָענטקײַט פון דער היים.

שטאָט האָט אויסגעזען פאַרשלעפּערט, ווי עס דאַרף עפּשער אויסזען אַ שטאָט אין גרוי פון האַרבסטיקן באַגינען־נעפל — פּוסט זײַנען גאַסן און געסלעך, און פאַרהאַקט זײַנען טויערן. אָבער שטאָט האָט ווי פון שווערע און בייזע כאַלוימעס זיך געוואָרפן — איר גאַנצע גרייס האָט געפּיבערט מיט איינציקע עלנטע שאָסן... און דער צווייטער האָט אופגעציטערט. ער און זײַן כאַווער — ביידע זײַנען שטיין געבליבן און שווײַגנדיק זיך איבערגעקוקט. באַ אים, באַם טאָבאָלסקער, האָט זיך ברייט צעעפנט דאָס מויל. מאַט און גרוי איז געווען זײַן פּאָנעם, נאָר די ליפּן, ביז שוואַרץ פאַרבאַקענע, האָבן זיך געשטרענגט אין אַ קרומען שמייכל.

דער כאַווער האָט געזאָגט ניט זיכער: — קום.

— שטיי, — האָט געזאָגט אַ ברייטפּענעמדיקער הויכער מענטש.

פון הינטער נאָענטסטן ראָג האָט ער לאַנגזאַם און רויִק זיך אַרויסגערוקט און געקוקט אַף זיי ביידע פון דער הייך פון זײַן קאָפּ־טורעם. פּעסט איז אָנגעשפּאַרט געווען זײַן גרויסער שווערער קערפּער אַף ברייט צעשטעלטע פיס. פון צעשפּיליעטן מאַטראָסן־רעקל האָט אַן אַנטבלויזטע האָריקע ברוסט הויך זיך געהויבן מיט רויִקן אָטעם.

ער האָט לאַנגזאַם אופגעהויבן אַ שווערע האַנט און אוועקגעלייגט אַפן אַקסל איינעם פון די געקומענע. דאָרטן האָבן אַ פּאָר ניט אײַלנדיקע האַרטע פינגער געשאַרט אונטערן קאָלנער און נידעריקער. צוריק מיט כאַדאָשים אַ פּאָר זײַנען אַף דעם אָרט געזעסן פאַרשמאָלצעוועטע אויסגעריבענע שמאַטקעלעך — געוואַנטענע סאָלדאַטישע פּאָגאָנעס.

ביידע, די געקומענע, יעדערער פאַר זיך האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט: אָט איז געווען אַ געשלעג, וויפל אָפּיצערן האָבן כעוורע מיט די פויסטן ביז צום טויט צעקנאָטן, און די געוואַנטענע שמאַטקעלעך איניינעם מיטן פלייש פון די שינעלן אַרויסגעריסן.

איצטער — ווי אַ וואַרעמקײַט האָט פון די שפּיץ זוכנדיקע פינגער אַ שלאָג געטאָן צום האַרצן פונעם שווערקערפּערדיקן מאַטראָס.

און מילד און ווייך:

— אראָפּגעריסן?

— אראָפּגעריסן!

— און בא דיר?

— אראָפּגעריסן!

— וואָס זײַנען מיר דען, ניט קיין פּראָלעטאַריאַטן? — האָט געגעבן צו פאַרשטיין דער טאַבאַלסקער.

זײַן געדאַנק איז געווען ניט קיין רירעוודיקער. שווער און לאַנג און אָנגעשטרענגט האָט ער געררודערט מיטן צונג: — דע־בא־מאַליזירטע זײַנען מיר...

— דעמאָביליזירטע, — האָט געזאָגט דער כאַווער, — פון פראָנט ארום סמאָרגאָן... אונדזערע אַלע דאָרטן ווילן שוין מער ניט מילכאָמע האַלטן... קעגן וועמען איז דאָ די שיסערײַ, כאַווער?..

דער מאַטראָס האָט רויִק און אָפּגעהאַקט געענטפערט:

— פאַר די אַרבעטער, קעגן בורזשויִעס איז דאָ אַ געשלעג... הײַדאַ מיט אונדז, כאַווירים!

אָפּטער און אומגעריכט־נאָענט האָבן איצטער געשאָטן זיך שאָסן, און דער טאַבאַלסקער האָט שוין גרינג אָנגעטאַפּט דעם געדאַנק, וואָס ער האָט שוין אים איינמאָל דורכגעטראַכט. געזאָגט:

— דאָס, זײַנען מיר אויך ניט קעגן... קעגן בורזשויִעס זײַנען מיר אויך מאַסקים... ווי דען — מיר אַליין זײַנען פּויערים און אַרבעטער.

איבער שטאָט און איבער וועלט ארום האָט שפּעטיקער האַרבסט אָנגעצויגן נידעריקן נאַסן הימל. און אין שטאָט, אין ענגע גאַסן־דורכגאַנגען, אַף בלאָטיקן, גליטשיקן שטיין האָבן צוויי מאַכנעס צעררײַצט און אײַנגעשפּאַרט זיך געראַנגלט.

אַ גרויע, אַן אויסגעבײַזערטע איז געווען איין מאַכנע. פון געוואָרפענע פּראָנטן, פון וואָג־לענדיקע סאָלדאַטישע עשעלאָנען האָט זי אַהער זיך צונויפגעזאַמלט.

שטאָט איז געווען אַ גרויסע, אַ צעוואָרפענע איבער הייכן און נידערן, און פאַרשטעט האָבן זיך דערהויבן איבער איר מיט שטרענגע זאַוואָדן־קערפּערס און מיט רויכנדיקער הייך פון קוי־מענס. איצטער זײַנען געווען די קוימענס פאַרלאָשענע און אָפּגעקילטע, ווײַל די אַרבעטער פון די פאַרשטעט זײַנען אַלע אַוועק אַהין — אין געראַנגל אַף די גאַסן, אין דער גרויער און אויסגע־בײַזערטער מאַכנע.

— היי, נעם צו אונדזעריקע! גיב זיי ביקסן, — האָט הויך ארויסגעשריִען דער מאַטראָס. אינדערלופטן האָט ברייט אַ שוועב געטאָן זײַן שווערע האַנט...

זײַנען יענע, די צוויי, וואָס האָבן מיט אַ נאַכט פריִער פאַרלאָזט זייער עשעלאָן אַף דער פינצטערער קליינינקער סטאַנציע, אויך ארײַן אין קייט, אין באַוועגונג און אויסגעמישט זיך מיט אַנדערע גרויע און אויסגעוואָלגערטע פון געוואָרפענע פּראָנטן, פון וואָגלענדיקע עשעלאָנען, פון שטרענגע זאַוואָדן־קערפּערס.

ערד שטאָטישע איז האַרט און באַפּאַנצערט.

אַלע, וואָס אין דער קייט, וואָס אין דער גרויער און אויסגעבײַזערטער מאַכנע, — אַלע האָבן געוווּסט וועגן טעג, אַ סאַך טעג באַגראָבענע אין אָקאָפּעס.

טעג אין אָקאָפּעס באַגראָבענע: ערד פון הינטן, ערד פון פאָרנט, און אויבן — דער דעק פון אַ קייווער — אַ הימל אַן ערדענער.

טעג און נעכט די אויגן אויסקוקן — גאָרניט דערזען: ניט הויך הייבט אוף דעם קאָפּ פון דער ערד אַ גראָזעלע.

דאָרטן, אַף די פּראָנטן, זײַנען פּײַנט געווען קלוגע און פאָרזיכטיקע — קיינמאָל מיט קאָפּ פון דער ערד ניט ארויסגעשפּראָצט נאָך רעגנס. קיינמאָל דעם קאָפּ ניט געגעבן צו פאַנגען אין נעצן פון זון.

און דאָ — ערד שטאָטישע געווען איז האַרט און באַפּאַנצערט — ניט אײַנגראָבן זיך, ניט אײַנבײַסן זיך. מענטשן זײַנען געלאָפן און געפאַלן, און קעפּ — געווען זײַנען העכער פון שטיין און פון בלאָטע.

אַנטקעגן — זײַנען אַנדערע געלאָפן און געפאַלן. זיי האָבן אויך ניט געהאַט, וווּ די קעפּ אײַנצוגראָבן: געהאַלטן זיי העפקער.

— שיס... שיס...

אין דער הייך, איבער קעפּ, האָט רויכיקס און שטיקנדיקס געפּלאַצט און צעשאָטן זיך מיט פּײַף און מיט קלונג. אין אָפּגעריסענע דראָטן־עקן האָט ווינט זיך פאַרקנוילט און פאַרפּלאָנטערט...

דערנאָך האָבן דורכגעוויקטע אין בלאָטע צעשאָטענע קייטן אופגעברויזט און אופגעזאָטן. גאסן האָט פארפּלייצט א שוימיקע מענטשן־כוואַליע. א סאך, א סאך זײַנען געלאָפן און, לויפנדיק און יעדערער אַלעמען אריבעריאָגנדיק, געטריבן פאר זיך שאָס נאָך שאָס.

אין גאסן האָט ווילדער פארטעמפּטער געשריי זיך געשלאָגן אין ווענט — ניט געפונען קיין אויסוועג. און איבער לויף און גערויש, איבער אימפּעט פון טעמפּן געשריי עמעצער עמעצן האָט הייזעריק אין איין אָטעם געיאָגט: — שיס, שיס, שלאָג...

דערנאָך זײַנען קייטן געווען צונויפגעזאַמלט אין ענגע רייען, און אלע האָבן געוווּסט, אז די גרויע און אויסגעבייזערטע מאכנע וועט פארלאָזן די שטאָט.

אין פאָרשטאָט, טונקעלער און שווײַגנדיקער, האָבן די ארבעטער שוין פארשאָטן דינאמיט אונטערן ארסענאַל. געדיכטער רויש פון רעדער און הילכיקער מענטשן־אָטעם האָט זיך אוועקגעצויגן אין איין זײַט — צו ראנד שטאָט און צו די בריקן.

די צוויי, די געקומענע, וואָס האָבן זיך פארטווישט און אויסגעמישט מיט די פריִערדיקע גרויע און אויסגעוואלגערטע, זײַנען איניינעם מיט אַלעמען דעם גאנצן גרויען און נאסן טאָג געלאָפן און געפאַלן און געפילדערט און פון פעסטע ביקסן געטריבן פאר זיך העפקערדיקע שאָסן. זיי זײַנעןביידע גאנץ געבליבן, און איינער דעם אנדערן ניט זוכנדיק, צו נאכט־צו זיך באגעגנט אין איין ריי און ווי אלטע בלוטיק־נאָענטע איינער מיטן אנדערן זיך דערפרייט.

— ביסט א לעבעדיקער! — האָט פריילעך אויסגעשריִען דער טאָבאָלסקער. — איז אהיים ווילסטו שוין ניט מער... נו, א היץ!..

יענער האָט צונויפגעדריקט אין דער פינצטער זײַן האנט און שטיל געזאָגט:

— ביסט א כאווער מיר?

איז ווידער, ווי נעכטן אין דער פינצטער אף דער קליינינקער סטאנציע, איינער האָט לאנג און אומבאהאָלפן זיך געקווענקלט און דער אנדערער האָט אײַנגערעדט: — איז וואָס, גייען מיר...

— ווארט, — האָט געזאָגט דער טאָבאָלסקער... — וואָס, איך פארשטיי דען ניט, אהיים דארף מען גיין... אָבער מיר וועלן דאָך קומען צוריק... מיר וועלן דאָך לאנג דאָ ניט לאָזן די בורזשואזן... אָט פארשטיי, מיר וועלן דאָך אײַנעמען... האָסט געהערט, אונדזער גאנצער עשעלאָן גייט צוהילף... זאָלן נאָר, דער מאמען אין זייערער, ניט געווען פארשפּעטיקן...

— קום, — האָט אנטשלאָסן געבעטן דער כאווער, — אהין און באלד צוריק, נאָך איידער אונדזערע וועלן פון אָרט זיך רירן.

לעצטער פּרווו איבערריידן און אָפּהאלטן... און זיי זײַנען שוין געגאנגען און אין נעפּל געבלאָנדזשעט אין געסלעך און געשטויסן זיך אין ווענט.

היים איז געווען נאָענט — אויספלאָנטערן זי פון גאסן און געסלעך, אָנטאפּן זי אין דער פינצטער.

און דאָ האָט איינער פּלוצעם זיך דערמאָנט: — ווארט, דײַן ביקס איז אָנגעלאָדן?..

נאָר פינצטער האָט נאָך פריִער הילכיק אויסגעשפּיגן מיט צוויי קליינינקע פלינקע פײַערלעך...

דער, וואָס זײַן היים איז געווען ווײַט, אין סיביר, אין טאָבאָלסקער גובערניע, האָט אין דער פינצטער א שוועב געטאָן און איז מיטן גאנצן קערפּער אײַנגעזונקען געוואָרן אין נאכט.

האָט אופגעוואכט, אופגעאָטעמט עפּעס פון געדיכטן פײַכטן נעפּל. דער איבערגעבליבענער האָט צוויי מאָל אויסגעשאָסן. געפּרווט א דריט מאָל, און פארהאקט האָט זיך דער ביקסן־שלאָס.

האָט ער שוין ניט געדענקט אין דער נאָענטקײַט פון היים. אים האָט א שטויס געטאָן אין נאכט ארײַן, אין פינצטער. אף ווײַטע געבײַדעס האָבן דינינקע צינגעלעך פײַער גענומען באוויַזן זיך. הילכיקער מענטשן־אָטעם האָט זיך געצויגן אין איין זײַט...

אהין איז ער אויך געלאָפן.

עס טוט באנק, שטארק טוט באנק א שטאָט אין פלאמען, שטאָט אין רויך, וואָס טרײַבט אין הייך און אין פינצטער א פארשטיקטן, שווער געוואָרענעם גערויש און קאָן אים ניט דערהייבן אף אריבערצוווארפן אריבער ברייט פון טײַך, צו שליאך און צו וועגן, און צו רייען פלייצעס פון אוועקגעגאנגענע.

פאָרויס איז געגאנגען דער שווערקערפּערדיקער מאטראָס. ער האָט אָפּט זיך געקערעוועט מיט פאָנעם אף הינטן, צו ברענענדיקער שטאָט און מיט באנג און מיט באדויערונג געזאָגט:

— פארשפּעטיקט, שיידים... ווען זיי קומען אונטער אף א פּאָר שאָ פריִער... נישקאָשע, כעוורע, מיר וועלן קומען צוריק, וועלן מיר נעמען אונדזערס... נו, דו, סמאַרגאָנער, איז דײַן כאווער האָסטו מער ניט געזען... א שאָד — א ווילער יונג... נישקאָשע, כעוורע, איז ער א לעבעדיקער, וועט ער ניט פארפאַלן ווערן... אונדזעריקע ווערן ניט פארפאַלן...

דער, וואָס זײַן היים איז געווען נאָענט, — אין דער ברענענדיקער שטאָט, איז שווײַגנדיק געגאַנגען אין די לעצטע רייען. און די לעצטע רייען האָבן נאָך געהערט: שטאָט האָט אויסגע־שפּיגן, אויסגעשריִען מיט רויכיקן מויל פֿון אופֿגעריסענעם ארסענאַל, און נאָך איין אויסגעשריי א פֿאַרשטיקטן, — ווען טײַך האָט מיט אופֿליִענדיקע בריקן ווי מיט הענט אינדערלופֿטן פֿאַרבראָכן...

1922

הינטישע סטעזשקע

אין קיִעוו, פֿון פּעטשערסקער הויקערדיקע הייכן צו די נידערן פֿון צענטער, באַרג־אַראָפּ, פֿירט א לאַנגע ראַכוועס־דיקע גאַס.

די לעצטע יאָרן האָבן אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט דעם אַלטן נאָמען פֿון דער גאַס.

געווען איז אזוי:

מאַכטן זײַנען אָנגעקומען און אוועקגעגאַנגען.

צוואַנציק מאָל האָט זיך דער נאָמען געביטן.

צום מאָל צום אײן־און־צוואַנציקסטן — מיט זוניקע יון־טעג — ווידער די ראַטנמאַכט און ווידער און אָף שטענדיק באַשטימט: אָקטיאַבער־גאַס!

פֿון פּעטשערסקער הויקערדיקע הייכן צו די נידערן פֿון צענטער, אַכוץ דער אָקטיאַבער־גאַס, פֿירן אויך אַנדערע, פֿאַרדרייטע און געפּלאָנטערטע גאַסן.

און נאָך א וועג איז פֿאַראַן — און ער איז דער קירצסטער — הינטער פּלויטן פֿונעם ארסע־נאַל און פֿון די אַלטע קאַזאַרמעס, דורך יאָרן און ראָזון, א שמאָל און א ליימיק סטעזשקעלע, באַרג־אַראָפּ געשלענגלט צום ענגן און קורצן שלונג פֿון א מאַרק־פּלאַץ.

אין די יאָרן, אין די ראָזון הינט הונגעריקע בײַסן און רײַסן זיך פֿאַר נעווײלעס, פֿאַר מיסט און פֿאַר אָפּפֿאַל, וואָס דער פּעטער מאַרק וואַרפֿט טעגלעך אהער אַרויס.

איבער שמאָלן און ליימיקן סטעזשקעלע הינטישע שפּורן אין אַלע און פֿון אַלע ריכטונגען. און אזוי הייסט עס טאַקע: הינטישע סטעזשקע.

איז אין א פֿינצטערער יאַנוואַר־נאַכט פֿון אַכצנטן יאָר זײַנען דורך דער דאָזיקער שמאָלער הינטישער סטעזשקע א סאַך, א סאַך אַרויף צו די הויקערדיקע פּעטשערסקער הייכן, צום אָנגע־שטרענגט־אָנשוויגענעם ארסענאַל, אַרויף דורך דער הינטישער סטעזשקע, קעדיי אין עטלעכע טעג אַרום — טעג פֿון געשלעג — צוריק שוין ניט אַראָפּ, נאָר אַראָפּגעטראָגן ווערן אין פֿילצאָ־ליקע רויטע אַרוינעס, דורך דער ראַכוועסדיקער גאַס, וועלכע האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל באַקומען איר נאָמען: אָקטיאַבער־גאַס.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פֿון אַכצנטן...

דאָס זיבעצנטע האָט נאָרוואָס אָפּגערוישט, אָפּגעשוימט מיט כאַדאָשים באַריידעוודיקע, מיט טעג מיט צעשטרייטע און רויטע און העל — פֿאַרן אונטערגיין — זיך צעגליט מיט אָ ק ט י א ב ע ר.

אין ווײַטער נעפּלדיקער הויפּטשטאָט איז געווען פֿרייד, און הונגער, און קעלט. און דורך טעלעגראַף, דורך ראַדיִאָ — אַלעמען, אַלעמען, אַלעמען — אין אַלע ווײַטן און עקן פֿון דעם ראַכוועסדיקן, גרויסן לאַנד האָט נאָך אַלץ זיך געטראָגן וועגן אָקטיאַבער אָן אָנזאָג און א רוף.

דעמאָלט איז געווען אזוי:

א סאַך האָבן דעם רוף ניט פֿאַרשטאַנען און ניט אופֿגענומען, ווײַל אָף צו פֿאַרשטיין און דערפֿילן האָט מען באַדאַרפֿט פֿאַרמאָגן א האַרץ א הייס און א האַרטס, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט שטאַרקן, ווי אײַנגעשטאַנענער ווײַן, צאָרן. און נאָך —

ווײַל אָף צו פֿאַרשטיין און דערפֿילן האָט מען באַדאַרפֿט פּאָשעט זײַן אָן אַרבעטער — אָט ווי יענע פֿונעם ארסענאַל, וואָס האָבן אין דער פֿינצטערער יאַנוואַר־נאַכט פֿאַרמאָסטן איבער דערשראָקענער שטאָט א פֿאָדערונג:

— די גאַנצע מאַכט פֿאַר די ראַטן!

אין יענער נאַכט האָבן אָף דער הינטישער סטעזשקע זיך געטראָפֿן צוויי מענטשן.

עס איז געווען נאַס און גליטשיק. דער פראָסט האָט אָפּגעלאָזן נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק. אין דער פײַכטער נעפּלדיקער פינצטערניש האָבן אויגן ניט געקאָנט אָנטאַפּן איינער באַם אַנדערן די פּנעמער. בלויז ווען זיי האָבן שוין געאָטעמט נאָענט איינער לעבן דעם אַנדערן, האָט איינער געפרעגט: — ארוף גייסטו?

ער איז געווען אַ הויכער. אין דער פינצטער האָט זיך געפילט, ווי מיט יעדן טראָט זײַנעם שטויסט ארויס זײַן קערפּער אַ גרויסע שטיק פינצטערניש. דער אַנדערער איז געווען אַ סאַך נידעריקער. ער האָט געהאַלטן אין איין אונטערלויפן, קעדיי ניט אָפּצושטיין.

קיין איינער פון זיי האָט זיך ניט פאַרוואונדערט, וואָס ביידע זײַנען זיי געגאַנגען איין וועג. אַנדערש האָט ניט געקאָנט זײַן: אין דער דאָזיקער נאַכט איז דער וועג איבער דער הינטישער סטעזשקע געווען בלויז איינער — צום אָנגעשטרענגט־אַנשוויגענעם אַרסענאַל, וואָס האָט פון דער הייך, ווי אַ שווערע געפּאַר, זיך אַראָפּגעהאַנגען איבער דער שטאָט.

די הינטישע סטעזשקע איז געלאָפן ארוף ליימיק און געשלענגלט, און אָפילע פון נעפּל האָבן שאַרף זיך ארויסגעזען אירע ראַנדן איבער דער פינצטערניש פון די ראָווען. הינטן האָט פאַר־שטיקטע און אויסגעלאָשענע שטאָט ערגעץ־ווו נאָך ארויסגעקוקט מיט פאַרגעסענע ווײַטע פײַערלעך. דאָרטן, בײַ יענע פײַערלעך, איז עפּשער פאָרט געווען וואַרעמער און היימלעכער, ווי איצטער אויף דער הינטישער סטעזשקע.

און דער הויכער האָט ווידער געפרעגט:

— געוויער אַ וועלכן־עס־ניט־איז האָסטו?

אַליין האָט ער געטראַכט וועגן דעם, אַז מיט צוויי שאָ צוריק האָט ער אופּגעוועקט זײַן זיבן־יאָריקן זון. פון הינטערן שטרוי־זאַק, אויף וועלכן דאָס יינגל איז געשלאָפן, האָט ער האַסטיק ארויסגעשלעפּט די ביקס, וואָס איז געלעגן דאָרט באַהאַלטן.

דעם יינגל דעם זיבן־יאָריקן איז גוט באַקאַנט געווען אָט די ביקס. אַ סאַך טעג איז זי דאָרטן געלעגן באַהאַלטן אונטערן שטרוי־זאַק, פאַרוויקלט אין שמאַטעס. אַ סאַך מאָל האָט שוין דאָס יינגל כיישעק געהאַט די ביקס ארויסשלעפּן, זי פאַנאַנדערוויקלען און פאַנאַנדערקוקן.

איצטער האָט דאָס יינגל געפרעגט:

— טאַטע... איך וועל אויך גיין מיט דיר?

— שלאָף, שלאָף, שנעק, מאָרגן וועסטו גיין.

נאָר אָט — דער שמייכל, וואָס האָט זיך אים געלייגט אויף די ליפּן, ווען ער האָט אַזוי גע־ענטפערט, האָט אויך איצטער געקרימט זײַן פּאָנעם. ער האָט דערציילט, אָנהייבנדיק גלײַך פונעם סאָף, ווי יענער וואָלט נאָך פריער געוווסט גענוי וועגן אַלץ.

— אָט אַזאַ שנעק: טאַטע, איך וועל אויך גיין מיט דיר.

און דער צווייטער —

צי ער האָט געטראַכט, צי ניט — מיט עטלעכע שאָ צוריק איז ער געשטאַנען אין אַ ליכטי־קער דרוקערײַ. רירעוודיקע פינגער האָבן ווי הונגעריקע געפּיקט אין די נעסטן פון דער קאַסע. ער און זײַנע כאַווײרים יידישע זעצער האָבן געזעצט אַן אופרוף, טאַקע וועגן אָט דער אומגעריכ־טער און — ווי אין אופרוף איז געשטאַנען — אומזיניקער געשעעניש מיטן אַרסענאַל.

דער אופרוף האָט גערופן די אַרבעטער אין דער לעצטער שאָ זיך ארומקוקן...

דער אופרוף איז געווען אַ גרויסער. דעם מאַנוסקריפּט האָט מען צעריסן און פאַנאַנדער־געטיילט אויף אויסצוזעצן שטיקלעכווײַז. און יעדעס שטיקל באַזונדער האָט איצטער גערופן און געוואָרנט פון אומזין.

אונטערן אופרוף זײַנען געווען אונטערגעשריבן נעמען, פאַר וועלכע זײַן הארץ אַליין — אַ הארץ פון אַן אַרבעטער — האָט ניט איין מאָל זיך פאַרנייגט מיט אָפּשיי. נאָר מיטן זעלבן אַרבעטער־הארץ האָט איצטער דער זעצער יאָסל קאַרפּ פלוצלינג דערפילט, אַז עס האָט געמוזט געשען אַ טאָעס, אַז די אַלע נעמען, וועלכע ער איז געווינט געווען צו גלייבן, טאָר מען איצטער ניט גלייבן.

ער האָט אַ שמיץ געטאָן די וועררסטאַטקע מיט די אויסגעזעצטע שורעס. ער האָט געזאָגט, אופהייבנדיק צו די כאַווײרים זײַנע פוסטע הענט:

— איך וואָלט אַזעלכעס ניט געהייסן זעצן.

ער האָט ניט געוואַרט, עמעצער זאָל אים גלײַך נאָכטאָן. נאָר אים אַליין איז מיטאַמאָל געוואָרן רויק און גרינג. דעם זעצער יאָסל קאַרפּ האָט איצטער זיך געדאַכט, אַז אַ בלויז וועט שוין אַזוי אינעם אופרוף פאַרבלײַבן. אָט, זײַן בלויז וועט שוין קיינער ניט קאָנען אויספּיקן.

איצטער האָט שוין דער הויכער צופרידן דערציילט:

— און בײַ אונדז האָבן אַלע רעדער זיך אָפּגעשטעלט. אונדזערע זײַנען אַלע דאָרטן... בײַ אונדז זײַנען אַרבעטער — ווי איינער.

דער זעצער יאָסל קאַרפּ האָט געפּרוּווט זיך פאַרענטפערן. דער זעצער יאָסל קאַרפּ האָט געזאָגט מיט אַ געפאַלענער שטים:

— די פירער האָבן אַפּגענאַרט. ניט קיין רעכטע פירער. אָט, איך אַליין — איך האָב געבליבט נאָך ביז הײַנט...

און די הינטישע סטעזשקע איז געלאָפן אַרויף לײַמיק און געשלענגלט.

צוויי אַרבעטער זײַנען געגאַנגען אַרויף צום אָנגעשטרענגט־אַנשוויגענעם אַרסענאַל. דעמלט איז געווען אַזוי: אַף צו פאַרשטיין און דערפילן האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן אַ האַרץ, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט שטאַרקן, ווי אײַנגעשטאַנענער ווײַן, צאָרן. און נאָך... ווײַל אַף צו פאַרשטיין און דערפילן האָט מען באַדאַרפט פּאָשעט זײַן אַן אַרבעטער — אָט ווי יענע פונעם אַרסענאַל... אָט ווי די צוויי, וואָס אַפּן וועג צום אַרסענאַל.

און דעמלט, ווען אין דער פינצטער אַף דער הינטישער סטעזשקע האָט זיך צונויפגעטראָפן דער וועג פון די צוויי אַרבעטער, — דעמלט האָט אין דער פאַרלאָשענער שטאָט, ערגעץ אין אַ צימער, שוין אַ צווייטן מאָל זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף דאָס זיבניאָריקע ייִנגל. ער האָט פונעם געלעגער זיך אײַנגעקוקט אין דער שוואַרצקייט פונעם פענצטער. ער האָט אַריבערגעשריִען צו זײַן מאַמען, וועלכע איז געשלאָפן אַ מידע און אַ שווערע און האָט אים ניט געהערט:

— מאַמע... שטיי אויף! אונדזער אָטשערעד נאָך ברויט וועט מען פאַרכאַפּן. שטיי אויף! פיר מיך אין אָטשערעד...

און דעמלט אויך —

דורך איימעדיקע שטאָטישע גאַסן האָט אַ מיידל זיך דערקליבן צו דער טיר פון אַ דרוקערײַ. די אַרבעט אין דער דרוקערײַ איז שוין געווען פאַרענדיקט, נאָר געווען איז נאָך דאָרט ליכטיק און געטראָפן האָט זי דאָרטן אַלע. קיינער איז הײַנט פון דאָרטן זיך ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען, און אַלע האָבן מיט פאַרווּנדערונג געקוקט אַף אַ מענטשן, וואָס קומט אָן פון אַזאַ נאַכט.

דאָס מיידל איז שווײַגנדיק דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבער אַלע פּנעמער. דער, צוליב וועמען זי איז אין אַזאַ שאָ אַהער געקומען, איז איצטער דאָ ניט געווען.

זי האָט שטיל און דערשראָקן געפרעגט:

— קאַרפּ... אַ זעצער, יאָסל קאַרפּ, איז דען איצטער דאָ ניטאָ?

דאָ האָט קיינער ניט געוואָלט איר זאָגן קיין דערשרעקנדיק וואָרט. דאָ האָט קיינער ניט געקאָנט איר זאָגן קיין באַרויִקנדיק וואָרט. מע האָט נאָר זיך געפּרוּווט זי אײַנהאַלטן און אײַנריידן, זי זאָל שוין דאָ איניינעם מיט אַלע איבערוואַרטן ביז פאַרטאָג.

פון פינצטער, פון דרויסן האָבן דורך ציטערנדיקע פענצטער זיך געריסן אין דרוקערײַ אַרײַן אָפּהילכן פון ווײַטע דונערן. די ווענט פון דער דרוקערײַ האָבן געשטיקט ערגעצדיקן ווײַטן געלויף. און זי איז אַרויס פון דער דרוקערײַ צוריק אין דרויסן. זי איז אַוועק צוריק דורך פינצטערע איימעדיקע גאַסן. די שטאָט האָט זיך געצויגן אַ גרויסע. די שטאָט איז געווען אָנגעשטרענגט: אײַנגעהאַלטענער אָטעם אין דער נאָענט, פאַרשטיקטער גערויש און געלויף ערגעץ ווײַט.

דאָס הויז, וווּהין דאָס מיידל איז איצטער געגאַנגען, איז געווען ווײַט. זי איז געקומען אַהינצו צעוואַרעמט פון גאַנג און פון אימפּעט. און אין דער שטילקייט פון אַ פאַרוואָרפענעם הויף האָט פּלוצלינג אָפּגעהילכט אַ שטאַרקע קלאַפּערײַ אין אַ טיר.

אַ ייִד, אַן אויפגעהויבענער פון שלאָף, האָט דערשראָקן געקוקט אַפּן מיידל. ער איז ערשט ניט לאַנג אַנשלאָפן געוואָרן נאָך שאָען פון אומרויִקן טראַכטן און אַרויסקוקן. איצטער האָט ער אין פאַרלאָרנקייט איבערגעכאַזערט:

— איז ווי זשע הייסט, ער איז ניטאָ דאָרטן? ווו גייט מען אַצינד אים זוכן?

איצטער האָט שוין דאָס מיידל זיך געפּרוּווט און ניט געקאָנט געפינען קיין באַרויִקנדיק וואָרט. אַף די טונקעלע ווענט פונעם צימער האָבן געציטערט צוויי שאָטנס, און איינער — דעם ייִדנס, דעם טאַטנס — האָט געהאַט שטאַרק ענלעכס אַפּן זעצער יאָסל קאַרפּ...

אָט דער זעצער יאָסל קאַרפּ, וועמעס בלויז אינעם אויפרוף קיינער האָט שוין הײַנט ניט געקאָנט אויספילן, האָט איצטער איניינעם מיטן צווייטן, מיטן נײַעם כאַווער, אַרופגעקלעטערט איבער דער הינטישער סטעזשקע צום אַרסענאַל־געסל. אַ פּאַטרול פון אַ האַלבן צענדליק אַרבעטער האָט זיי באַגעגנט און זיי אָנגעוויזן אין דער טיף פונעם געסל.

דאָרטן האָבן געברענט שײַטערן. מענטשן זײַנען געזעסן רעדלעכווײַז אַרום די שײַטערן האַרט צוגעטוליעט צום פײַער, מער קיין אָרט בא די שײַטערן איז שוין ניט געווען. אַ סאַך האָבן אַרומגעטאַנצט אַרום די רעדלעך און, פון צײַט צו צײַט, אַריבער די קעפּ פון די זיצנדיקע, אַריבערגעוואָרפן ביידע הענט צום פײַער.

ביידע נײַ־געקומענע, דער זעצער יאָסל קאַרפּ און זײַן הויכער כאַווער, זײַנען נאָך געווען צעוואַרעמט פון קלעטערן איבער דער הינטישער סטעזשקע. בא די פײַערן האָבן זיי זיך ניט פאַר־

האַלטן. דורך אַ לאָך אינעם פּלויט זײַנען זיי גלײַך דורך אין אַרסענאַל־הויף. אויך דאָ האָבן געברענט שײַטערן. עס איז געווען ליכטיק און עטוואָס טומלדיק, עס איז געווען ענג פון אָנגעוואָרפענע בערג מיט אַלטן אײַזן און פון מענטשן־רעדלעך, פאַנאַנדערגעוואָרפענע איבער אַלע ווינקעלעך פונעם גרויסן הויף.

די נײַ־געקומענע האָט קיינער ניט געפרעגט, ווער זיי זײַנען און פונוואַנען זיי קומען. דאָ האָט קיינער קיינעם גאָרניט געפרעגט, ווײַל יעדערער האָט געוווּסט וועגן יעדערן, ווי וועגן זיך אַליין, צוליב וואָס ער איז אין אַזאַ נאַכט געקומען אַהער, אויפן אַרסענאַל־הויף.

דער זעצער יאָסל קאַרפּ האָט זיך געשטעלט אין די רייען פון אַ מאַכנע, וועלכע איז שוין גרייט געווען אַרויסצוגיין אַרויס טויער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אין דער גאַנצער מאַכנע איז ניט געווען קיין איין באַקאַנט פּנים. פון די אַלע, מיט וועלכע ער האָט איינעם געלעבט און געאַרבעט, איז ער איצטער געווען דאָ דער איינציקער. און באַזונדערס נאָענט איז אים געוואָרן דער הויכער כאַווער, מיט וועלכן ער האָט ערשט הײַנט צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט אין דער פינצטערניש אויף דער הינטישער סטעזשקע. יענער האָט אויך פאַרנומען זײַן אָרט אין דער זעלביקער מאַכנע, און ווען מע איז אַרויסגעטראָטן פונעם הויף אויף דער גאַס, איז ער איבערגעלאָפן און זיך געשטעלט מיטן זעצער באַנאַנד.

— אָט זע, אונדזערע, אַלע, ווי איינער, — האָט ער געזאָגט פריילעך, — ניין, אונדזערע וועט שוין קיינער ניט אָפּנאַרן.

די מאַכנע האָט געשפּאַנט שווײַגנדיק און געהאָרכזאַם. עמעצער איז געגאַנגען פאָרויס און שווײַגנדיק געפירט. מע איז געגאַנגען צוריק צו דער הינטישער סטעזשקע.

דאָ באַם סאַמע העכסטן ראַנד אירן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעהאַנגען איבער די יאַרן און ראָוון, איז די מאַכנע געבליבן שטיין. דעמלט האָבן אַ סך מיטאַמאָל דערפילט, אַז איצטער, אין דער שאָ — ווי צום ראַנד, וואָס איבער דער טיף און פינצטערניש פון די ראָוון, — אַזוי זײַנען זיי אויך צוגעגאַנגען און האַרט זיך דערנעענטערט צו זייער גורל.

דער זעצער יאָסל קאַרפּ איז געווען אַ דאַר צוואַנציקיאָריק באָכערל. נאַכטיקע שטעכעדיקע פײַכטקײַט האָט אים דורכגענומען און אים צעטרייסלט. און דער הויכער כאַווער זײַנער האָט פּלוצלינג דערהערט, ווי זײַנע ציין צעשיטן זיך אין אַ געמאָסטענער ביינערדיקער קלאַפּערײַ.

ער האָט געזאָגט, דער הויכער, אַ שטויס געבנדיק אים מיטן עלנבויגן:

— דו, האָב קיין מוירע ניט. עס וועט גאָרניט זײַן... אַכוץ... עפּשער... טויט...

זיי זײַנען געלעגן באַנאַנד, אײַנגעגראָבן אין דעם ליימיקן ראַנד, וואָס איבער די ראָוון. פון רעכטס און פון לינקס איז געווען אַ שורע אַנדערע כאַווירים — מענטשן ערשט הײַנט באַגעגנטע, מיט פּנעמער, וועלכע מע האָט אין דער פינצטער ניט געקאָנט פאַנאַנדערקוקן. און אַלע זײַנען איצטער דאָ געלעגן מיט ברוסט קעגן פאַרטײַעטער פינצטערער שטאָט — אַ לעבעדיקע וואַנט אויפן וועג צום אַרסענאַל.

אָט דאָ האָט די נאַכט אויסגעלאָדן איר אָנשטרענגונג מיט אַ האָגל פון ביקסן־שאָסן. מענטשן אַנדערע זײַנען אין דער זעלבער נאַכט נאָך געקומען פון דער זײַט פון שטאָט, און שוין ניט איינציקווײַז, נאָר גאַנצע מאַכנעסווײַז געקלעטערט איבער דער הינטישער סטעזשקע. געווען זײַנען די דאָזיקע מענטשן גוט באַוואָפנט מיט געווער און מיט אַנטשלאָסנקײַט דורכצוקלייגן פאַר זיך אַ וועג. נאָר אין יענער נאַכט האָט אַרויף, צום שפּיץ פון דער הינטישער סטעזשקע, ניט דערקלעטערט קיינער. הייסער אָטעם פון דער לעבעדיקער וואַנט האָט זיי אָפּגעוואָרפן צוריק און צעשלײַדערט זיי איבער אַלע שטעגעלעך און ראָוון.

בלויז אַ טאָג אַ גרויער האָט לאַנגזאַם דורך אויסגעבלייכטן נעפּל דערקלעטערט און זיך דערקליבן ביז צום סאַמע שפּיץ. און דער דאָזיקער טאָג האָט אויך דאָרטן, אין דער לעבעדיקער וואַנט אויף דער הינטישער סטעזשקע, אַ סך שוין ניט געטראָפן...

און די האַלב־פאַרשטאָרבענע שטאָט האָט דער טאָג ניט אויפגעמונטערט. די גאַסן זײַנען פאַרבליבן איימעדיקע און פּוסטע, און לעבן האָט געווימלט בלויז באַ די פּילצאָליקע ברויט־אָטשערעדן, ווײַל מענטשן האָט דעמלט געטריבן אַרויסצוגיין אין גאַס נאָר אַנטשלאָסנקײַט און גרייטקײַט אויף שטאַרבן און נאָר אַ האָפענונג צו קריגן אַ שטיקל ברויט.

הייסער רייעך פון פריש־געבאַקענעם ברויט האָט אויפגעזאַמלט באַ אַ פאַרהאַקטער טיר פון אַ בעקערײַ אַ לאַנגע ריי מענטשן. דער הימל איז געווען אַזאַ גרויער און ניט זיכערער, ווי ער וואָלט צו יעדער רעגע געקאָנט אויפפּלאַצן און זיך צעקײַקלען מיט פײַער איבער די קעפּ. און די לאַנגע שורע מענטשן האָט זיך געקאָרטשעט. די לאַנגע שורע מענטשן האָט אין שרעק זיך געטוליעט אַהין, ווו עס איז נענטער צו אַ וואַנט אָדער אַ טויער.

און לעבן דער מענטשן־ריי באַ אַ זײַט גאַס האָט גערייכערט אַ קליין קאַלט שײַטערל. אַ קינד איז לאַנג געשטאַנען אין דער ריי און איז פאַרפראָרן געוואָרן, און איז בלאָ געוואָרן. דאָס

קינד איז אַרויסגעלאָפן פון זײַן אָרט אין דער ריי — אויפצוזוכן אַף דער גאַס עטלעכע שטרויעלעך אַף צו דערהאַלטן דעם שײַטער. דאָס פאַרפרוירענע קינד האָט געהויכט אין די פאַרגליווערטע הענטלעך און איז אונטערגעשפּרונגען, קעדיי צו דערוואַרעמען די פאַרהילצערטע פיס. דאָס פאַר־פרוירענע קינד האָט ניט געקאָנט זיך דערוואַרעמען באַם קאַלטן, קוים גליִענדיקן שײַטער, און קינדערשער געדולד האָט ניט אויסגעהאַלטן. דאָס קינד האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין.

עפּשער איז שטאַרקער און ביטערער פאַר אַלץ געווען אָט דער קינדערשער געוויין, ווײַל די מענטשן פון דער ריי האָבן פּלוצלינג פאַרגעסן, אַז דער הימל איז אַזאַ ניט זיכערער איבער די קעפּ.

די מענטשן האָבן מיט ראַכמאָנעס געזאָגט:

— ניט אַנדערש — אַ שטיפמאַמע... אַן אייגענע מאַמע וואָלט ניט אַרויסגעשיקט אַ קינד אין אַזאַ אומגליק.

און פּלוצלינג האָט אַ פרײַלעכער געלעכטער אויסגעבראָכן אין דער לאַנגער שורע מענטשן.

דאָס אופגערעגטע קינד האָט זיך אָנגעשטעלט קעגן דער אַלטיטשקער אין דער ריי. דאָס קינד האָט דורך טרערן געשריִען: — ביסט אַליין אַ שטיפמאַמע... אַליין, אַליין...

דערנאָך איז דאָס קינד אויסגעשטאַנען זײַן צײַט אין דער ריי. דאָס קינד האָט מיט ביידע פאַרפרוירענע הענטלעך צוגעדריקט צו זײַן ברוסט דאָס שטיק וואַרעמע ברויט, וואָס איז אויסגעפאַלן אַף זײַן כיילעק, און איז געלאָפן אַהיים.

און נאָך אַ טאָג איז געווען מיט געשלעגן און מיט ווימלענדיקע ברויט־אָטשערעדן. און נאָך אַ טאָג...

דאָס מיידל, וועלכע איז באַנאַכט געגאַנגען זוכן דעם זעצער יאָסל קאַרפּ, איז מיט פריִען פּאַרטאָג ווידער אַרויס אין גאַס און האָט אויך פאַרנומען אַן אָרט אין ברויט־אָטשערעד. זי איז איינעם מיט אַלע געדולדיק געשטאַנען איר צײַט אונטערן גרויען הימל, וואָס איז צו יעדער רעגע גרייט געווען אופצופלאַצן, און איינעם מיט אַלע האָט זי באַדויערט דאָס זיבניאָריקע יינגל, וואָס האָט אַ פאַרפרוירענער געוואַרט אין דער ריי אַף זײַן כיילעק ברויט.

און נאָך אַ טאָג איז געווען מיט געשלעגן און מיט ווימלענדיקע ברויט־אָטשערעדן. און נאָך אַ טאָג...

דערנאָכדעם איז דער הימל איבער דער שטאָט געוואָרן רויִקער און פון גאַסן איז אוועק די אימע. אינעם גרויסן ווינטערדיק־הוילן גאָרטן, וואָס אַף דער לאַנגער ראַכוועסדיקער גאַס, האָבן אינמיטן טאָג געברענט גרויסע שײַטערן — אַף צעוואַרעמען און ווייך צו מאַכן די ערד פאַר אַ גרויסן ברודער־קייווער.

אינדערפרי איז אויסגעפאַלן אַ גרינג זויבער שניילעלע און האָט ליכטיקער און ווײַסער גע־מאַכט דעם טאָג. דאָס מיידל איז געגאַנגען זוכן צווישן די טויטע קערפּערס דעם זעצער יאָסל קאַרפּ. אין דער פינצטערער יאַנוואַר־נאַכט פון אַכצנטן יאָר — אַ סאַך זײַנען אַרוף צו די הויקער־דיקע פּעטשערסקער הייכן, צום אָנגעשטרענגט־אַנשוויגענעם אַרסענאַל — אַרוף דורך דער הינטישער סטעזשקע, קעדיי אין עטלעכע טעג אַרום צוריק שוין ניט אַראָפּ, נאָר אַראָפּגעטראָגן ווערן, אין פּילצאַליקע רויטע אַרוינעס, דורך דער ראַכוועסדיקער גאַס, וועלכע האָט דעמלט צום ערשטן באַקומען איר נאָמען: אָקטיאַבער־גאַס.

דער זעצער יאָסל קאַרפּ איז געלעגן אין אַן ענגער שורע אַרוינעס. זײַן פּאָנעם איז געווען ביינערדיק פאַרשאַרפט. אַ פאַרגליווערט אויג מיט אַ זילבערדיק־פאַרפרוירענער ברעם האָט אויסגעוויזן צו ברייט און אָנגעשטרענגט צעעפנט פאַר באַטאָגיקער ליכטיקײַט.

יענער, דער הויכער, וואָס האָט אין דער פינצטערער נאַכט זיך געטראָפן מיטן יידישן זעצער אַף דער הינטישער סטעזשקע, — ער איז גאַנץ געבליבן. ער איז איצטער איינעם מיט כאַווי־רים דאָ אַרומגעגאַנגען צווישן שורעס אַרוינעס. זײַן ביקס איז באַ אים אַראָפּגעהאַנגען אַף אַ שטריקל פונעם אַקסל.

כאַוויירים האָבן זיך דורכגערעדט וועגן כאַוויירים, וועלכע זײַנען געפאַלן. כאַוויירים האָבן דערמאָנט טעג אין גרויסער העפקערדיקער דרייסטקײַט און רעגעס, ווען האַרץ האָט זיך צונויפ־געדריקט אין וואַרגנדיקער מוירע.

דער הויכער האָט אַ קוק געטאָן אַפן ברייט־צעעפנטן טויטן אויג פונעם זעצער יאָסל קאַרפּ. דער הויכער האָט פאַרטראַכט געזאָגט:

— נו, מוירע... מוירע דאָס איז גאָרנישט, מוירע האָט יעדערער. אָט דו פּרוּוו און גיב זיך ניט אונטער דער שרעק... אָט דאָס איז אַ זאַך. דאָס קאָן ניט יעדערער...

און האָט ווי אומגערן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צום אָרן פונעם זעצער יאָסל קאַרפּ:

— אָט דאָס איז געווען אַ פרײַנט... עך, דאָס האַרץ טוט וויי!..

ה י ר ש אָ ש ע ר אָ ו ו י ט ש

ראָבעספּיער

פונעם ציקל פּאָעמעס
„אזוי איז געגאנגען דער מענטש"

עס ווייעט בראַנד.
עס קוילערן זיך קנוילן היץ.
פון סאמע אינדערפרי — א זון,
ווי ס'וואָלט סאַכאַרע דאָ געווען,
ניט פראַנקרײַך...

איך רייד שוין אויך, ווי אלע זיי.
שוין פערציק טעג, אז אומעטום —
אין יעדן הויז, אף יעדן פּלאַץ
מע הערט נאָר פון דער כמימע ריידן.

„ווי אלע זיי"...
פונוואַנען וואָרטשעט עס אין מיר
אזא מארקיזישע פאַראַכטונג?
ווער זײַנען עס די „זיי"?

צי זײַנען עס ניט די,
פאַר וועמען כ'האָב געקעפּט מײַן יוגנט
און געצוימט מײַן רײַפקײַט?

צי זײַנען עס ניט די,
אף וועמען כ'האָב געווענדט
דעם גאנצן פלאַקער פון מײַן ליבשאַפט,
אז פּלוצעם גאָר — איך רוף זיי: „זיי"?

דאָס פאָלק — א צאַד, און איך — א צאַד...
ווי איז געשען אזוינס?
פאַרוואָס באַנוגן איך זיך
מיט א פרעגן בלויז?

פאַרוואָס טו איך זיך ניט א ריס
און לויף ניט צו צום פאָלק —
דעם ריס, וואָס צווישן אונדז, צערײַסן?..

•

גרינס און זאַנגען — אין מײַן האַנט,
און אין קאָפּ — די גיליאָטינע.
כ'בין דער ערשטער מאַן אין לאַנד
און דער ציל פאַר יעדנס קינע.

ניט־פאַרגינער, הארטע פײַנט,
און די פרײַנט — פאַרזיסטע סאָנים.
זע איך, אז א שמייכל שײַנט,
ווייס איך, אז ס'איז פאַלש דאָס פּאָנעם.

אומעטום מײַן נאָמען קלינגט,
„ראָבעספּיער" — אף אלע ליפּן,
און דער כשאַד, וואָס בלוטן טרינקט,
האָט זיך אין מײַן מאַרך פאַרקליבן...

אָ, דו, כוידעש פּרעריִאַל,
אופקום־טאָג פון „העכסטן וועזן"[1],
אָט דעם פּראַכט־צערעמאָניאַל
וועל איך אייביק ניט פאַרגעסן!

אזא אופגערוימטע פרייד
שפּרודלט אף פּאַריזשער גאַסן,
און דאָס פאָלק — עס גייט און גייט,
גרייט צו ליבן, גרייט צו האַסן...

אלע סעקציעס[2] פון שטאָט —
יאַקאָבינישע קאָמונע
שפּרײַזט מיט יאָמטעוודיקן טראָט,
אָנעמען זשאַן־זשאַקס עמונע[3].

פרויען־קאָפּ — אין בלומען־קרוין,
מענער גרינע צווײַגן טראָגן,
און דער פלאַנץ פון פרײַהײַט־בוים
פאָרט אין א באַפּוצטן וואָגן.

מיט בוקעטן אין די הענט,
ווי געקראָכמעלטע, סע שפּאַנען
מיטגלידער פונעם קאָנווענט
מיט צעפּעכערטע סולטאַנען.

פליִען קווייטן, שיט זיך צווייט,
פּאָכען בלוי־ווײַס־רויטע סטענגעס.
איך זשע — אינעם סאמע מיט,
ווי דאָס האַרץ פון אָט די מענגעס!..

פערטל מיליִאָן — פאָרויס,
פערטל מיליִאָן פון הינטן.
אין דער מיט — א ריזן־בלויז
און אף אים — א פּיצל פּינטל:

איך — אין א העל־בלויען ראָק,
זאַפּרען־געלע פּאַנטאַלאָנעס —
שטאָלץ מײַן קליינעם קערפּער טראָג,
אָפּגערוקט פון די קאָלאָנעס.

איך, דער פירער פונעם פאָלק,
בין פון פאָלק גאָר אָפּגעריסן.
מײַן פאַריסנקײַט באַצאָלט
מיט פאַראַט פונעם געוויסן.

הער מײַן אופריכטיקן זאָג,
גאָט פון פרײַהײַט — „העכסטער וועזן”:
א געפעלשטע איז מײַן וואָג! —
כ׳שפּיל א דעמב און בין א גרעזל...

●

אָנגעקומען איז די שאָ,
ווען ס׳גייט אויף די זון פון לערער —
פונעם גרעסטן, טיפסטן דענקער,
איינציקן ניט־פאַלשן נאָווי,
עכסטן וועגווײַזער — רוסאָ.

אין אַראַס, מײַן שטילער היימשטאָט,
האָב איך שוין צו אים באַקערט זיך.
אין די אָוונטן די טויבע,
ווען איך האָב געשריבן לידער
און זיי שעמעוודיק געווידמעט
די אַראַסער דיקע דאַמען,
איז מײַן האַרץ געווען געווענדט שוין
צו דעם זשענעווער טיטאַן[4].

אָ, מײַן טיפזיניקער לערער —
טרײַער ריטער פונעם יושער,
לעבן זאָל דײַן העלע לערע!
איר אַדאַנק איז אויפגעגאַנגען
סאַמע וווּנדערלעכסטע שײַנונג —
אונדזער יאַקאָבינער־מאַכט!

●

מיר — די יאַקאָבינער,
מיר — די מאָנטאַניאַרן,
מיר — „דער באַרג”,
האַסן די פאַרשליימטע „בלאָטע”
און די „זשאַבעס”, וואָס איך איר[5].

ס׳וועט שוין קיינמאָל מער ניט אויפשטיין
די פאַרשמאָנדערטע זשיראָנדע[6],
אָבער וואָך זײַן, וואָך זײַן מוז מען,
נאָכשפּירן און כוישעד זײַן!

אַלע גאַפן אָף מיר,
אַלע קוקן מיך אָן,
און זיי זעען, ווי קליין
ס׳איז דער גרעסטער פון זיי.
ווי באַזונדער ער גייט,
ווי פאַרלאָזן ער איז,
כאָטש ער פלאַמט, ווען ער רעדט
אינעם נאָמען פון פאָלק,
דער ניט־פאַרקויפלעכער —
דער גראָדער ראָבעספּיער!

„דער ניט־פאַרקויפלעכער”...
צי האָט מען ווען געהערט,
דאָס פאָלק באַקרוינען זאָל
זײַן פירער מיט אַזאַ־אַ נאָמען?

„דער ניט־פאַרקויפלעכער”...
זיי ווייסן, אַז מע קאָן ניט קויפן מיך.
אָבער דערמאָרדן מיך מע קאָן דאָך יאָ!

כ׳בין גלײַכגילטיק צום טויט,
נאָר אויב די סאָנים פונעם פאָלק
מיך אומצוברענגען לוינט,
מוז איך דאָס פאָלק באַשיצן —
אָפּהיטן מײַן לעבן!

איך ווייס, איך ווייס:
„די בלאָטע” קוואַקעט, כ׳בין א דעספּאָט.
נאָר ווער אַף מײַן אָרט וואָלט עס ניט געווען?
פונוואַנען קומט מײַן דעספּאָטיזם,
אויב ניט פון פלײַסן זיך טאָן גוטס?
איז ראַטעווען די פרײַהײַט דען אַן אוולע?
איז האַרגענען דעם אומרעכט דען א מאָרד?

●

א ניט־פאַרקויפלעכער
פאַרהאַסט איז בא די קויפער.
באַמיִען זיי זיך לעסטערן זײַן נאָמען,
פאַרמיִעסן זײַן פירערישע האַרטקײַט,
די מײַלעס זײַנע טײַטשן, ווי כעסרוינעס,
פאַרפילדערן אים, ער איז א טיראַן...

און די פאַרדאָרבענע אַן אייגנשאַפט פאַרמאָגן,
אַז זיי דאָס זייעריקע קענען זיך דערשלאָגן,
זיי זײַנען טיכטיקער פון די, וואָס לײַטיש.
צעפלאַקערט זיך דער שוואַרצער פלאַם פון בילבל
און כאַפּט אַרום אַפילע אויך די לויטערע
פון פאָלק.

ס׳ע שמעקט מיט סמאַלינעס אין פראַנקרײַך!
איעדע ווײַלע כאַפּט מען אָן באַם האַלדז די
רעוואָליוציע.
דעריבער יעדער פאַל פון גיליאָטינע־מעסער,
האַגאַם ער טוט רוסאָס געביין א טרייסל,
ער העלפט דער פרײַהײַט בלײַבן שטיין אַף
אירע פיס.
ס׳ע טאָר קיין רעגעלע ניט דרעמלען די אַלמאָנע[7],
איר מעסער דאַרף געשאַרפט ווערן מיט
גרעסטן אייפער.

דאָס פאָלק, ס׳ע צווינגט מיך זײַן אַן אַכזער.
דאָס פאָלק, ס׳ע ווייסט, וואָס ס׳ע באַדאַרף!

קאָן זײַן, מיר פרעמד איז איצט ראַכמאָנעס,
קאָן זײַן, כ׳זע אויס ווי א טיראַן.
איך בין אָבער צו זיך אַכזאָריעסדיקער, ווי
צו יעדן צווייטן.

פאר זיך האָב איך פון לעבן גאָרנישט ניט
גענומען,
אַכוץ דער פרייד פון זײַן גערעכט.
ניט שולדיק איז דער מענטש, — די צײַט
איז שולדיק,
ניט שולדיק איז דער פירער, — שולדיק איז
זײַן שטעל.

•

איך בין אָט דער, וואָס האָט די מאכט באַקומען —
דאָס פײַער, וואָס קאָן לײַטערן און קאָן
פאַרלענדן;
מוז איך, דער מאכטהאָבער — דער היטער
פונעם פײַער,
אי קענען אויסברענען, אי ניט דערלאָזן בראַנד.

סע שמעקט מיט סמאַלינעס אין פראַנקרײַך,
נאָר ס'איז דער מאכטהאָבער דערין ניט שולדיק!
ס'גייט ניט פון פלאַם, וואָס שײַנט און לײַטערט,
נאָר פונעם סוינעס אונטערצינדער־קנויט...

איך בין אָט דער, וואָס היט דאָס פײַער,
מוז איך זײַן דער, וואָס האַלט א מעסער.
דער יוישער טאָר ניט זײַן קיין פאַכדן.
א פאַלק, וואָס איז באַגײַסטערט, קאָן אַראָפּ
פון וועג...

ווען ס'פאַלן אום די פאַלשע געטער,
איז פארן גאָט דעם עמעסן אויך א געפאַר!

•

...און וואָס האָב איך שוין ניט געטאָן?
צעפליקט האָב איך די ווײַסע פאָן —
די ווײַסע, דאָך די שמוציקסטע פון אַלע פאָנען;
צעטראָטן כ'האָב די ליליע —
די אָנגעפוילטע ליליע פון די בורבאָנען.

דער סוינע אָבער ניט פארשווינדט.
פאַרקערט, ער אַזעסדיקער ווערט,
און זי, די גיליאָטינע, רוט —
זי שטייט געליימט, און ס'זיצן אויף איר טויבן...

ווער זאָגט, ס'איז אָפּגעלאָזנקײַט? עס איז
פאַראַט!
דאָס אָפּהאַלטן זיך פון פאַרגיסן אומריין בלוט
מוז צו א צאַפּן ריין בלוט פירן...
דער פײַנט איז פלײַסיק, און די גיליאָטינע —
פויל.
זי צופיל, צופיל פרײַע צײַט האָט!

סע שמעקט מיט סמאַלינעס אין פראַנקרײַך.
פון אַלע זײַטן קאָדערט מען די רעוואָליוציע,
און איך זאָל שטיין און צוקוקן, ווי זי קומט אום?!
ניין, ניט פאַר דעם כ'בין אַזוי הויך געשטיגן.

די ליבע פון די מאסן איז מעכײַעוו!
דער מאכטהאָבער מוז וויסן: מאכט א האַק איז,
און א גערעכטע מאכט איז א גערעכטע האַק...

•

אָן שפּאַנט ער, דער קאָנווענט.
אַרום די העלדזער —
בלוי־ווײַס־רויטע רעוואָליוציע־שאַלן.
און אין מײַן מאַרך
עס ווערט מעשוגע א געדאַנק
און שרײַט: „די שאַלן ווײַזן עס,
ווו ס'זאָל דאָס מעסער פאַלן"...

•

ניט דאָס מײַדן פײַן איז וויכטיק.
עמעס ליפּט ניט פונעם ווייטעק.
ס'גייט ניט בלויז אין געבן גליק,
ס'גייט אין אײַנהאַלטן די ריכטונג
און ניט וויסן קיין צוריק!
און אַזוינס קאָן מען דערגרייכן
נאָר מיט דעם געבענטשטן בראָכשטאַנג —
האַרטן בראָכשטאַנג פון טעראָר!

ס'טרעפט, ס'מוז יוישער זײַן א טאַליען.
נו, האָט איצט אַזוינס געטראָפן.
ווען עס גייט א גרויסער כעזשבן,
קליינלעך איז די פײַן צו מעסטן.
יעדן טראָפּן בלוט צו ציילן
איז הומאַנישער פאַרברעך...

צעקרישלען מוז מען יעדע האַנט, צעמאָלן
יעדן שטיין,
וואָס ציילן אין די העלע שויבן פון דער
רעוואָליוציע!
ווײַל כ'וויס די וווּנדער־קראַפט פונעם טעראָר,
איך קאָן אים זײַן אַכזאָריעס פאַרגעבן.

•

מאכט איז מעכטיק בלויז נאָר דעמאָלט,
ווען זי קאָן זײַן אָן שום אײַנזען,
ווען זי לײַדט ניט פון דער שוואַכקײַט
א פאַרגעבערן צו זײַן.
לעפיש איז צו זוכן גוטסקײַט
אין פאַרקראַמפטן האַרץ פון פירער.
ס'קאָן ניט זײַן קיין גוטער הערשער,
ס'קאָן נאָר א גערעכטער זײַן...

איך האָב די מאכט.
מײַן וועג איז קלאָר:
ער גייט פון דער באַסטיליע
צום רעוואָליוציע־פּלאַץ,
און אָפן רעוואָליוציע־פּלאַץ
האָט זיך באַזעצט די גיליאָטינע...

ס׳איז גרויס מײַן וואָג,
מײַן קויעך איז דאָס פאָלק.
אין מאסע איז מײַן שטארקײַט,
אין איר אומבאַשטענדיקײַט —
מײַן שוואכקײַט.

די מאסע מוז מען פורעמען
און זײַן בא איר באַליבט —
א סטירע גרויזאמע, וואָס שלאָגט
דעם פורעמער איבער די הענט
און האָדעוועט פאר אים אויס סאָנים.

אָ, ניין! מיך שרעקן ניט די פײַנט.
איך בעט נאָר בא דעם „העכסטן וועזן"
דער פײַנט זאָל אומגערעכט מיך האסן,
און אויב איך בין געצווונגען גרויזאם זײַן,
זאָל זײַן מײַן גרויזאמקײַט גערעכט!

•

דאָס פאָלק, סע שעצט דעם „ניט-פארקויפלעכן",
סע שענקט פארערונג אים,
וואָס ווערט דערהויבן ביז צו ריטואל.
איז וואָס? זאָל עס געשען!
ווער ס׳וויל צום יוישער קלעטערן,
מוז לאָזן, מע זאָל אים פארגעטערן...

ווי איך טו זיך נאָר א קער,
באַלד איך הער,
די האכנאָע מורמלט: „ער!"
„זעט נאָר, זעט נאָר: עס איז ער!"
„ער!.. ער!.. ראָבעספיער!!!"

ס׳איז ניט ליבשאפט, ס׳איז בייזווונדער,
אָפּשיי פאר אן אומגעהויער,
א היספּײַלעס, וואָס קאָן דינען
אי דער טרײַשאפט, אי דער פעלשונג.

•

געלע זאנגען, גרינע צווײַגן,
רויטע קווייטן — אין מײַן האנט.
שיינע ווערטער, שווערע לײַדן,
שטראָמען אומרו — אין מײַן לאנד;

און איך בין עס דער, וואָס פּאָדערט
און פון וועמען מע אַלץ מאָנט...
אָנגעצויגן איז די סטרונע —
מער ווי צופיל אָנגעשפּאנט!

הער דעם ווייטעקדיקסטן סאָד,
בלוטדאָרשטיקע גיליאָטינע:
אײַנפירן א נײַעם גאָט
שווערער איז, ווי אים געפינען!

אין א ליכטיק-בלויען ראָק
און אין גילדענע קיולאָטן
פײַער איך מײַן העלסטן טאָג,
און איך קוועל זיך אין זײַן שאָטן.

כ׳שפּרײַז, פון פאָלק ארומגערינגלט —
אין זײַן מיט און אָפּגעזונדערט.
און וואָס מער איך ארום זיך קוק,
זע איך מער און מער נאָר זיך:

ס׳איז מײַן לעבן, ווי א ברען-גלאָז.
הײַנט — דער טאָג, וואָס איז זײַן פּאָקוס.
אַלע שטראַלן פון מײַן וועזן
ברעכן איבער זיך אין אים.

כ׳האָב דערלאנגט אהין, ווו ס׳שוועבן
אומשטערבלעכקײַטס העלע פליגל.
ס׳איז מײַן קאָפּ באַזוימט געוואָרן
מיט דער שײַן-ראָד פון באַרימטקײַט.

כ׳בין דער ווינקלשטיין פון פראנקרײַך,
כ׳האָב דערגרייכט דעם העכסטן אָנזען,
איך באַטײַט — מײַן לאנדס זעניט!

•

אָ, מײַן העלסטער טאָג אין לעבן,
עפּעס נעפּלסטו זיך מיר.
אָף די ליכטיקע געדאנקען
זעצן פינצטערע זיך אָפּ.

אַלע מײַנע גרעסטע זיגן
טרינקען זיך אין גרויען צווייפל,
און כ׳האָב מוירע, כ׳וועל ניט קאָנען
ראטעווען ניט זיי, ניט זיך.

ס׳רוקט זיך נעבעכדיק מײַן שאָטן
איבער די פאריזשער גאסן,
אָף די יאָמטעוודיקע ברוקן
זעט ער מער נאָך נישטיק אויס.

אויב מײַן שאָטן אזוי קליין איז,
וויאזוי זשע קאָן איך טראכטן,
אז א גרויסע איז מײַן שײַן?

•

זון אָף שויבן, פרייד אין אויגן —
יאָמטעוו גליט אין שויב און אויג.
קאָן דען האלטן, קאָן דען טויגן
שטימונג, וואָס ס׳שלאָגט אוף דער פויק?

כ׳פלאנץ הײַנט אײַן דעם בוים פון פרײַהײַט.
וועט ער אופגרינען, ווי כ׳וויל?
וועט מײַן אופטו ניט פארבלײַבן
נאָר אן אויסגעהוילטע שפּיל?..

איך שענק מײַן פֿאָלק א נײַעם קולט.
די מאסע ליב האָט זײַן צעדולט;
און איך בין אײנער פֿון דער מאסע,
כאָטש כ׳טראכט, אז העכער כ׳בין פֿון איר.

דעם אלטן גאָט האָב איך פֿארװערט,
באשאפֿן כ׳האָב א נײַעם גאָט,
און נאָך דעם אלעמען איך װײס ניט,
װאָס איז דער כילעק צװישן זײ...

•

טרומייטערס אף די פֿערד,
א טעפּיך בלומען אף דער ערד.
ס׳איז פֿײַערלעך דער װעג
פֿון טױלרי צום מארס־פֿעלד;

און איך געבראָכן גײ
און אזוי קלאָר כ׳פֿארשטײ,
אז אָט דעם גרויסן טאָג
אי מענטשלעכקײַט, אי הארץ פֿעלט...

דעמולען
איז מײַן בעסטער פֿרײַנט געװען.
דריקט ער איצט אף מײַן געװיסן,
װי דער גרעסטער פֿײַנט ניט קען...

•

קײנמאָל האָב איך ניט געפֿרעגט זיך,
װו טוט מען אהין דעם קאָפּ,
נאָך דעם װי מע נעמט ארויס אים
פֿונעם קויש פֿון גיליאָטינע...

קײנמאָל ניט געשטעלט זיך פֿראגעס,
שטענדיק נאָר זיך אײַנגעאקשנט,
אפֿן עמעס אויסגעמױערט
א באסטיליע פֿון צװאנג.

פֿונעם טאָג, װאָס כ׳בין דער ערשטער,
בין איך ראק אויך דער גערעכטער.
אומבאמערקט איך בין געװאָרן
א בורבאָן אין רויטער הויב...

אין מײַן אײגנליבע־נעפּל
זע איך באלד שוין זיך אלײן ניט,
און די זשעדנעקײַט צו זען זיך
נעמט נאָך מער די ריע אָפּ.

װאָס זשע בלײַבט פֿון אלצדינג איבער?
װער איז פֿרײַנט און װער איז פֿירער?
װו איז ציל און װו אקשאָנעס?
װאָס אָן אורטײל, װאָס בלויז מאָרד?..

•

איך, אראסער אדװאָקאט,
בין עפּשער צו הויך געשטיגן.
ראנגלענדיק זיך פֿארן עמעס,
איך צו אָפֿט קום אָן צום ליגן.

װיפֿל רעכט און װיפֿל אומרעכט
איז מײַן ערלעכקײַט באגאנגען,
װען זי האָט געקעפּט דאנטאָנען?
שטארבנדיק, ט׳ער מיך געשאָלטן,
„אויסראָטער״ מיך אָנגערופֿן.
כאָטש איך האלט, אז ס׳איז ניט עמעס,
װײס איך אויך, אז ס׳איז ניט ליגן...

•

כ׳בין אלץ מיטן פֿאָלק געגאנגען,
גאָרנישט כ׳האָב פֿאר זיך גענומען —
ניט קײן געלט, ניט קײן פֿארװײַלונג,
ניט קײן װײַב, קײן הויזגעזינד.

און אָט גײ איך איצט — א זיגער,
כ׳האָב א גאָט געגעבן פֿראנקרײַך;
װירדיקן דעם „העכסטן װעזן״
איז ארויס הײַנט גאנץ פּאריזש.

איז מײַן זיג אויך מײַן מאפּאָלע:
צװישן מיר און פֿאָלק — אָן אָפּשטאנד!
רונד־ארום, פֿון אלע זײַטן —
װיסטער כאָלעל ארום מיר...

. . . .

. . . .

ס׳גאנצע לאנד פֿאר זיך גענומען,
און אָן עלנטער געבליבן!

•

װײַל כ׳גײ אלײן, איך טײל זיך אויס,
װײַל כ׳טײל זיך אויס, איך זע אויס גרויס,
דאָך אינדערעמעסן כ׳בין קלײן,
מײַן גרויסן זיך מאכט מיך געמײן.
װאשנדיק אין בלוט די פֿרײַהײַט,
האָב איך נאָר באפֿלעקט איר לײַב...

אײנער טאָר ניט אלץ פֿארכאפּן.
ס׳קאָן ניט זײַן, אז ס׳זאָל דער עמעס
זײַן דאָס אײגנס פֿון א יאָכיד,
די גערעכטיקײַט זאָל הויזן
שטענדיק נאָר אין זעלבן מענטש!

װי האָב איך עס זיך פֿארשװעכט
מיט אָן אײביק זײַן גערעכט?
װי איז מיר ניט אײַנגעפֿאלן,
אז איך טו נאָר אײנס: איך שעכט?

טעמפּ געווען כ׳בין צו באַגרײַפֿן,
אַז מײַן ליבשאַפֿט צו די מאַסן,
קניִונג צו דעם „העכסטן וועזן״
זײַנען אויסן נאָר מײַן רום.

ווײ, מײַן זודיקע אידייע
איז פֿאַרגליווערטע אַקשאָנעס!
ווער ס׳צעשטערט די אַלטע וועלטן,
ווערט אַליין אויך ניט געשוינט.

•

פֿאַרצערט האָב איך מײַן האַרטן ווילן
אויף אײַנצופֿונדעווען די פֿרײַהײַט,
דערטרונקען מײַנע בעסטע יאָרן
אין זומפּ, ווו ס׳איז געזונקען פֿראַנקרײַך,
אויף מײַן לײַב האָב איך דורכגעטראָגן
די מאַזלען פֿון דער רעוואָליוציע;
איז וואָס פֿון דעם אַרויסגעקומען? —
פֿאַרמערדערטע גערעכטיקײַט!..

ס׳זוכט דעם עמעס די געשיכטע,
דאָך ביזוואַנען זי געפֿינט אים,
קניט זי מער נאָך פֿאַרן שעקער;
און דער שולדיקער דערין איז
דער, וואָס די געשיכטע מאַכט.

אָ, מײַן וויסטער פֿירער־גוירל,
וואָס פֿאַרקריפּלסט אַלץ מײַן טוונג,
וויפֿל איז דער שיר צו שטראָפֿן
דעם, וואָס האָסט אַליין באַלאָרבערט? —
שטענדיק, ווי נאָר כ׳נעם דעם יוישער
און איך הייב אים, ווי אַ פֿאָן, אויף,
לאָזט ער באַלד צוריק אַראָפּ זיך,
מײַסע מאָרדנדיקע האַק!..

וואָלקנס וואָגלען אין מײַן זינען,
פֿאָרגעפֿיל מײַן רו צעגריזשעט,
קאַלטע ניכטערקײַט זאָגט אונטער,
אַז עס דעמערט מײַן האַצלאָכע!
ס׳וועט די צײַט אָן פּניִעס מעסטן —
די געשיכטע פֿירט אַ כעזשבן...

דער, וואָס וואַשט אין בלוט די פֿרײַהײַט,
שמירט זײַן נאָמען אײַן אין בלוט!

•

אַנמערקונגען

[1] „העכסטער וועזן״ — ראָבעספּיערס אַדמיניסטראַטיוו אײַנגעפֿירטע מעלוכישע רעליגיע, וועלכע איז געווען געווענדט קעגן דער קאַטוילישער קירך און קעגן אַטעיִזם. דעם 20 פּרעריִאַל פֿון 2־טן יאָר (8 יון 1794) האָט ראָבעספּיער דורכגעפֿירט דעם יאָמטעוו לעקאָווד דעם „העכסטן וועזן״.

[2] סעקציעס — די פּאַריזשער ראַיאָנישע זעלבסטפֿאַרוואַלטונגען. קאָמונע — די שטאָטישע זעלבסטפֿאַרוואַלטונג. יאַקאָבינער — די מיטגלידער פֿון יאַקאָבינער־קלוב. פֿאַקטיש אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, וועלכע איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער אינערלעכער און אויסערלעכער קאָנטררעוואָליוציע. דעם 2 יון 1793 איז אײַנגעפֿירט געוואָרן די יאַקאָבינישע דיקטאַטור, וואָס האָט געהערשט ביזן 27 יול 1794. פֿירער פֿון די יאַקאָבינער — ראָבעספּיער, מאַראַט, דאַנטאָן, סען־זשוסט.

[3] זשאַן־זשאַק רוסאָ — פֿראַנצויזישער פֿילאָסאָף. אין זײַנע ווערק האָט ער אַנטוויקלט אידייען, וועלכע זײַנען געוואָרן דער יעסאָד פֿאַר די רעוואָליוציִאָנערע פֿאָדערונגען פֿון יענער צײַט. אין פֿראַגן פֿון רעליגיע האָט רוסאָס נאָכפֿאָלגער, ראָבעספּיער, פֿאַרורטיילט דעם אַטעיִזם און האָט געהאַלטן, אַז אַ „בירגערלעכע רעליגיע״ איז דער מעלוכע נייטיק, ווײַל זי צווינגט די בירגער שעצן די געזעצן און אויספֿילן זייערע פֿליכטן.

[4] רוסאָ איז געבאָרן אין זשענעווע.

[5] „דער באַרג״, אָדער „מאָנטאַניאַרן״ — אַזוי האָט מען גערופֿן די יאַקאָבינישע גרופּע דעפּוטאַטן פֿונעם קאָנווענט. אין זאַל פֿון טויִלרי־שלאָס, ווו עס פֿלעגן פֿאָרקומען די קאָנווענט־זיצונגען, האָבן זיי פֿאַרנומען די סאַמע אייבערשטע בענק.

„די בלאָטע״ האָט מען גערופֿן די ניט־יאַקאָבינישע גרופּעס, וואָס האָבן פֿאַרנומען די אונטערשטע רייען בענק.

„זשאַבעס״ האָט מען גערופֿן די דעפּוטאַטן, וואָס געהערן צו דער „בלאָטע״.

[6] זשיראָנדע — אַ פּאָליטישע גרופּירונג, וואָס האָט פֿאַרטראָטן די אינטערעסן פֿון דער האַנדלס־אינדוסטריִעלער און לאַנדווירטשאַפֿטלעכער בורזשואַזיע.

[7] „די אַלמאָנע״ — אַזוי האָט מען גערופֿן אין פֿאָלק די גיליאָטינע.

• • •

מישע לעוו

פּעראָ רוס

פיאָטער אַראַנסקי

א מענטשן קאָן מען אומברענגען,
אָבער ניט באַזיגן.

ע. העמינגוועי

דאָס איז פאָרגעקומען ניט לאַנג צוריק אין לאָנדאָן. אפן קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט פון מוזייען וועגן קריגס־געשיכטע איז צום יוגאָסלאַווישן דעלעגאַט זשיקע טאַדיטש צוגעגאַנגען דער ענגלישער פּובליציסט באַזיל דעווידסאָן.

— איך האָב געהערט, הער טאַדיטש, אַז איר זאַמלט מאַטעריאַלן וועגן די אומבאַוווּסטע העלדן פון דער לעצטער מילכאָמע, — האָט געזאָגט דעווידסאָן. — צי וועט איַיך ניט פאַרינטערעסירן אָט די פאָטאָגראַפיע? אף וויפל איך ווייס, איז אף איר פאַרפיקסירט איינער פון די רוסן, וועלכע האָבן געקעמפט אף איַיער טעריטאָריע.

אומגעקערט זיך קיין יוגאָסלאַוויע, האָט זשיקע טאַדיטש באַשלאָסן פעסטשטעלן, ווער איז דער מענטש אף אָט דער פאָטאָגראַפיע. ער האָט געהאַט באַגעגענישן מיט זייער פיל אָנטיילנעמער פון דער מילכאָמע — געוועזענע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אין וואָיעוואָדינע, איבערגעבלעטערט טויזנטער נומערן פון מיליטערישע צייַטונגען. לעסאָף האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז די פאָטאָגראַפיע פונעם קאָמאַנדיר פונעם רוסישן פּאַרטיזאַנער־באַטאַליאָן פּיאָטער אַראַנסקי.

...וועגן אַראַנסקיס ווייַטערדיקן גורל איז ניט שווער געווען צו דערוויסן זיך פון די מיליטערישע אַרכיוון. דאָס איז בעעמעס א העלדישער, אומגעוויינלעכער גורל. שוין בלויז דער נאָמען „כאַוווער פּיאָטער" פּלעגט אָנוואַרפן א פּאַכעד אף די פאַשיסטן.

ווו איז איצט דער געוועזענער פּאַרטיזאַנישער קאָמאַנדיר? זאָל ער וויסן, אַז דעם אָנדענק וועגן אים היטן ניט נאָר די מוזיי־אַרכיוון, ער איז פאַרקריצט אויך אין אונדזערע הערצער.

„איזוועסטיאַ", 24 פעווראַל 1965.
פון דער נאָטיץ „דער רוסישער קאָמבאַט".

אַלזאָ, דער לעגענדאַרער קאָמאַנדיר פון דעם „רוסישן באַטאַליאָן" פּיאָטער מאַקסימאָוויטש אַראַנסקי, „כאַוווער פּיאָטער", לעבט. ער באַגעגנט זיך הייַנט, צום ערשטן מאָל פאַר צוואַנציק יאָר, מיט זייַנע יוגאָסלאַווישע שלאַכט־פרייַנט, — עמעס, דערווייַל נאָר אף די שפּאַלטן פון „איזוועסטיאַ".

„איזוועסטיאַ", 25 פעווראַל 1965.
„בעלגראַד באַקומט א בריוו".

...דער קאָרעספּאָנדענט פון טאסס יו. קאָרנילאָוו טיילט מיט פון בעלגראַד: די טעגלעכע צײַטונג „דנעווניק", וואָס דערשײַנט אין דער הויפּטשטאָט פון וואָיעוואָדינע, אין דער שטאָט נאָווי סאַד, דרוקט א דאָקומענטאַלע דערציילונג וועגן דעם רוסישן באַטאַליאָן. אָט דער באַטאַליאָן פלעגט געוויינלעך דערמאָנט ווערן אונטערן פאַרשיפרירטן נאָמען „פּעראָס אָטריאַד" לויטן נאָמען פון זײַן קאָמאַנדיר פּיאָטער אַראָנסקי.

„א י ז וו ע ס ט י ַ א", 9 מאַרט 1965.
„די געשיכטע פון א באַטאַליאָן".

טײַערער פרײַנט און קאָמאַנדיר פּיאָטער מאַקסימאָוויטש „פּעראָ רוס", ווי די יוגאָסלאַווישע כאַווײרים פלעגן דיך רופן!

דעם בריוו שרײַבט דיר דער געוועזענער קאָמיסאַר פון דער צווייטער ראָטע פון דעם רוסישן באַטאַליאָן וויקטאָר סטודניעוו.

איך האָב געוווּסט, אז פון די מענטשן, וועלכע זײַנען מיט מיר געלאָפן פון געפאַנגענשאַפט, זײַנען אויסער מיר געבליבן לעבן איוואַן פאַרשין — אונדזער געוואַגטער קוילנוואַרפלער. וועגן דרײַ — וואָלאָדיע קאַשטשײעוו, פּאַוועל טוראָווסקי און סעמיאָן שטאָפּאַוק — ווייס איך פּינקטלעך, אַז זיי זײַנען אומגעקומען. איך קאָן ניט פאַרגעסן אין דעם טויט פון זשאָרזש קאָפּיצע פון אָדעס.

איך דערמאָן אַזויפיל וועגן די אומגעקומענע דערפאַר, ווײַל מיר, די, וואָס זײַנען לעבן געבליבן, זײַנען באַלכויווס פאַר די געפאַלענע כאַווײרים, פאַר זייערע קרויווים. אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער דאַרפן וויסן וועגן זייערע טאַטעס און זיידעס, וועלכע זײַנען „פאַרפאַלן געוואָרן און קיין ידיעות וועגן זיי איז ניטאָ", ווי ס'איז אָפיציעל מיטגעטיילט געוואָרן. אינדערעמעסן אָבער האָבן זיי גווירע געווען אַלע מאַטערנישן, זײַנען אַנטלאָפן פון פאַשיסטישן גענעם און האָבן פאַרגעזעצט זיך שלאָגן פאַרן היימלאַנד. אָט פאַרוואָס, אויב זיי זײַנען יאָ אומגעקומען, הייסט עס ניט, אַז עס זײַנען „ניטאָ קיין ידיעות"...

„א י ז וו ע ס ט י ַ א", 9 מאַרט 1965.
„א בריוו צום קאָמבאַט".

— און ווי האָט זיך פאַרמירט דער רוסישער באַטאַליאָן, וועלכער האָט, ווי איר זאָגט, אַנגע־ציילט צוויי הונדערט שלאַכטלײַט?
— דאָס איז א מײַסע פאַר־זיך...

„א י ז וו ע ס ט י ַ א", 9 מאַרט 1965.
„עס דערציילט פּעראָ".

דער רוסישער באַטאַליאָן אין מאַרש. אין דער ערשטער ריי פון רעכטס — דער קאָמאַנדיר פונעם באַטאַליאָן פּעראָ רוס.

דעם גאַנײדן דאַרף מען זוכן אַף דער־וועלט

פון הונגער און פלעקטיפוס איז אָנהייב 1920 באַם גאָרנאָסטײַפּאָליער סטאָליער מאָטל אָראַנסקי געשטאָרבן די עלטערע טאָכטער קלאַרע. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים צו וויסן געגעבן, אַז אין דאָרף פּאָדאָל, באַם טײַך טעטערעוו, האָבן באַנדיטן דערהאַרגעט זײַן ווײַבס ברודער.

דער הויכער, עטוואָס אײַנגעהויקערטער מאָטל, וועלכער האָט שטענדיק געהאַט דעם אויסזען פון א ביסל א פאַרשלאָפענעם, האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט און, פאַרקלאַמערנדיק די פינגער אין א פויסט, מיט אַן אײַנגעבראָכן קאָל אויסגעשריִען:

— איידער אַזאַ לעבן, איז בעסער א שטיין אַפן האַלדז און אין טײַך אַרײַן.

זײַן ווײַב מערע האָט אים אָנגעכאַפּט באַ דער האַנט און איבערגעוואַלד צוגעפירט צום פענצטער:

— טו א קוק אַף אונדזער פּעטיען. קיין אײַנהאָרע, שיין און געראָטן. א גוואַר, ווי דו, און דערצו נאָך מיט אַלע זיבן מײַלעס. גלייבסט ניט, איז הער זיך צו, וואָס מענטשן זאָגן. וואָס זשע ווילסטו, אַז אַף דער עלטער זאָל איך איינע אַליין פון אים דערלעבן נאַכעס?

— נאַכעס? — האָט ער האַסטיק א צוק געטאָן מיט די אַקסלען און זיך אײַנגעזויגן אין איר מיטן בליק. — מיר שטאַרבן פון הונגער און פון קרענק, מע שלאָגט און מע האַרגעט אונדז, און דו וואַרטסט נאָך אַלץ אַף נאַכעס.

אַפן האַרצן איז מערען געווען ניט ווייניקער אָנגעזאָליעט, ווי דעם מאַן, פונדעסטוועגן האָט זי געפונען באַ זיך קויעך אים צו ענטפערן:

— יאָ, מאָטל. ווען דער אומגליק איז גרויס, איז די הילף נאָענט. צאָרעס וועלן ניט פעלן, נאָר נאַכעס וועלן מיר אויך דערלעבן.

צאָרעס איז טאַקע דערווײַל געווען אַזויפיל, אַז כאָטש שעפּ מיט אַן עמער. א וואָך נאָכאַנאַנד האָט זיך געטרייסלט אין פיבער זייער צווייטע טאָכטער פאַניע. ווען זי האָט שוין, דאַכט זיך, קיין קויעך ניט געהאַט צו צאַנקען, האָבן אירע בלויע ליפּן אַרויסגעלאָזט א וואָלקנדל דאַמף און... א קוים באַמערקבאַרן שמייכל.

פון טשערנאָביל, פון איוואַנקאָוו — פון אַלע זײַטן — האָבן ראָצכים באַלאַגערט גאָרנאָסטײַפּאָל. די זעלבשוץ האָט פאַרמאָגט א קוילנוואַרפער, באַ א צענדליק ביקסן און נאַגאַנען, נאָר קיין קוילן זײַנען ניט געווען. פּעטיע האָט עס גוט געוווּסט, ווײַל ער איז אַף קיין שפּאַן ניט אָפּגעטראָטן פון דער פאַרשטאָרבענער קלאַרעס כאָסן, נאָכעם, דעם קאָמאַנדיר פון דער זעלבשוץ. ווען די באַנדיטן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין שטעטל, זײַנען ביידע, נאָכעם און פּעטיע, געזעסן אײַנגעבויגן אינדרײַען אַף א בוידעם, און נאָכעם האָט געשעפּטשעט פּעטיען אַפן אויער:

— זעסט יענעם אין דער בעקעשע, וואָס שטייט לעבן דעם בולאַנעם? דאָס איז זייער אַטאַמאַן, סטרוק. ווען איך האָב כאָטש איין קויל...

נאָכעם האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר מיטאַמאָל האָט גענומען שטעפּן איין קוילנוואַרפער, א צווייטער. ניט ווײַט פון סטרוקן האָט זיך אויפגעריסן א גראַנאַטע און אומגעוואַלגערט דעם בולאַנעם. איצט האָט פּעטיע באַמערקט, אַז באַם אַטאַמאַן איז דאָס פּאָנעם א קליינס און א קײַלעכדיקס, ווי באַ א סאָווע.

ווי פון אונטער דער ערד זײַנען אַפן ברייט אויסגעפּאָרענעם וועג אויסגעוואַקסן רײַטער מיט רויטע שטערנדלעך אַף די היטלען. דאָס מאָל האָט דאָס שטעטל געראַטעוועט דער מאַטראָס וואַסילי ברוסאָוו מיט זײַן אָטריאַד.

פון די אויפגעבראָכענע טיר־און־פענצטער זײַנען נאָך געפלויגן פעדערן, און אַפן מאַרקפּלאַץ, לעבן די וועגענער מיטן אָנגעראַבעוועטן גוטס, זײַנען שוין געשטאַנען שווײַגנדיק געפאַנגענע צוואַנציק איבערגעשראָקענע באַנדיטן. אויסגעזען האָבן זיי ווי אויסגעוויִיקטע הערינג. פּעטיע איז געווען זיכער, אַז ברוסאָוו וועט הייסן זיי שמײַסן מיט ווערבע־ריטער אָדער גאָר דערשיסן אַלעמען גלײַך אַפן אָרט. נאָר בלויז איינעם — א פליישיקע באַשעפעניש מיט שמאָלע, בייזע אויגן, מיט לאַנגע, ווי באַ א גאַלעך, האָר — האָט ער באַפוילן בינדן די הענט און אָפּפירן אין שטאַב פון טייל. אַלע איבעריקע, האָט ער מיט א וואָכעדיקער שטים געזאָגט, וועט מען נאָך הײַנט מישפּעטן.

פּעטיע האָט זיך פאַרקוקט אַף א דאָרפיש פערד, וואָס האָט לאַנגזאַם געקײַט טרוקן היי. עס האַלט אין איין דרייען מיטן קאָפּ, פינטלען מיט די גרויסע אויגן. פערד האָט פּעטיע ליב פון קינדווײַז אָן. ווען ער האָט א פערד, זײַנס אַן אייגנס, וואָלט ער באַ קיינעם ניט געפרעגט און אוועקגעריטן מיט ברוסאָווס אָטריאַד.

— עסן ווילסטו? — האָט ער פּלוצעם דערהערט. וואַסילי ברוסאָוו האָט אַ שויבער געטאָן פּעטיעס קורץ געשוירענע שוואַרצע געדיכטע האָר.

פּעטיע האָט זיך פֿאַרויטלט. ער האָט געוואָלט ענטפֿערן, אַז ניין, ער איז זאַט, נאָר פֿריִער האָט ער געמוזט אַראָפּשלינגען די אָנגעלאָפֿענע סלינע. דער מאַטראָס האָט עס אַוודאי באַמערקט. ניט וואַרטנדיק אַף קיין ענטפֿער, האָט ער אים דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט מיט אַ גרויסער ציבעלע, אַ טאָרבעלע הירזש און אַ לאַנגן פֿאַרזשאַווערטן הערינג.

אין אָוונט איז ברוסאָוו מיט נאָכעמען געקומען צו אָראַנסקין אַהיים. דעם מאַטראָס האָט מען אָוועקגעזעצט אויבנאָן, און אַלע צוזאַמען האָבן פֿון איין שיסל געגעסן דעם געדיכטן הירזשענעם קוליש. דער טאַטע האָט אַפֿילע געבראַכט פֿון ערגעץ אַ פֿלאַש ווישניק.

קימאַט אַ גאַנצע נאַכט איז מען בא אָראַנסקין ניט געשלאָפֿן. מע טאָר ניט הײַען. און כאָטש מע ווייסט, אַז אין אַ לאַנגן וועג איז יעדע מאַסע צו שווער, האָט מען פֿון דער וואַנט אַראָפּגענומען די פֿאַרגעלטע פֿאָטאָגראַפֿיעס, די שאַרפֿע זעג. אין דעם בעטגעוואַנט האָט מען געפּאַקט דאָס ביסל געפֿעס, אין דער בלעכענער מולטער האָט מען צונויפֿגעלייגט די סטאָליער־אינסטרומענטן.

אַף מאָרגן נאָך האַלבן טאָג האָבן זיי צוזאַמען מיט ברוסאָווס אָטריאַד זיך דערקליבן צום דניעפּער, ווו לענגויס דעם ברעג האָבן געדרעמלט שטילע, ווײַס־געקאַלכטע שטיבעלעך. פֿון דאָרט זיך אָוועקגעלאָזט קיין קיִעוו. אַף פּאָדאָל, לעבן דער עלעקטראָסטאַנציע, האָבן זיי געדונגען אַ סומנע צימערל מיט אַ קיך.

בא מאָטלען זײַנען די געלע וואָנצעס גראָוו געוואָרן. די אויגן זײַנען נאָך טיפֿער אײַנגעפֿאַלן. אַף די אײַנגעצויגענע באַקן האָבן זיך באַוויזן אַ סאַך דריבנע קנייטשעלעך. קיינער האָט איצט ניט געדאַרפֿט זײַנע געשניצטע שאַפֿעס, בעטן פֿון רויט האָלץ, געטאָקטע טישן. נאָך אַ טאָג אַרומדרייען זיך אַף דער אַרבעט־בירזשע פֿלעגט ער זיך אַ מידער, מיט אַ שווער געמיט אומקערן צו זײַנע פֿאַריאָסעמטע אינסטרומענטן.

פּעטיען האָט מער געגליקט. אַלע גאַנצפֿרי פֿלעגט ער זיך לאָזן צום וואָקזאַל אָדער צום דניעפּער און פֿלעגט זיך אומקערן כאָטש שפּעט אין אָוונט, נאָר ניט מיט ליידיקן. אַמאָל פֿלעגט זיך אַפֿילע מאַכן, אַז ער פֿלעגט קומען מיט אַ לעבל ברויט. נאָר ווען ער זאָל ניט קומען און וואָס ער זאָל ניט ברענגען, פֿלעגט אים נאָך פֿונדערווײַטן אַנטקעגנקומען דער מאַמעס וואָרעמער בליק.

דעם טאַטן איז ניט אײַנגעגאַנגען דער ביסן. זײַן געפֿיל — ווי מע וואָלט אים צוזאַמען מיט די וואָרצלען אַרויסגעריסן פֿון דער ערד. ער, אַ פּרימאַ־סטאָליער, צו וועמען גאָר געהויבענע סראָרעס פֿלעגן קומען באַשטעלן מעבל, דאַרף זײַן, מישטיינסגעזאָגט, אַף קעסט בא זײַן מיזיניק. פּעטיע איז שוין טאַקע אַף אַ האַלבן קאָפּ העכער פֿון אים, נאָר ער איז דאָך גאָר אַ יִינגל — קאַרגע פֿופֿצן יאָר.

פֿינף מאָל האָבן אָפּגעצוויטעט די קיִעווער קאַשטאַנעס, ביז פּעטיע דער טרעגער האָט זיך צעשיידט מיט דער פֿוראַזש־קראָם, ווו ער האָט געטראָגן זעק מיט מעל, האָבער, קלײַען. פֿון מאָטלען האָט ווידער געשמעקט מיט סטרוזשקעס און מיט סטאָליער־קליי. ער האָט זיך אופגעכאַפּט פֿון זײַן פֿריטשמעליעטקײַט און איז שוין פֿון לאַנג געווען אַ מײַסטער אין אַ גרויסער מעלוכע־פֿאַבריק און אַפֿילע געקנעלט מיט כעוורע, ווי צו באַאַרבעטן אַ שטיקל האָלץ אַזוי, אַז מע זאָל זיך אין דעם קאָנען שפּיגלען. פֿאַניע האָט זיך געפֿונען איר באַשערטן, אַ גוט דערצויגענעם יונגנמאַן מיט אַ שאַרף בערדל, מיט אַן אינטעליגענט פּאָנעם. און די מאַמע — ווי אַ סאַך מאַמעס. צוליב וואָס, זאָגט זי, ערגעץ אין די הימלען זוכן אַ גאַנײדן, אויב מע קאָן אים געפֿינען אַף דער־וועלט. אַבי מע זאָל זײַן געזונט, האָבן אַרבעט און זיך פֿילן ווי אַ מענטש. וואָס נאָך דאַרף מען? אײַ, די האָר ווערן גראָוו אָדער גאָר ווײַס, דאָס אויג נאַרט אָפּ און די האַנט טוט אַ ציטער באַם אַרײַנסילען אַ בײַוועלע? נו, איז וואָס? שלעכט איז, ווען יונגע ווערן גראָוו.

זי גלייבט אינעם מאָרגן. אויב ניט גלייבן אין גוטס, איז צו וואָס דאָס גאַנצע לעבן?

באַזונדערס איז זי צופֿרידן מיט איר פּעטיען. אַלץ איז אַף אים ווי אָנגעמאָסטן. ער איז הויך און שטאַלטנע. פֿונעם טאַטן האָט ער געיאַרשנט בלויז זײַן גוורע און שיינקײַט. די נעשאָמע איז בא אים דער מאַמעס. עס איז עפּשער אַפֿילע אַ זינד אַזוי צו טראַכטן, פֿאַר די ליפּן וועט זי עס קיינמאָל ניט ברענגען, נאָר אַזוי איז עס.

הײַנט איז פּעטיע געקומען מיט אַ נײַס. די צוויי יאָר, ביז מע וועט אים נעמען אין דער אַרמיי, ווילט זיך אים אַן אַרבעט טאָן פֿאַר אַ דאָקער אין אָדעסער פּאָרט. טאַקע אַ שיין וואָרט, נאָר אויב זי האָט ניט קיין טאָעס, איז עס דער זעלבער טרעגער, נאָר בא שיפֿן. אַוודאי וואָלט זי אים געקאָנט זאָגן, אַז אויך דער דניעפּער איז גענוג ברייט און שיין. און וויפֿל איז טאַקע דער שיר צו שלעפּן זעק? נאָר וואָס איז די נאַפֿקעמינע. זי זעט, אַז צום געזונט, כאָלילע, שאַדט עס אים

ניט, צום לערנען אין ארבפאַק אויך ניט. דעם עמעס גערעדט, האָט ער שוין פון לאַנג געוואָלט גיין דינען און ווערן מיט דער צײַט א קאָמאַנדיר. האָט מערע אים דעמלט אָפּגערעדט. זאָל ער צוואַרטן, ביז עס וועט דערגייך צו זײַן עלטער. דאַן האָט ער געפאָלגט. דאַרף מען, ווײַזט אויס, דאָס מאָל אים נאָכגעבן. זאָל ער א קוק טאָן אַף דער וועלט און די וועלט אַף אים. אין אָדעס איז זי אמאָל געוועזן. דאָס איז א שיינע שטאָט, און זי מיינט, אז זיי וועלן זיך איינער דעם צווייטן געפעלן.

„פעטיע, איך האָב דיך ליב!"

— אָראַנסקי!

— יאָ, כאווער פּאָליטרוק!

— פּיאָטער אָראַנסקי! קיינער פרעגט בא אײַך ניט יאָ צי ניין. איר האָט באַדאַרפט געוועזן זיך אויסציִען, א קלאַפּ טאָן מיט די אָפּצאַסן, דערנאָך צולייגן אָט אַזוי די האַנט צום דאַשעק און ראַפּאָרטירן: איך הער אײַך, כאווער פּאָליטרוק! — און שוין מיט א ווייכער שטים: — פאַר אײַך אַליין וועט זײַן בעסער, אויב איר וועט וואָס גיכער זיך שיידן מיט די ציווילע געוווינהײַטן. קלאָר?

— קלאָר, כאווער פּאָליטרוק!

די רעדער קלאַפּן אין די רעלסן, און פון אַלטקײַט קרעכצט און טרייסלט זיך דער וואַגאָן. נאָר פאַרטאָן אין זײַנע געדאַנקען, באַמערקט שוין ניט פעטיע דאָס לעצטע זוניקע גאָלד אַף די ביימער־קרוינען, די סטאַנציעס און האַלב־דרעמלענדיקע פּאָלוסטאַנקעס, וועלכע קומען זיי אַנט־קעגן צוזאַמען מיט די בלויע בייך־האַשמאַשעסדיקע שאָטנס.

אין טיראַספּאָל, באַם דניעסטער, נאָר שוין אין סאַמע מיט פון ווינטער — אין דער צײַט, ווען די שטערן לויכטן באַזונדערס העל, האָט דער זעלבער פּאָליטרוק באַגעגנט אָראַנסקין שפּאַ־צירן מיט א מיידל. פעטיען האָט זיך געוואָלט אים אויסמײַדן, נאָר יענער האָט אים א ווונק גע־טאָן, האָט ער גלײַך אָפּגעלאָזט דעם מיידלס האַנט און מיט גיכע טריט זיך געלאָזט צום פּאָליטרוק.

— אָראַנסקי! — האָט דער פּאָליטרוק קלוימערשט בייז א דראָע געטאָן מיטן פינגער. — איבערלאָזן אַזא שיינהײַט איז א ריזיקע. מע קאָן זי לײַכט בא דיר אויסכאַפּן. דו זעסט, ווי כעוורע אין בודיאָנאָוקעס פּאַרקוקן זיך אַף איר. קום, וועסט מיך באַקאַנען.

— פירע, אַנטשולדיק, דאָס איז...

— קאָטשורא, איוואַן דעמידאָוויטש, — האָט ער זיך אַליין פאָרגעשטעלט.

— פירע רופט מען מיך.

— דאָס ווייס איך שוין. אויב איר האָט ניט קעגן, וועל איך אײַך א ביסל באַגלייטן. אין עטלעכע טעג אַרום פאָרן מיר מיט אָראַנסקין אוועק.

— וווּהין? — האָט דאָס מיידל אָנגעכאַפּט פעטיען פאַר דער האַנט.

פאַר אים אַליין איז דאָס געווען אַן אומדערוואַרטע נײַס, נאָר איר האָט ער אומצופרידן געענטפערט:

— וווּהין מע וועט באַפעלן.

פירע איז א באַרויגעזע אָפּגעטראָטן אין א זײַט, און פעטיע, ווי ער וואָלט זיך געפונען צווישן צוויי פײַערן, איז געשטאַנען אין דער מיט און געפּינטלט מיט די געדיכטע וויִעס. דאַכט זיך, אויך איוואַן דעמידאָוויטש וואָלט זיך באַדאַרפט פילן אומבאַקוועם, נאָר ניין, וואָס גע־טראַכט — דאָס געזאָגט:

— פירע, איר זײַט, דאַכט זיך, פון יענע, וואָס מע רופט זיי באַרישניעס. וואָס איז אַזוי גרויס דער באַרויגעז? פעטיע האָט אײַך ריכטיק געענטפערט. ער איז בא אונדז אײַנער פון די בעסטע אין עסקאַדראָן. לאָזט אים נאָר, וועט ער אין רעכטן גאַלאָפּ אײַך אופהייבן פון דער ערד און אַוועקפירן העכער די וואָלקנס. מיר שיקן אים זיך לערנען אין דער פראָסקוראָווער קאַוואַלעריע־שול. ווייסט איר שוין דעם אַדרעס, וווּהין אים שיקן בריוו. הײַנט אַז מע דאַרף נאָך ניט קיין פּאָטשט־מאַרקעס... נו, נו... ווידער ווילט איר אונדז דערווײַזן, אַז איר זײַט א קאַפּריזע קאַלע, ווידער אָנגעבלאָזן די ליפּן. ערנוואָרט, טוט בעסער א שמייכל. ווען איך האָב אַזוינע ציין, ווי איר, וואָלט איך געשמייכלט פיר און צוואַנציק שאָ א מעסלעס. מער וועל איך אײַך ניט שטערן, — האָט ער א קלונג געטאָן מיט די שפּאָרעס.

— כאָווער קאַטשורא, איך ווי̇ל אײַך עפּעס פרעגן, נאָר איך האָב מורע, אַז פּעטיע וועט ווידער אף מיר שרײַען.

— פרעגט, פּירע.

— איר פּאָרט צוזאַמען?

— ניין, איך פּאָר אין אַקאַדעמיע, נאָר מיר וועלן זיך מיט אים נאָך טרעפן. די ערד איז דאָך קײַלעכדיק... אף ווידערזען.

מיט א געפּי̇לדער שלי̇טלען זיך פון בערגל̇ די קינדער. עס סקריפּעט דער שניי, דאָס פרעסטל̇ צופּט בא די פינגער, נאָר פּירע האָט פארגעסן אין דער מופּטע, וואָס באָמבלט זיך אף א שנירל̇. פּעטיע נעמט יעדער ווײַלע אירע הענט אין זײַנע און טוט זיי פּאַרזיכטיק א רײַב, אָדער ער טראָגט זיי גאָר צו צום מויל̇ און בלאָזט אף זיי. דער אָטעם זײַנער איז אזא וואַרעמער, אַז אין די שפּיץ פינגער פארגייען זאשפּערעס און דאָס הארץ צאַפּלט פון פרייד. גלײַך אנטרינען אלע פאַרדראָסן, און כאָטש ער איז נאָך מיט איר, נאָר זי בענקט שוין נאָך אים, טראַכט שוין מיט שרעק, וואָס וועט זײַן, אז ער וועט אוועקפאָרן, ער, איר בעסטער, איר שענסטער.

— פּירע!

— האָ?

— קאַטשורא איז דיר געפעלן געוואָרן?

— ווער, זאָגסטו?

— קאַטשורא, מײַן פּאַליטרוק.

— ניין. פון דער ערשטער רעגע האָב איך אים פײַנט באַקומען, ווי ביטערזאַלץ.

— פאַרוואָס? — ער לאָזט ארויס אירע הענט פון זײַנע.

— דערפאַר! — פאַרבײַסט זי אַן אַנגעבלאָזענע די אונטערשטע ליפּ און נעמט דרעליעווען מיטן אָפּצאַס דעם פאַרגלי̇ווערטן שניי.

— אויב אזוי, האָב איך מיט דיר ניט וואָס צו ריידן.

— דאַרף מען ניט.

פּעטיע קלײַבט זיך שוין אויסדרייען און אוועקגיין, נאָר ער דערזעט, אַז א טרער גאַנוועט זיך בא איר איבער דער באַק.

— פּירע!

— שוין דאָס נײַנצנטע יאָר, ווי מע רופט מיך פּירע. אייניקע רופן מיך אפי̇לע פּירעטשקע.

— צו געזונט. מעגסט זיך אפי̇לע קושן מיט זיי.

— אוואַדע מעג איך. איך בין אף זיך אליין א באַלעבאָסטע. און דו? אויב קאַטשורא וועט דיר הייסן זיך וואַרפן אין וואַסער — איז אין וואַסער, אין פײַער — איז אין פײַער. האָט ער געוואָלט, האָט ער אײַך, ווי די אַרעסטאַנטן, פאַרשפּאַרט אין קאַראַנטין. ס׳גלוסט זיך אים, לאָזט ער אײַך אָפּ איין מאָל אין וואָך, עלע ניט, זיצט איר אין די קאַזאַרמעס. הײַנט האָט זיך אים פאַרוואָלט דיך אָפּשיקן אין פּראָסקוראָוו, איז אָפּגעשיקט. ער זעט דאָך, אַז ער האָט צו טאָן מיט א לעמעשקע. איך כידעש זיך נאָך, וואָס ער האָט דיר ניט באַפוילן נעמען דעם וועג און מיר ניט פאַרגעלייגט זיך דורכגיין מיט אים אין קינאָ.

ווען מע איז פאַרליבט, קאָן מען לאַנג ניט זײַן אין קאַס, נאָר אירע לעצטע ווערטער האָבן אים א שניט געטאָן ביז ווייטעק. דאָס וועט ער אפי̇לע איר ניט מוי̇כל̇ זײַן. ער וועט זי צופירן ביז איר הויז, און דערנאָך גייט ער אוועק. ווי קאַוואַלעריסטן זאָגן: „אליור טרי קרעסטאַ“.

באַם געזעגענען זיך פאַרוואָרפט זי דעם קאָפּ אף הינטן — זאָל דער ווײַסער פוכיקער שניי איר פאַלן גלײַך אין פּאָנעם ארײַן. דערנאָך טוליעט זי זיך צו צו אים, קוקט לאַנג מיט אירע שײַנענדיקע אויגן און דרייט די געשײַערטע קנעפּ פון זײַן גראָבן געוואַנטענעם שינעל̇. מיטאַמאָל̇ פרעגט זי:

— קנעפּ! אײַער באַלעבאָס האָט מיך ליב? וואָס שווײַגט איר, ענטפערט!

— וואָס זאָלן זיי דיר ענטפערן, אויב איך אַליין ווייס ניט.

— וואָס זשע ווייסטו יאָ?

— איך ווייס, אַז דו ביסט די שענסטע אין דער וועלט.

דעם קאַפּריזן מיידל איז עס אָבער קנאַפּ. זי ווייסט שוין, אַז גוטס טאָר מען ניט איבערלאָזן אינמיטן וועג. ער מוז איר צוזאָגן, אַז ער וועט טאָן נאָר אזוי, ווי זי וועט וועלן. פּעטיע טוט זיך א דריי אויס אף די אָפּצאַסן און גייט אוועק. לויפן לויפט ער ניט, און דער ווינט באַווײַזט נאָך דערטראָגן צו אים, ווען ער איז שוין באַלד באַם ראָג:

— פּעטיע, פּעטינקע, איך האָב דיך ליב!

דער ווינט, וואָס האָט צעכראַסטעט די פּאָלעס פֿון זײַן לאַנגן קאַוואַלעריסטישן שינעל, האָט צוזאַמען מיט די קלאָר־ווײַסע שנייעלעך אונטערגעכאַפּט אירע ווערטער, פֿאַרדרייט זיך מיט זיי אין איין ווילדן קאַראַהאָד און הויך איבער די דעכער, איבער די נאַקעטעביימער אַוועקגעטראָגן זיי צום פֿאַרפֿרוירענעם דניעסטער, צו דער נאָענטער גרענעץ און געלאָזט זיי שפּאַצירן איבער גאָר דער וועלט.

פּעטיע האָט פֿאַרצויגן דעם רימען. פֿון דער אָנגעלאָפֿענער וואַרעמקײַט קאָן זיך טאַקע פֿאַרדרייען דער קאָפּ, נאָר ער וויל ניט זײַן גראָטן אין די לופֿטיק־לײַכטע שנייעלעך. קיינער וועט אים ניט אָפּרײַסן פֿון דער ערד.

ווי אַ גיפֿטיקע שלאַנג

...פֿאַרגליווערט ליגט דער ווײַסער צודעק אונטערן גרויען ווינטערדיקן הימל. ווען עס באַווײַזט זיך די זון, הייבט אָן יעדעס שנייעלע באַזונדער אַזוי שעמערירן, אַז ניט ווילנדיק פֿאַר־זשמורעסטו די אויגן. דאָס איז ניט דער פּוכקער שניי פֿון זײַן וואַרעמער היים, צו וועלכן, אַז דו רירסט זיך צו, סטײַעט ער ניט.

וואָס איז דאָ אונטער די שניי־הורבעס? דאָס ווייסט ער ניט. ער ווייסט עס ניט, ווײַל ער האָט די היגע ערד קיין „נאַקעטע" קיינמאָל ניט באַטראָטן און ניט געזען.

דער ווינט, וואָס וויגט די קרוינען פֿון די סאָסנעס און יעלן, האָט פֿאַרבראָינט זײַן פּאָנעם, די הויט איז ווי געקאַרבט לעדער. די וואָליקעס און דער פּעלץ, וואָס איבער דער פֿופֿײַקע, ראַטעווען ניט פֿון דער שנײַדיקער קעלט. עס העלפֿן אויך ניט די וואָלענע שקאַרפּעטקעס, די הענטשקעס און דער שלעם, וואָס די מאַמע האָט אויסגעשטריקט און אים צוגעשיקט.

ניט ווײַט פֿון דער פֿאָדערשטער פּאָזיציע שטייט אַ כוטאָר. דאָס גרויסע הויז איז טונקל־רויט. אין אַן אַנדער צײַט וואָלט ער מיסטאָמע באַמערקט, ווי אָט דער קאָליר פּאַסט זיך אַרײַן אין דעם גרויסאַרטיקן און שטרענגן לאַנדשאַפֿט. איצט איז די שטוב גאָר קיין שטוב ניט, נאָר אַ פֿעסטער בלינדאַזש, פֿונוואַנען עס צעגייען זיך אין אַלע זײַטן זיגזאַגאַרטיקע טראַנשייען. אין פֿעלד־בינאָקל קאָן מען זען, אַז פֿון בוידעם שטעקט אַרויס אַ רער פֿון אַ קוילנוואַרפֿער. די פֿענצ־טער זײַנען ניט נאָר פֿאַרקאָוועט אין אײַז, זיי זײַנען נאָך פֿאַרצויגן מיט שוואַרץ פּאַפּיר.

דער באַלעבאָס פֿון כוטאָר איז, מעגלעך, דער סנײַפּער מיט די קורצע שטעכיקע וואָנצעס, וואָס האָט זיך, ווי אַ קוקאַווע, פֿאַרקליבן אויף אַ געדיכטן בוים און לאָקערט נאָך די רויטאַרמייער, קעדיי מערן די בלוט־פֿלעקן אויפֿן שניי.

איינעם אַזאַ „פֿויגל" האָט אָראַנסקי שוין אונטערגעשאָסן און דערנאָך אַליין אים איבער־געבונדן.

ווי אַלע קאַוואַלעריסטן, האָט אויך אָראַנסקי ליב געהאַט זײַן פֿערד מיט דעם שלאַנקן אויס־געבויגענעם האַלדז און די „ווײַסע זאָקן" אויף די פֿיס. דערזעענדיק זײַן באַלעבאָס, פֿלעגט דאָס צעפּלאָשעטע פֿערד אויפֿהייבן דעם קאָפּ נאָך העכער, ווי עס וואָלט אים וועלן באַגריסן. זיי האָבן זיך גוט פֿאַרשטאַנען. אַ שאָד, וואָס אָנשטאָט דעם פֿערד ליגן איצט לעבן אים גאָר אַ פּאָר אָנגע־פֿרוירענע ליזשעס. אַז מע רירט זיך צו צו זיי, ווערט די קעלט אין צוויי מאָל שטאַרקער.

שוין אין די לעצטע טעג פֿון דער פֿינלענדישער מילכאָמע איז אָראַנסקי שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן. עס האָט ערגעץ אַ הוקע געטאָן אַ מינענוואַרפֿער, אַ שטיק פֿײַער האָט אַ בלענד גע־טאָן, און אָראַנסקי איז געבליבן ליגן אויפֿן שניי מיט אַ שפּליטער אין דער רעכטער זײַט קאָפּ. צוערשט האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער קאָפּ איז אים געוואָרן אומגעהייער גרויס און שווער. מיט אַ קאַנאָנאַדע־געהילך רײַסט זיך פֿון שאַרבן דער מאַרך. ער וואָלט אים געוויס דערזען, ווען ער איז בעקויעך אויפֿהייבן די שווערע אויגן־לעפֿלעך.

פֿון גראָבע צווײַגן האָט מען געמאַכט אַ טראָגבעטל, עס אײַנגעמאָסטעט אויף צוויי פּאָר ליזשעס, און אַזוי האָט מען אים, קוים אַ לעבעדיקן, דערשלעפּט ביזן סאַניטאַר־באַטאַליאָן און פֿון דאָרט אויף אַ לאַסטמאַשין אין שפּיטאָל, וועלכער האָט זיך געפֿונען ערגעץ ווײַט פֿון דער פֿראָנט־ליניע, אין אַ געדיכטן סאָד.

נאָך געדענקט ער, ווי אין עטלעכע טעג נאָך דער אָפּעראַציע איז צו אים געקומען די מאַמע. זי איז געזעסן לעבן אים, אירע אויגן האָבן זיך געטרונקען אין טרערן, מיט אַ פֿײַכט שטיקל מאַרליע האָט זי באַנעצט אים די איבערגעטריקנטע ליפּן, געוואַשן דעם גומען און פֿאַר־זיכטיק געפּויעט מיט יויך.

ער פֿלעגט נאָר באַווײַזן אַ טראַכט טאָן, אַז ער דאַרף איר עפּעס זאָגן, פֿלעגט זי זיך אָנ־בייגן צו אים און צולייגן די האַנט צום אויער. גערעדט האָט ער אַזוי שטיל, אַז פֿון אָנשטרענ־גונג עפּעס צו דערהערן איז אויף איר שטערן אויפֿגעלאָפֿן אַ בלויער אָדער.

ווען ער האָט שוין געקאָנט אופהייבן דעם קאָפּ פון קישן און זיך אפילו דערקלײַבן צו דער טיר, איז צו אים געקומען קאָטשורא. א פארשיקערנדיקער שטראָם לופט, אן אָנגעפּויעטער מיטן רייעך פון ליפּע־צוויט, האָט זיך ארײַנגעגאָסן אין דער אָפענער פאָרטקע. אין דער נעסט אפן ברייט־פארצווײַגטן בוים, צו וועלכער ער האָט זיך אופמערקזאם צוגעקוקט אין די פּוסטע שאָען פון ליגן און ניט וויסן, וואָס מיט זיך צו טאָן, האָט זיך שוין לאנג אויסגעפּיקט קליינוווארג און איצט לערנט עס זיך פליִען.

אין אזעלכע שאָען ווילט זיך גאָרנישט ניט הערן, אפילו קיין הויך קאָל, און דאָ דערציילט איוואן דעמידאָוויטש אזוינס, וואָס טוט א קאַלופּע באם הארצן און דערמאָנט אין דעם גרילצן פון טאנקען און קנאלן פון הארמאטן.

— אין אפּרעל האָבן זיי א פּיק געטאָן סקאנדינאוויע און לײַכט פארכאפּט דענעמארק און נאָרוועגיע. ווייסטו דאָך, ברודערקע, אז דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן. אין אָנגריף איז איבער־געגאנגען זייער מײַרעוו־פראָנט און גיך אײַנגעשלונגען די נידערלאנדן און בעלגיע. די פראנ־צויזישע ארמיי איז צעקלאפּט. פאראטן פון די פארקויפטע גענעראלן, טרעט זי אָפּ און קאָן זיך ניט אָפּשטעלן. די מאזשינאָ־ליניע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט די פראנצויזן פינף מיליארד פראנק, די גאנצע הונדערט פופציק קילאָמעטער בעטאָן־קאזעמאטן, שטאָלענע טורעמס, אונטערערדישע גאלערייעס, וועלן איצט צוניץ קומען סײַדן פאר ווײַנקעלערס. די פאשיסטן, א פּײַער אף זיי, וואָס האָבן זיי באדארפט קריכן אף אזא פעסטונג? זיי זײַנען בעסער געגאנגען דורך בעלגיע.

פּיאָטער האָט זיך אופגעהויבן אף די עלנבויגנס.

— ווארט, ווארט, דו ווילסט פרעגן, וואָס טוען די ענגלענדער? זייער מיליטער אין פראנק־רײַך, אין בעלגיע האָט דערזען, אז עס האלט שמאָל, האָט עס אלץ אוועקגעוואָרפן און זיך א ריס געטאָן אהיים. ס׳איז זיי אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם. איצט, ווען זיי זײַנען געבליבן אויג־אף־אויג מיט די פריצן, וועלן זיי, מעגלעך, פארשטיין, וואָס זייער טשעמבערלען האָט אָפּגעטאָן אין מינכען.

אף דער שוועל פון דער ווײַס־געפארבטער טיר האָט זיך באוויזן דער פעלדשער — א נידעריק בלאָנד באָכערל, וואָס פלעגט ניט פארשפּיליען דעם כאלאט, קעדיי מע זאָל זען די נײַיִנקע געלע פּאָרטופּייע. די קוביקעס און שפּאלעס פון זײַנע פּאציִענטן האָבן בא אים ארויס־גערופן גרויס אכטונג. דעם פליִער, וואָס איז געשטאנען אָנגעשפּארט אף די מיליצעס און זיך צוגעהערט צום שמועס, האָט ער צוגעפירט צום בעטל און דעם גאסט („זע נאָר, צוויי שלאכט־אָרדענס") האָט ער שעמעוודיק באוויזן אפּן וואנטזייגער.

— זײַ רויִק, — האָט אים איוואן דעמידאָוויטש אָפּגעענטפערט, — איך ווייס ניט ערגער פאר דיר, מיט וואָס פאר א זאלב מע דארף זיי היילן. מע דארף קענען טיילן ניט נאָר פרייד. ווען מע האָט ניט געטאָרט, בין איך ניט געקומען, — געקומען איז די מאמע. און הײַנט לאָז אויס־ריידן דאָס הארץ.

דער פעלדשער האָט אים געפאָלגט, נאָר דער שטענדיקער שמייכל זײַנער איז מיטאמאָל פארשוווּנדן. הער א מײַסע, כידושים, און גאָר. קאָמיסארן, האָט ער געמיינט, זײַנען שטענדיק האָפערדיק געשטימט. דער טראָגט אויך א זײַדן שטערנדל אפן ארבל, און כאָטש געזונט איז ער, נאָר עס יאטערט בא אים אין הארצן א ווונד, וואָס צו קיין דאָקטער, ווײַזט אויס, גייט מען ניט מיט איר, איז ער געקומען צו זײַן כאווער, וואָס ליגט, ווי אן אונטערגעשניטענער דעמב, זיך לײַכטער מאכן דאָס הארץ.

דער פליִער וויל וויסן, פונוואנען קומט עס צו די דײַטשישע פאשיסטן אזא מאנקאָליע — דער ראסיזם.

קאָטשורא צעשפּיליעט זײַן פעלדטאש, נעמט פון דאָרט ארויס א בוך און זאָגט:

— איר ווילט, כעוורע, וועל איך אײַך איבערלייענען, וואָס היינריך היינע האָט וועגן דעם געשריבן נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק. הערט, אָבער שטיל זאָל זײַן: „א מאָדנע זאך! ניט געקוקט אף זייער אמעראצעס, האָבן די אזויגערופענע אלטגערמאנער איבערגענומען בא דער דײַטשי־שער געלערנטקײַט א געוויסן פּעדאנטיזם, וואָס איז פּונקט אזוי עקלהאפט, ווי לעכערלעך. מיט וואָס פאר א מין קליינלעכער גריבלערײַ מע האָט עס געכקירעט וועגן דעם, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די סימאָנים פון דער דײַטשישער נאציִאָנאליטעט, ווו הייבט זיך אָן א גערמאנער, ווו לאָזט ער זיך אויס! אין א ווײַנקעלער אין געטינגען האָב איך איינמאָל באוווּנדערט, מיט וואָס פאר אן ערנסטקײַט מײַנע אלטגערמאנישע פרײַנט האָבן צוגעגרייט שווארצע צעטלען פאר יענעם טאָג, ווען זיי וועלן נעמען די מאכט אין זייערע הענט. ווער עס האָט נאָר, זאָל זײַן אינעם זיבעטן דאָר, געשטאמט פון א פראנצויז, פון א ייִדן צי פון א סלאוו, איז פארורטיילט געוואָרן פארטריבן צו ווערן".

ווי איר זעט, האָט מען שוין דעמלט געזוכט און קלוימערשט געפונען א טערעץ, פארוואָס מע מעג און מע דארף פאָרן רײַטנדיק אף די „פרעמדע“ און „נידעריקערע“ פעלקער, פארכאַפּן נײַע לענדער און פארוואנדלען זיי אין קאָלאָניעס. אוואדע האָט דער פאשיזם פארטיפט און פארברייטערט די „ראסן־טעאָריע“, פון וועלכער עס האָבן אזוי געלעקט די פינגער זײַנע בלוטדאָרשטיקע זיידעס. איז כידעשט זיך ניט און מיינט ניט, אז די היטלעראָווצעס זײַנען פון הימל אראָפּגעפאלן.

דער דריטער אין פאלאטע איז א סאפיאָר־אינזשעניער, וואָס איז ארוף אף א מינע און איצט סטארטשעט בא אים די איבערגעבונדענע פארגליווערטע האנט, ווי א פליגל פון אן עראָפּלאַן. ער האָט צוגערוקט נעענטער דעם טאבורעט, אף וועלכן ער איז געזעסן, און זיך געווענדט צו איוואן דעמידאָוויטשן:

— אף די נאָענטע און ווײַטע שכיינים האָב איך אויך פריִער ניט שטארק אויסגערעכנט. מיר ווייסן, ווער עס האלט דאָרט דעם רודער אין די הענט. נאָר וואָס קלײַבן מיר זיך טאָן?

אָראנסקי האָט מיט ווייטעקלעכן אומרו אים איבערגעשלאָגן און פארענדיקט זײַן געדאנק:

— ווער זשע, אויב ניט מיר, וועט אָפּהאקן דער גיפטיקער שלאנג דעם קאָפּ?

— זעסטו, פיאָטער, איך פאָר טאקע פון א סעמינאר, נאָר ניט וועגן אלץ האָט מען אונדז דערציילט. מיט וועלכן וועג דער פאשיזם זאָל זיך ניט רוקן פאָרויס, וועלן מיר, און ניט עמעצער אנדערש, אים מוזן אָפּשטעלן און צעפלעטן דעם קאָפּ. די ערד איז דאָך קײַלעכדיק, הא, פיאָטער?

אין מאָסקווע איז אָראנסקי פונעם לענינגראדער וואָקזאל אוועקגעפאָרן גלײַך אין האָטעל באם הויז פון דער רויטער ארמיי, נאָר צוליב דער פאָרשטייענדיקער פיזקולטור־אָלימפּיִאדע זײַנען אלע נומערן געווען פארנומען. פארפאָרן צו זײַנע ווײַטע קרויווים האָט זיך אים ניט געגלוסט. איז ער געשטאנען אין פארלעגנהײַט, ניט געוווּסט, וואָס הייבט מען אָן צו טאָן. אין שפּיגל האָט ער דערזען, ווי איבערן קאָלירטן טעפּיך, וואָס איז אויסגעשפּרייט אף די ברייטע טרעפּ, שפּאנט דער געוועזענער מיליטערישער קאָמענדאנט פון זאטישיע, ווו אָראנסקי האָט געדינט, — געאָרגי ניקאָלאדזע.

— א שאָק מיט יאָרן זיך ניט באגעגנט, — האָט ניקאָלאדזע אויסגעשפּרייט צו אים די הענט און זיך צעשמייכלט אזוי, פונקט ווי ער וואָלט וועלן באשטעטיקן, אז אף אלע זײַנע צוויי און דרײַסיק ציין איז ניטאָ קיין איין פּגאם, — קום אין רעסטאָראן. פאר אזא באגעגעניש איז קעדײַ אויסטרינקען און פארבײַסן.

— א דאנק, איך דארף פריִער געפינען אן אָרט, ווו דעם קאָפּ צוצושפּארן.

— אײַ ווײַ! פון אלץ, טײַערער, מאכסטו א וועזן. פארגעסט, אז אונדזער לעבן איז אין פארגלײַך מיט דער אייביקײַט איין אויגנבליק. טו א ווונק צו אָט דער פרײַלן, וואָס זיצט באם טיש און פארבט די ליפּן. זי וועט דיר אָפּגעבן א גאנצן שטאָק.

— שוין גערעדט מיט העכערער נאטשאלסטווע. אפילע קיין בעטל אין צוזאמענוווינונג איז ניטאָ.

— מיט „נאטשאלסטווע“ האָט ער גערעדט! דו ביסט נאַיִוו ווי א קינד. פארלאָז זיך בעסער אף מיר...

די טישן אין רעסטאָראן זײַנען געדעקט מיט אָנגעקראכמאלעטע טישטעכער, באצירט מיט בלומען, קעלישעקלעך, פּוזשערן. אָראנסקי האָט גענומען שטודירן די מעניו. אף דער ערשטער זײַט זײַנען געווען אויסגערעכנט די קאלטע מײַכאָלים און צובײַסנס — סאלאטן פון קאָל־האמינים: מיט אייער, מיט פלייש, מיט וווּרשט, מיט קראבן. דאָס אלץ, האָט ער א טראכט געטאָן, האָט א גראָשן די ווערט. ער האָט איבערגעהיפּערט די סאלאטן און בוליאָנען און ווידער גענומען לייענען: בעפסטראָגאנאָוו, ביפשטעקס, לאנגעט, באסטורמא. גאָט מײַנער, מע קאָן מיינען, אז דער רעסטאָראן געפינט זיך ניט אין מאָסקווע, נאָר ערגעץ אף א ווײַט אינדזל, ווו מע רעדט אף אזא מאָדנער פויגלשער שפּראך.

— דו, פיאָטער, ווילסט טאקע אויסכאזערן די מעניו אף אויסווייניק, זאָרג זיך ניט. איך האָב שוין באשטעלט. וואָס ווילסטו טרינקען — בראנפן, צינאנדאלי? — און גלײַך האָט ער גענומען מיטן גרײַצער אופקאָרקעווען די פלעשער.

— שאמפּאניער.

— וואָס? דו מיינסט, איך געדענק ניט, ווי אין זאטישיע, אפן וואָקזאל, האָסטו אויסגעזשליאָקעט א האלבן ליטער בראנפן, פארביסן מיט א זויערער אוגערקע און דערנאָך זיך געזעצט מיט מיר שפּילן א צווייטע פארטיע שאָך? דאכט זיך, דו האָסט זי אפילע געוווּנען.

— מיסטאמע פארשפּילט. דערווײַל טאָר איך ניט טרינקען. איך פאָר פון שפּיטאָל.

— גאָר פאַרגעסן. אײַער דיוויזיע איז דאָך געווען אפן פינישן פראָנט. מע זאָגט, ס׳איז דאָרט געווען גוט הייס. דערצייל.

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן? דאָרט איז געווען קאַלט.

— בא דיר, פּיאָטער, איז הײַנט א שלעכטע שטימונג. דו מיינסט, מע וועט דיך באַפרײַען פון דער ארמיי?

— ניין, וועגן דעם קלער איך ניט. איצט איז ניט די צײַט. וואָס קוקסטו אַף מיר אזוי? טרינק!

— זאָרג זיך ניט, די דײַטשן וועלן זיך מיט אונדז ניט אָנהייבן. זיי האָבן ליב צו שלאָגן זיך מיט שוואַכינקע, נאָר אויב זיי וועלן נעמען קריכן צו אונדז, וועלן מיר זיי אָט אזוי־אָ! — געאַרגי האָט מיטן גאָפּל אָנגעשטאָכן א דין ריפּטעלע קעז. — די יאַפּאַנער וועלן זיי קומען צוהילף? — ער האָט אָנגעסילעט אפן גאָפּל דאָס לעצטע ריפּטעלע קעז. — די איטאַליענער וועלן מיר באַווײַזן א פויסט און אָנשרײַען: זיצט אײַך, מאַקאַראָניקעס, אין אײַער פלאָרענציע, אניט וועלן מיר אײַך באַווײַזן, ווו שווארצער פעפער וואַקסט. וואָס שמייכלסטו? דו מיינסט, איך בין שוין שיקער. צי עפּשער האָבן דיך די פינען אזוי אָנגעשראָקן, אז ווען ס׳קליאַמצען גאָפּלען, מיינסטו, אז דאָס זײַנען ביקסן.

— קיינער האָט מיך ניט אָנגעשראָקן. נאָר איך האָב געמיינט, אז דו ביסט קליגער. צום אומגליק, פעלן ניט בא אונדז אזעלכע קאָמפּלימענטשן, ווי דו. אַף מאַכן מיט די הענט און האַלטן דראָשעס איז מען גרויסע ספּעציאַליסטן... הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן...

פון שכיינעסדיקן טישל איז עמעצער צוגעגאַנגען, געשטאַנען א רעגע און געבעטן צוריי־כערן. אַף דער קײַלעכדיקער עסטראַדע, אין סאָף זאַל, האָבן זיך באַוויזן די מוזיקאַנטן און זיך א נעם געטאָן פאַר די קיילים: ווער פאַר דער פּלייט, ווער פאַר דעם פּויק מיט די בלישטשענדיקע טאַצן. אָנגעהויבן האָבן זיי פון „קאַטיושאַ“.

— פּיאָטער, איך וועל זיך צונויפרײדן, און מע וועט אונדז נאָך הײַנט אריבערפירן אין א באַזונדער צימער. מאַסקים? דאָס געשפּרעך וועלן מיר פאַרזעצן דאָרט. איצט לאָמיר אויסטרינקען נאָך צו איין גלעזעלע פאַר דעם, אז זײַן זאָל אזוי, ווי איך זאָג, און ניט ווי דו. אָך, ווי מיר ווילט זיך ניט, אז דו זאָלסט זײַן דער גערעכטער. איך וויל ניט און — באַסטאַ!

אָראַנסקין זײַנען מיִעס געוואָרן דער טומל אין זאַל, די גרויע וואָלקנס רויך, דאָס גרימפּלען פון דעם דזשאַז. עס האָט זיך אים פאַרוואָלט אליין דורכשפּאַצירן זיך איבער דער באַנאַכטיקער שטילער שטאָט. ער האָט זיך אַפגיך אָפּגעזעגנט מיט ניקאָלאַדזען און איז אוועק, ווי א געיאָגטער.

לאַנג האָט ער זיך ארומגעדרייט איבער אומבאַקאַנטע גאַסן און געסלעך. אַף צוריקוועגס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַף טרובנע. אין מאָסקווע איז ער ניט צום ערשטן מאָל, און גראָד אָט דער געדיכט באַוואַקסענער מיט עלעקטרישע אָדערן אומגעלומפּערטער פּלאַץ, וואָס האָט זיך, ווי אן אומגעריכטער גאַסט, ארײַנגעריסן צווישן צוויי בולוואַרן — ראָזשדעסטווענסקי און פּעט־ראָווסקי, געפעלט אים זייער.

די טראַמווײַען, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ־באַרג פון סרעטענקע, שטעלן זיך אָפּ און לאָזן זיך ווײַטער ניט פריִער, ווי זיי באַקומען א האַסקאָמע פון טרובנע. זיי דערנענטערן זיך צום פּלאַץ אזוי לאַנגזאַם און שטיל, ווי זיי וואָלטן מוירע געהאַט מיט עפּעס דערצאָרענען אים. אָט דער אַלטער פּלאַץ, וואָס געפינט זיך בלויז אלפּי־טאָעס אין א טאָל, געוועלטיקט איבער אַלע ארומיקע גאַסן און בולוואַרן.

אז טרובנע קאָן זיך טאַקע צעווילדעווען, ווי א נאַראָווּיסטע פערד, וועלכן מע פּרוּווט צום ערשטן מאָל אָנזאָטלען, האָט ער אמאָל שוין אליין געזען. דאָס איז געווען אין אן אָנהייב־זומער־דיקן טאָג, נאָך א שלאַקסרעגן, און אָט דאָ, ווו עס שלענגלען און קרייצן זיך איבער די טראַמווײַ־רעלסן, האָט א פּאָר שאָ געבושעוועט א בייזער געוויסער און פאַרכאַפּט מיט זיך אַלץ, וואָס עס האָט געטראָפן אפן וועג.

דאָס האָט זיך ארויסגעריסן אַף דער פרײַ פון די שטאָלענע רערן דאָס טײַכל נעגלינקע און האָט ווילד געהוליעט, ביז מע האָט עס צוריק פאַרטריבן אין זײַן רו ארײַן.

ווידער האָבן אין דער בלוילעך־באַנאַכטיקער לופט געהילכט זײַנע שריט איבערן שטיינער־נעם ברוק. א פאַרשפּעטיקטע דורכגייערן, וואָס איז ארויס אַנטקעגן פון צוועטנאָי בולוואַר, האָט אַף א רעגע זיך פאַרהאַלטן, נאָר דערזען, אז עס גייט א מיליטערמאַן, האָט זי זיך, ווײַזט אויס, באַרויִקט און מיט דריבנע, שנעלע טריט גענומען מעסטן דעם טרובנע־פּלאַץ.

עס האָט זיך דערהערט אן איבערוף פון קלאַנגען:

— טאָפּ־טאָפּ!

— צאָק, צאָק, צאָק!

אָראַנסקי האָט זיך אויסגעגלײַכט, ווי עס פּאַסט פאַר א קאַוואַלעריסט. טאָפּ! טאָפּ! און פון־דערווײַטן א ביסל שטילער האָט געענטפערט: צאָק, צאָק, צאָק...

די עלעקטרישע פּײַערדיקע ווערטער איבערן צירק, וואָס האָבן צו וויסן געגעבן, אַז דאָ איז ער טאקע, דער צירק, זײַנען געווען אויסגעלאָשן. לעבן דער שוין פון לאַנג אָפּגעברענטער קײַלעכדיקער געבײַדע, וואָס שטייט דערנעבן, שושקעט זיך א פאַרליבט פּאָרל. באַם מארק זיצט אָף אַן איבערגעקערטער פאַס דער וועכטער און דרעמלט. אַנגעטאָן איז ער, ווי אין דרויסן וואָלט געסמאַליעט א פראָסט.

ביז סאמאָטיאָקע באַגעגנט פּיאָטער מער קיינעם ניט. נאָר איבערן סאדאָווער רינג אײַלט א מאשין פון „גיכער הילף". וואָס הודעט זי אזוי? דער וועג איז דאָך פרײַ און קיינער שטערט איר ניט צו יאָגן אפילע מיט אזא שנעלקייט. מיסטאמע איז עמעצן זייער שלעכט און מע פירט אים אין סקליפאָסאָווסקי־אינסטיטוט, און עפשער דאַרף געבוירן ווערן א נײַער מענטש און דאָס קרעכצט אזוי די מאשין צוזאמען מיט דער קימפּעטאָרן? ווען דער נײַער מענטש וועט אויסוואַקסן, וועט ער מיסטאמע בלויז פון דער ענציקלאָפּעדיע זיך דערוויסן, וואָס איז אזוינס פאשיזם און מיט וואָס ער האָט געדראָעט.

— כאווער קאָמאנדיר, גייט אָפּ אין א זײַט. מיר בײַטן דאָ די טראַמוויי־רעלסן.

— אנטשולדיקט, איך האָב זיך פארטראַכט.

— עס טרעפט. מיט א פּאַפּיראָס וועט איר מעכאַבעד זײַן?

— ביטע, „בעלאָמאָר"[1]. אויב איר ווילט, קאָן איך אויך אונטערשטעלן א פלייצע.

— א דאנק. מיר וועלן זיך אליין ספּראַווען.

— א גוטע נאכט.

— א גוטע נאכט, נאָר עס שאַריִעט שוין אָף טאָג.

בא דער שוועל פון האָטעל האָט ער זיך פאַרהאַלטן און א קער געטאָן דעם קאָפּ אָף לינקס, פונוואַנען עס האָט זיך געטראָגן א געוואָי פון מאָטאָרן. נײַינקע אוטאָמאָבילן מיט ווײַסע, בײַכיקע ציסטערנעס און גרויסע בערשטלעך פון דראָט האָבן זיך געלאָזט פאַרטאָג אויסוואשן און צופוצן די הויפּטשטאָט.

דער מיליטערישער לאַגער האָט זיך צעשפּרייט אָף א לאָנקע, ארום וועלכער עס האָבן זיך צעוואַקסן גראבעס און דעמבעס. אָראנסקי האָט ליב דאָס זומערדיקע „לאַגער־לאַנד", און אָט שפּאַנט ער א צופרידענער איבער דער ריין־אויסגעקערטער סטעזשקע, וואָס פירט צום שטאַב.

דער קאָמיסאר פון פּאָלק איוואַן דעמידאָוויטש קאָטשורא האָט איבערגעגעבן, אַז ער זאָל צוּוואַרטן. דרייט ער זיך ארום צווישן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן זיך אויך פון ערגעץ אומגעקערט און דערציילן, שטארק אופגערודערטע, ווי זיי האָבן „דורכגעקעמט דעם וואַלד", „אַנגעזאָטלט דעם וועג", „איבערגעמאָלט די טעכניק". אלע זײַנען זיי צופרידן. איז וועמען האָט מען „אויסגעקעמט", „אַנגעזאָטלט" און בא וועמען האָט מען „איבערגעמאָלט די טעכניק"? אוודע זײַנען אזוינע אויך דאָ, נאָר גראָד זיי האַלטן זיך איצט וואָס ווײַטער פון שטאַב.

דער קאָמיסאר האָט געבעטן אַרײַנגיין. ער איז שטארק אופגערעגט. פּיאָטער האָט געהערט, ווי ער האָט נאָרוואָס עמעצן געשניטן מיט ווערטער, ווי מיט דער שארף פון א שווערד. אוודע איז ער צופרידן, וואָס אָראַנסקי האָט זיך אומגעקערט, נאָר יענער...

— דו פארשטייסט, ער האָט צוויי קינדער און א ווײַב, וואָס ארבעט פון פרי ביז שפּעט אין קאָלווירט. איז ניט נאָר קיין געלט, שוין העכער א יאָר, ווי ער האָט זיי קיין בריוו ניט גע־שיקט. זע, וואָס זײַן טאָכטערקע שרײַבט מיר: „איך האָב אמאָל געהאַט א טאַטן און זיך געגרויסט, וואָס ער איז א קאָמאַנדיר". איך האָב געמיינט, אז בא אים וועט דאָס האַרץ אָנהייבן גליִען פון כארפּע, און ער שטאמלט, לײַגט, פאַרענטפערט זיך. אים געפעלט ניט, פאַרשטייסטו מיר, וואָס זײַן פרוי איז א פּאָשעטע פויערטע. „לאָבאָדאַ, — פרעג איך אים, — וואָס וואָלטן מיר מיט דיר געגעסן, ווען ניט אָט די פּאָשעטע פויערטע? און די מאמע דײַנע, זאָג איך אים, איז געווען גראַ־פיניע פּאָטאָצקאַיאַ?" איך געדענק דאָך אים, ווען ער איז צו אונדז געקומען — אזא יונטשיק אין אָן אָפּגעריבענער סוויטקע און אין פּאָסטעלעס. ער האָט דאָך קוים געוווּסט דעם אַלעפבייס. איז אָף א טעכניקער האָבן מיר אים אויסגעלערנט און קיין מענטשן האָבן מיר פון אים ניט גע־מאכט. איך האָב אים אַרײַנגעטיילט, ער וועט עס אָף לאַנג פאַרגעדענקען. נאָר ווו, פרעגט זיך, בין איך געווען פריִער? דו גיי אָרדן זיך אײַן. רו זיך אויס, און מאָרגן וועלן מיר מיט דיר א שמועס טאָן.

קאַיאָר. דאָס געלעגער איז פײַכט פון טוי. עס שמעקט מיט היי. די לופט איז קיל. נאָר גראָד אין די מינוטן ווילט זיך ניט שיידן מיטן שלאָף. איבער דער צענטראַלער אַליי שפּאַנט א יונגער

[1] א מארקע פּאַפּיראָסן.

רויטארמייער. ער באקוקט דעם לאגער, ווי א באַלעבאָס זײַן האָב־און־גוטס. די לינקע האנט האַלט ער אָנגעשפּאַרט אין דער זײַט. אין דער רעכטער איז בא אים א גלאַנציקע מעשענע טרויב. אָט פאַרגיסט ער דעם קאָפּ און באגריסט מיט א גוט־מאָרגן די וועלט:

— טרא־טא־טא־טא־טא־טא! טרא־טא־טא־טא־טא־טא!

די טוּווּס און די ווילדגראָזן אף די פעלדער, דיביימער, קוסטעס און קוויטן אין וואַלד, די איינציקע ווערבע אין באַלקע און דאָס טײַכל — א דין בײַוועלע, וואָס וויל דערגרייכן צום לימאַן, — אַלע הערן, זיי גיבן זיך א שטילן ריגעווע און כאַזערן איבער:

— טרא־טא־טא־טא־טא־א־א!

אַראַנסקי ווארפט אראָפּ פון זיך די קאָלדרע. ער איז גליקלעך, ווי א קינד. ער וועט אפילע גאָרנישט ניט זאָגן דעם רויטארמייער, וואָס זינגט אזוי קונציק אין טאקט צו דעם טרא־טא־טא:

צע טאָבי נע דאָמאַ,
צע טאָבי נע דאָמאַ,
ווסטאַווײַ!
ווסטאַווײַ!
ווסטאַווײַ![1]

אַראַנסקי האָט שוין אף זיך אויסגעגאָסן אַן עמער קאַלטע וואסער, ביז רויט אָנגעריבן די פּלייצע מיטן הארטן האנטעך, זיך געבויגן אף רעכטס און אף לינקס, זיך געהויבן אפן טורניק. ער האָט שוין אָפּגעגעסן פרישטיק, און אין זײַנע אויערן קלינגט נאָך אַלץ: „ווסטאַווײַ, ווסטאַווײַ, ווסטאַווײַ!"

— ווסטאַט![2]

ניין. דאָס ווײַזט זיך אים שוין ניט אויס. דערהערט די קאָמאַנדע, זײַנען אַלע אופגעשפּרונגען פון די ערטער און שטיין געבליבן ווי פארגליווערט. עס האָבן זיך צוניפגענומען אַלע מיטעלע און עלטערע קאָמאַנדירן. אין א האלבער שאָ ארום האָט דער פּאָלק פארלאָזט דעם לאגער.

און ווידער אָנגעשטרענגטע טעג פון וואנדער־לעבן. דאָס מאָל — הארט בא דער נײַער גרענעץ, אין בעלץ — א שטאָט, ווו יעדער צווייטער איז א ייִד און קימאט אין יעדער שטוב הערט מען שטעפּן א ניי־מאשין אָדער קלאָפּן א שוסטערש העמערל, אויב ניט, זיצט, מיסטאמע, די באַלעבאָסטע אין א קלייטל. דאָ זײַנען פאראן אזויפיל קלייטלעך, אז ס'איז נאָר צו באוואונדערן, ווער וועמען פארקויפט די פארלעגערטע סכוירעס, ווער וועמען גיט עס צו פארדינען אף מאמע־ליגע מיט מילך.

יויעל גענדלער, בא וועמען אַראַנסקי האָט געדונגען א צימער, איז געווען א כעזשבנפירער. איצט איז ער געוואָרן א הויפּט־בוכהאלטער אין אַן ארטעל און האָט זיך שטארק געגרויסט מיט דעם. אַראַנסקין האָט ער ליב געהאט מעכאבעד זײַן מיט שטארקער טיי און פלעגט שטענדיק זיך בארימען, אז קיין בעסער אײַנגעמאכטס, ווי בא זײַן בראָכע, איז ניטאָ אפילע אין קעשענעוו.

פּריִער אָדעס

איין אופרײַס, א צווייטער. דאָס האָבן פון לויטערן הימל אומגעריכט זיך א שאָט געטאָן באָמבעס. וויפל דארף בא א געשולטן סאָלדאט געדויערן דאָס אָנטאָן זיך? איצט איז יעדער רעגע לאנג, ווי דער גאָלעס. ניטאָ קיין צײַט געזעגענען זיך. שוין אף דער שוועל ווארנט ער די באַלע־באטים:

— אפּגיך פון שטוב, דערווײַל פארקלײַבט זיך אין קעלער.

— או־ו־ו־ו! — וואָיען די סירענעס. זייער געהויל שרײַט איבער דעם טראסק פון די זעניט־קעס און פארגרעסערט נאָך מער די פּאניק. אומזיסט סטארעט זיך דער פארשפּעטיקטער אָנ־זאָגער: די צאָרע איז שוין דאָ, זי איז שוין אף דער שוועל. דער אַליארעם־סיגנאַל האָט באדארפט

[1] ס'איז דיר ניט אין דער היים,
ס'איז דיר ניט אין דער היים.
שטיי אוף!
שטיי אוף!
שטיי אוף!

[2] אופשטיין!

אָנהייבן צו שטורעמען נאָך פאַר דעם, ווי די האָרדע באַרבאַרן אין די גרינע, געפלעקטע, ווי פרעש, מאַסקיר־כאַלאַטן האָט צו דאָרעם און צאָפן פון יאַס פאָרסירט דעם פרוט און געלאָזט זיך אין אָנגריף אַף סאָראָקע, אָרגײעוו, קעשענעוו. די סירענע האָט זיך באַדאַרפט לאָזן הערן, נאָך איידער די הונדערט זיבעציק פײַנטלעכע דיוויזיעס האָבן זיך אויסגעשטעלט לענגאויס אונדזערע גרענעצן פונעם באַרענצעווער ביזן שוואַרצן יאַם.

אָראַנסקי לויפט איבערן טראָטואַר און פרוווט אָפּשטעלן דעם באַלעגאָלע, וועלכער שמײַסט די צעווילדעוועטע פערד. וואָס וויל ער? איבעריאָגן די מעכטיקע אַעראָפּלאַנען? ער ווייסט נאָך ניט, אַז באָמבעס פאַלן שוין אַף קיִעוו, זשיטאָמיר, סעוואַסטאָפּאָל, קאַונאַס...

ערשט אין אָנדערהאַלבן שאָ אַרום, ווען אָראַנסקיס קוילנוואַרפער איז געווען אָנגעגליט אַף ניט צורירן זיך, האָט היטלערס געזאַנדטער אין מאָסקווע פאָן שולענבורג מיטגעטיילט, אַז דײַטשלאַנד מעלדעט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד מילכאָמע.

די ערד האָט שוין געפלאַמט און געפלאַקערט, און אין מאָסקווע האָט מען נאָך פון די הויכריידער ניט געהערט דאָס וואָרט „מילכאָמע“, מע האָט זיך נאָך אין דעם אָפּרו־טאָג געקליבן אַף די אינדערפריִענדיקע ספּעקטאַקלען. אין פיליִאַל פון גרויסן טעאַטער האָט געדאַרפט גיין „דעמאָן“, אין קינסטלערישן — „דער בלויער פויגל“, דער קיִעווער פראַנקאָ־טעאַטער, וואָס האָט גאַסטראָלירט אין מאָסקווע, האָט געשטעלט „אין די סטעפּעס פון אוקראַיִנע“.

ווען אָראַנסקי האָט, אָפּטרעטנדיק מיט זײַן טייל, זיך אומגעקערט קיין בעלץ, איז שוין די שטאָט געווען ניט צו דערקענען. בלינדע, פאַרקלאַפּטע פענצטער, אָפּגעסמאַליעטע, צעוואַלגערטע ווענט, טיפע גריבער אַף די גאַסן, דער קעלער און דאָס הויז, וווּ ער האָט געוווינט, זײַנען געווען פּוסט.

מיט שלאַכטן האָבן זיי פאַרלאָזט עפּעס אַ דאָרף, וואָס דעם נאָמען זײַנעם האָבן זיי אַפילע ניט געוווּסט, און זיך פאַרקליבן אין אַ פאַרפריִער צוגעגרייטן, נאָר פּוסטן שוצגראָבן. זיי האָבן זיך געגרייט באַגעגענען די דײַטשישע טאַנקען. נאָר פאַרוואָס הערט מען זייער הודזשען ערגעץ לינקס און עס ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער? זאָל עס זײַן דערפאַר, ווײַל איינעם האָבן זיי מיט אַ בינטל גראַנאַטן הײַנט אונטערגעקלאַפּט? די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען זיך דרייען אַף איין אָרט מיט אַזאַ גרילץ, ווי דער טאַנקיסט וואָלט אָן אויפהער געצויגן אַף זיך דאָס הענטל פון טאָרמאָז.

אַף די שוצגראָבנס האָט איצט פּיקירט אַ סטײַע „הענקעלס“. איין מאָל האָבן זיי שוין באַגאָסן אַלץ אַרום מיט אַ שקוואַל פײַער, דערנאָך געמאַכט אַ קרײַז אין דער לופט און ווידעראַמאָל — דאָס זעלבע. ווער ווייסט, וויפל מאָל וואָלטן זיי איבערגעריִעט מיט באָמבעס דאָס שטיקל ערד, ווען פון אונטער די הויכע וואָלקנס וואָלט זיך ניט אַרויסגעריסן אונדזערער אַ פאַרניכטלער. און ס'איז אַוועק ניט קיין גלײַכער געפעכט פון איינעם קעגן פינף.

באַ אָראַנסקין האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. קאָן זײַן, אַז ער אַליין איז ניט קיין גרויסער העלד, אָבער קיין פּאַכדן איז ער זיכער ניט. ער קלײַבט זיך קיינעם ניט דערציילן, אַז עס קומט אים אָן אין אָט די די טעג געגנוג שווער זיך האַלטן ווי שטענדיק גלײַך און טראָגן דעם קאָפּ אַפילע עטוואָס פאַריסן. אָבער ווען ער האָט געקוקט, מיט וואָס פאַר אַן אַזעס און בעריִשקײַט דער פאַרניכטלער יאָגט זיך נאָך די „הענקעלס“, וועלכע וואָלטן שוין אַליין געוואָלט פאַרשווינדן, ווי מײַז אין די נאָרעס, איז אים געקומען אין קאָפּ נאָר איין וואָרט: „אַן אָדלער“. אויב עס איז נאָר פאַראַן אַ זיבעטער הימל, האָט אָראַנסקי דאָרט געשוועבט, ווען עס האָט זיך אָנגעצונדן דער צווייטער „הענקעל“. אַפילע שפּעטער, ווען מע האָט אונטערגעשאָסן אונדזער אַעראָפּלאַן און דער שווער־פאַרוווּנדעטער פליִער איז געפאַלן ניט ווײַט פון די שוצגראָבנס, וווּ עס האָבן זיך געפונען די גרענעצלער, האָט אָראַנסקי דאָך זיך געפילט מונטערער, זיכערער באַ זיך.

און ווײַטער האָבן זיי זיך מידע געצויגן איבער שטויביקע וועגן, איבער נאָרוואָס אַליין דורכגעלייגטע געשלענגלטע סטעזשקעס. ניין, זיי האָבן זיך ניט באַוועגט פאָרויס. די באַטאַליאָנען זײַנען אָפּגעטראָטן! וועגן דעם האָבן דערמאָנט די שטעכיקע בליקן פון די פּויערים, וועגן דעם, האָט זיך געדאַכט, שושקען זיך מיטן ווינט די קימאַט רײַפע זאַנגען אין פעלד.

געגאַנגען זײַנען זיי מערסטנטייל באַנאַכט, און ס'איז נאָר צום כידעשן זיך, וויאַזוי איז עס געשען, אַז אין סטעפּ באַ אַ ברונעם, וואָס האָט זיך געטוקט אין לעוואָנע־זילבער, האָט אָראַנסקי געטראָפן יויעל גענדלערן. זײַן בערדל האָט זיך פאַרשפּיצט, און אַליין איז ער ווי קלענער געוואָרן און געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן:

— וווּ איז מײַן בראָכע? איר האָט זי אין ערגעץ ניט באַגעגנט? — דערנאָך האָט ער זיך אײַנגעקלאַמערט אין אָראַנסקין און מאַמעש מיט טרערן זיך געבעטן: — אויב איר זײַט אַן עמעסער

קאָמאַנדיר, נעמט מיך מיט זיך און גיט מיר א ביקס. איר הערט, איך וויל ניט שטאַרבן אַל קידעש האַגאָרנישט. גיט מיר א ביקס!

דער פֿאָלק איז געגאַנגען מיט א שמאָלן וועג, וואָס האָט זיך צוגעטוליעט צו א הויכן באַרג, און אין אָראַנסקיס אויערן האָט נאָך אַלץ געקלונגען גענדלערס ווײ־געשריי: „איר זײַט ניט בעסער פאר די, וואָס טראָגן ווײַסע הענטשקעס און פאָרן אין די פאַעטאָנען. איר אַנטלויפט... איך האָב זיך אין אײַך אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט...“

בראָכען האָט אײַנגעשלונגען דער מילכאָמע־ווירבל, און יויעל בלאָנקעט אין פעלד און קלאָגט זיך פאר די שטערן: „אָפּגענאַרט“. יויעל איז גערעכט, ער דאַרף דען דאָס טעלערל פון הימל, ער וויל נאָר ניט שטאַרבן אַל קידעש האַגאָרנישט. א ביקס האָט ער געפאָדערט און ניט קיין טרייסט־ווערטער. אַגעוו, האָט ער אויך קיין טרייסט־ווערטער ניט געהערט. ווי דער געזעץ זאָל ניט זײַן שטרענג, האָט ער, אָראַנסקי, ניט באַדאַרפֿט געווען זיך אויסדרייען צו יויעלן מיט דער פלייצע...

נאָך די שלאַכטן באַם פרוט און באַם דניעסטער האָבן די בײַגרענעצלער געצײַלט קיין אָדעס.

עס איז געווען אַזוי טרוקן און הייס, אַז אינמיטן זומער זײַנען פון די טאָפּאָלן און אקאַציעס געפֿלויגן גרינע בלעטער. אָבער ווי שווער עס איז ניט, נאָר באַ אַן אָדעסער איז אַלעמאָל פאַרגרייט א כאָכמע.

— זאָל גאָט היטן, — האָט זיך איינער געוויצלט, — אַז דער שוואַרצער זאָל אויסזידן ביז א לעצטן טראָפּן. א שיין פּאָנעם וועט האָבן אָדעס אָן א יאַם.

אַפן ראָג, ווו ס'איז אַמאָל געשטאַנען א מיליציאָנער, שטייט א באַריקאַדע און לעבן איר — א רויטאַרמייער אין א קאַסקע. אַף זײַן אַקסל א ביקס. יינגלעך מיט צעקאָלטנטע האָר, וועלכע האָבן נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק געטריבן טויבן, לערנען זיך אַפן סטאַדיאָן וואַרפן גראַנאַטעס. זעניטקעס אַף די דעכער, אַף די בולוואַרן. א יאַם־קאָמאַנדיר פירט א באַוואָפנטע קאָלאָנע ציוויל געקליידטע מענטשן, וואָס מאַרשירט אין שטרענגער אָרדענונג. אָדעס האָט אַף זיך אָנגעטאָן א מיליטערישע אוניפאָרם. די שטאָט האָט איצט דערמאָנט אין א סאָלדאַט, וואָס ווייסט, אַז אים דערוואַרט א שלאַכט אַף לעבן און טויט, און האָט זיך צוגעגרייט צו איר.

אין עטלעכע טעג אַרום, אָנהייב אויגוסט, האָבן די דײַטשן צוזאַמען מיט די אכצן דיוויזיעס פון דער רומענישער פערטער אַרמיי אָפּגעשניטן אָדעס פון דער יאַבאָשע. נאָר ווײַטער...

דער שיסער־פאָלק, אין וועלכן אָראַנסקי האָט געדינט, איז אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער בײַיאַמישער אַרמיי. ער האָט זיך פאַרפעסטיקט אַף א ביז גאָר וויכטיקן סטראַטעגישן פונקט באַ די טויערן פון אָדעס, ניט ווײַט פון נײַ־דאַפינאָווקע — א דאָרף אַפן צוואַנציקסטן קילאָמעטער פון דעם שאָסיי־וועג, וואָס פירט קיין ניקאָלײַעוו. לינקס — דער יאַם, רעכטס — דער לימאַן. דער באַפעל, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אַף פאַפּיראָס־פאַפּיר, איז באַשטאַנען פון געציילטע עטלעכע ווערטער: „אום יעדן פרײַז ניט דורכלאָזן דעם סוינע“.

אַטאַקעס, אַטאַקעס, אַטאַקעס... וויפל אַזעלכע אַטאַקעס האָט דער פײַנט פאַרגענומען, קעדיי אויפברעכן די שוץ־ליניע, אײַנברעכן דעם ווידערשטאַנד, דורכברעכן כאָטש א שמאָלן שפּאַלט — א שטעגל, מע זאָל קענען אַוועקשטעלן אַף איר אַפריער א געקאָוועטן שטיוול, דערנאָך א טאַנקעטקע, — איר צוהילף וועלן דאַן קומען בײַכיקע טאַנקען מיט די לאַנגע שנאָבלען פון די האַרמאַטן, און אין הימל — באָמבאַרדירער, שטורמער, פאַרניכטער, טאָרפעדנטראָגער, פיקירער, שווער געלאָדענע מיט פוגאַס־באָמבעס, צינד־באָמבעס, טיף־באָמבעס...

דאָס איז געווען אין אויגוסט. אָראַנסקי האָט זיך צופעליק געפונען אין א „פרעמדן“ באַטאַליאָן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָרדנטלעכע אַטאַקע. צוערשט האָט געטאָן איר שטיקל אַרבעט די אַרטילעריע. די ערד איז געווען אַזוי איבערגעקנאָטן, אַז אָט־אָט וועט פון איר א שפּריץ טאָן פײַערדיקע מאַגמע.

דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן איז אומגעקומען. דער קאָמיסאַר איז געלעגן א שווער־פאַרוווּנדעטער. דער פאַרבינדלער האָט איבערגעגעבן אין די ראָטעס: די קאָמאַנדע איבערן באַטאַליאָן נעמט אַף זיך דער עלטערער לייטענאַנט אָראַנסקי.

אַף אַלץ האָבן זיך די פאַשיסטן געקאָנט ריכטן, נאָר ניט אַף דעם, אַז גראָד דער באַטאַליאָן, וואָס, לויט ווי זיי האָט זיך געדאַכט, האָט דאָרט שוין קיין לעבעדיקער אָדער ניט געשלאָגן, וועט אַריבערגיין אין אָנגריף. דאָס איז געשען אַזוי אומגעריכט און שנעל, אַז סײַ די פײַנטלעכע, סײַ אונדזער אַרטילעריע האָט געמוזט אַנשוויגן ווערן. אַלץ האָט זיך איבערגעמישט. אין גאַנג

זײַנען אוועק גראנאטעס, באגנעטן. און א מעכטיקער, שוין פון צוויי כאָדאָשים געזאמלטער „הורא“ האָט זיך, ווי א שטורעם, צעטראָגן איבער די נאָרוואָס אויסגעריסענע הרודעס ערד.

דער סוינע האָט ניט נאָר א ציטער געטאָן — ער האָט געמאכט פּלייטע, און ווען אים צוהילף האָט זיך געלאָזט דער דײַטשישער צווייטער פײַער־עשעלאָן, האָבן אויך אָראנסקיס שכיינים אף די פלאנגען באקומען דעם געגארטן באפעל: אונטערהאלטן דעם שטורעם־באטאליאָן.

אין די שטאבן האָבן אָן אופהער געקלונגען די טעלעפאָנען. אין מאָסקווע האָט דערנאָך דער פאָרזיצער פונעם אויבער־סאָוועט מיכאַיל איוואנאָוויטש קאלינין אונטערגעשריבן דעם אוקאז וועגן באלוינען פאר דער שלאכט א גרופּע אָנטיילנעמער. אָראנסקי האָט באקומען זײַן ערשטן שלאכט־אָרדען — דעם אָרדען פון דער רויטער פאָן.

א מידער איז אָראנסקי געלעגן אף זײַן אײַזערן בעטל, נאָר דער שלאָף האָט אים ניט גענומען. דער באטאליאָן איז שיטערער געוואָרן. עס איז אומגעקומען אליאָשע סלאנצעוו, דער בעסטער סנײַפּער פון פּאָלק. אומגעקומען, קעדיי ראטעווען אים, דעם קאָמאנדיר. מער וועט שוין ניט שפּילן אף זײַן הארמאָניק דער שטענדיק פריילעכער סאשע בלינאָוו. עס גויסעסט א פאַרוונדעטער אין בויך דער מיליטערישער דאָקטער טיגראן כאלאפיאנץ. האָט דען עמעצער באפוילן כאלאפיאנצן אוועקלייגן דעם סקאלפּעל און גיין מיט א ביקס אין אטאקע?

אָראנסקי נעמט ארויס פון קעשענע א פּעקל פּאפּיראָסן, און עס פאלט ארויס זײַן נאָטיצבל. די פּאפּיראָסן זײַנען צעדרויבלט. אף דעם נאָטיצבל, וואָס האָט שוין לאנג פארלוירן זײַן ווײַסקײַט, — א פארטריקנטער בלוט־פלעק. ווײַזט אויס, ער האָט אויסגעווישט מיט דעם דאָס פּאָנעם, ווען א קויל האָט אָנגעריירט זײַן אויער.

— כאוועור עלטערער לייטענאנט, פון דער דיוויזיע פאָדערט מען אײַך צום טעלעפאָן.

ער ציט ארוף די שווערע שטיוול און לאָזט זיך מיט שנעלע טריט.

— דער עלטערער לייטענאנט אָראנסקי הערט.

— פּיאָטער, פּעטרושקא, טײַערער מײַנער!

— ?!

— דו הערסט מיך, צי דו ביסט, אין דײַן טאטנס טאטע, טויב געוואָרן?

— ווער רעדט? מיר האָט מען איבערגעגעבן, אז מע פאָדערט מיך פון דער דיוויזיע.

— ריכטיק האָט מען דיר איבערגעגעבן. מיט דיר רעדט דער אדיוטאנט פון קאָמדיוו.

— איך הער אײַך, כאוועור אדיוטאנט!

— זאָג, דו ביסט שטארק מיד? דיר ווילט זיך שלאָפן?

— רייכערן ווילט זיך.

— וואָס? דו האָסט ניט וואָס צו רייכערן?

— ניטאָ! — ענטפערט אָראנסקי, און אין זײַן שטים פילט זיך שוין אײַנגעהאלטענע אופגעבראכטקײַט.

— קלאָר, כאוועור עלטערער לייטענאנט. איצט פארשטיי איך, פארוואָס איר זײַט אזוי אופגערעגט. איז זײַט מויכל, טיילט מיט דעם דעזשורנע פון פּאָלק, אז איר דארפט זיך גלײַך מעלדן אין שטאב פון דער דיוויזיע. איך ווארט אף אײַך.

ער הייבט ניט אָן צו פארשטיין, ווער האָט מיט אים גערעדט און וואָס וויל מען פון אים. אויך דער טעלעפאָניסט קוקט אף אים פארכידעשט. נאָר אז עס הייסט דער אדיוטאנט פון קאָמדיוו, דארף מען גיין.

א ווארעמע זומער־נאכט האָט אײַנגעהילט די שטאָט. ס'איז שטיל און עס שמעקט מיט יאָם. נאָר אָט נעמען נישטערן די פּראָזשעקטאָרס, זיי גיבן אפגיך א גלעט די טיפע שראמען אף די ווענט, א טאפּ דעם הימל, פארלעשן אף א רעגע די שײַן פון די שטערן.

ווײַטער איז דער וועג פארצוימט. ער נעמט ארויס זײַן טאשן־לאמטערן און באלײַכט א פאניער־שילדל, אף וועלכן עס איז אָנגעשריבן „דורכגאנג פארבאָטן“. אויך אף די צוויי ברעטער, וואָס זײַנען צונויפגעקלאָפּט ווי א קרייץ, זײַנען פאראן אופשריפטן: „שיסן און ניט טרעפן אין קיין פאשיסט — איז פּאָשעט א שווײַנערײַ“. און ווײַטער: „ווער זײַנען די פאשיסטן? צווייפיסיקע ווילדע כײַעס, וועלכע מע האָט אלפּי־טאָעס געהאלטן פאר מענטשן“.

אָראנסקי פארנעמט זיך אף רעכטס, צום שמאָלן בריקל, פונוואנען עס איז שוין ניט ווײַט צום שטאב.

— פּאראָל! — דערהערט ער א וואָרענענדיקע שטים. ער ענטפערט, נאָר פארן רויטארמייער, וואָס שטייט אף דער וואך, איז עס נאָך ווינציק. — ווער גייט? — פרעגט ער ווידער.

אינמיטן פון בריקל מוז ער זיך אָפּשטעלן. עמעצער לויפט אים אנטקעגן, און פאַנאַנדערגייען זיך דאָ איז ניט אַזוי פּאַשעט. ווער האָט עס אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און שרײַט נאָך פונווײַטן: „א געזונט אף דיר, פּעטרושע!“? צווײ קאָמאַנדירן האָבן זיך אַזוי ארומגענומען, אַז דאָס בריקל מיט די שיטערע ברעטלעך האָט זיך גענומען הוידען.

— ניקאָלאַדזע, יעגאָרושקאַ! ביסטו דאָס, הייסט עס, דעם קאָמדיוויס אַדיוטאַנט?

— ווער דען, אויב ניט איך? איך בעט זיך בא אים, ער זאָל מיך באַפרײַען אף א פּאָר שאָ, און דערקלער אים, אַז איך האָב, דאַכט זיך, געפונען אַן אומגעקומענעם פרײַנט, רײַסט ער ניט אָפּ די אויגן פון דער קאַרטע און ענטפערט מיר בייז: „אויב דאָס איז טאַקע ער, פאַרשפּאַרט איר אים זוכן, אויב ניט, וועט איר אים אַלציינס ניט געפינען. קלאָר?“ וואָס האָב איך אים געקאָנט דערויף ענטפערן? זיך אויסגעקערעוועט און אוועק צום טעלעפאָן.

— יעגאָר, וואָס עפּעס האָסטו מיך שוין פאַרשריבן צווישן די טויטע?

— אַזוי האָט מען מיר געזאָגט. נאָר איצט וועט דיך שוין אף זיכער קיין קויל ניט נעמען. נא דיר פּאַפּיראָסן, דו ווילסט דאָך רייכערן. באַלד וועל איך דיר אויסגעבן א מיליטערישן סאָד. ס'איז שוין פאַראַן א באַפעל. דו ביסט א קאַפּיטאַן און דער פאַרטרעטער פון פּאָלק־קאָמאַנדיר. ווערסט מיך נעמען צו זיך? זאָל זײַן פאַר א וואַוואַדנע, פאַר דער רועך ווייסט וואָס, נאָר איך, ניקאָ־לאַדזע, זאָל זײַן אין פײַער. שווײַגסט? נו, מיילע, כ'וועל זיך אַליין דערשלאָגן.

די רעשט נאַכט, ביז עס האָט אָנגעהויבן שאַרין אף טאָג, האָבן זיי פאַרבראַכט צוזאַמען, געזעסן באַם אָפענעם פענצטער, געשמועסט און געטרונקען ציננאַנדאַלי. יאָ, אויך דאָ האָט זיך געאַרגין אײַנגעגעבן צו קריגן און אויסצוהיטן א פּאָר פלעשער. געוווינט האָט ער צוזאַמען מיט נאָך א שטאַבס־קאָמאַנדיר אין א גרויסן, גוט מעבלירטן צימער, נאָר זײַן דאָ איז אים אויסגעקומען זייער זעלטן. אויספילן די פילצאָליקע דינסט־שליכעסן פון קאָמדיוו איז געווען גאָר ניט אַזוי לײַכט.

ניקאָלאַדזע האָט דערמאָנט אַראַנסקין אין זייער לעצטן געשפּרעך. וואָס איז דאָ צו ריידן? ווי פיל אַנדערע, איז ער געווען ניט גערעכט. עפּעס א קליינינקײַט — ביז הײַנט האָט זיך נאָך ניט סטאַביליזירט די פראָנט־ליניע. בלויז לעבן אָדעס און קיִעוו האָט זיך אײַנגעגעבן אָנבינדן דעם פײַנט לאַנגדויערנדיקע פּאָזיציע־שלאַכטן. אף אַנדערע ריכטונגען טרעטן מיר אָפּ און פאַר־לירן א שטאָט נאָך א שטאָט. נאָר ער, ניקאָלאַדזע, איז א מאַזלדיקער. דאָס מאָל האָט אים דאָס מאַזל צוגעשפּילט און ער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַזא דיוויזיע. דער קאָמאַנדיר איז א בייזער, איינער בא גאָט, נאָר פאַר דעם טאַקע האָט ער, ניקאָלאַדזע, אים ליב. אָט טאָגט שוין, און יענער זיצט נאָך אַליץ אין שטאַב אָדער גאָר ערגעץ אין אָקאָפּ.

די רויִקע גרויקײַט באַם האָריזאָנט האָבן גענומען דורכרײַסן ראָזע פלעקן. שוין צײַט זיך אומקערן אין פּאָלק. נאָר דעם עמעס געזאָגט, ווילט זיך ניט שיידן ניט מיטן גאַסטפרײַנטלעכן באַלעבאָס, ניט מיט דער שטוב. מיט איינעם קאָן מען אָפּלעבן זײַט בא זײַט א לעבן לאַנג און בלײַבן ווילד פרעמדע, און מיט א צווייטן, קוים וואָס מע באַקאַנט זיך, און דאָס איז שוין אַן אָנהייב פון שטענדיקער פרײַנטשאַפט.

נאָך האָט ער געטראַכט: ציקאַווע זאַכן קומען פאָר אף דער וועלט. מיט געציילטע עטלעכע שאָ צוריק האָט ארום אים געברענט און געפײַערט א שלאַכט, און איצט שטייט ער לעבן א ביכער־שאַפע פון רויטן האָלץ, א לײַכטער ווינט בלאָזט אָן דעם פאָרהאַנג איבערן אָפענעם פענצטער ווי א זעגל, און בא דער פאָרטעפּיאַנע זיצט ניקאָלאַדזע און שפּילט עפּעס אַזוינס — ווייכס און צאַרטס...

נאָר ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, שוין צײַט זיך אומקערן אין די אָקאָפּעס...

ערגעץ נאָענט האָט א ביל געטאָן א האַרמאַט, און הונדערטער קראָען, וואָס זײַנען נאָך געשמאַק געשלאָפן אף די צווײַגן, האָבן זיך צעגראַגערט. עפּעס ווייסן זיי ניט, ווו זיי האַלטן אין דער וועלט. אופגעוועקט האָבן זיי ניט זייערע אייגענע שאָמרים. וואָס זשע דאַרפן זיי טאָן: טאַקע גלײַך אוועקפליִען ווײַט־ווײַט פון דעם אָרט צי מאַכן א פּאָר קרײַזן אין דער לופט און זיך אומקערן?

קאַטשורא און אַראַנסקי געפינען זיך אפן פאַרמאַסקירטן קאָמאַנדע־פונקט. זיי ווייסן גראָד דאָס, וואָס די קראָען ווייסן ניט, און וואָלטן זיי געווען וויינקער פילדערן און וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פונדאַנען.

נעכטן, דעם איין־און־צוואַנציקסטן סענטיאַבער, איז די בײַיאַמישע אַרמיי געצוווּנגען געווען אָפּטרעטן אף די פלאַנגען. זיך א רוק טאָן נאָך ווײַטער האָט זיך דעם סוינע ניט אײַנגעגעבן. אָבער עפּעס דאַרף אויך הײַנט פּאַרקומען. נאָר גראָד וועגן דעם רעדט מען ניט.

איוואַן דעמידאָוויטש קוקט אין בינאָקל און דערציילט:

— די טעג האָב איך געלייענט א בראָשור, אין וועלכער די פאשיסטישע „טעאָרעטיקער“ פּרוּוון זיך באַרעכטיקן די אגרעסיווע מילכאָמעס, וואָס זיי פירן. זייערע „פילאָסאָפן“ האָבן אונטערגעכעזשבנט, אז פאר די לעצטע 3362 יאָר זײַנען 3135, קלוימערשט, געווען מילכאָמע־יאָרן און בלויז 227 יאָרן פון שאָלעם. אזויארום, דערקלערן זיי, איז מילכאָמע דער סאמע נאטירלעכער צושטאנד פון דער מענטשהײַט. ווי געפעלט עס דיר?

— איך וואָלט געוואָלט, מע זאָל אָט די פילאָסאָפן פון גאָר דער וועלט צונויפנעמען אָף די דרײַ גאסן פון דאפינאָווקע. אפילע קיין קוילן וואָלט איך אָף זיי ניט געפאטערט. אין לימאן וואָלט איך זיי אײַנציקווײַז דערטרונקען.

— אין דאפינאָווקע וווינען פישער. זיי וואָלטן ניט געלאָזט פארברודיקן דאָס וואסער.

— נישקאָשע, מיט זיי וואָלט איך זיך צונויפגערעדט. די „אָפעראציע“ וואָלטן מיר דורכגעפירט צוזאמען. מיר...

— שווײַג, קאפיטאן. דאכט זיך, אז די עמעסע אָפעראציע הייבט זיך אָן.

אפילע דער קאָמיסאר פון פאָלק האָט דאָס מאָל ניט געוווּסט, אז דאָס איז ניט מער ווי א דעמאָנסטראציע אָף אָפנארן דעם סוינע. דעם עמעסן אָנגעגליטן שלאכט־אָטעם האָבן זיי דערפילט שפּעטער, ווען פון די האפנס און פירסן האָבן זיך צום לינקן פלאנג א לאָז געטאָן די קרייסערס „קראסני קאווקאז“, „קראסני קרים“, מינענטרעגערס, מאָטאָר־קאטיערס. זיי האָבן געשטיצט די „שווארצע כמארעס“, ווי די פאשיסטן האָבן א נאָמען געגעבן אונדזער יאם־פעכאָטע.

אייניקע האָבן שוין באטראָטן די יאבאָשע. אנדערע זײַנען נאָך געשווומען אין קאלטן וואסער, און אין ראיאָן פון גריגאָריעווקע האָבן זיך אין באנאכטיקן הימל שוין געהוידעט פאראשוטן — דאָס האָבן אונדזערע לופט־דעסאנטלער זיך אראָפּגעלאָזט אין דעם סוינעס הינטערלאנד. מע האָט אופגעריסן די בריק, וואָס האָט פארייניקט אָדעס מיט ניקאָלײַעוו דורכן לימאן.

קימאט דרײַ וואכן נאָך דעם האָט דער סוינע מוירע געהאט זיך ארויסרוקן. דערנאָך איז ער צוביסלעך געקומען צו־זיך, אריבער אין אָנגריף און ווידער געקריגן אין די ציין.

דרײַ און זיבעציק טעג און נעכט האָט אָדעס זיך פארטיידיקט. העכער הונדערט צען טויזנט פאשיסטישע סאָלדאטן און אָפיצערן האָבן אָנגעלייגט מיט די קעפּ בא די ווענט פון דער דאָרעם־שטאָט.

ווען די היטלעראָווצעס האָבן זיך דורכגעריסן אין קרים און עס האָט ניט געקלעקט קיין קויכעס צו פארטיידיקן אײַנצײַטיק אָדעס און סעוואסטאָפּאָל, איז געקומען דער באפעל פארלאָזן די שטאָט.

דאָס איז געווען אין דער נאכט אפן זעכצעטן אָקטיאבער טויזנט נײַן הונדערט איין־און־פערציקסטן יאָר. דער יאם, די ערד און דער הימל האָבן געקרעכצט פון די אומופהערלעכע אופרײַסן. דאָס האָבן די אריערגארדן און די ברעג־באטארייעס געגעבן א מעגלעכקײַט די זעכציק שיפן ארויס פון האפן אין אָפענעם יאם.

באגלײַך מיט אנדערע איז אָראנסקי געשטאנען אָף דער אויבערדעק פון „אבכאזיע“ און געקוקט אָף דער העלדישער שטאָט, ווי ער וואָלט ארײַנגעקוקט אין די אויגן פון זײַן אייגן קינד.

ניקאָלאדזע האָט זיך טאקע זײַנס דערשלאָגן. נאָך אין אָדעס האָט ער אזוי לאנג און אײַנגעשפּארט דערקוטשעט זײַן קאָמדיוו, ביז יענער האָט מיט קאס אויסגעשריִען:

— מער זאָל איך אײַך דאָ ניט זען. מארש אין די אָקאָפּעס!

באם עלטערן לייטענאנט אין די שמייכלענדיקע אויגן האָט א בלישטשע געטאָן פרייד. ער האָט זיך אויסגעצויגן, אופגעהויבן הויך דעם קאָפּ און, ווי עס פירט זיך אין דער ארמיי, ווען מע באלוינט עמעצן אָדער מע פארטרויט אים עפּעס א באזונדערס וויכטיקע אופגאבע, געזאָגט, ווי אָפּגעטאָקט:

— איך דין דעם סאָוועטנפארבאנד!

אויך דער קאָמדיוו איז אופגעשטאנען פון זײַן שטול און מיט א פארבאהאלטענעם שמייכל זיך אײַנגעקוקט אין דעם שוין ניט גאָר יונגן, נאָר שלאנקן קאָמאנדיר. פאר אן אדיוטאנט האָט ער אים באשטימט נאָך דעם, ווי ער האָט אים אויסגעפּרוּווט אין א שווערער שלאכט. ניקאָלאדזע איז דרייסט, ערודירט. זיי פארשטייען זיך שוין אפן ווונק. עמעס, לויט דער נאטור איז ער שוין צו אײַנגעשפּארט און היציק, נאָר שטענדיק אופריכטיק. עס געפעלט דעם קאָמדיוו אויך זײַן פרייעלעכקײַט און אויב שוין זאָגן דעם רעכטן עמעס — זײַן איבערגעגעבנקײַט: דאָס, וואָס ער פארגעסט ניט ארײַנלייגן אין אונטערשטן טיש־קעסטל א שטיקל ברויט מיט ווורשט, דאָס קאָנען אָפּענטפערן: „דער קאָמדיוו שלאָפט“, ווען ער, דער קאָמדיוו, שטייט אײַנגעבויגן איבער דער קארטע, און דאָס, וואָס דער אדיוטאנט קאָן, בייס די לאגע פאָדערט, איין מאָל און א צווייט מאָל אים גוט

א טרייסל טאָן פאַר די אַקסלען און פּאַדערן: „קאַמדיוו, שטייט אויף!‟. אַלטע סאָלדאַטן זײַנען אָבער קאַרג אַף א ווייך וואָרט:

— לייגט אוועק דעם פּאַראַבעלום אָפּן טיש! — ניקאָלאַדזע האָט געגומען צעשפּיליען דעם רימען. א קנויל אַף ניט אָראָפּשלינגען האָט זיך אים אוועקגעשטעלט אין האַלדז. — איר ווילט מיר נאָך עפּעס מיטיילן?

— איר ווייסט דאָך, כּאָווער קאַמדיוו, אַז דעם האָופּטמאַן, וועמען עס האָט געהערט דאָס געווער, האָב איך אוועקגעלייגט. איך שווער, דאָס איז מײַן טראָפּיי.

— עלטערער לייטענאַנט, רויקער. אַז מע זאָגט דעם עמעס, פאַרשפּאַרט מען שווערן. איך ווייס, אַנדערע ווייסן עס ניט. פראָנטאָוויקעס געפעלט ניט, ווען שטאַבס־קאָמאַנדירן קומען צו זיי מיט טראָפּיי־געווער. אין וועלכן פּאָלק זאָל איך אײַך קאָמאַנדירן?.. מאַסקים. רופט אַרויס דעם קאָמאַנדיר צום טעלעפאָן... האַלאָ! וואָס הערט זיך בא אײַך? אַזוי? איז פאַרוואָס האָט איר מיר גלײַך ניט מיטגעטיילט? איר האָט געמיינט... וואָס האָט איר פאַרגענומען? גוט! אין א שאָ אַרום זאָלט איר מיר מיטיילן. איך שיק אין אײַער רעשוס א ראָטנעם. איר פרעגט, צי ער האָט שוין געשמעקט פּולווער? דאָס וועל איך בא אײַך דערנאָך זיך דערוויסן. איר דאַרפט א קאָמבאַט? אָט־אָ באַלד וועל איך זיך פאַרבינדן מיטן שעף פון דער פרונזע־אַקאַדעמיע, און ער וועט מיט לופט־פּאָטשט צושיקן א מאַיאָר פון אײַערטוועגן. און דער זאָל אָנהייבן פון א ראָטע. אַלץ. — און צו ניקאָלאַדזען: — איר זײַט פרײַ.

טאַקע ניט ווײַט פון דאַפּינאָוויקע האָט מען ניקאָלאַדזען פאַרוווּנדעט. איבערגעבן עמעצן כאָטש אַף א קורצער צײַט זײַן ראָטע האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. אין א פּאָר טעג אַרום, ווען דער קאָמדיוו איז געקומען אַף די פּאָזיציעס פון פּאָלק, האָט ער באַפוילן אַרויסרופן דעם עלטערן לייטענאַנט ניקאָלאַדזע.

— נעמט, — האָט ער אים אומגעקערט זײַן טראָפּיי־געווער און געפרעגט: — איר ווייסט דעם באַטײַט פון די ווערטער „פּאַרא בעלום‟? דאָס איז אַף לאַטײַן — „גרייט זיך צו מילכאָמע‟. איר, זאָגט מען, זײַט גרייט.

דערנאָך סעוואַסטאָפּאָל

צווישן בערג האָט זיך אין א באַלקע אײַנגעמאַסטעט א דאָרף. אַלץ איז דאָ פון שטיין: די שטי־בער, די שטאַלן, די פּלויטן און אַפילע די הייב־ראָד בא דעם ברונעם, וואָס באַם אַראָפּלאָזן דעם עמער דרייט זי זיך מיט אַזא שווינדלענדיקער שנעלקײַט. אָפּגעשטעלט האָבן זיי זיך אָפּן באַרג־שיפּוי, אין א ניט קיין גערדיכטן בוקן־וואַלד. איבער זייערע קעפּ האָבן די קרוינען צוזוואָרפן גע־דיכטע געצעלטן. ס׳איז קיל, און מע זעט ווײַט־ווײַט אַרום.

דאָ זײַנען פאַראַן א סאַך יאַשטשערקעס. זיי האָבן דעם קאָליר פון די אַרומיקע שטיינער און פעלדזן, אַף וועלכע זיי וואַרעמען זיך. פּרוּווסטו אויסכאַפּן צו זיי א האַנט, ווערן זיי גלײַך אַנטרונען אין די שפּאַלטן. מעגלעך, דאָ איז געווען פאַרבאָטן ניט נאָר גיין אַף יאַגד, ברעכן צווײַגן, צינדן שײַטערס, נאָר אַפילע רײַסן בלומען און קלײַבן שטיינדלעך פאַר קאָלעקציעס. איצט וועלן די היטלעראָווצעס פאַרפּאַסקודען דעם וואַלד אָדער גאָר אים פאַרניכטן.

פון אַנטקעגן, ווו סאָסנעס קלעטערן באַרג־אַרויף, דערטראָגט זיך דער שאַרפער רייעך פון סמאָלע. עמעץ אײַלט אַהער. ער איז שוין אַריבער דעם פלאַכן טאָל, און ווײַל די לופט אין די בערג איז דורכזיכטיק, קלאָר און מע זעט אַלץ ווײַט, דערקענט מען דעם סערזשאַנט שאַמיל נאַסיבולין. ער האָט זיך נאָך ניט אָפּגעשטעלט, ניט באַוויזן איבערכאַפּן דעם אָטעם, און ער שרײַט שוין:

— כּאָווער קאַפּיטאַן! דערלויבט מיטיילן.

— איך דערלויב ניט. ווו איז אײַער געווער?

— מע האָט אונדז אַנטוואָפנט. א מאַיאָר האָט אַזוי באַפוילן. דער עלטערער לייטענאַנט ניקאָ־לאַדזע איז אַרעסטירט. מיר האָט ער געהייסן לויפן, בין איך געלאָפן.

— וואָס?!

— כּאָווער קאַפּיטאַן, איר גלייבט מיר ניט?

— קומט מיט מיר אין שטאַב.

אַז סעוואַסטאָפּאָל וועט אויסקומען פאַרטיידיקן ניט איין טאָג און ניט איין כוידעש, האָבן אַלע פאַרשטאַנען. מע האָט זיך אויך געקאָנט ריכטן, אַז, פּונקט ווי אין אָדעס, וועלן זיי זײַן אָפּגע־שניטן פון דער יאַבאַשע. אַראַנסקי איז געקומען צום קאָמיסאַר פון פּאָלק און אים פאַרגעלייגט, אַז די פּי און אווטאָמאַשינעס, וועלכע געהערן צו דער מעלוכע און מע קאָן שוין ניט אַרויספירן פונדאַנען, זאָלן זיי מיטנעמען מיט זיך קיין סעוואַסטאָפּאָל. איוואַן דעמידאָוויטש האָט זיך פאַר־

בונדן מיט די פֿאַרשטייער פון דער אָרטיקער מאכט און זיך צונויפגערעדט וועגן דעם. ניקאָלאַדזע האָט באַקומען אַ באַפעל זיך לאָזן אין נאָענטן ראַטווירט נאָך די בעהיימעס. איז וואָס האָט דאָרט געקאָנט געשען? וואָס?

אָראַנסקי איז גרייט געווען זיך גלײַך זעצן אויפן אָנגעזאָטלטן פערד, נאָר דער קאָמיסאַר האָט ניט דערלויבט. דורכן פעלד־טעלעפאָן האָט ער זיך פאַרבונדן מיט עמעצן פון די נאָענטע טיילן. פון דאָרט האָט די מיטיילונג באַדאַרפט אוועק נאָך ווײַטער. און איצט וואַרט ער אויף אַן ענטפער. אָראַנסקין האָט ער געזאָגט:

— וואָס טוט מען מיט די מענטשן, וועלכע גלייבן ניט, אַז אַפילע אַ רעגנבויגן פאַרמאָגט זיבן פאַרבן. איצט, אין אַזאַ צײַט, דאַרף מען נאָך האָבן אַזעלכע דײַגעס.

אויספילן די „באַפרײַונג־מיסיע“ זײַנען געפאָרן אַליין דער קאָמיסאַר פון פּאָלק און דער שעף פון ספּעץ־אָפּטייל, דער קאַפּיטאַן אַלעקסייעוו.

ניקאָלאַדזען האָט מען פונדעסטוועגן אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער דיוויזיע. אָבער דאָס איז שוין אַ קלייניקײַט אַנטקעגן דער פרייד פון דעם שעף פון אַרמיי־טייל, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער פּאָלק, נאָך וועלכן עס זײַנען געוואָרן די טויערן פון סעוואַסטאָפּאָל, פירט מיט זיך אַ טשערעדע פון דרײַ טויזנט בעהיימעס און אַז די לאַסטמאַשינעס, וועלכע האָבן געהערט צו דער יאַלטער קינאָ־פאַבריק, זײַנען ביז אַריבער געלאָדן מיט מעל און מיט גרויפּן.

נאָרוואָס האָט מען צום ווײַפלטן מאָל באָמבאַרדירט סעוואַסטאָפּאָל, און ווידער הערט זיך דער געוויינלעכער רויש פון אַ לעבעדיקער שטאָט. עס טראָגן זיך און יאָגן איבער איינע די צווייטע די אָנדערהאַלבנטאָניקע „עמקעס“ מיט בלאָווע האַלב בלינדע פאַרעס. שיפן קומען און גייען אַוועק. לענגאויס דעם נאַכימאָווער פּראָספּעקט, איבער דעם בײַיאַמישן בולוואַר שפּאַנען מאַכנעס באַוואָפנטע רויטאַרמייער, מאַטראָסן. בײַ איינעם זײַנען די אויגן ברייט צעעפנט, בײַ אַ צווייטן עטוואָס צוגעזשמורעט, נאָר בײַ אַלע צוזאַמען זײַנען וואַכעדיקע פּנעמער, ווי די באַלאַגערטע שטאָט וואָלטן זיי פאַרטיידיקט דאָס גאַנצע לעבן זייערס פון סאַמע וויגעלע.

דער פּאָלק האָט זיך צוערשט פאַרפעסטיקט אויף די פּאָדערשטע פּאָזיציעס אין דעם רעכטן שוץ־סעקטאָר פון דער באַלאַקלאַווער ריכטונג, און אויף אַ צווייטן פלאַנג, אויף דער צאָפנדיקער זײַט פון פערטן שוץ־סעקטאָר, האָט שוין קאָמאַנדעוועט מיט אַ באַטאַליאָן דער עלטערער לייטענאַנט געאָרגי ניקאָלאַדזע.

דאַכט זיך, אָראַנסקי האָט שוין אין לעבן עפּעס־וואָס געזען: פינלאַנד, די שלאַכטן אויף דער גרענעץ, די פאַרטיידיקונג פון אָדעס, נאָר פון אַזוינס... איין פראָנטאַלע אַטאַקע נאָך דער צווייטער. אַ הוראַגאַן פון שטאָל. ניט די בערג, ניט די אײַזן־בעטאָנענע דאָטן, ניט די געפּאַנצערטע אויבערדעקן האָבן ניט געקאָנט בײַשטיין קעגן אָט דער פײַערדיקער לאַווע. אויסהאַלטן האָבן עס געקאָנט נאָר מענטשן — מענטשן, וואָס זײַנען שטאַרקער פון אײַזן.

עס האָט געוויִעט מיט קאַלטן און רוגזעדיקן האַרבסט. די ביימער זײַנען געשטאַנען נאַקעטע. דער ווינט האָט אַוועקגעטראָגן די בלעטער, וואָס האָבן זיך צונויפגענומען קופּעסווײַז אין די טראַנשייען, אין די גריבער. די קימאַט פאַרגליווערטע בלאָטע האָבן פאַרלאָזט בלויז די שווערפאַרווונדעטע, וועלכע האָבן שוין קיין קויעך ניט געהאַט צו שיסן. ווער עס האָט נאָך געקאָנט קרעכצן, דער האָט געשאָסן.

דער פּאָלק האָט זיך געפונען אין בערמאַנס באַלקע — אַ טאָל צווישן בערג, וואָס ציט זיך צום יאַם. ערגעץ אין דער ווײַט, אײַנגעהילט אין טיף־האַרבסטיקן נעפּל, קאָן מען זען קאָלירטע דעכער פון צוויישטאָקיקע הײַזער. נעענטער צו די קוסטעס, בײַ דעם פעלדזיקן באַרג־רוקן, שטייט אַ קליין שטיבל, וווּ די שויבן זײַנען צעפּאַסעוועט מיט סטענגעס פּאַפּיר. אויב ס'איז שטיל, קאָן מען פון דאָרט דערהערן אַ צעצויגענעם האָנעקריי. ווייסט דער רויטאַרמייער אויפן פּאָסטן, אַז כאָטש די פּראָזשעקטאָרן האָבן אויף שטיקלעך צעשפּאָלטן דעם באַנאַכטיקן הימל, וועט די פינצטערניש נאָך דויערן, וואָרעם אַזוי צעצויגן און זעלטן קרייען הענער טיף אין דער נאַכט — דאָס איז דער ערשטער האָנעקריי. אָבער אָט הייבן אָן די העגער צו קרייען אַלץ אָפטער, און פונדערווײַטן הערט זיך שוין אין סומנע־פרײַיקן דרויסן אַ הודען פון מאָטאָרן.

פונדאַנען זעט מען, ווי פון פאַרטאָג אָן פּאָרעט זיך אין הויף אויפן גאָרטן אַ פרוי, אָנגעטאָן אין אַ מאַטראָסישן בושלאַט און אין הויכע שטיוול. וואָס האָט זי געקענט דאָרט אויסכאָווען אויף אָט דעם שטיינערנעם באָדן?

אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק רויִקער שעה האָט אָראַנסקי זיך געלאָזט צו דעם שטיבל, וואָס הענגט איבערן יאַר. די פרוי רופט מען זשעניע. בײַ איר איז אַ ברייטער שטערן און צאַרטע ליפּן. פון דער זון און ווינט איז זי ברויך, ווי אַ קאַרש. די גלאַט פאַרקעמטע, טונקל־בלאָנדע האָר זײַנען בײַ איר קורץ געשוירן. די קומענדיקע וואָך וועט זי זײַן פאַרנומען באַם בויען די נײַע פּאָרטיפּי-

קאַציעס, ווייל זי פאַרגרייטן וואָס מער האַלץ. ער וויל איר העלפן? איז טרעט זי אים אָפ די האַק, און אַליין וועט זי עפשער אויסמעלקן בא דער אויסגעדאַרטער ציג א ביסל מילך און מעכאַבעד זײַן דעם גאַסט.

אַלץ הייסט אויסגעדאַרט. די פעל אף דער ציג איז אַזוי אָנגעצויגן, אַז די ריפּן סטאַרטשען. בא איר איז א בעלמע אפן לינקן אויג און איין פוס איז איבערגעבונדן מיט א שמאַטקע. אהער האָט ניט לאַנג געטראָפן א באָמבע, און די ציג האָבן פאַרטשעפּעט עטלעכע שפּליטערס. דער נאַסער בוים לעבן דער שטאַל שטייט א פאַרקוילטער. אַז נאַסעביימער ברענען, וואָס זאָלן שוין טאָן די טרוקענע? א ביסל ווײַטער — א יונגע שפּראָצונג. עפשער וועט פון דעם מיט דער צײַט אויסוואַקסן א מעכטיקער דעמב. ער, אויב ניט קיין שטורעמווינט, קאָן ער לעבן אייביק. א בוים שטאַרבט ניט פון עלטער.

אָראַנסקי האָט צעשפּיליעט דעם קאָלנער. אף די שלייפן זײַנען אַרויסגעטראָטן קלײנע טראָפּנדלעך שווייס. שוין לאַנג האָט ער ניט געאַרבעט מיט אַזאַ האַנאָע. פון די שײַטלעך אָנגעהאַקט האָלץ לייגט ער אויס א ברונעם, אַזוי וועט זיי דער ווינט גיכער אויסטריקענען. די שפּעטער וועט ער אַרײַנטראָגן אין שטוב. זאָלן זיי זיך טריקענען אין אויוון.

זשעניע וווינט דאָ מיט איר מאַמע — א זקיינע, וואָס באַוועגט אָן אופהער מיט די פינגער, ווי זי וואָלט געציילט געלט. די אַלטע וויל וויסן, וואָס הערט זיך גוטס. זי פרעגט און ענטפערט זיך אַליין:

— וואָס פאַר א גוטס קאָן מען וואַרטן פון מילכאָמע? ווי דו זאָלסט א שוואַרצן הונט ניט וואַשן, וועט ער ווײַס ניט ווערן. — נאָך זאָגט זי: — אויב איר וועט נאָר זײַן דאָ נאָענט, קומט אַרײַן.

אין דער נאַכט אפן נײַעם, צוויי־און־פערציקסטן יאָר איז אין שטאַב געקומען ניקאָלאַדזע. די לינקע האַנט איז געווען בא אים איבערגעבונדן. קיין ציגאַנדאַלי האָט ער ניט געהאַט. מע האָט זיך צוגעזעצט צום קײַלעכדיקן אייוועלע, וואָס איז געווען אָנגעגליט ווי א שטיק פײַער, און אין א מינוט אַרום איז ער אינמיטן געשפּרעך אײַנגעשלאָפן.

אָראַנסקי האָט אָנגעוויזן אף ניקאָלאַדזען:

— ווי ער האָט זיך עס פאַר א קורצער צײַט געענדערט!

אים האָט אָפּגעענטפערט איוואַן דעמידאָוויטש:

— פאַר א קורצער, זאָגסטו? אויב אפילע נעמען אין אַכט, אַז די זקיינע, די פּלאַנעטע אונדזערע, איז שוין אַלט בא פיר מיליאַרד יאָר, אַלציינס זײַנען פאַר אונדז די זיבן כאָדאָשים מילכאָמע ניט קיין קורצע צײַט.

עס איז אַרײַנגעקומען דער קאַפּיטאַן אַלעקסייעוו און אַוועקגעשטעלט א דײַטשישע פעלד־פלאַש. עס האָט זיך אין איר געפּליעסקעט בראַנפן. אָט די פעלד־פלאַש האָט נאָך מיט א פאָר שאָ צוריק געטראָגן א דײַטשישער סאָלדאַט. אים האָבן פאַרכאַפּט דער סערזשאַנט שאַמיל נאַסיבולין מיט זײַנע פאַרבינדלער. און עס איז נאָר צום כידעשן זיך, וואָס דעם פריץ האָבן זיי איבערגעגעבן דעם קאָמאַנדיר צוזאַמען מיטן בראַנפן. אויסשפּירער זײַנען זיך נויהעג אַנדערש. פאַרוואָס טאַקע ניט? זיי דאַרפן דען ניט דערוואַרעמען די מידע פאַרפרוירענע גלידער?

דעם קאָמיסאַר פון פּאָלק האָט מען אַרויסגערופן אין שטאַב פון דער אַרמיי, און פון דאָרט האָט ער זיך אומגעקערט שפּעט אין אָוונט מיט א ציוויל געקליידטן מענטשן. אָראַנסקי איז שוין געשלאָפן, נאָר איוואַן דעמידאָוויטש האָט אים לײַכט א טאָרע געטאָן:

— פּיאָטער, זײַ א פרײַנט און קריג עפּעס מיט וואָס אונדז אָנהאָדעווען. קוק ניט אף מיר אַזוי. מיר זײַנען הונגעריק, ווי די וועלף, און דו, אַז דו ווילסט, קאָנסטו פון אונטער דער ערד אַרויסבאַקומען. זאָל דאָס אפילע זײַן פון רעזערוו, צו וועלכן דו לאָזט קיינעם זיך ניט צורירן. דאָס איז מײַנער א גוטערפרײַנט. נאָך אין צוואַנציקסטן האָבן מיר צוזאַמען אײַנגענומען פּערעקאָפּ. באַקאַנט זיך.

— קאַפּיטאַן אָראַנסקי!

— איך זע, אַז א קאַפּיטאַן און ניט קיין יעפרייטאָר. לעאָניד, און מײַן טאַטן האָט מען גערופן אַנטאָן.

דרײַ ניט קיין אָפּגעהובליעוועטע ברעטלעך, צוגעקלאַפּט צו א סלופּל, דינען דאָ פאַר א טיש. ער איז צו נידעריק? דאָס מאַכט ניט אויס, דערפאַר קאָנען דער עמער, איבערגעקערט מיטן דנאָ אַרוף, און דער דורכגעשאָסענער מאַשין־קוילנוואַרפער דינען פאַר בענקלעך. אפן טיש ברענט ניט קיין קאַנעצל, נאָר א זעכצענער לעמפּל. ס'איז וואַרעם, גוט און אפילע היימלעך.

מע האָט שוין אָפּגעגעסן א הירזשענע קאשע און אפילו אויסגעטרונקען צו פופציק גראם ספירט, און איצט ליגן זיי אינדרויסן אף צווי ניט קיין ברייטע נארעס. אראנסקי האָט כאראָטע, וואָס ער האָט זיי ניט איבערגעלאָזט אליין. דער גאסט איז צוריקגעהאלטן, און אראנסקי איז ניט פון די, וואָס ווילן וויסן גראָד דאָס, וועגן וואָס מע דערציילט זיי ניט, איז וועט ער באלד געפינען א טערעץ, ארופציִען די שטיוול און צוווינטשן א גוטע נאכט.

— אנטאָניטש, — זאָגט דער קאָמיסאר, — לאנג וועל איך נאָך דיך ציִען בא דער צונג? אמאָל ביסטו דאָך געווען צו באריידעוודיק. אָט דעם באָכערעץ, וואָס ליגט לעבן מיר, קען איך שוין פופצן יאָר. מײַנער א האַדעוואנעק. אף אים פארלאָז איך זיך, ווי אף זיך אליין. איך פרעג בא דיר ניט, נאָך וואָס דו ביסט אהער געקומען. דערצייל, וואָס הערט זיך בא אײַך. קאדראָווע קאָמאנדירן פאראן בא אײַך? א סאך?

— עטלעכע הונדערט. פאראן אזעלכע אָטריאדן, וואָס רופן זיך אפילו רויטארמייִשע. קעדיי איר זאָלט זיך קענען דערקלײַבן אהער, האָט דאָך עמעצער געמוזט אײַנהאלטן דעם סוינע. דורכ־רײַסן זיך קיין סעוואסטאָפּאָל האָבן זיי שוין ניט געקענט.

— פון וואָס, אנטאָניטש, האָט איר אָנגעהויבן?

— פון דעם, וואָס מיר האָבן גענומען שלאָגן די פאשיסטן.

— דאָס פארשטיי איך אָן דיר.

— איך האָב ליב מענטשן, וועלכע מע דארף ניט ארײַנלייגן קיין פינגער אין מויל. ווען האָבן די פאשיסטן אָקופּירט קרים? סאָף אָקטיאבער, יאָ? דעם פינפטן נאָיאבער האָבן זיי זיך שוין דערוווּסט, וואָס הייסט האָבן צו טאָן מיט פארטיזאנער. אין א כוידעש ארום האָבן מיר שוין גע־האַט בא דרײַסיק אָטריאדן. ניט זעלטן טרעפט אָבער, אז אויך מיר כאפּן גוט אין די צייך ארײַן.

דער קאָמיסאר האָט זיך א ריגעווע געטאָן.

— איר, ווען עס האלט שלעכט, קאָנט איר אנטלויפן, און שיט אײַך אָן זאָלץ אפן עק.

— דו רעדסט, ווי א קוראָרטניק. גרינג צו זאָגן אנטלויפן. ביטע, קום מיט מיר, וועל איך א קוק טאָן, וואָס פאר א לויפער דו ביסט.

— נו, פארטיזאן, איצט זע איך, אז בא דיר איז טאקע פארבליבן א מויל אף שרויפן. זאָג מיר, ווען ווילסטו, זאָל איך גיין מיט דיר — שוין צי שפּעטער א ביסל? איך וואָלט עפשער טאקע מיט דיר געגאנגען, נאָר מײַן שאָכן, דער קאפיטאן, וועט מיך ניט אָפּלאָזן.

— נו, איז דאָך אומזיסט די רייד.

אלע דרײַ האָבן איצט געשוויגן. שווערע געדאנקען, טיפע זאָרג האָבן באהערשט די דרײַ קאָמאנדירן. יעדערער האָט געהאט וועגן וואָס צו טראכטן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דעם צווייטן יוני. פינף מעסלעס נאָכאנאנד זײַנען זעקס הונדערט פאשיסטישע אעראָפּלאנען, העכער צווי טויזנט הארמאטן און מינענווארפער ניט אנשוויגן גע־וואָרן. סעוואסטאָפּאָל און זײַן אומגעגנט האָבן דערמאָנט אין א ווולקאן, פון וועלכן עס האָט זיך מיטאמאָל ארויסגעריסן א גליִענדיקער, אלץ פארניכטנדיקער שטראָם.

ערשט דערנאָך איז די דײַטשישע צוויי־הונדערטטויזנטדיקע ארמיי אריבער אין אָנגריף.

פון אָראנסקיס פּאָלק איז פארבליבן ווייניקער ווי א באטאליאָן. ניטאָ קיין אעראָפּלאנען, די זעניט־באטארייעס האָבן ארויסגעלאָזט די לעצטע סנאריאדן. פון אלע זײַטן א שקוואָל פײַער, און דער הימל — ער האָגלט אָן אופהער. זיי, די פאשיסטן, פילן זיך אזוי אומבאשטראָפט, אז די „מעסערשמידטן" באגלייטן אפילו ניט די פּיקירנדיקע באָמבארדירער.

אָראנסקי ווישט מיטן ארבל דעם שוויס און מיט א הייזעריקער פון אָנשטרענגונג שטים קאָמאנדעוועט ער:

— פײַער! פײַער!

אויך ער אליין לאָזט ניט ארויס די ביקס פון די הענט. ס'איז שווער צו זאָגן, ווען עס האָט אָפּגעגליקט, נאָר אָן אעראָפּלאָן מיט שווארצע צייכנס אף די פליגלען האָט זיך אָנגעצונדן. איבערן פליִערס קאָפּ האָט זיך אָנגעבלאָזן דער זײַדענער פאראשוט, און דער ווינט טראָגט אים אלץ נעענטער אהער.

ווער האָט זיך עס געקענט ריכטן, אז דער קאפיטאן וועט ארויס פון אָקאָפּ און זיך לאָזן אין צענטער פון דעם פײַערדיקן געוויטער. אָט איז ער אומגעפאלן, און צווי רויטארמייער לאָזן זיך צו אים, נאָר ער באפעלט:

— צוריק! איך וועל אים ברענגען א לעבעדיקן.

און ער האָט אים געבראכט, דעם באנדיט.

די נאכט האָט זיך ניט אונטערשיידט פון דעם טאָג. ביזן הימל האָבן זיך געצויגן די פײַער־צונגען. דאָס האָט מיט א העלן פלאַם ווי א ריזיקער שײַטער געברענט דער רויִנירטער סעוואס־

טאָפּאָל. עס האָט זיך געדאַכט, דער יאַם וועט אויסגעדעמפּט ווערן פון דער סאַרפּענדיקער היץ. און אַף מאָרגן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן פּונקט אַזאַ טאָג, ווי דער נעכטיקער. נאָר הײַנט האָבן זיך די היטלעראָווצעס דורכגעריסן אין שטאָט. הײַנט האָט באַם אָפּטרעטן צו כערסאָנעס דעם קאָמיסאַר פון פּאָלק אַ שפּליטער צעדריבלט דעם פוס, און ער האַלט זיך אַף שטיקלעך הויט. זײַן פּאָנעם איז אײַנגעפאַלן און בלייך, ווי אַ טויט. איוואַן דעמידאָוויטש בעט זיך בײַ אָראַנסקין:

— פּיאָטער, כאַטש אַ טראָפּן וואַסער צו באַנעצן די ליפּן, — נאָר גלײַך דערמאָנט ער זיך, — אַנטשולדיק, כ׳ווייס, ס׳איז ניטאָ קיין וואַסער, — און שוין גאָר שטיל: — די סאָלדאַטן האָבן דיך ליב. היט זיי, ווי אַן אויג אין קאָפּ. לאָבאַדאַ האָט געוואָרפן דעם קוילנוואַרפער. איר זאָלט אים מישפּטן. אַליין זאָלסטו זאָגן...

ווי אַמאָל זײַן מאַמע, האָט אָראַנסקי זיך צו אים אָנגעבויגן, און פון אָנשטרענגונג איז אויך אַף זײַן שטערן אויפגעלאָפן אַ בלויער אָדער.

— קאָמיסאַר, רייד העכער. פון די אויפרײַסן בין איך אַ ביסל טויב. מיר וועלן דיך ניט איבערלאָזן. מע וועט דיך אויסהיילן. מיר וועלן זיך נאָך שלאָגן צוזאַמען. ווי האָסטו ליב צו זאָגן: די ערד איז דאָך קײַלעכדיק! מיר וועלן זיך נאָך אַהער אומקערן, איוואַן דעמידאָוויטש!

דער קאָמיסאַר האָט שווער געאָטעמט. באַוועגט פון הונדערטער ווייטעקן און דײַגעס, האָבן אָן אויפהער געצוקט זײַנע ליפּן. מיטאַמאָל זײַנען די באַקן געוואָרן טרוקן־געל. און אויס. ניטאָ מער איוואַן דעמידאָוויטש, ניטאָ דער לערער און פרײַנט.

פאַרוואָס פאַלט ניט די זון פון הימל? פאַרוואָס שרײַט ניט די ערד פון ווייטעק? אין וואָלקנדל איז אַרומגעשווומען, איז עס אויך ערגעץ פאַרשווונדן. אָראַנסקיס אויסזען, ווי ער וואָלט געוואָלט און זיך ניט געקאָנט פאַרענטפערן, פאַרוואָס זײַנען בײַ אים גאַנץ די הענט, די פיס און דער קאָפּ איז נאָך אַפן אָרט. ער האָט פאַרשפּיליעט דעם קאָלנער, זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק.

די לעצטע פאַרטיידיקער פונעם לעגענדאַרן שוואַרציאַמישן באַסטיאָן האָבן נאָך געקעמפט אין די בוכטעס סטרעלעצקי, קאַמישעוואַ, קאַזאַמשי, און זיי, דאָ, אַף אַ קליין שטיקל ערד, אין כערסאָנעס. פונעם פּאָלק זײַנען פאַרבליבן געציילטע מענטשן. זיי האָבן באַדאַרפט אײַנהאַלטן דעם סוינע, קעדיי די פינף־און־דרײַסיקסטע באַטאַריי און אַנדערע טיילן זאָלן זיך קאָנען עוואַקויִרן.

...צוויי קאָמאַנדירן, זעקס רויטאַרמייער, אַן עלטערער פישער, וואָס האָט זיי גאַנצפרי גע־בראַכט וואַסער פאַר די אָנגעגליטע קוילנוואַרפער. זיי קלאַמערן זיך אין די גריבער. צום יאַם — ניט מער ווי אַ האַלבער קילאָמעטער, נאָר דער ברעג איז דאָ אַזאַ, אַז קיין שיף וועט אַהער נאָך זיי ניט קומען.

אַ געזונטער פעלדפעבעל שטעלט אָן אַף אָראַנסקין זײַן האַרבאַטן אויטאָמאַט. אין דער זעל־בער רעגע צערײַסט זיך אַ גראַנאַטע. ביידע פאַלן אַרײַן אין גריבער...

אַליין מיט זײַן ווײ־און־ווינד

אונטער די ברענענדיקע זון־שטראַלן זײַנען בײַ פיר הונדערט טויטע און פאַרוואונדעטע געלעגן אַף אַ שמאָלן ערד־פּאַס מיט פעלדזיקע ברעגן, וואָס האָבן זיך שטייל אַראָפּגעלאָזט צום יאַם.

ווער עס האָט נאָר געהאַט קויעך, האָט זיך פאַרקליבן נעענטער צו דער שאָטנדיקער באַרג־זײַט, ווו אין געדיכטן קאַלך־שטויב זײַנען געוואַקסן מיסט־גראָזן און קוסטעס מיט האַרטע נאָדלען אָנשטאָט בלעטער.

אַ באַשעפעניש, גרויס ווי אַן אַרבעס, פויזעט איבער אָראַנסקיס פּאָנעם. די באַק ציטערט, נאָר די האַנט טוט זיך ניט קיין ריר, קעדיי עס אַראָפּשלײַדערן. ווער ווייסט, וויפל ער וואָלט נאָך געלעגן אַזוי, ווען ניט די אָוונטיקע קילקײַט און דער שאַרפער ווייטעק אין דעם לינקן פוס.

לאַנגזאַם האָט זיך צו אים אומגעקערט דער באַוווסטזײַן. מיטן טאַשן־מעסערל האָט ער צע־שניטן די כאָליעווע פון שטיוול, וואָס איז פול געווען מיט פאַרבאַקן בלוט. אויך די לינקע האַנט איז פאַרוווּנדעט, נאָר מיט איר קאָן ער נאָך עפּעס טאָן. ער בײַסט די איבערגעטריקנטע ליפּן. אויסגיין וועט ער פון דאָרשט. איז וואָס זאָל ער טאָן?

די גרוב, ווו ער ליגט, איז ניט קיין טיפע, נאָר ערשט דער דריטער פּרווו אַרויסצוקראַטשקען זיך געלינגט. דאָס ערשטע, וואָס ער דערזעט, איז אַ ליכטיקע האַלבע לעוואָנע און אַ פאַלנדיקער שטערן. פון יאַם ווייעט אַ געזאַלצן ווינטל. ערגעץ ווײַט, בײַ דער רודאָלפער סלאָבאָדע, שיסט מען

נאָך. מיטאמאָל דריקט ער זיך צו צו דער ערד און פארטײַעט דעם אָטעם. דאכט זיך, עמעצער פויזעט. ער קערט אויס דעם קאָפּ אין יענער זײַט, פונוואנען עס גייט דער שאָרך. די דײַטשן האָבן דאָך מיסטאמע מיטגענומען זייערע פארוווּנדעטע. ווער זשע איז דער, אין דעם גרין־גרויען מונדיר? אָראנסקי קאָן שווערן, אז דאָס איז יענער, וואָס האָט אין אים געשאָסן. שוין זשע האָט ער אים מיט דער גראנאטע בלויז פריטשמעליעט? מיט די נעגל גראבלט ער די זאמדיקע ערד און קריכט, ווי אַן אונטערגעשאָסענע כײַע. ער איז אָן דעם אווטאָמאט, נאָר אויך אָראנסקיס פיסטאָלעט איז פוסט, אָן איין קויל.

זיך ארופוואַרפן אפן דײַטש אומגעריכט האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן, כאָטש אין דער רעגע איז ער אַף איין פוס געשטאנען פעסט.

...א־א־א! — האָבן איבערגעכאַזערט די בערג א פרעמדן אויסגעשריי. נאָר ווו נעמט מען א צווייטע האנט אַף פארמאכן אים דאָס מויל? די רעכטע האָט זיך נאָך ניט דערקליבן צום גאָרגל, ווען אָראנסקי האָט געכאַפּט אזא קלאַפּ אין דעם קראנקן פוס, אזש די אויגן האָבן גענומען קריכן פון קאָפּ. ער טאָר ניט שרײַען און וואָלט זיך געלאָזט אופהענגען א שלאָס אפן מויל, נאָר...

...א־א־א!... — האָט זיך ווידער צעהילכט דער עכאָ אין טאָל. דאָס מעסערל איז ארויסגעפאַלן פון האנט, דויבעט ער מיט דעם פויסט, און אזוי קײַקלען זיי זיך איבער דער ערד, ביז זיי טרעפן אין דער זעלבער גרוב, פונוואנען אָראנסקי האָט זיך ניט לאנג צוריק ארויסגעדראַפּעט.

ביידע לעבן נאָך. זיי מוזן איבערכאַפּן דעם אָטעם. דער פאשיסט שפּארט זיך אָן אין דער וואנט און שטעלט ארויס די פויסטן, ווי אַן אָקס די הערנער, נאָר אָראנסקי דערלאנגט איין קלאַפּ, א צווייטן, א דריטן, ביז ער כאַפּט זיך, אז ער שלאָגט שוין א פייגער. ער נעמט אראָפּ פונעם שווארצן רימען די פעלד־פלאש און טוט זי א טרייסל. זי איז קימאט פול. דאַן שרויפט ער אָפּ מיט די ציין דאָס דעקל און טוט א שלונג די שווארצע, אָפּגעקילטע קאווע. איצט, ווו ער זאָל זיך ניט קערן, ווו ער זאָל זיך ניט ווענדן, שטויסט ער זיך אָן אַף דעם טויטן דײַטש. ביז עס איז נאָך ניט גוט ליכטיק געוואָרן, מוז ער זיך פונדאנען ארויסקלײַבן און זיך באהאלטן צווישן די קוסטעס. אויב אים וועט זיך אײַנגעבן איבערלעבן דעם טאָג, וועט ער זיך באנאכט לאָזן נעענ־טער צום יאם.

ווי לאנגזאם עס ציט זיך די צײַט. א טאָג — א יאָר. דאָ דארפן זײַן שלענג און סקאָרפּיאָנען. די לופט איז פול מיט שמעטערלינגען. ווען זיי זעצן זיך צו, לייגן זיי צונויף די פליגעלעך אפן רוקן. עפּעס א מין היישעריק איז באַפאַלן די קוסטעס. זייער זשומען — ווי דאָס דריבנע קלאַפּן פון א פויק. און אפילע דאָס צופּט און נאָגט זײַנע אָנגעשטרענגטע נערוון. ווען ער זאָל ניט גע־ווען פארלירן דאָס מעסערל, וואָלט ער אָפּגעשניטן א צווײַג און זיך אין איר אָנגעשפּארט ווי אין א שטעקן. די רעכטע האנט מיטן שטעקן וואָלט ער ארויסגעשטעלט פאָרויס, זיך אָנגעשפּארט און א שפרונג געטאָן. ווײַט אזוי אוועקגיין קאָן מען ניט, נאָר פאר צוויי נעכט וואָלט ער זיך צום יאם דערקליבן.

דאנקען גאָט, ס׳איז שוין געוונג טונקל. ווי א הייסע געבראָטענע קארטאָפל ווערט צוביסלעך אָפּגעקילט די ערד. נאָך א נאכט און א טאָג וועט ער דאָ אָפּליגן. עפּשער וועלן זיך די ווונדן פאר־ציִען. די האנט איז צו דערלײַדן. נאָר דער פוס ברענט, ווי מע וואָלט זיך צוגערירט צו אים מיט אָנגעגליטן אײַזן. נו, און וואָס וועט מיט אים זײַן, אויב אפילע די ווונדן וועלן זיך פארציִען?.. צי וועט זיך אים אײַנגעבן דערקלײַבן זיך צו די פארטיזאנער, צו לעאָניד אנטאָנאָוויטשן?

ער איז אין פינלאנד ניט פארפרוירן געוואָרן פון דער גליווערנדיקער קעלט, וועט ער דאָ פארברענט ווערן פון היץ. די זון קלײַבט זיך, דאכט זיך, צעשמעלצן דאָס שטיקל שטייניקן באָדן. ניטאָ זיך ווּהין פון איר צו באהאלטן. דערצו קאָן מען נאָך דערשטיקט ווערן פונעם איפּעש.

דער קוסט איז גאָר קיין קוסט ניט. ער איז אויך ווי פון שטיין. צו אים וואָלט מען געדארפט האָבן א שארפע האק, ווי בא זשעניען. זי מיט דער מאמען זײַנען לעבן געבליבן? מעגלעך. וואָס וואָלטן זיי געטאָן, ווען ער דערקלײַבט זיך אהין און קלאַפּט באנאכט שטיל אָן אין פענצטער? אַף טויט וואָלטן זיי זיך איבערגעשראָקן. ווער איז ער זיי, זיי זאָלן ריזיקירן צוליב אים מיטן לעבן? נאָר דאָס זײַנען אלץ פוסטע כאַלוימעס, זיך צו טרייסטן. ער וועט זיך אהין אלציינס ניט דערקלײַבן.

די באלקע לאָזט זיך אראָפּ אַף דאָרעם, און לעבן יאם ענדיקט זי זיך מיט אַן אָפּריס. ער איז שוין גאָר נאָענט, נאָר עס שפּראָצט שוין אַף טאָג און קיין קוסטעס זעט מען דאָרט ניט. ווידער פארקלײַבט ער זיך אין א באהעלטעניש, און ביז די זון וועט ניט נעמען באקן, וועט ער פרווון כאַפּן א דרעמל. די פליאגע איז פוסט, און ער וואָלט זי געקאָנט אוועקוואַרפן. ער טוט עס ניט, ווײַל ער וועט כאָטש אין אָוונט אָנעמען אין איר יאם־וואסער אַף אָפּפרישן דאָס פּאָנעם. די לעצטע פּאָר סוכערלעך האָט ער שוין אויך אופגעגעסן, און בא אים איז שוין מער קיין סקאָרינקע ניט פארבליבן.

ערגעץ האָט ער געלייענט, אַז אַן עסן קאָן מען לעבן בא דרײַסיק טעג. דער, וואָס האָט עס געשריבן, האָט מיסטאָמע קיין איין טאָג אַליין ניט געהונגערט. זיכער איז אָבער איינס, אויב ער וועט זיך היינט־מאָרגן ניט אָנטרינקען, וועט ער ניט אויסהאַלטן. „היינט־מאָרגן" — דאָס זיינען צענדליקער שאָ, און אים נעמט ניט דער שלאָף. ער קאָן מער קיין מינוט ניט ליידן. פאַרוואָס האָט ער אַרויסגעלאָזט די לעצטע קויל? איינע האָט ער געהאַט די רעכט לאָזן פאַר זיך. פאַר־וואָס, פאַרוואָס... זייער א סאַך פאַרוואָסן.

די לעצטע עטלעכע מעטער איז ער מיט בייזער אַקשאָנעס געקראָכן אַף דער רעכטער זייט. אַזוי האָט ער אַמאָל ליב געהאַט צו שווימען אין טעטערעוו, אין דניעפּער, אין אָט דעם שוואַרצן יאַם, אין דניעסטער און אין פּרוט. דאָ בלייבט נאָך אים אין זאַמד א ריוועלע, און פאַרשיטן עס קאָן ער ניט, ווייל קויעך פאַרמאָגט ער ניט מער ווי א ניי־געבוירן קינד.

וואַסער! שטיין אין וואַסער און שטאַרבן א טרונק! שווענקט ער דאָס מויל, פאַרגיסט דעם קאָפּ, עס זאָל זיך כאָטש א בולקע טאָן אין גאָרגל. פון דער געזאַלצנקייט ברענט נאָך מער דער דאָרשט, און פון דעם, וואָס עס שמעקט דאָ מיט טוכלע פיש, נאָגט נאָך שטאַרקער דער הונגער.

דאָס וואַסער — טונקל־גרין גלאָז, און בא דער שײַן פון דער לעוואָנע קאָן ער זיך שפּיגלען אין דעם. צאָרעס לייגן זיך צוערשט אַפן פּאָנעם. אים גלייבט זיך ניט? יאָ, דאָס איז ער אין קנאַפּע פיר מעסלעס אַרום נאָך דעם, ווי דער פאַשיסט האָט אָנגעצילט אַף אים זיין אויטאָמאַט.

איז עפּשער א וואָרף טאָן זיך אין וואַסער, אופוועקן די דרעמלענדיקע מעוועס אַפן שטיין, וואָס באָדט זיך אין יאַם? זאָלן זיי פּאַכען מיט די ווייסע פליגל, און ער וועט אוועק צום דעק. ס'איז דאָ ניט טיף, נאָר אויב מע וויל, קאָן מען דערטרונקען ווערן. דערווייל וועט ער ביז טאָג זיין דאָ, אין שויס פון דער נאַכט. אין דער פינצטער איז היימלעכער. און ווי נאָר ער וועט דער־הערן פרעמדע טריט, האָט ער זיך שוין אויסגעקליבן זיין וועג. צו אים איז קימאַט מיט דער גע־זונטער האַנט צו דערלאַנגען...

עס האָט אים אָפּגעגליקט. קימאַט באַם סאַמע ברעג האָט זיך באַוויזן א פישל — לאַנג און שמאָל, ווי א נאָדל. עס האָט אים בלויז באַוויזן די באַזילבערטע ליסקעס, נאָר דערפאַר האָט ער ניט ווײַט פון דעם אָרט, אין זאַמד, געפונען נאָך ניט קיין צעפוילטע סטאַווירידע. ער האָט זי אײַנגעשלונגען, און מיט דער זעלבער סטעזשקע, וואָס ער האָט אַליין דורכגעלייגט, זיך געלאָזט צוריק אין זיין באַהעלטעניש.

וואָס נאָר האָט ער ניט איבערגעטראַכט פאַר דעם טאָג! פון וויגל ביזן גריבל לעבט דער מענטש צווישן לעבעדיקע. מע קאָן זיך באַגיין אָן א סאַך זאַכן, נאָר ניט אָן א מענטשן. ס'איז טאַקע ווײַט פון די הײַזער, נאָר פאַרוואָס האָט זיך דאָ נאָך קיינער ניט באַוויזן? וועמען זאָל ער פאַרטרויען די געדאַנקען, וואָס ציען זיך ווי א קנײַלכל באַוול?

סטײַעס פייגל געפינען וואָס צו טרינקען, וואָס צו עסן, און ער האָט שוין צעקײַט דעם רימען, געהריזעט די קאָרע און געפרוווט עפּעס אויסזויגן פון דעם מאָגערן שטאָם. פון דעם איז אים לינדער ניט געוואָרן. ער צאַנקט, ווי א קויל אונטערן אַש, און פילט נאָר דאָרשט, הונגער און ווייטעק.

פאַרוואָס פאָדערט א מאַשין הייצוואַרג, נאָר ווען זי אַרבעט? ער טוט דאָך גאָרנישט. אָט ווען דו דערמאָנסט זיך, אַז דו שטאַמסט פון א כײַע.

אין מײַרעוו־טייל פון האָריזאָנט האָבן זיך באַוויזן וואָלקנס, דינע, ווי פעדערן. צו אָונט־צו האָבן זיי שוין פאַרכאַפּט א שטיק הימל. עס האָט א בלאָז געטאָן א ווינטל. פונדערוויטנס האָבן זיך דערטראָגן טעמפּע אָפּהילכן — מעגלעך, אַז דאָס איז שוין ניט קיין אַרטילעריע. א רעגן, ווען עס זאָל א גאָס טאָן א רעגן, כאָטש א קליין רעגנדל. דאָ ניט ווײַט האָט ער געזען זיך וואַלגערן א שטיק פאַרזשאַווערטן בלעך. וועט ער עס אויסבייגן און מאַכן אַזא געפעס, אַז קיין טראָפּנדל וועט ניט פאַרפאַלן גיין.

...ניטאָ קיין קויכעס זיך דערשלעפּן צום יאַם — און מע דאַרף. איין צאָרע שלעפּט נאָך זיך א צווייטע. אַף דעם צעקאַליעטשעטן פּוס האָבן זיך אינעם אָנגעוואַקסענעם ווילדפלייש באַוויזן ווײַסע ווערעם. ער וואַרפט זיי אַראָפּ, און זיי באַווײַזן זיך ווידער.

הײַנט האָט ער נאָך געלעבט, געאָטעמט. ער און די ערד, וואָס האָט אויך געבעטן א רעגן, האָבן זיך דערוואַרט. די בליצן האָבן זיך אָנגערוקט פון אַלע זײַטן, ווי זיי וואָלטן וועלן צערײַסן אַף שטיקער דעם הימל. אין דער רעגע איז ער געווען גליקלעך אַף מעשוגע ווערן. מיט דער געשוואָלענער צונג האָט ער געכאַפּט די טראָפּנס און קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פון דעם בלעך, וואָס ער האָט אונטערגעשטעלט צום שפּאַלט פון באַרג, וואָס פון די ווינטן, רעגנס אָדער גאָר פון עלטער האָט ער זיך אײַנגעקאָרטשעט און באַקומען אַף זײַן סאַמע שפּיץ א היפּשן פּליך. זאָלן נאָר די וואָלקנס אופהערן מיט אים זיך צו רייצן און זאָל דערלאַנגען א פליוך א רעגן, אַז פון

באַרג זאָל זיך אַ גאָס טאָן אַ ריטשקע. ער דאַרף אַזוי, ווײַל דער שטייניקער באָדן און דער שטוי־ביקער קאַלך וועלן אים צוריק קיין טראָפּן ניט אומקערן.

עס האָט זיך אים ניט געגלייבט, נאָר ער האָט זיך אָנגעטרונקען, ווי אַ פּויק. די פֿעלד־פֿלאַש איז פֿול, און אין דער אַפּגיך געמאַכטער מולטער האָט ער אײַנגעהיט אַ היפּש ביסל ווייכע רעגן־וואַסער.

איצט, ווען ער זאָל קאָנען שלעפּן דעם פֿוס, וואָלט ער זיך באַנאַכט געלאָזט אין וועג. דאָ, אינעם באַרג־דורכגאַנג, דאַרפֿן זײַן פֿאַרלייגט מינעס. נאָר וואָס קאָן ער אָנווערן?

ווידער האָט ער זיך פֿאַרקליבן, ווי אַ געיאָגטע כײַע, אין זײַן נאָרע. אַף זײַן לעבן האָט ער נאָך ניט געזען אַזאַ פּאַרוויסטונג. דאַכט זיך, אַלץ איז טויט, אויסער דעם יאַם און די שטערן. איבער אים איז דער הימל, און בלויז דער הימל. דער פֿוס, וואָס שטעכט ווי מיט טויזנטער נאָדלען, איז אופֿגעלאָפֿן און ווערט פֿאַרבערענט פֿון זײַן אייגענער היץ. עס גייט שוין דער עלפֿטער מעסלעס, און ער גויסעסט צוזאַמען מיט דער נאַכט.

ווען מערדער געוועלטיקן

— יעגאַר, זע נאָר, ער לעבט נאָך! — דאָס שרײַט עמעצער פֿון די געפֿאַנגענע, וועמען די היטלעראַוועצעס טרײַבן פֿאַר זיך, קעדיי דורכקאָנטראָלירן, צי זײַנען דאָ ניט פֿאַרלייגט קיין מינעס. ניקאָלאַדזע באַווײַזט זיך ניט אָנבייגן, ווי אַ דײַטש האָט שוין אָנגעצילט זײַן ביקס אַף אָראַנסקין און מיט מעסוקענער בייזקײַט אַ ברום געטאָן:

— האַלט!

„האַלט!" — מע קאָן מיינען, אַז ער קאָן נאָך לויפֿן.

אָראַנסקי האָט ברייט צעעפֿנט די אויגן. דאָס איז ניט קיין מיראַזש. דאָס האַרץ טוט אַ ציטער. זיך דערוואַרט... פֿאַר דער ביקס קאָן ער זיך ניט אָנכאַפּן, איז זאָל ער אים גיכער שיסן, און אָן עק זאָל עס נעמען. איז ניין, ער פֿרעגט נאָך:

— באָלשעוויק, יודע?

ניקאָלאַדזע פֿאַרלויפֿט אים דעם וועג. ער קען דײַטש, און דערפֿאַר האָבן זיי אים אויסגעטיילט פֿון אַלע איבעריקע, און ער גייט די גאַנצע צײַט אַף אָן אַלציינעם מעהאַלעך צווישן דער קאָמאַנדע „קאַנאָנען־פֿלייש" און דער וואַך.

— הער זאָלדאַט, גאָט באַהיט! דאָס איז מײַן בעסטער גוטערפֿרײַנט. ער ליגט דאָ, ווײַל דער פֿוס טוט אים וויי. איך בעט אײַך, שיסט אים ניט. ער וועט זיך גיך אויסהיילן, און דאַן קאָנט איר אים כאַטש אין אָן אַקער אײַנשפּאַנען.

אַף אומבערענגען אַ פֿאַרוווּנדעטן רויטאַרמייער דאַרף דער „הער זאָלדאַט" בא קיינעם ניט בעטן קיין דערלויבעניש. אַף ניט שיסן דאַרף ער האָבן אַ באַפֿעל פֿון דעם אונטער־אָפֿיצער, וואָס גייט ערגעץ הינטן און איז נאָך אַהער ניט דערגאַנגען. דערווײַל האָט דער סאָלדאַט זיך איבער־צײַגט, אַז דער „דאָלמעטשער" לײַגט ניט. זיכער, אַז זיי קענען איינער דעם צווייטן. איז וואָס אַרט עס אים? זאָלן זיי צווישן זיך ריידן.

— פֿיאָטער, נעם זיך אין די הענט. שווער־פֿאַרוווּנדעטע שיסן זיי. צום לאַגער איז ניט ווײַט — זיבן קילאָמעטער פֿונדאַנען. דאָרט איז פֿאַראַן אַ דאָקטער. איך האָב דאָ אַ כאַווער. מיר וועלן דיר העלפֿן.

— יעגאָר, גוט, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפֿן. אויב דיר וועט אָפּגליקן און דו וועסט בלײַבן לעבן, גיב צו וויסן מײַן מישפּאָכע. מיר קאָן שוין קיינער ניט העלפֿן.

— נאַרישקײַטן. בא דיר איז היץ. זײַ און שווײַג. פֿאָלג, וואָס איך וועל זאָגן.

— וואָס איז דאָס? — דאָס וויל שוין וויסן דער אונטער־אָפֿיצער.

ניקאָלאַדזע דערציילט, אַז ער האָט צופֿעליק געטראָפֿן זײַנעם אַ לאַנדסמאַן.

— אָן אָפֿיצער?

— ניין, — ענטפֿערט ניקאָלאַדזע, — אַ טעכניקער. ער פֿאַרמאָגט גאָלדענע הענט, און גליקלעך וועט זײַן דער באַלעבאָס, צו וועמען ער וועט אַרײַנפֿאַלן.

דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן. אויב ביזן ברעג יאַם וועלן זיי ניט אָנטרעפֿן אַף קיין מינעס, מעגן זיי אים העלפֿן דערקלײַבן זיך צום לאַגער. דערווײַל בלײַבט אָראַנסקי דאָ.

אַ שטיק ריין זאַמד־פֿעלד צווישן רודאָלף־סלאָבאָדאַ און בערמאַנס באַלקע האָט מען אַרומגעצוימט מיט עטלעכע רייען שטעכדראָט. אין די ווינקלען האָט מען אוועקגעשטעלט פֿיר היל־צערנע טורעמס מיט קוילנוואַרפֿער, און דאָס איז דער לאַגער פֿאַר העכער צוויי טויזנט קריגס־געפֿאַנגענע.

פון דער קאָמענדאַטור האָט מען געבראַכט און אוועקגעשטעלט בא דער „קיך“, ווו צוויי מאָל א טאָג טיילט מען צו דרײַ הונדערט גראַם מוטנע באַלאַנדע, א ספּעציעלן טורניקעט — אַזאַ אײַנריכטונג מיט א ווירבל־טירל, וואָס לאָזט ניט די געפאַנגענע מיט די פּוסטע קאָנסערוון־שאַכטלעך זיך אײַלן פאָרויס, נאָר צווינגט זיי ארײַנגיין אייינציקווײַז. באַם דורכגיין דעם טורניקעט שטויסט איר אים פאָרויס און פאַרמאַכט דעם וועג יענעם, וואָס גייט נאָך אײַך. דאָס גיט דער וואַך א מעגלעכקײַט אָפּטיילן די, וואָס זײַנען, לויט זייער מיינונג, ענלעך אַף ייִדן, ווי אויך די שוואַך־פאַרוווּנדעטע און קראַנקע, קעדיי זיי אָפּפירן אין שכיטע־ריוו. בא די דײַטשן הייסט עס „כאַפּן האָזן“, און זיי באַרימען זיך נאָכדעם, וויפל וועמען עס איז געלונגען כאַפּן.

ניקאָלאַדזע קאָן טאַקע, ווײַזט אויס, אומבאַמערקט ארויסנעמען א שויב פון איין פענצטער און ארײַנשטעלן אין א צווייטן. אים האָט זיך אײַנגעגעבן מאַכן עפּעס א שפּיצל, אַז זײַן כאַווער זאָל אויסמײַדן דעם טורניקעט.

אין לאַזאַרעט האָט דער דאָקטער בערשאַדסקי מיט זײַנע גרויסע קינדערש־בלויע אויגן א קוק געטאָן אַף אָראַנסקיס קראַנקן פוס, גלײַך מיט א צעבראָכענעם סקאַלפּעל צעשניטן די ווונד און מיט א צוואַנג ארויסגענומען די קויל. מיט עפּעס א שמירעכץ האָט ער פאַר צוויי טעג פאַרניכטעט די ווערעם. אָראַנסקי האָט שוין קימאַט געקענט אופהייבן די האַנט און רירן מיט די פינגער אַף דעם קראַנקן פוס. צוויי שטעקנס אָנשטאָט קוליעס האָט ער אַליין געפונען.

צווישן די געפאַנגענע רויטאַרמייער און מאַטראָסן האָבן זיך אין די ערשטע טעג אויך געפונען די אָרטיקע אײַנוווינער, וועלכע האָבן געקעמפט אין די דרוזשינעס. צו זיי פלעגן קומען די אייגענע, וואָס פלעגן זיך באַמיִען זיי איבערגעבן עפּעס עסן. געוויינלעך פלעגט מען זיי צעטרײַבן אָדער גאָר נעמען שיסן, נאָר זונטיק האָט די וואַך ניט אַזוי געווילדעוועט און פון איבער דעם דראָט פלעגט אַמאָל ארײַנפליִען א געקאָכטע קאַרטאָפל, א גרינע אוגערקע, א בורעק.

אָראַנסקי איז געלעגן אין הויף פון לאַזאַרעט, ווען ער האָט צווישן א גרופּע פרויען דערזען זשעניען. ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן פאַר די שטעקנס און, רופנדיק זי, זיך געלאָזט צום שטעכדראָט, נאָר דער וואַכמאַן, וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן, האָט אים באַמערקט און דראָענדיק באַוויזן א פויסט. זשעניען האָט ער צוגעלאָזט נעענטער און עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט:

— דאָס איז דײַן מאַן?

זי האָט געענטפערט:

— ניין, מײַן מאַנס א ברודער.

דער וואַכמאַן האָט זי אַפילע א ליוב געטאָן, וואָס זי פאַרגעסט ניט אין אירע אומגליקלעכע קרויוויִם, און איר פאַרטרויט, אַז ער אַליין איז צופרידן פון זײַן לעבן, ווי א הונט פון א שטעקן. ער בענקט שטאַרק נאָך זײַנע קינדער, וואָס וואַקסן בא דער באָבען און אַליין האָט ער זיי שוין דאָס צווייטע יאָר ניט געזען.

אַלץ, וואָס זשעניע האָט אַהער געבראַכט, האָט זי שוין באַוויזן אריבערוואַרפן פאַר אַלעמענסוועגן. דערפאַר איז זי אוועק אַהיים, זיך נאָכאַמאָל אומגעקערט און אים איבערגעגעבן א לעבל ברויט, א שטיק געדיכטע הירזשענע קאַשע און א סאָלדאַטסקע קעסעלע, פול מיט טיי — עמעסע זיסע טיי. זי האָט בא אים גאָרניט געפרעגט, אַליין ניט דערציילט, נאָר געשטאַנען פון דער ווײַט און געקוקט, ווי אָט דער טויט־הונגעריקער מענטש, וואָס האָט נאָרוואָס ניט פאַרמאָגט אַפילע מיט וואָס אָן אויג צו פאַרטרייסלען, טיילט אַף דער העלפט דאָס אומגעריכטע גוטס מיט איינעם א קאַווקאַזער.

מיטן וואַכמאַן האָט זי „געשלאָסן באַקאַנטשאַפט“, און נאָך פינף מאָל איז זי אַהער געקומען. צום זעקסטן וואָלט זי בעסער ניט געקומען, נאָר ווער האָט געקאָנט וויסן, אַז איר „באַקאַנטער“ דײַטש איז פּונקט אַזאַ באַנדיט, ווי אַנדערע, נאָר לײַדט צײַטנווײַז פון סענטימענטאַלקײַט. צום זעקסטן מאָל האָט ער זי באַגעגנט מיט א קויל. דער געהילף־קאָמענדאַנט האָט דערלויבט דעם דאָקטער בערשאַדסקי ארויסגיין פון לאַגער און איר איבערבינדן די ווונד. נאָר קיינער האָט ניט דערלויבט אָראַנסקין אריבערוואַרפן איבערן הויכן לאַגער־צוים זײַנע שטעקנס. פאַר דעם וועט ער באַקומען זײַן שטראָף. דערווײַל האָבן זייערע בליקן זיך נאָך איין מאָל באַגעגנט. נאָר וואָס האָט ער איר געקאָנט זאָגן? לאַנג האָט ער געקוקט, ווי זי שטעלט אָן אײַנגעבויגענע אינדרײַען א טראָט נאָך א טראָט. אָט איז זי, ווי א פאַרוווּנדעטער סאָלדאַט, צוגעפאַלן צו דער ערד, נאָר צו איר איז צוגעלאָפן א פרוי, וואָס האָט איר געהאָלפן זיך אופהייבן. דערנאָך זי גענומען אונטער דער האַנט, און לאַנגזאַם זײַנען זיי אַוועק מיט דער באַלקע.

ביטער, שלעכט איז, ווען דער מערדער געוועלטיקט.

שווערע, גרויע פערד, מיט ברייטע ברוסטקאַסטנס, וואָס האָבן זיך פאַרבענקט נאָך שלעפּן ארויף־באַרג א שווערן וואָגן, פּיטערן זיך אַף דער לאָנקע, און אין די רימענע שלייעס, וואָס זײַ־

נען מיט בײדע עקן צוגעפעסטיקט צום כאָמוט און שנײַדן זיך אַרײַן אין די אַקסלען, שפּאַנט מען אײַן אויסגעדאַרטע מענטשן. און אָפן וואָגן — פעסער מיט וואַסער. פאַראַן קימאַט אַ גלײַכער וועג, נאָר ווי דער פאָרעץ וויל, אַזוי דרייט ער מיטן דישל... די לאַגער־וואָך הייסט פירן מיט אַ זײַטיקן וועג, וווּ דער באַרג־אַרוף איז אַ שטײלערער. דעם וואָגן וועלן זיי אַרופשלעפּן, נאָר פּרוּוו אים דערנאָך אײַנהאַלטן, אַז קיין טראָפן וואַסער זאָל זיך פון דער הילצערנער פּאַס ניט אויסגיסן. פון אָנשטרענגונג האָט בײַ אָראַנסקין געפּלאַצט די דינע הויט, וואָס האָט אָקאָרשט פאַרצויגן די וווּנד. אויפן שטויביקן וועג טריפן טראָפּנס בלוט. ער זעט זיי ניט, ווײַל די אויגן זײַנען פאַרלאָפן מיט געזאַלצענעם שווייס. דער וואַכמאַן מיטן גרויסן באַוועגלעכן בויך באַפוילט זיך אָפּשטעלן. ער אַליין וועט זיך זעצן אויף די קאָזלעס. קיין ווישקעס דאַרף ער ניט. די הענט זײַנען בײַ אים פאַרנומען מיטן אויטאָמאַט.

פערד דאַרפן שווײַגן, און דער נידעריקער מאַטראָס, וואָס גייט פון לינקס אין שפּאַן, טוט אַ „בריקע“. ער זעצט זיך צו אויף דער ערד, און דער צאָרן רעדט פון אים אַרויס:

— או, רײנבלוטיקע לויז, וואָס פאַר אַ צויג האָט דיך אויף דער וועלט געבראַכט!

אָראַנסקי זאָגט אים שטיל:

— פאַרבינד די צונג און ווער אַנשוויגן!

פאַרן מאַטראָס איז איבערגענוג, וואָס ער לײַדט פונעם פּריץ, זאָל אים נאָך אַן אייגענער לערנען? עפּשער מיינט ער, אַז ער מעג, ווײַל ער איז געשפּאַנט אינמיטן? ער איז טאַקע עלטער און העכער פאַר אַלעמען, נאָר אים קאָן ער דאָך אויף זיכער אַ ביס טאָן:

— ווער ביסטו — אַ קאָמאַנדיר, וואָס דו באַפוילסט? דו ביסט אַ פערד ניט בעסער פאַר מיר.

די שלייע אויף אָראַנסקין טוט אַ ציטער און די פּאָסטראָמקעס ציִען זיך אָן, אַז עס גיבן זיך עטוואָס אַ ריר די רעדער פון וואָגן.

— אַ קאָמאַנדיר! און איך באַפויל: שטיי אויף!

— האַלטסט פּאַסאָן? נו, נו! געטראָפן דאָס אָרט. איינער אַזאַ האָט שוין מיט מיר דאָ אַזוי אַ שפּאַס געטאָן, איז ער שוין לאַנג געפּייגערט.

— אַלץ? צי דו ווילסט מיר נאָך עפּעס זאָגן?

— נאָך, זאָגט מען, איז באַם גאַלעך אין אַרבל. האָסט צעקײַט? איז אייצע איך דיר עס אײַנשלינגען.

דער דײַטש וויל וויסן, וואָס קומט דאָ פאָר. פרעגט ער וועגן דעם בײַ ניקאָלאַדזען, וואָס שפּאַרט בלויז אונטער פון אַ זײַט דעם וואָגן. יעגאָר קען שוין דעם וואַכמאַן, און מיט מוירע האָט ער געוואַרט אויף אָט דער פראַגע.

— זיי, הער זאָלדאַט, אַמפּערן זיך, פאַרוואָס ניט אַלע שלעפּן גלײַך דעם וואָגן.

— פאַרפלוכטער שווײַן, דו לײַגסט! — טוט אים דער „הער זאָלדאַט“ אַ טשמעל מיטן אונ־טערגעקאָוועטן שטיוול.

— הער זאָלדאַט, איך לײַג ניט.

— ווער פון זיי שלעפּט מער?

— דער הויכער, וואָס איז געשפּאַנט אינמיטן.

— אויב אַזוי, דאָלמעטשער, איז זעץ זיך אויף מײַן אָרט. נעם די ווישקעס אין דער לינקער האַנט, און מיט דער רעכטער זאָלסטו זיי שמײַסן, אַז אַלע דרײַ זאָלן ציִען גלײַך. האַלט! — שרײַט ער הויך אויף אַ קאָל. — פאַרוואָס שנײַדסטו מיט דער בײַטש די לופט? דו מיינסט, אַז איך בין בלינד? אַראָפּ פון וואָגן! דו וועסט זיך אײַנשפּאַנען אינמיטן. זײַ זיכער, דער הויכער וועט דיך גוט שמײַסן, און פּרוּוו נאָר אומפאַלן, וועל איך דיר פּלעטן דעם קאָפּ. אַוועקגעפאָרן!

אָראַנסקי פאַרשטעקט די בײַטש אינעם גאַרטל פון די צעריסענע גאַליפע־הויזן. ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, שפּאַרט זיך אָן אין דעם געזונטן פוס און מיט די לעצטע קויכעס, ווי ער וואָלט באַדאַרפט רירן פון אָרט אַ מויער, שטופּט ער פאָרויס דעם וואָגן. באַלד, ווייסט ער, וועלן אים די קוילן דורכלעכערן ווי אַ רעשעטע. זאָל זײַן אַזוי, נאָר די בײַטש קעגן זײַנע כאַווײרים וועט ער ניט אויפהייבן. „דו, היטניש געביין, וואָס האָסטו אָנגעשטעלט דײַן אויטאָמאַט און קוועטשסט נאָך אַלץ ניט אָן מיטן פינגער אויף דער גאַשעטקע. דו ווילסט מיך נאָך אויספּרוּוון? אַ פײַג! וועסט זיך ניט דערוואַרטן!“

— טאָמאַס, — האָט זיך אָנגערופן דער צווייטער וואַכמאַן, — וואָס זידט אין דיר אַזוי דאָס בלוט? וואָס ווילסטו פון דעם „מינוסמענטש“? מיט דער צײַט וועט ער עפּשער ווערן אַן „אונטער־מענטש“, און דערווײַל איז ער בלויז אַ פערד. ווילסט, איז שפּאַן אים אײַן צוריק. איך וואָלט זיי אַפילע אַוועקגעשטעלט אַן עמער וואַסער, זאָלן זיי זיך אָנזשליאָקען, און הײַדאַ אין וועג. שוין צײַט עסן אָונטברויט. ווילסט ניט? איז גיי אָפּ אין אַ זײַט.

ער האָט ארויסגעכאַפּט בא אַראַנסקין די בײַטש, א שנײַד געטאָן אַלע דרײַ מיטן דינעם רי־מען און אפילו ניט אויסגעשריגן „וויאָ, פערדז!“. ביז אהער האָט ער געשפּאַנט גלײַכגילטיק בא דער זײַט פֿונעם וועג, איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אז שוין צײַט עסן אָונטבראַוויט, און עפּשער וועט ער נאָך הײַנט אָנשרײַבן זײַן „פּראָו“ א בריוו און וועט איר מיט אַלע פּישטשעוקעס באַשרײַבן, ווי שווער עס איז זיי, די בלאָנדהאָריקע, אין וועמעס אָדערן עס פֿליסט נאָרדיש בלוט, האָבן צו טאָן מיט די פֿינצטערלינגען, וואָס אפילו פֿאַר פֿערד טויגן זיי ניט שטענדיק.

צום לאַגער האָבן זיי זיך דערקליבן, און מע האָט זיי אפילו דערלויבט זיך אָנטרינקען צו זאַט, נאָר אָפּטשעפּען זיך פֿונעם מאַטראַס, וואָס האָט פֿאַרפֿירט דעם קריג (קיריושע האָט ער געהייסן), איז שוין געווען גאָר ניט אַזוי פּאַשעט. אָן איבעריקע דיבורים האָבן ער און זײַנע כאַווירים, די „שוואַרצע כמאַרעס“, אָנערקענט אַראַנסקין פֿאַר א קאָמאַנדיר און גרייט געווען כאָטש גלײַך זיך וואַרפֿן אַף דער באַוואָפֿנטער וואַך. זאָל ער נאָר באַפֿוילן.

אין עטלעכע טעג ארום האָט מען זיי, א קאָלאָנע פֿון עטלעכע הונדערט מאַן, אָפּגעפֿירט צו דער אײַזנבאַן און פֿאַרשפּאַרט אין ספּעציעלע פּראַכט־וואַגאָנען. דער הילצערנער דיל איז געווען באַקלאַפּט מיט בלעך. דאָס שמאָלע פֿענצטערל — פֿאַרגראַטעוועט מיט אײַזערנע פּרענטעס. די ברייטע טיר האָט מען פֿאַרוקט און פֿאַרקייטלט פֿון דרויסן. כאָטש די מענטשן זײַנען דאָ געווען צונויפֿגעפּרעסט, ווי הערינג אין א פֿאַס, נאָר קיריושע האָט זיך מיט די עלנבויגנס דורכגעלייגט א וועג צו אַראַנסקין און, אפילו ניט היטנדיק זיך פֿאַר אַנדערע, געזאָגט:

— פּיאָטער מאַקסימאָוויטש, מיר וועלן דורכברעכן א לאָך אין דיל. איר אינצווייען און מיר, דרײַ מאַטראָסן, וועלן אַנטלויפֿן.

— און ווי וועט זײַן מיט די איבעריקע?

— אויב אַלע וועלן אַנטלויפֿן, וועט מען אונדז אַף זיכער באַמערקן.

— און וואָס וועט מיט זיי זײַן דערנאָך, אויב מיר וועלן אַנטלויפֿן? וועגן דעם, קיריושע, האָסטו זיך פֿאַרטראַכט?

— ניין, — האָט ער אופֿריכטיק אָנערקענט. — איך זע, דער פּלאַן טויג ניט. נאָר ביז מיר האַלטן זיך נאָך אַף די פֿיס, מוז מען עפּעס צוקלערן.

ווען עס האָט שוין געגומען טונקל ווערן, איז דער עשעלאָן אָנגעקומען קיין דזשאַנקוי. א גאַנצע נאַכט האָט מען זיי געהאַלטן פֿאַרשלאָסן אין די וואַגאָנען, און ווען עס האָט געגעבן א בליאַסק אַף טאָג, האָט מען צעפּראַלט די ברייטע טירן און ווי אַף א סריפּע געגומען טרײַבן:

— שנעלער! שנעלער!

מע האָט זיי נאָר באַוויזן איבערגעבן דער נײַער וואַך, ווי צום דאָקטער בערשאַדסקי איז צוגעגאַנגען אָן עסעסאָוועץ און מיט קויעך אַראָפּגעריסן פֿון זײַן אַרבל דעם צייכן פֿון רויטן קרייץ. א צווייטער האָט בא אים אַראָפּגענומען די שטיוול און כוויזעקנדיק צוגעקלעפּט צו זײַן פּלייצע א געלע לאַטע.

געבײַטשט און געטריבן האָט מען זיי צום בוימל־זאַוואָד. אַף יעדן טריט און שריט — סימאָנים פֿון כורבן. קיריושע האָט געפּרוווט באַרויִקן בערשאַדסקין:

— שפּײַ זיך אויס אַף זיי. אַלצייינס וועלן מיר דיך רופֿן דאָקטער. דאָס קנעכט־שילדל איז פֿאַר פּרעמדע, זאָלן זיי אין די אויגן, און מיר קענען דיך. וואָס מיינסטו, אז איך וועל שוין מוזן אָנקומען צו אײַער מעדיצין, וועל איך זוכן אָן אַנדערן? א שלאַנג זאָל איך זײַן, אויב איך זאָג ניט דעם עמעס. שטיבלעטן וועלן מיר דיר אויך קריגן. א שאָד, וואָס מײַנע וועלן זײַן קליין אַף דיר. די שקראַבעס זײַנען מיר שוין דערעסן. שמייכלסט? דאָס איז גוט, נאָר איך זע ניט, זאָלסט מיר גלייבן. זאָלסטו טאַקע וויסן, א שלאַנג זאָל איך זײַן, אויב...

א נערעק מיט דעם גאָפּרירטן טרײַבל האָט אים ניט געלאָזט פֿאַרענדיקן. גלײַך האָט ער זיך אַרײַנגעדרייט אין דער קאָלאָנע און מיט עמעצן אַנדערש אײַנגעטײַנעט, אז „ווי פֿוילע צײַן, וואָלט איך זיי ארויסגעריסן מיט די וואָרצלען“.

דערווײַל שטייען זיי בא די טויערן פֿון לאַגער. געפֿאַנגענע זײַנען דאָ א סאַך, און די טערי־טאָריע איז צו קליין. די ערד איז אַזוי אויסגעטאָפּטשעט, אז ס'דאַכט זיך, קיין גראָז וועט שוין דאָ קיינמאָל ניט וואַקסן. נאָר מיילע, די דײַטשן וועלן זיך שוין אָן אייצע געבן... בישכיינעס, אין אָן ארומגעצוימטן הויף, אַרבעטן יידן. דאָס אָנטאָן — א לאַטע אַף א לאַטע, נאָר אַף אַלע, — א געלע לאַטע א צוליִיג. בא א יידן, וואָס סאַמע באַם פּלויט הובליעוועט ער א ברעט, האָט בער־שאַדסקי געפֿרעגט:

— דאָס איז די געטאָ?

יענער קוקט זיך פריִער ארום, און דערנאָך ענטפערט ער אָף מאמעלאַשן:

— איך ווייס? פריִער האָבן מיר געמיינט, אז מע וויל אונדז בלויז געטן מיט די ניט־ייִדישע שכינים. אייניקע האָבן אפילע געזאָגט, אז אַלץ קעדײַ, אבי לעבן צו בלײַבן. איצט ווייסן מיר, אז עס איז א פּאַלוסטאנאָק פארן אַפּשיקן אין שכיטע־פעלד. דאנקען גאָט, דערווײַל זע איך, זײַנען מיר נאָך ניט די לעצטע ייִדן, נאָר העלפן איינער דעם צווייטן קאָנען מיר סײַדן מיט א קרעכץ, אי טאָ דארף אים איצט יעדערער פאר זיך אליין.

אָראנסקי הערט, ווי בערשאדסקי ענטפערט אים:

— פאַלט ניט אראָפּ בא זיך. די וועלט איז נאָך ניט אונטערגעגאנגען.

— וואָס הייסט נאָך ניט אונטערגעגאנגען? מיר מיט אײַך זײַנען כאָטש איין מינוט זיכער מיטן לעבן?

— און זיי, די געפאנגענע פון שכיינעסדיקן לאגער, זיי זײַנען זיכער מיטן לעבן?

— איך זאָג עס ניט. נאָר זייערע פאמיליעס וועלן נאָך עפשער בלײַבן, און מײַן ווײַב מיט די דרײַ קינדער ליגן שוין אין ריוו. עפשער מיינט איר גאָר, אז עמעצן וועט זיך אײַנגעבן מיט איין בלאָז פארלעשן אזא סרייפע?

— ניין, דאָס ניט.

— איז דרייט ניט קיין ספּאָדעק און גיט ניט קיין נארישע אייצעס. קיינעם וועט זיך ניט אײַנגעבן אנטלויפן. אויב מע וועט אונדז ניט שיסן, וועט מען אונדז פארברענען.

— אויב זיצן מיט פארלייגטע הענט, וועט זײַן טאקע אזוי, ווי איר זאָגט.

— נו, מיילע, וועגן דעם האָבן מיר שוין מיט אײַך אָפּגערעדט. נאָר אויב איר זײַט שוין יאָ אזא כאָכעם, איז זאָגט מיר בעסער: פונוואנען נעמען זיך אָף דער וועלט אזעלכע ראָצכים? ווער האָט זיי פארזייט און ווער האָט זיי אויסגעכאָוועט?

— מע דארף וויניקער כקירען און מער טאָן! — דער קורצער און שארפער ענטפער האָט זיך ארויסגעכאַפּט ניט באם דאָקטער בערשאדסקי, נאָר בא אָראנסקין, און כאָטש זיי זײַנען גע־שטאנען ניט אליין, האָט אים אויך דערנאָך ניט באנק געטאָן, וואָס ער איז דאָס מאָל געווען אזוי ניט פאָרזיכטיק.

קיריושע איז שוין ווידער דאָ. שוין, דאכט זיך, אזוי געפּאַקט און געמאָזלט, אז ער וואָלט געמעגט פארזאָגן א צענטן. נאָר ער, זאָגט ער אליין, איז ניט קיין איבערגעשראָקענער, איצט דארף ער זייער נייטיק וויסן, צי קאָן דער סטאָליער אים שענקען א קליין זעגעלע אָדער כאָטש אן אָפּצווענגע. מיט דער האנט גיט ער א מאך איבערן האלדז, עס דארף הייסן, אז עס גייט אין לעבן.

— ניין, — זאָגט יענער און ווײַזט אים, אז זײַן גאנץ סטאָליעריש געצײַג באשטייט פון א הובל.

באלד וועט מען עפענען די טויערן. אָט איז אליין דער קאָמענדאנט. די אויסגעפוצטע שטיוול גלאנצן. די הענט זײַנען פארוקט אין די קעשענעס. עמעצן זוכט ער מיט די אויגן. געפונען.

— קאָם היר! — דאָס ווענדט ער זיך צו בערשאדסקין. — קיין גוטער שוסטער ביסטו קיינ־מאָל ניט געווען?

— איך בין א מיליטערישער דאָקטער פון צווייטן ראנג.

— כא, כא! — פארגייט זיך דער לאגער־פירער אין א געלעכטער. — ווי געפעלט אײַך דער דאָקטער, וואָס גייט באָרוועס, ווי א פאסטעך? זאָג, וועמען האָסטו פארקויפט דײַנע שטיוול?

איצט זוכן עמעצן בערשאדסקיס אויגן. געפונען.

— פרעגט בא אים. ער וועט אײַך זאָגן.

— וואָס? — כאפּט זיך דער קאָמענדאנט פאר דער קאָבורע.

דער קאָלאָנע באפוילט ער רירן זיך פון אָרט, און ווען די טויערן פארשליסן זיך, דערהערט זיך אן איינציקער שאָס.

קיריושע האָט אראָפּגענומען דאָס קײַלעכדיקע מאטראָסן־היטל פון קאָפּ.

אָפן צעמענטענעם דיל האָבן זיך געוואלגערט מענטשן, ווי מאָן אין א קעפל. באם באקומען די ביטערע ווי גאל באלאנדע האָט אָראנסקי גיכער דערפילט, ווי דערזען, אז עמעצער קוקט, דאכט זיך, אין זײַן זײַט. דאָס איז געווען לאָבאַדאַ. באם באקומען די פײַקע האָט ער מיט א האכנאָעדי־קער מינע אָנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן א שקלאָף. דער קאָן אים אויסגעבן נאָך פריִער, איידער די נעשאָמע וועט פון הונגער זיך אויסלעשן.

אָראנסקי זיצט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אָף די קני און הערט, ווי די מאטראָסןריידן צווישן

זיך. מע דערציילט מײַסעס ניט געשטויגן, ניט געפֿלויגן. מע דאַרף דאָך ווי־ניט־איז אָפּשטופּן די צײַט, וואָס ציט זיך ווי פֿון פּעך.

ווער ווייסט, וויפֿל עס וואָלט זיך געצויגן אָט דער שמועס, ווען ניט דער באַלדאַרשן פֿון שכײנעסדיקן רעדל, וועמען עס הערן איצט אויך די מאַטראָסן. דער רעדנער איז לאַבאַדאַ. עס איז גענוג, אַז אַראַנסקי זאָל אופֿהייבן דעם קאָפּ, און זייערע אויגן וועלן זיך שוין אָף זיכער באַ־געגענען. וואָס איז עס — אַ צופֿעליקייט, וואָס ער האָט זיך צוגעזעצט אַזוי נאָענט? לאָזט זיך אויס, אַז לאַבאַדאַ וויל נאָך זײַן אַ פֿילאָסאָף אויך.

— דער אומגליק באַשטייט נאָר אין דעם, — וויל ער אײַנשמועסן די צוהערער, — וואָס מענטשן פֿאַרמערן זיך אַ סאַך גיכער, ווי עס דערלויבן די עקזיסטענץ־מיטלען. איר פֿאַרשטייט דאָך, אַז איך רייד וועגן עסן. און טאַקע בלויז איבער דער קישקע גייט דער גאַנצער קריג. מיר, די סלאַוון, פֿאַרמאָגן ברייטע פּלייצעס, און באַ די דײַטשן זײַנען קלוגע קעפּ. וועלן זיי אונדז איבערכיטרעווען, און אונדז וועלן ניט העלפֿן ניט די שטאַרקע הענט און ניט די לאַנגע פֿיס. דאָס אַלץ הייסט קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ. אַפֿילו פֿאַר קיין קנעכט וועלן זיי אונדז ניט באַדאַרפֿן. אָט וועלן זיי אויסשפּילן די מילכאָמע, וועלן זייערע טעכניקער צוקלערן אַזוינע קונציקע ראָבאָטן, אַז זיי וועלן אַפֿילו ניט דאַרפֿן קוועטשן אָף קיין קנאָפּקעס. אַלץ וועלן פֿאַר זיי טאָן די אויטאָמאַטן. אין טעכניק קלײַב איך זיך פֿאַנאַנדער, זאָג איך אײַך אָפּריִער, אַז אַזוי וועט עס זײַן. קיינער קאָן אונדז ניט העלפֿן. עס וועלן אויסלעבן געציילטע, די, וואָס וועלן זיך צופּאַסן.

אַ ווײַלע איז שטיל. דערנאָך טוט זיך קיריושע אַ ריס פֿון אָרט, און ס'איז נאָר צום כידעשן זיך, פֿונוואַנען האָט זיך צו אים פּלוצעם גענומען אַזאַ באַס:

— איי, דו, פֿאָן־וואָנק! פֿונוואַנען ביסטו אַהער געקומען? אויב איך וועל פֿון דיר נאָכאַמאָל אַזוינס דערהערן, וועל איך דיך אַזוי „באַאַרבעטן", אַז אַן אַקולע אין יאַם וועט זיך מיִען דיך אײַנשלינגען. דריי זיך ניט ווי אַ פֿליג אין וואַסער, שטיי און הער, ווען מאַטראָסן ווילן נאָך מיט דיר ריידן, און פּרוּוו ניט, הינטישע פּעל, מיך אויסגעבן. אַ שלאַנג זאָל איך זײַן, אויב פֿאַלונדרע וועט דיך אונטער דער ערד ניט געפֿינען און אָף שטיקער ניט צערײַסן. פֿאַרשרײַב זיך דאָס אָף דער נאָז. אַלץ. דער מיטינג איז פֿאַרענדיקט!

ווען לאַבאַדאַ האָט זיך שוין אָפּגעטראָגן, האָט קיריִושעס שאָכן אים נאָכגעשריגן:

— אַזוינע כעוורע דאַרף מען לייגן איינעם אָפן צווייטן און אַזוי לאַנג שמײַסן דעם איי־בערשטן, ביז דער אונטערשטער וועט זיך שוין ניט קענען קיין ריר טאָן.

צווישן זיך האָבן דערנאָך אַראַנסקי און ניקאָלאַדזע לאַנג גערעדט וועגן דעם, אַז לאַבאַדאַ האָט געפּרוּווט שפּילן קימאַט אַן אָפּענעם זעקס־און־זעכציק. פֿונוואַנען נעמט זיך אַזאַ ניוזעניק? ניקאָלאַדזע ווייניקער, נאָר אַראַנסקי האָט אים, דאַכט זיך, ניט שלעכט געקענט.

קיריושע האָט אים גוט אָפּגעענטפֿערט און אַפֿילו אָנגעשראָקן אַזוי, אַז זײַנע באַקן האָבן באַקומען אַ קאָליר פֿון ציבעלע־שאָלעכץ. און דאָך וועט זײַן בעסער וואָס גיכער אָפּטראָגן זיך פֿונדאַנען. מע קאָן אויך גלייבן, אַז דאָרט, ווו עס וועלן זײַן ווייניקער סעוואַסטאָפּאָלצעס, וועט די וואָך זײַן אַ קלענערע און עס וועט לײַכטער זײַן אַנטלויפֿן. אָפּלייגן אָף לאַנג טאָר מען ניט, די קויכעס וועלן אויסגיין. איז אָבער, ווי אַפּצולאַכעס, אַפֿילו ניט קאַנטיק, מע זאָל זיך קלײַבן זיי אָפּשיקן ערגעץ ווײַטער.

ענדלעך איז אָף דער סטאַנציע דזשאַנקוי אָנגעקומען אַן עשעלאָן מיט פּוסטע וואַגאָנען, און זיי דרײַען, — אַראַנסקין, ניקאָלאַדזען און קיריושען — האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסכאַפּן זיך מיט דער ערשטער קאָלאָנע. ווער עס האָט געזאָגט, אַז מע פֿירט זיי צוריק קיין סעוואַסטאָפּאָל, אַנדערע — קיין זאַפּאָראָזשיע, קערטש, ציורופּינסק. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מע פֿירט זיי קיין קיראָוואָגראַד — אַ גרויסע סטאַנציע און נאָך אַ גרעסערע שטאָט באַם טײַך אינגול.

אין דעם היגן לאַגער איז געווען אַזוי בלאָטיק, אַז מע איז געזונקען איבער די קני אין אַ שיטערער קאַשע. די באַלעבאַטים איבערן טויט און לעבן — די פֿאָליצײַען האָבן זיך איזדיעקע־וועט ניט ווייניקער פֿון די דײַטשן. זיי האָבן אַפֿילו געקענט שלאָגן אָן קאַס. פֿונדאַנען, האָבן די אַלטע לאַגערניקעס דערציילט, קלײַבט מען אויס די סאַמע געזונטע אָף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד. ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז כאָטש קיין וועלדער זײַנען דאָ ניטאָ, מוז מען פֿונדאַנען אַנטלויפֿן.

ווידער זײַנען צוניץ געקומען ניקאָלאַדזעס שפּראַך־קענטענישן. ער וועט לערנען מיט אַ פֿאָליצײַ דײַטש, און דערפֿאַר וועט דער סראָרע אים און זײַנע כאַווײרים אײַנשליסן אין דער קאָמאַנדע, וואָס אַרבעט אין עק שטאָט, אָף דער רעמאָנט־באַזע. קיריושע האָט געזאָגט, אַז כאָטש דער טויט איז פֿאַר יענעם קאַרג, נאָר, אַ שלאַנג זאָל ער זײַן, אויב ער, קיריושע, וועט באַם אַנטלויפֿן ניט דערשטיקן דעם פֿאָליצײַ. איז אָבער פֿון ערגעץ געקומען אַ באַפֿעל, וואָס האָט זיי אַלץ קאַליע געמאַכט. צווישן טאָג און נאַכט האָט זיך דערהערט אַ פֿײַף, און גלײַך האָט מען גע־נומען אַלעמען אַרויסטרײַבן פֿון די באַראַקן. צווישן די, וועמען דער קאָמענדאַנט האָט באַפֿוילן

אָפּגיין אין א זײַט, איז געווען אַראנסקי און קיריושע. ניקאָלאַדזע, וואָס האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט, האָט געכאַפּט פון זײַן „שילער" א נערעק. גלײַך האָט מען די קאָלאָנע ארומגערינגלט, און, באוואכט פון היטלעראָווצעס, האָט מען זיי אוועקגעפירט צום וואָקזאַל.

אין וואַגאָן האָט אַראנסקי זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. בא זיך אין דער היים איז נאָך געווען א שטיקל האָפענונג אַנטלויפן, נאָר דאָרט, ווּהין מע פירט זיי, אָף פרעמדער ערד... מיט אַן אויסגעלאָשענעם בליק האָט ער א קוק געטאָן אָף זײַן פרײַנט, און גלײַך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז כאָטש איין טרייסט-וואָרט מוז ער אים דאָך זאָגן. מיטן עלנבויגן האָט ער אים א שטורכע געטאָן אין דער זײַט:

— הערסט, קיריושע, נאָר אַן אײַנגעבראָכענעם נאָגל קאָן מען ניט אויסגלײַכן. ניט אונטערגעבן זיך. דאָס שטעכדראָט וועלן מיר מיט דיר צערײַסן.

דאָס זײַנען, ווײַזט אויס, געווען די ווערטער, וואָס דער מאַטראָס האָט געוואָלט פון אים דערהערן. ער האָט אים אָף זײַן אויפן אָפּגעענטפערט מיט א שוווּע:

— א שלאַנג זאָל איך זײַן, אויב עס איז געבוירן געוואָרן דער מענטש, וועלכער וועט מיך קאָנען צווינגען ארבעטן פאַר די דײַטשן.

אָף פרעמדער ערד

געבראַכט האָט מען זיי קיין גראַבאָווע, זעכציק קילאָמעטער פון בערלין. דאָרט האָט מען זיי פאַרטריבן אין געוועזענע פערד-שטאַלן. און שוין אין עטלעכע טעג ארום האָט אַראנסקי געוווּסט, אַז דאָס איז א רעגלאַמענטירטער דורך באַפעלן און פאַראָרדענונגען שקלאַפן-מאַרק פון זעכציק טויזנט קריגסגעפאַנגענע.

קיריושע האָט באַגעגנט זײַנעם א לאַנדסמאַן, וואָס האָט שוין א לאַנגע צײַט געוואַשן די דילן אין דער קאָמענדאַטור. איז אַפילע ער האָט שוין אָף אויסווייניק געוווּסט גערינגס באַפעל: „די רוסישע ארבעטער האָבן דערוויזן זייער פייִקײַט באַם אויסבויען די גראַנדיעזע רוסישע אינדוסטריע. איצט דאַרף מען זיי אויסנוצן פאַר דײַטשלאַנד... באַם אָנווענדן מאַסמיטלען אָף צו האַלטן זיי אין געהאָרכזאַמקײַט איז דאָס אַנטשיידנדיקע — שנעלקײַט און שטרענגקײַט. עס דאַרפן אָנגעווענדט ווערן בלויז פאָלגנדיקע מינים שטראָף, אָן צווישן-שטופעס: הונגער אָדער טויט".

ער האָט זיי אויך דערציילט, וואָס מע טוט דאָ מיט די קראַנקע, וועלכע מע קאָן שוין ניט אויסנוצן אָף צוואַנגס-ארבעט...

עס איז נאָך ניט צעגאַנגען דער פאַרטאָגיקער נעפּל, און עס פײַפן שוין די לעדערנע רימענס. מע וועט טרײַבן פון די שטאַלן צום אַפּעל-פּלאַץ. „מע וועט", ווײַל דערווײַל לייגט מען צונויף בא דער שוועל אין א שטאַבעל די, וועלכע זײַנען פאַר דער נאַכט געשטאָרבן. טאָמער כאָלילע וועט די צאָל פון די לעבעדיקע און טויטע ניט שטימען, וועט מען זיי צוריק פאַרטרײַבן אין שטאַל, און צום אַפּעל-פּלאַץ וועט מען פירן בלויז די ביז לעצט אויסגעשעפּטע, וועלכע די היטלעראָווצעס רופן דאָ „מוזולמענער".

אין דער קאַזאַרמע איז קאַלט, ווי אין א ליאָדאָווניע. אַראנסקי איז אָנגעטאָן אין צוויי צעריסענע, אָפּגעבליאַקעוועטע גימנאַסטיאָרקעס. באַנאַכט האָט ער ביזן האַלדז זיך פאַרקליבן אין טאָרף, וואָס איז איבערגעמישט מיט פערד-מיסט. די ערשטע קלעפּ האָט ער דאָ געכאַפּט דערפאַר, ווײַל אין די האָר און אין דער באָרד זײַנען בא אים געבליבן ברוינע שטיקלעך ערד און פאַרגעלטע שטרויעלעך. די, וואָס קומען אהער קויפן מענטשן אָף קנעכטישער ארבעט, קאָן עס ניט געפעלן. די געדיכטע באָרד, וואָס האָט ארומגעצוימט זײַן פּאָנעם, וויל אָבער פון דעם ניט וויסן. ער טרייסלט זי, דראַפּעט מיט די נעגל, נאָר די האָר מיטן מיסט האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אָף ניט צעשיידן.

דער דיקער וואַך-סאָלדאַט הערט אים אוף צו שלאָגן. פון דער קעשענע נעמט ער ארויס א צינד-מאַשינקע, שטעקט זי אויס צו אַראנסקיס באָרד און וויל שוין, דאכט זיך, אָף אַן עמעס אָנקוועטשן אָפן צינגל, נאָר קיריושע איז אים פאַרלאָפן דעם וועג. נאָך פריִער האָט ער באַמערקט אָפן בערגל מיסט א פאַרזשאַווערטע פערד-קאַם. איצט האָט ער א כאַפּ געטאָן די קאַם און, שטייענדיק אָף די שפּיץ פינגער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן גענומען גראַבלען זײַן פרײַנטס פּאָנעם.

דער וואַכמאַן פאַרגייט זיך אין א געלעכטער, וואָס לאָזט אים ניט אָפּ ביזן סאַמע אַפּעל-פּלאַץ.

קירי‍ושע איז מאָלע־רעציכע. ער הערט ניט אויף צו טײַנען:

— איר האָט ווען געזען אזא שטיק פלייש מיט א פּאָר אויגן? א זעקל טינעף מיט א קאָפּ אָן מארך און א לאָך אף פּרעסן. נאָר דערפאר פארמאָגט ער צוויי מאכאָוויקעס, אָפּדארן זאָלן זיי אים, אף צו געבן קלעפּ. — אָראנסקי האָט אים ניט געענטפערט, האָט ער ווײַטער גערעדט שטיל, ווי בלויז פאר זיך אליין: — אזויפיל גלעזער ריצנייל זאָל ער און זײַן פיורער אויסטרינקען, וויפל טאָרף עס איז נאָך בא אײַך אין דער באָרד פארבליבן. א בראנד אים אין די קישקעס...

היטלערס הויפּט־באפולמעכטיקטער אף אויסנוצן די ארבעטס־קראפט, דער גאולייטער פריץ זאוקעל האָט הײַנט צוגעשיקט אהער א גאנצע כאליאסטרע מיליטערישע און ציווילע באאמטע. זיי דארפן דאָ אָפּקלײַבן פיר גרויסע קאָמאנדעס — פאר די ארץ־גרובנס, וועג־בויונג, שווארצאר־בעטער פאר דער קריגס־אינדוסטריע און פאר דרינגענדיקע ניט פּאָרויסגעזעענע ארבעטן. די אריִער דארפן ניט גראָבן ערד און טעסען שטיינער. צוליב דעם עקזיסטירן רוסן.

עס איז געמאָלדן א קראָס. די, וואָס וועלן גיכער דערלויפן צום פיניש, וועלן אויסגעטיילט ווערן אין א באזונדער קאָלאָנע. די קוינים אף קנעכט וועלן נאָך באטאפּן די מוסקולן פון זייערע הענט, און אויב זיי וועלן נאָר אויסהאלטן דעם עקזאמען אין דער ספּעציעל־אויסגעבויטער רענטגען־בודקע, וועט מען מיט ווײַסער פארב און א טראפארעט אָנצייכענען אף זייערע קני און אף דער פלייצע די בוכשטאבן SU און אף א צונויפגעדרייט שטריקל וועט מען זיי אף דער ברוסט אופ־הענגען א שטיק בלעך, וואָס לייגט זיך צונויף אינצווייען. אף יעדע שטיקלעך בלעך איז אויס־גראווירט איינער און דער זעלבער דיסקאָנט־נומער. ווען דער קנעכט ניט אויסהאלטן די צוואנגס־ארבעט, דארף מען נאָר א פּאָר מאָל א בייג טאָן דעם זשעטאָן, און די אָפּגעבראָכענע העלפט דינט פארן באלעבאָס פון דער אונטערנעמונג אלס גאראנטיע, אז דער שטאל־לאג וועט אים פארבײַטן אף א צווייטן SU. דאָס זיכערט אויך, אז די בוכהאלטעריע זאָל ניט האָבן קיין טאָעס אין כעזשבן.

איז אָט איז ער, דער טראגישער קראָס. קיינער טרײַבט ניט אונטער, און דאָך שלאָגט מען זיך ארויס פון די קויכעס, אבי ניט אָפּשטיין. מע ווייסט: טאָמער בלײַבט מען הינטערשטעליק, איז עס זיכערער אומקום. אָראנסקי לויפט מיט ברייטע שפּאַן. אויסבאהאלטן, אז ער הינקט אף א פוס, איז אים שווער. קירי‍ושע פּרוווט זיך אין וועג פארשטעלן אים פון די באאמטע. נאָרוואָס איז ער געלאָפן פון דער רעכטער זײַט, און איצט אָטעמט ער אים אין דער פלייצע, נאָר פאר עפּעס האָט זיך קירי‍ושע פארטשעפּעט און איז אומגעפאלן. נאָך איידער אָראנסקי האָט באוויזן אויסקע־רעווען דעם קאָפּ און זיך אָפּשטעלן, האָט איינער, וואָס איז געלאָפן אָן א היטל, דערלאנגט קירי‍ו־שען א האנט און געהאָלפן זיך אופהייבן.

ביידע לאָזן זיי אים שוין ניט ארויס פון אויג, און כאָטש ווען עס דערהערט זיך די קאָמאנדע „האלט!‟, מוז יעדערער פארגליווערט ווערן אף זײַן אָרט, מאכן זיי קלוימערשט לויט אינערציע נאָך עטלעכע טריט און סאָפּענדיק, ווי פאריאָגטע כײַעס, שפּארן זיי זיך אָן איינער אין דעם צווייטן.

ווען מע קומט שוין א ביסל צו־זיך, פרעגט אָראנסקי:

— ווי רופט מען אײַך?

— זאכאר. און אײַך ווי?

— פּיאָטער, און אים קיריל. קירי‍ושע.

— איר זײַט שוין פון לאנג צוזאמען?

— פון סעוואסטאָפּאָל.

זאכאר טוט א שאָקל מיטן קאָפּ, ווי בלויז דער נאָמען פון דער שטאָט וואָלט געדינט ווי א פּאראָל, געקלונגען ווי א שוווּע.

ווער האָט עס געזאָגט, אז אין צענטראל־אייראָפּע איז א מעסיקער קלימאט? אין טיראספּאָל האלט מען נאָך באנאכט אָפן די פענצטער, און דאָ, צי ווײַל אליין זײַנען זיי אויסגעטריקנט, ווי שפּענדלעך, הויט־און־ביין, צי ווײַל טאקע אין דרויסן איז אזא קעלט, נאָר אויב זיי וועלן נאָך לאנג זײַן אין וועג, וועלן זיי ניט אויסהאלטן. זיי פּאָרן אף אן אָפענער אײַזנבאן־פּלאטפּאָרם, און דער רויך־גרויער הימל שיקט זיי אנטקעגן אן עסעריקן ווינט. עס איז נאָך, דאכט זיך, ניט צײַט, נאָר דער הארבסט האָט זיך שוין אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צום ווינטער.

פארן אָפּפּאָרן פון לאגער האָט מען זיי אָפּגעשאָרן און אָפּגעפירט אין באָד. דאָס אָנטאָן זייערס האָט מען דורכגעלאָזט דורך דער דעזינפעקציע־קאמער. אייניקע האָבן אפילע באקומען פארלאטעטע עסטרײַכישע געוואנט־אָנצוגן און ברעזענטענע שיך אף הילצערנע פּאָדעשוועס.

מיט זיי צוזאמען פּאָרט אן אופזעער, וואָס איז אײַנגעבויגן, ווי א האקן. ער איז שטארק בא־ריידעוודיק, קיינער האָט נאָך פון אים ניט ארײַנגעכאפּט קיין פּעטש, ער האָט נאָך אפילע אף קיי־נעם ניט אָנגעשריגן. מאָדנע, נאָר זײַן אופירונג שרעקט נאָך מער די געפאנגענע. אליין דער אופזעער פארשטייט עס אויך, ווײַזט אויס, און דערפאר דערקלערט ער, אז ער, פראנץ ווינץ, איז

א קאטאָליקער, און קאטאָליקער זײַנען פיל ווייכער, ווי די ליוטעראנער. דערצו איז ער אַלט און קראנק און האָט ניט, ווי אנדערע, מוירע, אז מע וועט אים אוועקשיקן אפן פראָנט.

קיריושע זאָגט, אז אַלציינס מעג בא יענעם דער הויקער אָף דער פּלייצע נאָך וואקסן און וואקסן און עס וועט אים, קיריושען, קיין קאפּעלע ניט ארן, אויב ער וועט נאָך באקומען א פּארך אפן קאָפּ און אויב דאָס פענעצל ברויט מיטן שטיק מארגארין וועט בא אים פארסטראנען אין גאָרגל. קיין רעכטן מענטשן וועט מען ניט אוועקשטעלן פאר קיין אופזעער. ער איז א גוטינקער, ווײַל ער איז איינער אַליין און ציטערט פאר זײַן פעל. מע וועט נאָך זען, וואָס פאר אַן אָקס מיט הערנער דאָס איז.

זיי פאָרן לענגויס דעם רעכטן בײַטײַך פון רייך, רור, וואָס שנײַדט דורך דעם רייך־וועסט־פאַלישן שטיינקוילן־באסיין. אָף ניט קיין גרויסער טערריטאָריע זײַנען אָנגעפּיקעוועט אזויפיל גרויסע שטעט, אז ס׳איז ניט צו באנעמען, ווו איינע ענדיקט זיך און ווו הייבט זיך אָן די צווייטע. ענגע, פאררייכערטע קווארטאלן. לאנגע זאוואָד־קאָרפּוסן. מענטשן פויזען, ווי די מורעשקעס. דאָמ־נעס, וואָס אָטעמען מיט פײַער, הונדערטער קוימענס, וואָס שפּײַען אָן אופהער מיט רויך און מיט דאמף און פארציִען די ערד מיט א קימאט אשקאָליריקן פאָרהאנג. איבער די מוטנע וואסערן פון די קאנאלן און טײַכן ציִען זיך בארזשעס, געלאָדענע מיט קוילן און אײַזנארץ.

נאָר אָפּטער פון די קילאָמעטער־סלופּן באגעגענען זיך ארבעטער־יִישוווים — שטיינערנע הײַזער, ענלעכע אָף אָן א שיר צווילינגען. דאָ ווינען די מענטשן, וואָס קאָכן שטאָל און שמידן געווער. זייערע באלעבאטים לעבן ניט דאָ, אין רויכיקן רור, זיי געפינען זיך אין די רײַכע ווילעס אין עסען, דאָרטמונד, דויִסבורג, אָדער גאָר אויסער די גרענעצן פון רור — אין בערלין.

אָט איז מען שוין געקומען אָף אָן אָרט, נאָר א גאנצע נאכט לאָזט מען זיי ניט ארויס פונעם האלב־אָפענעם וואגאָן. לאָזט זיך אויס, אז אינעם טראנזיט־לאגער, ווו זיי האָבן באדארפט נעכטיקן, הערשט א טיפוס־עפּידעמיע. שטייט מען. אפילע קיריושע טראכט ניט וועגן לויפן. זיבעציק גע־פאנגענע ווערן אָפּגעהיט פון נײַן סאָלדאטן בעראָש מיט א פעלדפעבעל. באוואָפנט זײַנען זיי, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אין אטאקע.

גאנצפרי האָט מען זיי אין א קאָלאָנע, צו פיר אין א ריי, אָפּגעפירט אין עפּעס א מין שטאָל, און נאָך לאנג ווארטן האָט מען זיי געגעבן א קאלטן זופּ פון קארטאָפל־שאָלעכץ און א ביסל אָקרעפּ מיט קליינע שטיקלעך סוראָגאט־ברויט. אכט אזייגער איז נאָך זיי געקומען דער אָבער־מײַסטער הער וויקערט. לאנג האָט ער זיי באטראכט און דערנאָך מיט ביידע הענט א דריק געטאָן קיריושעס אקסלען אזוי, אז וויקערטס גוידער, וואָס איז ארָאָפּגעהאנגען, ווי א צעקנייטשט, פּוסט זעקעלע, האָט זיך עטלעכע מאָל א שאָקל געטאָן אהין און צוריק. דעם אָבערמײַסטער איז די „סכוירע״ ניט געפעלן, און ער האָט פירגעהאלטן דעם פעלדפעבעל. יענער האָט אים ניט דער־ווידערט. פראנץ ווינץ האָט דערנאָך שטיל א זאָג געטאָן:

— וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? אָט דער עריך וויקערט איז א ליוטעראנער. איצט זעט איר שוין דעם אונטערשייד?

אין דער רעגע האָבן זיך ברייט צעעפנט די זאוואָד־טויערן און ס׳איז ארײַנגעפאָרן אַן אווטאָ־מאָביל, וואָס האָט געבראכט דעם באלעבאָס, הער קרוינער. דער הויקער ווינץ האָט א געשריי געטאָן אָף טויב צו ווערן:

— אאופשטײַן! — און כאָטש קיינער האָט נאָך ניט געזאָגט, וואָס זיי האָבן דאָ צו טאָן, האָט ער דאָך קאָמאנדעוועט: — ארבײַטען! שנעלער! שנעלער!

קיריושע איז געווען גערעכט. דער אופזעער פראנץ ווינץ איז געווען הוילע ווידערשפּרוכן. אָט איז ער צוגעשטאנען ווי א קלעק, אָט געווען ווייך, ווי א טייג, אָט אָנגעפאלן ווי א צעווילדעוועטער הונט. אמאָל פלעגט ער זיי דערציילן אזוינס, פארוואָס זײַנע באלעבאטים האָבן אים געקאָנט דעם קאָפּ אָפּהאקן, און דערנאָך פלעגט ער אַליין ציטערן, ווי א פליג. אָבער ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס ער האָט א ביסל פארשטאנען און גערעדט רוסיש און ליב געהאט אונטערהערן, וועגן וואָס עס שמועסן די געפאנגענע.

איינמאָל האָט ווינץ געבראכט אָראנסקין אָף זונטיק צו זיך אהיים. דער אופזעער האָט גע־רעדט, און אָראנסקי האָט געהאָרעוועט. ווען ווינץ וואָלט געקענט, וואָלט ער איצט פאר דעם אנטליִען נאָך א פּאָר שאָ פונעם קומענדיקן טאָג. צו דעם הויז פון דרײַ צימערן איז געווען צוגע־בויט א הילצערנע שטאָל, ווו עס האָבן זיך אָפּגעהאלטן א בעהיימע און אָן א שיר קראָליקעס. אין דער זעלבער שטאָל איז געווען אויסגעגראָבן א טיפע גרוב, אינווייניק ארומגעקלאפּט מיט ברעטער. פון דער גרוב האָט אָראנסקי באדארפט מיט א האנט־פּאָמפּע ארויסזויגן די זשיגע און דאָס, וואָס עס וועט בלײַבן, אויסשעפּן מיט א קוואָרט און איבערגיסן אין אַן אײַזערנער פּאס.

דערנאָך האָט אָראַנסקי באַדאַרפט אָף אַ מאַשין אָנשנײַדן סעטשקע, אָנהאַקן האָלץ פאַר דער הרובע, איבערגראָבן די ערד אין קליינעם גערטנדל, אָפּטראָגן מעל צום בעקער, ברענגען פון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע אָף אַ וועגעלע צוויי דײַזשעס פּעקאַלי. פאַר דער אַרבעט האָט אים ווינץ געגעבן אָף אָנבײַסן אַ שיסל קאָלראַבי און אַ האַלב פונט ברויט.

וואַרטנדיק לעבן דער סטאַנציע אין אַ ריי, ביז מע וועט זיי פאַרקויפן דעם פּעקאַלי, האָט אָראַנסקי באַמערקט עטלעכע אויסגעצערטע מענטשן, וואָס צו זייערע קליידער איז געווען צוגע־נייט אַ דרײַעק מיטן וואָרט „אָסט" אינמיטן.

— פונוואַנען זײַט איר? — האָט אָראַנסקי געפרעגט בײַ אַ פרוי.

— פון אָריאָל, ברודערקע. אויסגעהונגערטע, האָט מען אונדז, עטלעכע הונדערט מענטשן, פאַרנאַרט אָפן וואָקזאַל, קלוימערשט אָף באַקומען ברויט־קאַרטלעך. דאָרט האָט מען אונדז אַרומ־גערינגלט און פאַרשפּאַרט אין אַן עשעלאָן, וואָס האָט אונדז געבראַכט אַהער אָף קאַטאָרגע. פריִער האָבן זיי געדאַרפט געזונטע, קרעפטיקע מענטשן פון פופצן ביז פינף און פערציק יאָר, איצט איז פאַר זיי די וועלט ווייניק. מע פירט אַהער אַפילע קראַנקע און אינוואַלידן. זיי כאַפּן שוין קינדער און קימאַט זקיינים. איר זעט אָט יענעם, וואָס אין דער סוויטקע? ער איז אַלט קנאַפּע דרײַצן. ער אַרבעט צוועלף שאָ אַ טאָג. סאַשאָק, קום אַהער! דער פעטער איז אויך אַן אונדז־זעריקער.

— נעמט, — האָט סאַשאָק, אַרומקוקנדיק זיך, אַרויסגענומען פון אַ טאָרבע, וואָס אונטער דער סוויטקע, דרײַ רויע קאַרטאָפל, — נעמט, ביז די פריצן האָבן ניט באַמערקט. איך האָב נאָך דרײַ קאַרטאָפל און צוויי מערן, נאָר דאָס איז פאַר מײַן כאַווער. ער זאָגט, אַז ווען הונגער איז אַ לעבעדיקע כײַע, וואָלט ער זי דערשטיקט מיט די הענט. אים טוען ווי די יאַסלעס. בײַ אים איז צינגאַ.

אָראַנסקי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, נאָר גלײַך, ווי פון פײַער, צוגעכאַפּט זי אָף צוריק. אַ קנויל אָף ניט אײַנשלינגען איז געבליבן שטעקן אין האַלדז.

— ווערסט זיי אַליין אָפּקאָכן און אופּעסן.

— מע קאָן מיך, פעטער, באַזוכן און אַלץ צונעמען.

— און מיך, סאַשאָק, וועט מען אָף זיכער באַזוכן. דיך האָט מען אויך פאַרנאַרט אָפן וואָקזאַל?

— ניין, מיך האָט דער סטאַראָסטע פאַרקויפט. אויב איך וועל זיך נאָר אומקערן אַ לעבע־דיקער, וועל איך אים באַנאַכט פאַרברענען צוזאַמען מיט זײַן שטוב. בײַ אים, עמעס, איז אַ בלע־כענער דאַך, נאָר איך וועל באַגיסן די ווענט מיט קעראָסין, און פונעם פײַער וועט דאָס בלעך זיך רײַסן, ווי סנאַריאַדן. איר האָט אַזוינס קיינמאָל ניט געזען? איך — יאָ. צוערשט קײַקלען זיי זיך צונויף מיט אַ טראַסק. און דערנאָך טוען זיי אַ פײַף און רויט־אָנגעגליטע פליִען זיי ביזן סטאַוואָק. וואָס אין באַלקע. איר גלייבט מיר ניט? זאָלן אַזוי בײַ די פריצן אַרויסקריכן די אויגן פון קאָפּ, ווי איך זאָג עמעס.

— ווו געפינט זיך דײַן באַלקע?

— זייער ווײַט פונדאַנען. איר האָט געהערט וועגן אַזעלכע שטעט ניקאָפּאָל, קריוואָראָג? איז עס נאָך אַפילע ניט דאָרטן. צו דער סטאַנציע לאָשקאַריאָווקע פלעגן מיר פאָרן אַ גאַנצע נאַכט. פעטער, איר לאָזט, אַז מע זאָל אײַך שלאָגן?

— ביז אַ צײַט, סאַשאָק!

— דאָס זעלבע זאָגט די מומע פאַשע, וואָס האָט מיך אַהער גערופן. צוריק מיט אַ וואָך האָט זיך בײַ מיר צעבראָכן דאָס הענטל פון דער האַק, האָט מיר דער באַלעבאָס אויסגעזעצט צוויי צײ־נער און מיך איבערגעלאָזט אָף צוויי טעג אָן אַ שטיקל ברויט. אָט, איר זעט? עס טוט שוין קימאַט ניט ווי, נאָר אַז איך רייד — סווישטשעט. איר הערט?

— דו רעדסט זייער שטיל.

— זאָגט איר דאָך אַליין, אַז אַלץ איז ביז אַ צײַט. אוי, מע זוכט מיך שוין, דאַכט זיך. באַלד וועל איך כאַפּן קלעפּ. ניין, פעטער, איר שטייט אָפן אָרט און פרוווט אַפילע ניט זיך אָנעמען. אויב ניט, וועט זײַן פאַר מיר נאָך ערגער.

אַפילע ווען פראַנץ ווינץ איז געווען מיט אָראַנסקין אויג־אָף־אויג, האָט ער ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהײַט צו גרויסן זיך מיט דער אויסדערווײלטקײַט פון דער גערמאַנישער הערן־ראַסע. ער האָט אָף אַן עמעס געגלייבט, אַז די דײַטשן זײַנען אַ באַזונדערס רייִנע אינדאָ־אייראָפּעיִשע ראַסע, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַ זעלבשטענדיקן וועג פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג, שטאַמט, קלוימערשט, פון עפּעס מיטישע אַריִער און זייער געבורטס־אָרט אין די אוראַלטע צײַטן איז געווען דער צאָפן־טייל פונעם אייראָפּעיִשן קאָנטינענט.

— געוויס איז דאָס אַלץ עמעס, — האָט אַראַנסקי שטיל באַמערקט, — נאָר איך האָב ערגעץ געלייענט, אַז אין אוראַלט האָט דעם נאָמען „אַר׳ער" געטראָגן ניט קיין גרויס פֿאָלק, וואָס האָט געלעבט אויף דער טעריטאָריע פֿון דער איצטיקער אַרמעניע, און אַז דער שוירעש „אַר" האָט זיך פֿאַרהיט ביז איצט גופֿא אינעם נאָמען אַרמעניע, ווי אויך אין די נעמען אַראַראַט, אַרמאַוויר און פֿיל אַנדערע פֿון דעם מין אויף קאַווקאַז און אין קליין־אַזיע.

ווינץ איז אויפֿגעזאַטן געוואָרן און פֿון כּעס גענומען שלינגען די ווערטער:

— שווײַג! דאָס ווילן נאָר די יודן ניט אַנערקענען אונדזער אַריש בלוט, ווײַל אונדזער פֿירער האָט געזאָגט: „איך וועל זײַן יענער, וואָס וועט פֿאַרניכטן אַלע ייִדן און וועט אָפּמעקן זייער נאָמען פֿון דער ערד". זיי האָבן דיר פֿאַרדרייט דעם קאָפּ. זע, אַז מער זאָל פֿון דיר אַזוינס קיינער ניט הערן, אַניט וועסטו זיך באַמבלען אויף אַ שטריק.

לאַנג שטיין אויסגעגלײַכט האָט ווינץ ניט געקענט. די פּאַלעס פֿון זײַן רעקל האָבן זיך דאַן מעשונעדיק צעשפּרייט און געפֿלאַדערט. ווען ער האָט ווידער אָנגענומען זײַן נאָרמאַלע פּאָזע, האָט ער שוין געלאַסענער געפֿרעגט:

— זאָג נאָר מיר, דער קליינער מאַטראָס, וואָס דרייט זיך שטענדיק לעבן דיר, איז ניט קיין יודע? שרעק זיך ניט, קיינער וועט ניט וויסן, אַז דאָס האָסטו מיר אויסגעגעבן דעם סאָד. איך רייד שוין ניט דערפֿון, אַז אַזויאַרום וועסטו אויספֿילן דײַן פֿליכט אַלס קריסט און אַ ביסל ריינ־וואַשן זיך אַליין פֿאַר דײַן געוועזענער אָנגעהעריקײַט צו דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. איז ווי?

איך מעשעך פֿון די צוויי מינוט, וואָס דער אויפֿזעער האָט גערעדט, האָבן בײַ אַראַנסקין צוויי מאָל אַ ציטער געטאָן די ברעמען. גוט, וואָס פֿראַנץ האָט ניט קיין טעווע און וואָס ער קאָן טאַקע ניט צוליב זײַן הויקער אַרײַנקוקן יענעם אין די אויגן. דערפֿאַר זעט ער ניט אַראַנסקיס אויגן, ער הערט נאָר.

— הער ווינץ, קיין פּאַרטייער בין איך ניט געווען, און דער מאַטראָס קיריושע איז אַ רוס. זײַן פֿעטער איז הינטער קאַסטראָמאַ אַ גאַלעך.

— דומקאָפּף, וואָס וועט ער דיר דען דערציילן, אַז זײַן פֿעטער איז אַ ראָוו און ניט קיין גאַלעך? דו קוק זיך צו אים בעסער צו. דער שאַרבן און די נאָז גיבן אים אַרויס. מיר פֿאַרמאָגן ספּעציאַליסטן, וואָס קאָנען בלויז מיט אַ ליניִיקע באַשטעטיקן, אַז ער איז אַ יודע. אויך וועגן דיר ווייס איך מער, ווי דו מיינסט. וועסט דאָך ניט לייקענען, אַז דו ביסט אַ קאָמאַנדיר און אַז אַלע קאָמאַנדירן זײַנען געווען אין דער פּאַרטיי.

— איך בין געווען אַ טעכניקער, און ניט אַלע קאָמאַנדירן זײַנען בײַ אונדז געווען פּאַרטייער.

— פֿון וואָס אַ טעכניקער?

— אַ טעכניקער — אַן אינטענדאַנט.

— דו לײַגסט, און מיר וואָלסטו באַדאַרפֿט זאָגן בלויז דעם עמעס. איך האָב אַפֿילע געוואָלט דיך מאַכן פֿאַרן עלטסטן פֿון באַראַק. זעסט דאָך, קיין אַנדערן האָב איך צו זיך אַהיים ניט גע־בראַכט. אָט זאָג מיר, ווער פֿון אײַך האָט אַרויסגעלאָזט דעם זויערשטאָף פֿון די באַלאָנען? ווער? מיט שווײַגן וועסטו ניט אָפּקומען.

— הער ווינץ, איר גלייבט דאָך אין גאָט, שווער איך אײַך, אַז איך ווייס ניט, וועגן וואָס פֿאַרא באַלאָנען איר רעדט!

— טשעפּע ניט מײַן גאָט. דו הערסט? בעסער טשעפּע אים ניט. „וואָס פֿאַרא באַלאָנען?" — האָט ער אים געגומען איבערקרימען. — ווייסט קלומערשט ניט? איך פֿרעג וועגן די באַלאָנען, וועלכע שטייען באַם פֿאַרקן אין ווינקל. דעם הויף ראַמט איר אויף אַלע טאָג?

— יאָ, אָבער איך האָב זיך נאָך צו זיי אַפֿילע קיין איין מאָל ניט צוגערירט.

— איך זאָג עס נאָך ניט דערווײַל, אַז דו, נאָר דו באַווײַז מיר דעם שולדיקן, באַווײַז, אַז ס׳איז ניט דײַן שטיקל אַרבעט. דאָס האָט געטאָן דעם גאַלעכס פּלעמעניק, קיריושע?

— ניין!

— פֿונוואַנען ווייסטו? וואַרט. אויב ניט ער, איז ווער פֿון אײַערע געפֿאַנגענע האָט עס געטאָן?

— איך ווייס ניט. איך ווייס נאָר, אַז איצט, וואָס עס זאָל ניט געשען אויפֿן זאַוואָד, וועלן מיר זײַן שולדיק.

— נו, נו, — האָט אים ווינץ אַ דראַע געטאָן מיט דעם פֿויסט, — לאָמיר נאָר וועלן, וועלן זיך בײַ אײַך אַלעמען צעבינדן די צינגער. צוערשט האָט איר דערהאַרגעט מײַן זון אויפֿן פֿראָנט, און איצט ווילט איר, אַז מע זאָל מיך אַראָפּנעמען פֿון דער אַרבעט. איז זאָלסטו וויסן זײַן, אַז אַפֿילע וויקערטן דעם ליוטעראַנער וועט זיך עס ניט אײַנגעבן. ער וועט זיך דערוואָרטן, אַז איך וועל דעם הער קרויגער דערציילן וועגן זײַנע גראָבע שווינדלערײַען און געמיינע אַפֿערעס. ער וועט זיך אויך דערוויסן, אַז וויקערטס פֿראַו — הילדע, וואָס קאָכט פֿאַר אײַך, גאַנוועט מאַרגאַרין.

הער קרוינער פּאַרמאָגט צוויי זין אויף פּראַנט. ער קען מיך און וועט מיר גלייבן. איז וואָס וועסטו מיר דערציילן?

— וואָס זאָל איך אײַך דערציילן?

— דײַן קיריושע איז שוין אין קאַרצער. איך האָב געקלונגען פון וואָקזאַל און וויס, אַז דער 492346 האָט זיך אין אַלץ מודה געווען. וואָס וועסטו איצט זאָגן? SU

— גאָרנישט. קיריושע האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. אויב ער האָט זיך מודה געווען, איז ער אַראָפּ פון זינען און אויסגעטראַכט אויף זיך אַליין אַ בילבול.

— האַנס, — האָט דער אופזעער אַ רוף געטאָן דעם וואַך־סאָלדאַט, — פיר אים אָפּ צוריק אין באַראַק. ער האָט פאַרן טאָג אַלצײַנס גאָרניט אויפגעטאָן. די רוסן האָבן ליב אַ סאַך עסן און ווייניק אַרבעטן.

שפּאַנט ער איבערן אַספאַלט, וואָס ציט זיך לענגאויס דעם יישעוו. אויסער דעם סאָלדאַט, וואָס גייט הינטער אים מיט אַן אָנגעצילטן אויטאָמאַט, זעט מען ניט קיין איין לעבעדיקן נפש. זינט דער מאַפּאָלע אונטער סטאַלינגראַד איז פאַרבאָטן זיך לוסטיק מאַכן. עס טאָרן זיך ניט לאָזן הערן קיין קלאַנגען פון מוזיק. מע זעט ניט קיין פרײַלעכע בונטקאָלירטע קליידער, אַפילו שפּילן אויף אַ מויל־האַרמאָניק איז פאַרבאָטן.

אַראַנסקי האָט וועגן וואָס צו קלערן. דער געשפּרעך מיטן אויסוואורף ווינץ האָט אים ניט אויף קיין קאַטאָווס אופגערודערט. אָט האָסטו דיר אַ רעשטל צו די צאָרעס. דערוואַיל וואַרפט ער אָפּ דעם געדאַנק, אַז דאָס האָט עמעצער פון די געפאַנגענע דערציילט וועגן זיי עפּעס דעם אופזעער. דעם זויערשטאָף פון די באַלאָנען האָבן אַרויסגעלאָזט ער און קיריושע, און קיינעם האָבן זיי וועגן דעם ניט דערציילט. זיי ביידע האָבן פאַרטראַכט אָפּטאָן נאָך אַ שטיקל אַרבעט, נאָר מע וועט דאַרפן צוּוואַרטן. דעם מאַטראָס קאָנען זיי שלאָגן ביז טויט, וועט ער סײַווי גאָרניט זאָגן. איצט מוז ער קלערן וועגן איינס, וויאַזוי ראַטעוועט מען קיריושען. אויפן זאַוואָד אַרבעטן פּאָליאַקן און אַ גרויסע גרופּע פראַנצויזישע געפאַנגענע. די פראַנצויזן געפינען זיך אין פיל בעסערע באַדינגונגען. זיי העלפט אויך דער רויטער קרייץ. פאַראַן אַפילו אַזעלכע, וואָס לעבן דאָ מיט זייערע מישפּאָ־כעס. צווישן זיי איינער אַ סטאַליער לעאָ, וואָס האָט זיך שוין געפּרוּווט פאַרפירן אַ געשפּרעך מיט אַראַנסקין. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער ווייסט דאָ עטלעכע דײַטשישע אַרבעטער, וועלכע באַציִען זיך מיט סימפּאַטיע צו די רוסן. ווי טרעפט מען זיך מיט אים ווידער? דעם עמעס וואָלט ער אים, פאַרשטייט זיך, ניט דערציילט, נאָר עפּשער...

באַם אַרײַנגאַנג אויף דער זאַוואָד־טעריטאָריע קאָנטראָלירט מען באַם וואַכמאַן די דאָקומענטן, פּונקט ווי ער וואָלט דאָ אויך געווען אַ פרעמדער. די טיר אין באַראַק איז אַרומגעקלאַפּט פון ביידע זײַטן מיט בלעך און פאַרשלאָסן אויף צוויי שלעסער. אַראַנסקין ווילט זיך, די שליסלען זאָלן קאָטש אויף אַ שטיקל צײַט בלײַבן שטעקן אין שלאָס, ער זאָל אַ ביסל שפּעטער דערזען קיריושעס פּוסטע נאַרע. נאָר ניין, די שלעסער זײַנען אין אָרדענונג, די זאַוויסעס זײַנען גוט אויסגעיילט, די טירן עפענען און פאַרמאַכן זיך לײַכט, אַפילו אָן אַ סקריפּ. נאָך שטייענדיק באַ דער שוועל, שרײַט ער אויס:

— קיריושע!

...זעקס אַזייגער גאַנצפרי האָט מען זיי, ווי שטענדיק, אופגעהויבן, נאָר קיינעם ניט געהייסן גיין נאָך דער באַלאַנדע. זיבן אַזייגער איז געקומען דער אופזעער און זיי אוועקגעפירט אָנלאָדן קאָקס. וועגן די באַלאָנען האָט ער אַפילו ניט דערמאָנט.

דער ווינטער האָט זיך געצויגן, ווי ער וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקליבן ענדיקן. פון דער אַרבעט פלעגט מען קומען און פאַלן, ווי די סנאָפּעס. נאָר לאַנג אײַנליגן אויף דער נאַרע האָט מען ניט געקאָנט. אין באַראַק איז געווען קאַלט, ווי אויף דער גאַס.

יענעם גאַנצן טאָג האָט מען געשלעפּט שווער־געלאָדענע טאַטשקעס. נאָך דעם ווי דער הויף איז געווען אופגעראַמט, האָט ווינץ אָנגעזאָגט אַ נײַס, אַז הײַנט וועט צו די געפאַנגענע קומען צוגאַסט אַ רוסישער אָפיצער און מע וועט זיי אַפילו ווײַזן קינאָ.

וואָס דער דאָזיקער „רוסישער" אָבערלייטענאַנט האָט צו דערציילן, האָבן זיי אַפריִער זיך אָנגעשטויסן, נאָר אַפילו ער זאָל געווען בלײַבן אָן אַ לונג ריידנדיק, וואָלטן זיי זיך אַלצײַנס גע־מאַכט טאַמעוואַטע און געשוויגן. דערנאָך האָט מען זיי באַוויזן אַ פילם וועגן פּאַט און פּאַטאַשאָן און געטיילט אַלעמען די פאַשיסטישע צײַטונג „נאָוואָיע וורעמיא".

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דאָס איז מען געקומען ווערבירן סאָלדאַטן פאַר דער וולאַסאָוו־אַרמיי. נאָר אויף וויפל קיין באַלאָנים האָבן זיך ניט געפונען, איז זייער אופירונג אַנערקענט גע־וואָרן אַלס ניט לאָיאַלע, און דרײַ טעג האָט מען זיי געלאָזט אָן עסן. די פּאָליאַקן האָבן זיך אונ־טערגענומען אויסבײַטן די הילצערנע קינדער־שפּילכלעך, שקאַטולקעס, וואָס די רוסישע געפאַנ־

גענע פֿלעגן אין די נעכט בישטיקע אויסשניצן. די פֿראַנצויזן ווידער האָט זיך אײַנגעגעבן, בײַ דעם צווייטן איבערבײַס בײַ די דײַטשן, איבערגעבן די רוסישע געפֿאַנגענע דרײַ לעבלעך ברויט מיט אַ שטיק מאַרגאַרין. אַפֿן פֿאַרפּרוירענעם מאַרגאַרין איז מיט קרומע אויסיִעס געווען אויס־געקריצט: „רוס — מאַלאַדיעץ!“

בײַ קרוינערן איז ניט לאַנג צוריק אַפֿן פֿראָנט אומגעקומען דער מיזיניק, און איצט איז אַ צעקאַליעטשעטער געקומען דער עלטסטער זון. דער אָבערמײַסטער און דער אופֿזעער האָבן, ווײַזט אויס, געוווסט, אַז דער פֿאָטער וועט פֿירן דעם גאַסט איבערן זאוואָד. נאָכן צוועלפֿשאָעדיקן אַרבעטסטאָג האָט מען די געפֿאַנגענע געצוווּנגען אַ גאַנצע נאַכט רייניקן, וואַשן ווי אַ ווינקל אַפֿן זאוואָד. זיי האָבן געדאַרפֿט דורכלייגן אַ נײַע סטעזשקע פֿון דער הויפּט־קאָנטאָר צום צעך. צו־זאַמען מיטן מיסט, וואָס זיי האָבן אָנגעלאָדן אויף דער לאַסטמאַשין, האָט זיך זיי אײַנגעגעבן אַרויס־וואַרפֿן אַ היפּש ביסל נייטיקע אינסטרומענטן און אַפֿילע צווי קעסטלעך מיט גרייטע דעטאַלן. דאָס אַלץ האָבן זיי געגנומען ניט בײַ זיך, נאָר אינעם שכיינעסדיקן קאָרפּוס, ווו דער אַרײַנגאַנג איז פֿאַר זיי געווען שטרענג פֿאַרבאָטן. ווען דער שאָפֿער אָטאָ שילינג האָט זיך אומגעקערט אויף זײַן מאַשין נאָכן ערשטן רייס, איז ער אַרויסגעקראָכן פֿון דער קאַבינע און פֿרײַנטלעך אַ ווונק געטאָן צו זיי. דאָך האָבן זיי מוירע געהאַט נאָכצומאַל צו ריזיקירן.

פֿאַרטאָג, נאָך אַ מעסלעס אַרבעט, האָט מען זיי פֿאַרטריבן אין באַראַק. ווייניקער ווי אין אַ שאָ אַרום האָט מען זיי אופֿגעוועקט, און אַ צוגאָב צו דער ביטערער באַלאַנדע האָט מען געגעבן צו צווי קאַלטע קאַרטאָפֿל און צו אַ קוואַרטל שווארצע מוטנע וואַסער־קאַווע, פֿאַרזיסט מיט סאַכאַרין. מאָרגן, האָט מען זיי געזאָגט, וועלן זיי זיך קאָנען אויסשלאָפֿן. צי וועט נאָך זײַן אַ מאָרגן?

— ראוס! ראוס! — האָט דער פֿעלדפֿעבעל קאָמאַנדעוועט מער מיט דער לעדערנער בײַטש, ווי מיטן מויל. פֿאַרפּינצטערטע, פֿאַרוויסטע האַלב־מענטשן, האַלב־שאָטנס, שטייען זיי, און ס׳איז שוין באַלד אומעגלעך צו שאַצן, וויפֿל וועסט ס׳איז אַלט, ווײַל אַלע זעען אויס ווי זקיינים.

פֿראַנץ ווינץ, וואָס האָט שוין קימאַט אַראָפּגעצויגן זײַן מאַסקע, איז הײַנט געקומען אָן אויס־געפֿוצטער און זעט אויס, ווי אַ קראָ אין די פֿעדערן פֿון אַ פּאַווע. ער האַלט אין איין צוגלעטן מיט דער האַנט די שיטערע האָר. ער וויל, אַז אויך זיי, די שקלאַפֿן, זאָלן הײַנט אויסזען בראַוו, און די הויפּט־זאַך, זיי זאָלן אַרבעטן שנעלער. ביז עס איז נאָך דאָ צײַט, דערמאָנט ער זיי:

— מורעשקעס לעבן ביז זיבן יאָר, קליינע זינג־פֿייגעלעך ביז דרײַסיק. קראָען, בושלען, געגנדז — ביז הונדערט. אָדלערס — ביז הונדערט פֿופֿציק. די רוסן זײַנען קיינמאָל קיין אָדלערס ניט געווען, נאָר דאָך דאַרפֿט איר נאָך אַרבעטן און אַרבעטן. מיר גיבן אײַך גענוג עסן און אַ דאַך איבערן קאָפּ. וואָס זשע שטייט איר אין אַזאַ פֿײַערלעכער מינוט, ווי אויף אײַער אייגענער לעווײַע? אכטונג! עס גייט דער אָבערמײַסטער.

וויקערט האָט ווי שטענדיק אויסגעזען מיד און באַרויגעז. ער איז נאָך ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון צעך און וויל שוין וויסן, פֿאַרוואָס די שווײַנען האָבן שלעכט אופֿגעראַמט. ער טוט מיט אַ פֿינגער אַ וויש די וואַנט און באַווײַזט, ווי שמוציק ער איז געוואָרן.

דער אופֿזעער גלאָצט אויס אַ פּאָר אויגן, ווי דאָס וואָלט אים שטאַרק פֿאַרכידעשט. ער לייגט צו צו דער ברעט די גאַנצע דלאָניע, דערנאָך טוט ער אַ שמעק די סאַזשע, וואָס איז צו איר צוגעשטאַנען, פֿאַרקרימט זיך און באַווײַזט אַ פֿויסט. און ווײַל וויקערט האָט זיך שוין אויסגע־דרייט צו אים מיט דער פּלייצע, קאָן עס באַטײַטן, אַז ער וואָלט דעם פֿויסט אויך פֿאַרן אָבער־מײַסטער ניט געזשאַלעוועט.

קרוינער, זײַן זון קלאַוס, אָן עס־עס־אָפֿיצער, און נאָך זיי אַ היפּשע סוויטע האָבן זיך געלאָזט איבערן זאוואָד שוין נאָך מיטיק. די אַרבעטער האָבן זיך מיט זיי געגריסט, שטייענדיק בײַ די ווערקשטעלן. דער אָבערסט האָט זיך פֿאַרקוקט, ווי אין געפֿלאָכטענע פֿון דראָט קוישן לאָזט מען אַראָפּ אין אַ קעסל מיט נאַפֿט פֿאַרהאַרטעוועטע ניט קיין גרויסע, נאָר זייער נייטיקע דעטאַלן. דער קעסל האָט זיך געפֿונען אויף אַ מין טורעם, וווּהין עס פֿירן אײַזערנע ספּיראַל־טרעפּ.

ווען דער קראַן האָט אופֿגעהויבן דעם קויש און ס׳איז פֿון אים אויסגערונען דער נאַפֿט, האָט קיריושע אים אָנגענומען פֿאַר בײַדע הענטלעך און זיך געלאָזט צו די טרעפּ. אין עפּעס האָט ער זיך בײַ די ערשטע טריט פֿאַרטשעפּעט, דער קויש איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער הייך אַפֿן צעמענטענעם דיל, און קימאַט אַלע דעטאַלן זײַנען צעטראַסקעט געוואָרן. קיריושע אַליין האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר דער פֿאָרענטשע און געבליבן הענגען, ווי אָן אַקראָבאַט אינדערלופֿטן.

— סאַבאָטאַזש! — האָט קלאַוס ווילד אַ געשריי געטאָן און זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער קאָבורע. אויסשיסן האָט אים דער פֿאָטער ניט געלאָזט. נאָר דער אַלטער וויקערט איז אַפּגיך אַרופֿגעלאָפֿן אויף די טרעפּ און מיט אַ שטיק אײַזן אַ קלאַפּ געטאָן דעם מאַטראָס איבער די הענט. יענער איז אַראָפּגעפֿאַלן.

בלוי, ווי א מילך, א צונויפגעקאָרטשעטער, איז קיריושע געלעגן אפן צעמענטענעם דיל, און לעבן אים אף די קני האָט זיך אראָפּגעלאָזט אָראנסקי. מיט א שמאטקע האָט ער געווישט דאָס ריטשקעלע בלוט, וואָס איז געפלאָסן פון קאָפּ, דערנאָך האָט ער זי געטונקען אין אן עמער מיט וואסער, וואָס א דײַטש א שלאָסער האָט אים דערלאנגט.

די קרוינערס האָבן פארלאָזט דעם צעך. אינעם זעלבן טאָג האָבן העכער הונדערט פראנ־צויזן, וועלכע מע האָט שוין צוגעזאָגט אין דער נאָענטסטער צײַט ארויסלאָזן פון געפאנגענשאפט און אריבערפירן אף פרײַער ארבעט, געמאָלדן א שטרײַק. אזוינס איז בא היטלערן מילכאָמע־צײַט ניט געהערט געוואָרן. נאָך צוויי געשעענישן זײַנען פאָרגעקומען אין דעם מעסלעס. קלוימערשט באַם ארויסוואַרפן א ווידערשטאנד דער וואך איז דערשאָסן געוואָרן דער פראנצויזישער סטאָליער לעאָ, און באנאכט איז אין צעך־קאָרפוס, ווו דער צווייטער שטאָק האָט געדינט אלס קאזארמע פאר די פּאָליאקן, אויסגעבראָכן א סרייפע. אין עטלעכע טעג ארום האָט אָטאָ שילינג מיט זײַן לאסטמאשין אונטער דער ארקע, וואָס בא די זאוואָד־טויערן, צעקוועטשט אף טויט דעם אָבער־מײַסטער עריך וויקערט. אויספאָרשן די אלע געשעענישן איז געקומען א ספּעציעלע קאָמיסיע פון דער געהיים־פּאָליצײַ. ווידער האָט מען די SU דרײַ טעג קיין עסן ניט געגעבן. די פראנצויזן און די פּאָליאקן האָט מען ערגעץ אוועקגעפירט, און די סאָלדאטן, וואָס האָבן זיי באוואכט, האָט מען אָפּגעשיקט אפן פראָנט. אהער האָט מען געבראכט א נײַע פארטיע סאָוועטישע קריגסגעפאנגענע.

אויב טאקע גלייבן ווינצן אפן וואָרט, האָט ער זיך עס דערשלאָגן, אז מע זאָל דערלויבן איבערלאָזן קיריושען אין באראק. עס האָט אויסגעזען, אז דער צופאל מיט וויקערטן האָט אים אָנגעשראָקן מער, ווי די געהיים־פּאָליצײַ. דערצו זײַנען די ידיעס פון פראָנט געווען אזוינע, אז עס האָט שוין אף אים געציטערט די פעל.

אין באראק האָט געהוליעט דער ווינט, און ווו נאָר א שמאטע האָט מען מיט איר אײַנגע־דעקט דעם קראנקן. קיריושע האָט געברענט, ווי אין פּאָקן. עפשער וואָלט מען געקאָנט דורך עמעצן פון די דײַטשן קויפן א רעפּוע, נאָר גיי קויף, אז מע פארמאָגט ניט וואָס א שמעק טאבאק איז ווערט. איינמאָל האָט דער עלעקטריקער, וואָס איז געקומען קאָנטראָלירן די עלעקטרע־שנורן, איבערגעלאָזט פאר קיריושען עטלעכע מערן, א פרײַסיש היפּטל קרויט, ענלעך אף א היטל צוקער, און פון טערמאָס אָנגעגאָסן א האלבע קוואָרט הייסע קאווע.

קיריושע האָט געצאנקט ווי א ליכט. זײַן פּאָנעם איז אײַנגעשרומפּן געוואָרן. ווען עס האָט א גאָס געטאָן דער ערשטער פרילינגדיקער רעגן, האָט ער געבעטן, מע זאָל אים צוטראָגן צום פארגראטעוועטן פענצטערל, און אײַנקוקנדיק זיך אינעם פארוואָלקנטן הימל, האָט ער א זאָג געטאָן:

— אפילע א רעגן איז דאָ אויך ניט אזא, ווי בא אונדז. זעט נאָר, ווי עס כליופּעט די בלאָטע. אלץ איז דאָ מיט זשאווער, אפילע די פויגלען ווילן דאָ ניט פלעכטן זייערע נעסטן.

באנאכט האָט ער געבעטן אָראנסקין אים ברענגען א ביסל וואסער און צום ערשטן מאָל אים קימאט ווי פאָרגעוואָרפן, אז זיי האָבן צופיל געטרוימט און צו ווייניק געטאָן. נאָך האָט ער אים געזאָגט:

— איר, פּיאָטער מאקסימאָוויטש, מיינט אוודע, אז איך האָב זיך אף אן עמעס פארטשע־פּעט. נעכטיקע טעג! איך האָב זיך מיט אײַך דאָס מאָל ניט געהאלטן קיין אייצע, ווײַל ווינץ שפּירט אײַך נאָך. ער האָט בא מיר געפרעגט, צי זײַט איר ניט קיין ייד אָדער קיין קאָמוניסט. מיר האָט לאָבאָדא דערציילט, ווער איר זײַט. פאָרן אָפּפאָרן פון דזשאנקוי האָבן מיר אים געמאכט מיט א קאָפּ קירצער. ווינצן האָב איך געזאָגט, אז וועדליק ווי איך וויים, האָט איר נאָך בא אונדז אין דער ארמיי פײַנט געהאַט יידן. ניקאָלאדזע האָט מיך צו דער צײַט געוואָרנט, אז איר זײַט א טעכניקער. איך האָב אלץ געטראכט, אז איר וועט נאָך זײַן מײַן קאָמאנדיר בא די פארטיזאנער, נאָר גלייבט מיר, א שלאנג זאָל איך זײַן, אויב איר וועט ניט אנטלויפן.

פארטאָג האָט נאָך קיריושע געאָטעמט, גערעדט און אזוי ווייטעקדיק שארף געשפּירט הונ־גער, אז ער האָט געביסן די מאָזאָליעס אף די הענט. אָראנסקי, וואָס האָט אופמערקזאם נאָכגע־שפּירט נאָך זײַן יעדן אָטעם־צוג, האָט געזאָגט, אז ער וועט אים אָפּגעבן זײַן פּײַקע ברויט, וואָס ער וועט באקומען אף פרישטיק, נאָר קיריושע האָט געענטפערט, אז ער וועט זי ניט נעמען.

פאר די לעצטע טעג האָט קיריושע, ווײַזט אויס, זייער א סאך איבערגעטראכט. נאָר זײַנע האלב־צוגעמאכטע אויגן האָבן שוין געבלאָנדזשעט ווי בא ניט קיין היגן, אים איז שווער געווען צו ריידן, און דאָך האָט ער געהאלטן אין איין דערציילן:

— אין דאָרף, לעבן מײַן שטוב, בלעבלט א ריטשקעלע. עס וואקסן ווערבעס. אונדזערע וועלדער האָבן ניט קיין אָנהייב און קיין סאָף. מײַן טאטע האָט אויך אמאָל געטראָגן קייטן פון א קאטאָרזשניק אף די פיס און האָט געוווסט, אז אין טפיסע לעקט מען קיין האָניק ניט. ער האָט

זיך אויך שטאַרק געמאַטערט פֿאַרן טויט, איז פֿלעגט ער זיך שווערן ניט „זאָל איך אַזוי לאַנג לעבן“, נאָר „זאָל איך אַזוי גיך שטאַרבן“.

אַף עטלעכע מינוט איז ער אַנשוויגן געוואָרן. דערנאָך האָט ער אַן אויסגעשעפּטער מיט אַ שטילן קרעכץ אַרויסגעבראַכט נאָך עטלעכע אַפּגעהאַקטע ווערטער און, פֿרײַער אַפּשאַרנדיק מיט די אויסגעדייוועטע הענט די האָר, וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צום שטערן, האָט ער אַזוי אַ וואָרף געטאָן דאָס פֿאַרשאָלטענע בלעכל אַף זײַן ברוסט, ווי בלויז דאָס אַליין וואָלט פֿאַרוווּנדעט זײַן נעשאָמע, און דערנאָך מיט גרויס כידעש אַרויסגעמורמלט:

— וואָס אַ שלאַנג — אַ דײַטש קאָן צוקלערן!

די זון איז ווי שטענדיק צו דער צײַט אויפֿגעגאַנגען, נאָר פֿאַר קיריושען איז ניט אָנגעקומען דער פֿרימאָרגן.

אין שטילן באַראַק האָט מען אין דער מינוט מאַמעש געקאָנט אָנטאַפּן דעם טרויער און נאָך מער די סינע, אין וועלכער דאָס שוויַגן איז געווען אײַנגעהילט.

ווינץ האָט, ווי דאָס וואָלט געווען זײַן איינציקער באַרוף אַף דער וועלט, אַפּגעבראָכן דאָס בלעכל, וואָס איז געהאַנגען באַם מאַטראַס אַפֿן צעריסענעם שוואַרצן בושלאַט, און, אָנעצנדיק מיט דער צונג דעם כימישן בלײַער, אויסגעמעקט פֿונעם צעטל דעם נומער 492346.

פֿון די ניט אויסגעוויינטע טרערן זײַנען די אויגן באַ אַראַנסקין נאָך מער אופֿגעלאָפֿן. קיין איין טויט האָט אים נאָך אַזוי ניט דערשיטערט. פֿון אונטער די געדיכטע ברעמען האָט ער אַ קוק געטאָן אַפֿן אופֿזעער אַזוי, אַז יענער האָט זיך צוגערוקט צו דער פֿאַרשימלטער וואַנט.

גראָד אין דער מינוט פֿאַרמאַגט אַראַנסקי נאָך געגוג קויעך אַף אַ קלאַפּ טאָן ווינצן אין הויקער. איז וואָס, פֿרעגט זיך, שטייט ער ווי אײַנגעגראָבן, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און ביז עס זײַנען נאָך ניט אויסגערונען די טעג פֿון זײַן אייגן לעבן, שטעלט ער אים ניט אַרויס קיין כעזשבן? ער וואָלט עס געטאָן, ווען ניט די האָפֿענונג, אַז וויפֿל די נאַכט זאָל ניט דויערן, וועט דער טאָג אָנקומען. טאַקע דערפֿאַר האָט ער זיך באַמיט אָפּטרײַבן דעם יעש־געדאַנק, וואָס האָט אַן עגבער געטאָן זײַן מויעך, אַז ס׳איז גאָר שווער צו זאָגן, וועמעס גורל ס׳איז ביטערער — פֿון די טויטע אָדער פֿון אַזעלכע, ווי ער, וואָס לעבן נאָך, אויב דאָס הייסט לעבן.

אַראַנסקי, וואָס האָט אָנהייב מילכאָמע געוויגן באַ הונדערט קילאָגראַם, איז איצט געווען אַזוי אויסגעדאַרט און אַפּגעשוואַכט, אַז די קלענסטע באַוועגונג האָט באַ אים אַרויסגערופֿן וויטעק. נאָר די פֿיס און דאָס פּאָנעם זײַנען אופֿגעלאָפֿן. די איבערגעטריקנטע בלייכע הויט האָט געוומען פֿלאַצן און זיך שיילן. די יאַסלעס און דער גומען האָבן זיך באַדעקט מיט יאַטערנדיקע בלאָטערלעך.

אינדערפֿרי האָט מען אים שוין געמוזט גוט אַ טאָרע טאָן, ער זאָל זיך אופֿכאַפּן. אַ שלע־פֿעריקע גלײַכגילט האָט זיך באַ אים פֿאַרגאַנוועט אין האַרצן. אַ נײַע צאָרע — ווי נאָר ער כאַפּט זיך צו צו דער נאַרע און דעקט זיך איבער איבערן קאָפּ, גייט אַוועק אַ פֿאַרמעסט צווישן דער שרעקלעכער וואָר און די בייזע כאַלוימעס.

גאַנצפֿרי, ווען די זון פֿלעגט ערשט באַווײַזן זיך און עטוואָס צופֿאַרבן דעם ראַנד פֿון הימל, וואָס האָט זיך ערגעץ העט־ווײַט אָנגעשפּאַרט אין די שפּיצן פֿון די הויכע זאַוואָד־קוימענס, פֿלעגט ער און זאַכאַר נעמען רײַסן און קײַען די פֿאַרשטויבטע גראָזן, וואָס זײַנען געוואַקסן אין די ווינקלען פֿון הויף. זיי פֿלעגן זשעדנע זיך אײַנהריזען אין די לישײַניקעס, ענלעכע צו זשאַווער, וואָס זײַנען נאָך די רעגנס אָנגעוואַקסן אַפֿן הויכן פּאַרקן.

זיי האָבן קיינמאָל זיך ניט געגריבלט אינעם מיסטקאַסטן, זיך ניט געבויגן נאָך די אַרויס־געוואָרפֿענע סיגאַרעט־שנויצלעך. זיי פֿלעגן אומיסטן אָפּדרייען די קעפּ אָן אַ זײַט, ווען די פֿריצן פֿלעגן, אָפּבלאָזנדיק דעם שוים פֿון ביר, קײַען זייערע בוטערבראָדן, ניט אַראָפּגעלאָזט האָכנאָעדיק די ברעמען און ניט אַרויסגעשטעלט קיין בעטלענדיקע האַנט.

דאָס האָבן באַמערקט אויך די דײַטשן. אייניקע איז עס געפֿעלן. אַנדערע פֿלעגן פֿון זיי בייז אָפּלאַכן, און ווען וויקערט האָט געלעבט, איז ווי נאָר ער פֿלעגט דערזען אַראַנסקין, פֿלעגט זיך באַ אים אָנהייבן טרייסלען דער פֿוסטער צעקנייטשטער גוידער און פֿון זײַנע ליפּן האָט זיך ניט איין מאָל ווי אַ שטיין אַרויסגעריסן דאָס זידלוואָרט „גראַס־שווײַן“.

— ניכט דעם גראַס־שווײַן! — האָט אויך דער פֿעלדפֿעבעל אָפּגעענטפֿערט ווינצן, ווען יענער האָט אים פֿאָרגעלייגט באַשטימען אַראַנסקין פֿאַרן סטאַראָסטע פֿון באַראַק. עס האָט אָבער ניט געהאָלפֿן. ווי נאָר עפּעס, פֿלעגן די געפֿאַנגענע וואַרטן אַף אַראַנסקיס „יאָ“ אָדער „ניין“.

נאָך ווען קיריושע האָט געלעבט, האָבן זיי זיך מערסטנטייל געהאַלטן אינדרײַען. איצט איז אים זאַכאַר באַזונדערס טײַער. זיי האָבן נאָך אַפֿילע דאָס וואָרט אַנטלויפֿן ניט געלאָזט פֿאַלן, נאָר אַראַנסקי ווייסט, אַז באַ אַ צופֿאַל קאָן ער אַף יענעם אויסרעכענען.

ווען דאָ זאָל זײַן ניט אזא געדיכט־באפעלקערטער ראיאָן אָדער א וואלד זאָל זײַן נאָענט, וואָלט מען געקאָנט לויפן בייס א לופט־אליארעם, ווען עס בילן די זעניטקעס, עס דונערן די אופרײַסן, און די דײַטשן, ווי אָנגעשראָקענע מײַז, צעלויפן זיך אין די באהעלטענישן. נייִן, פונדאנען לויפן קאָן מען ניט.

אפן באלקאנער האלב־אינדזל

גאנצפרי איז געווען קיל און נעפלדיק, און דערנאָך האָט פון דעם פארבלאָזענעם הימל גענומען כליופען, ווי א מאבל וואָלט וועלן פארפלייצן די ערד. א גאנצן טאָג האָבן זיי פיטש־נאסע אונטערן שלאקסרעגן געשלעפט די שווערע טאטשקעס. צו אָוונט־צו איז פון ערגעץ געקומען ווינט. אויך ער איז שוין געווען „פארפוצט" אין א גרין־גרויען מונדיר, וואָס האָט אים געפאסט, ווי א כאזער א זאָטל. זײַנע שטיוול זײַנען געווען אויסגעשמירט ביז איבער די כאָליעוועס אין בלאָטע. אין האנט האָט ער געהאלטן א טשעמאָדאנדל, וואָס ער האָט נאָך ניט באוויזן אוועקשטעלן און פארשליסן אין זײַן קעמערל.

דאָס, וואָס ער האָט זיי ניט געצוווּנגען נאָך דער ארבעט אופראמען דעם הויף און האָט זיי פאר דער צײַט פארטריבן אין באראק, האָט אלעמען פארכידעשט. ווען זיי זײַנען שוין אײַנגעשלאָפן, האָט זיך צעפראלט די געקאָוועטע טיר און וואכלײַט האָבן ארײַנגעטראָגן עטלעכע לעבלעך זעגעכץ־ברויט, צוויי עמער געקאָכטע קארטאָפל, דערנאָך האָט מען בא זיי צוגענומען די בלעכלעך מיט די נומערן, אוועקגעפירט צו דער סטאנציע און פארשלאָסן אין פראכט־וואגאָנעס.

באנאכט, ווען די לעוואָנע איז אײַנגעזונקען אין שווערע וואָלקנס, האָבן עראָפלאנען עטלעכע מאָל באָמבארדירט דעם אײַזנבאן־קנופ, ווו דער עשעלאָן איז געשטאנען. א שווערע באָמבע האָט געטראָפן אין א פלאטפאָרם מיט הארמאט־סנאריאדן. דערנאָך האָבן זיך אָנגעצונדן די נאפט־ציסטערנעס. עס האָט געררוישט אין די אויערן, געשווינדלט אין די אויגן, און די מענטשן אין די אָנגעפראָפטע וואגאָנעס, אין וועלכע מע האָט געקאָנט צעגיין פון היץ און דערשטיקט ווערן פון דעם ביטערן ווארגנדיקן רויך, האָט זיך געדאכט, אז דער הימל פאלט צו דער ערד און די ערד רײַסט זיך צום הימל.

העכער א מעסלעס איז דער צוג געשטאנען אף א ווײַטער רעזערוו־ליניע.

דערנאָך, שוין אין וועג, האָט עמעצער ערגעץ אף א פאָלוסטאנאָק דורכן פארגראטעוועטן פענצטערל ארײַנגעוואָרפן אין וואגאָן עטלעכע שטיקלעך ברויט. זיי האָבן אויך געהערט, ווי פארבײַגייענדיקע פרויען ריידן צווישן זיך אף א שפראך א ביז ווייטעק באקאנטע, געוויס א סלאווישע.

זאכאר האָט, אינגאנצן א שײַנענדיקער פון גליק, ארײַנגעקוקט אין שפאלט, עטלעכע מאָל א קלאפ געטאָן אין ווענטל פון וואגאָן און געפרעגט:

— זאָגט אונדז, ווו געפינען מיר זיך?

דער וואכמאן, וואָס איז געשטאנען אפן טאמבור, האָט געדראָעט, אז אויב ער וועט נאָכאמאָל אזוינס דערהערן, וועט ער אָן א וואָרענונג שיסן. אויך די פרויען האָט ער פרעך אויסגעזידלט און א געשריי געטאָן: Los! Los![1]

ווען מע האָט זיי שוין ארויסגעלאָזט פון וואגאָן און פונווײַטן האָבן זיי דערזען א גרויסע שטאָט מיט שניי־ווײַסע מויערן, צעוואָרפענע איבער די בערג, האָט ווינץ מיטגעטיילט, אז זיי געפינען זיך אפן באלקאנער האלב־אינדזל, אפן רעכטן ברעג פון די טײַכן סאווע און דונײַ — אין בעלגראד.

ער האָט זיי נאָך דערציילט, אז אליין וועט ער זיך אומקערן צוריק קיין רור. דאָ וועט ער באקומען עטלעכע הונדערט סערבן, וועלכע וועלן אָנשטאָט זיי ארבעטן בא קרוינערן.

ווינץ טראָגט צו צו זײַנע ליפן די מעטאלענע פעלד־פלאש און שלינגט זשעדנע דעם שיקערנדיקן מאשט[2]. דערנאָך נעמט ער ארויס פון זילבערנעם פאָרטסיגאר א דינע סיגארעטע, צעטיילט זי אף צוויי גלײַכע טיילן. איין העלפט שטעקט ער ארײַן אין מונדשטוק און טוט א פאָר שטארקע ציִ, און אויס סיגארעטע, ער אליין קוקט פארכידעשט אף דעם סלופיקל אש:

— די טערקן זײַנען גרויסע שארלאטאנען. זיי זײַנען אזוי פיפיק, אז זיי ווילן פון פליי פרעגלען שמאלץ און פון שטיינער צאפן וואסער. דעם טאבעק מישן זיי מיט איבערגעטריקנטע ווילד־גראָזן. איצט איז נאָך ניט די צײַט, נאָר מיר וועלן זיך נאָך מיט זיי אָפרעכענען.

ווינץ פרווט אויסגלײַכן דעם הויקער, נאָר נעכטיקע טעג. אים דוכט זיך טאקע עפשער, אז ער שטייט גלײַך, נאָר אפילע זײַן שאָטן איז אײַנגעדרייט אינדרײַען.

[1] אוועק!

[2] איבערגעיוירענער עפל־זאפט.

— אײַך, — זעצט ער פֿאָר, — װעלן מיר אַריבערפֿירן אויף יענער זײַט טײַך, קיין זעמון. ניט װײַט פֿון דער אײַזנבאַן־בריק װעט איר בויען אַ דובל — אַ צװייטן. די אַרבעט איז דאָ אַ שװערע, נאָר אויב עס װעט זיך געפֿינען אַ מעשוגענער, װעלכער װעט װעלן אַנטלויפֿן, זאָל ער װיסן, אַז דאָס האָט זיך נאָך קיינעם ניט אײַנגעגעבן. נאָענט שטייען דאָ צװיי דיװיזיעס, אַן אָפּיצערן־שול, און לענגויס דעם טײַך זײַנען אַזעלכע זומפּן, װאָס קאָנען אַן אַרמיי אײַנשלינגען. דאָ װעט אויך די װאַך זײַן אַ גרעסערע, און הינט פֿאַרמאָגן זיי, װאָס שמעקן אָן אַ געפֿאַנגענעם, אַפֿילע אויב ער געפֿינט זיך פֿאַר אַ מײַל.

ביז עס איז געקומען דער באַפֿעל אויסשטעלן אַלעמען אין איין קאָלאָנע, האָט װינץ געבעבעט און געבעבעט, נאָר װאָס װײַטער, האָט אים אָראַנסקי אַלץ װייניקער געהערט. פֿונדאַנען מוז ער אַנטלויפֿן. און טאַקע הײַנט־מאָרגן, אָפּלייגן טאָר מען ניט. אין זאַכאַרן איז ער זיכער, נאָר זאָגן װעט ער אים אין דער לעצטער מינוט.

מע האָט זיי אַריבערגעפֿירט איבער אַ בריק, געפֿירט אַ צװיי קילאָמעטער לענגויס דעם טײַך סאַװע, װאָס האָט אָפּגעטיילט זעמון פֿון דער הויפּטשטאָט. דער זאַמד איז דאָ אַזאַ, אַז מע זינקט אין אים ביז די קנעכל. לענגויס דעם ברעג ליגן בוי־מאַטעריאַלן, אײַזנבאַן־רעלסן, געסמאָלעטע שפּאַלעס. װי די מורעשקעס פֿויזן אום הונדערטער געפֿאַנגענע, ענלעכע אויף געשפּענסטער. זיי ריידן זיך איבער אויף פֿאַרשיידענע לעשוינעס.

איבערגענעכטיקט האָבן זיי אַלע אין איין גרויסן באַראַק מיט דרײַשטאָקיקע נאַרעס, װוּ עס האָט געהערשט אַ קעסיידערדיקער צוגעדעמפּטער טומל.

גאַנצפֿרי האָט מען זיי אָפּגעפֿירט נאָך צװיי קילאָמעטער װײַטער. דאָ האָט װינץ געטראָפֿן אַ באַקאַנטן אונטער־אָפֿיצער, װילהעלם האָט ער אים אָנגערופֿן, און האָט אים אײַנגערעדט כאָטש צײַטװײַליק נעמען די קריגסגעפֿאַנגענע, װײַל אים, װינצן, איז שװער װײַטער מעסטן דעם זאַמד. פֿראַנץ האָט צוזאַמען מיטן היפּשן פּעקל סאַכאַרין איבערגעגעבן װילהעלמען אַ טונקעלע פֿלאַש מיט שנאַפּס, און ביידע האָבן זיך צוגעזעצט אין שאָטן פֿון די קוסטעס.

אויף אַ הילצערנעם טראָגברעטל, װאָס איז געװען ענלעך אויף אַ מולטער, נאָר מיט הענטלעך באַ די זײַטן, האָבן אָראַנסקי און זאַכאַר געטראָגן שטיינדרויב. מע האָט זיי ניט שטאַרק אונטערגעטריבן, נאָר אָפּנאַרן די דײַטשן איז געװען ניט שײַעך, װײַל יעדעס פּאָרל האָט געשאָטן די שטיינדלעך אין אַ באַזונדער בערגל, און צום סאָף טאָג, האָט מען זיי געזאָגט, װעט מען מיט אַ מעסט־סטענגע אויסמעסטן, צי איז אויסגעפּילט די נאָרמע. אויב, כאָלילע, ניט, איז די ערשטע שטראָף — אַ טאָג אָן עסן.

באַם אָנלאָדן דעם שטיינדרויב און אין װעג װאָרנט אָראַנסקי שוין צום צװייטן מאָל זאַכאַרן:

— אײַל זיך ניט. די קויכעס װעלן אונדז נאָך עפּשער הײַנט צוניץ קומען.

זאַכאַר איז אים נאָך דערפֿאַר צום האַרצן, װײַל ער איז אויך ניט איבעריק באַריידעװדיק און פֿאַרשטייט אים אָפּן װוּנק. דאָס מאָל האָט ער אויפֿגעהויבן אויף אָראַנסקין די אײַנגעפֿאַלענע בלויע אויגן און זײַן בליק האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער שטויסט זיך אָן, אין װאָס עס גייט, און איז גרייט אויף אַלץ.

דער װאַכמאַן האָט זיי באַפֿוילן אַװעקשטעלן דאָס טראָגברעטל און גיין נאָך שפּאַלעס. איצט זײַנען זיי אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ קאָלאָנע, װוּ קיינער קען זיי ניט. זייער װעג ליגט פֿאַרבײַ די קוסטעס, װוּ פֿראַנץ װינץ זיצט מיט זײַן באַקאַנטן און לופֿטערט דאָס לאָשן. ערגעץ פֿון דאָרטן טראָגט מען די גאַנצע צײַט װאַסער צום טרינקען... בייסן מיטיק־איבערײַס, נאָך דעם װי מע האָט אויפֿגעגעסן די באַלאַנדע מיטן שטיקל סוראָגאַט־ברויט, ציט אָראַנסקי פֿון זיך אַראָפּ די גימנאַסטיאָרקע, די שיך אויף די הילצערנע פּאָדעשװעס און פֿאַרוקט עס אַלץ אין אַ שטאַבעל שפּאַלעס. זאַכאַרן טוט ער אַ װוּנק, ער זאָל אויך טאָן דאָס זעלבע. דערנאָך נעמען זיי אין די הענט די פּוסטע עמער און, װי זיי װאָלטן באַקומען אַן עקסטרע שליכעס, לאָזן זיי זיך צו די קוסטעס, װוּ עס זיצט נאָך אַלץ דער אונטער־אָפֿיצער מיטן אויפֿזעער.

זיי הערן, װי װילהעלם זינגט הויך אויף אַ קאָל די האָרסט־װעסעל־ליד — דעם אָפֿיציעלן היטלער־הימן, װאָס איז געכאַסמעט און געשטעמפּלט פֿון דעם פֿיורער: „װען יודען־בלוט פֿאָם מעסער שפּריצט...“

אָראַנסקי פֿאַרבײַסט ביז בלאָװ די ליפּן. אַ קעלט גייט אַדורך איבער זײַן רוקן. ס'איז נאָך ניט די צײַט, װען ניט, װאָלט אָן אַ מעסער געשפּריצט זייער ביידנס בלוט.

װינץ, כאָטש שיכער, האָט זיי דערקענט נאָך פֿונדערװײַטן, און װײַל די געשװאָלענע צונג פֿאָלגט אים שוין ניט, האָט ער קוים מיט צאָרעס אויסגעבאַלעבעטשעט:

— װילהעלם, דאָס איסט מײַן גראָסשװײַן.

— װאָס? — פֿאַרשטייט אים ניט דער אונטער־אָפֿיצער.

דער הויקער פּרוּװט דערקלערן און באַרימט זיך נאָך דערבײַ:

— דער גראָסשווײַן איז מיר געטרײַ און איבערגעגעבן, ווי... ווי לאָטע. דו געדענקסט מײַן לאָטע? ניין? אויב אַזוי, ביסטו מיר ניט קיין פרײַנט און קער מיר אום דעם סאַכאַרין. ניין, ניט מײַן ערשט ווײַב, וועלכע האָט מיך אוועקגעוואָרפן. צוואַנציק יאָר האָט זי מיט מיר אָפּגעלעבט און ערשט דערנאָך געכאַפּט זיך, אַז זי איז אַ פֿרוי, וואָס האָט עפּעס די ווערט, און איך בין אַ הויקער. זײַ זיכער. איך האָב איר אָפּגעצאָלט. וווהין מע דאַרף מיטגעטיילט, אַז איך האָב זי דורכגעטריבן, און צוגענומען איר האָב־און־גוטס, ווײַל זי איז ניט קיין ריינע אַריערן. איר בלוט, האָב איך געמאָלדן, איז פֿאַרפּאַסקודעוועט. שטיי, אַנטקעגן וואָס דערצייל איך עס דיר? זיך דערמאָנט. צו דעם נאָמען בין איך דאָך אָבער געוווען געווויינט, האָב איך זיך גענומען אַ הינטל און דעם אַ נאָמען געגעבן לאָטע. דו, ווילהעלם, פֿאַרשטייסט, וואָס איך רייד צו דיר, צי דו ביסט שוין שיקער? לאָטע, די צויג, פֿלעגט פֿון מיר ניט אָפּטרעטן. דאָס האָט קיינעם ניט געכידעשט, נאָר אָט דער גראָסשווײַן וועט אויך גיין פֿאַר מיר אין פֿײַער און אין וואַסער. גלייבסט מיר ניט? איז גיי צום טײַוול.

אָראַנסקי האָט געבעטן בײַ די דײַטשן אַ דערלויבעניש גיין נאָך וואַסער. דער אונטער־אָפּיצער האָט מיט אַ בייזן בליק אים אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און געוואָלט אַרויסרופֿן אַ וואַכמאַן, אַז ער זאָל זיי באַגלייטן, נאָר דער אופֿזעער האָט אים אָפּגערעדט. ער איז פֿאַר זיי אָרעוו. נאָר זאָלן זיי פֿריִער ברענגען אַהער צוויי עמער וואַסער. די זון און דער שנאַפּס האָבן אים צעוואַרעמט, וועט ער זיך אָפּפֿרישן. ער פֿאָדערט נאָר, אַז די שווײַנען זאָלן גוט אויסוואַשן די עמער און אַליין זאָלן זיי זיך ניט אָנטרינקען. נאָך וויל ער וויסן, צי האָבן זיי אים גוט פֿאַרשטאַנען.

— יאַוואָל, הער ווינץ!

— אַוועק! — האָט ער אַ ריטשע געטאָן, אַ מאַך געטאָן לעבן ווילהעלמס נאָז מיטן צײַגפֿינגער און אַרויסגעמורמלט: — אָ!

דער ברונעם האָט זיך געפֿונען הינטערן בערגל. ווײַטער האָט זיך שוין געצויגן אַ זומפּ, געדיכט פֿאַרוואַקסן מיט טשערעט. זאַכאַר איז געווען זיכער, אַז איצט איז דער פּאַסיקסטער מאָמענט וואַרפֿן די עמער און אַנטלויפֿן, נאָר אָראַנסקי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניין. אפֿילו אָנטרינקען זיך האָט ער אים ניט געלאָזט.

ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט, האָט ווינץ שוין אַראָפּגעצויגן פֿון זיך די בגאָדים און איז געשטאַנען אַ נאַקעטער, ווי אַ שלאַנג. אַזוי, אָן די קישעלעך אַף די אַקסלען און אָן דער וואַטאָווער ברוסט, האָט ער אויסגעזען נאָך מער עקלהאַפֿט. ער האָט באַפֿוילן אָראַנסקין ברייט צעעפֿענען דאָס מויל, און דעם אונטער־אָפּיצער, וואָס איז געווען פֿאַרקרעמפּעוועט אין סקריפּענדיקע רימענס, האָט ער באַוויזן:

— דו זעסט, אים ליגט דער שטויב אַף די ליפּן. אויב איך האָב אים ניט דערלויבט, האָט ער זיך ניט דערוועגט צו טרינקען. איך פֿאַרהיפּנאָטיזיר זיי, און פֿאַר אַ מײַל לייען איך זייערע געדאַנקען.

ווינץ האָט צעשטעלט די פֿיס און באַפֿוילן גיסן אַף זיך די קאַלטע וואַסער. פֿון די ערשטע עטלעכע טראָפּן האָט עס אים אַ טראַג געטאָן, ווי אָן אָפּגעבריטן. דערנאָך האָט ער, נאָך אַלץ סקאַווטשענדיק, ווי אַ הונט, אונטערגעשטעלט זײַן פֿאַרקריפּלטן קערפּער אונטער דער רינענדיקער וואַסער און געפֿאָדערט, אַז די עמער זאָלן זיך ניט צורירן צו זײַן לײַב.

בײַ ווינצן האָבן נאָך די ציין געטראַסקעט פֿון קעלט, נאָר ער האָט זיך אַפֿגיך אָנגעטאָן און געבעטן ווילהעלמען, ער זאָל אים אַ ביסל באַגלייטן. אָראַנסקין און זאַכאַרן האָט ער דערלויבט גיין נאָך וואַסער.

אײַלן זיך איז נאָך פֿרי, גייען זיי ניט געכאַפּט און הוידען מיט די פּוסטע עמער. טאָמער קוקט עמעצער נאָך זיי, זאָל זיך יענעם דאַכטן, אַז זיי ווילן, די מינוטן, ווען מע דאַרף זיך ניט בייגן אונטער די שווערע קלעצער, זאָלן זיך ציִען וואָס לענגער. דער שטיינדרויב, וואָס זיי פֿאַרטשעפּען מיט די באָרוועסע פֿיס, יאָגט זיי איבער און שלאָגט זיך אָן אין אַנדערע שטיינדלעך. דער באַרג איז ווי צוגעפּלעטשט, און דער טרוקענער ווינט קערט פֿון אים אַראָפּ דעם זאַמד, וואָס האָט זיך ניט פֿאַר וואָס צו פֿאַרטשעפּען. אַפֿן טײַך־אויסבייג, וואָס זעט זיך פֿונדאַנען, שטייט אַ טראַולער, און ערגעץ נאָך ווײַטער וויגט זיך אַ זעגלשיף. צום זומפּ האָבן זיי נאָך דערווײַל מוירע אויסקערעווען די קעפּ.

די ווענט אינעם ברונעם זײַנען פֿאַרוואַקסן מיט מאָך. ער איז ניט זייער קיין טיפֿער, און אינעם וואַסער שפּיגלען זיך אָפּ זייערע פּנעמער. עס ווערט זיי ניט גוט פֿון זייער אייגענעם אויסזען.

מע הערט זיך אײַן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן: ס'איז שטיל, און נאָר פֿון דער הייך דערטראָגט זיך אַ הודזשען פֿון עפּעס אַ מאָטאָר און די זידלערײַען פֿון אַ דײַטש, וואָס וויל אים

איבערשרײַען. זיי טרינקען זיך אָן צו זאַט, טוען אַ בויטע מיט די קעפּ די וואַסער אין די עמער און, ניט אָפּווישנדיק די ברודיקע ריטשקעלעך, וואָס פאַרקלײַבן זיך אונטער די העמדער, לאָזן זיי זיך מיט בייזער אַנטשלאָסנקײַט אַף לינקס.

דערווײַל ווילן זיי איינס — זיי זאָל זיך אײַנגעבן אומבאַמערקטערהייט דערקלײַבן זיך צום זומפּ. אַהין איז גאָר ניט אַזוי ווײַט, נאָר די ערשטע טריט קאָנען זײַן אויך די לעצטע. פּלוצעם שטעלן זיי זיך אָפּ. עפּעס ליגט זיי אין וועג. צי איז עס ניט קיין הונט מיט אויסגעשטרעקטע לאַפּעס? ניין, דאָס איז אַ פאַרפוילטער קלאָץ, וואָס באַם אָנרירן אים צעשיט ער זיך, ווי פאַרפריִעטע זעגעכץ. עס גלייבט זיך גאָרניט, אַז דאָ זאָל ניט זײַן קיין וואַך, און דאָך לאָזן זיי זיך לויפן.

דאָס מאָל האָט זיי ווינץ ניט אָפּגענאַרט. ס׳ציט זיך דאָ ווירקלעך אַן אורווילדער, ניט צוטריטלעכער טאָרף־זומפּ, וואָס האָט זיך אַליין פאַרכלינעט מיט בלאָטיקע אשקאָליריקע בלעזלעך. וואָלט דאָ כאָטש געווען וואַלד־געוואַלגער, אַף וואָס מע זאָל קאָנען אָנטרעטן, אָדער ווען זיי האָבן כאָטש אַ פלאָקן אַף ארײַנשטעקן אין זומפּ זיך צו דערוויסן די טיף, איז ניין. דער טשערעט, וואָס אָטעמט אויך מיט פײַכטקײַט, בייגט זיך און שנײַדט די פינגער, און טאָמער וואָס, לאָזט ער זיך גאָר לײַכט ארויסרײַסן צוזאַמען מיטן וואָרצל. און דאָך האָבן זיי קיין ברײרע ניט. זיי דאַרפן גיין ווײַטער אין אָט דער בלאָטיקער לאַווע. אויב זי וועט זיי ניט אײַנשלינגען, וועלן זיי זיך דאָ דאַרפן אופהאַלטן, ביז עס וועט ניט נעמען טונקל ווערן.

ביז איבערן בויך אין בלאָטע, זײַנען זיי געשטאַנען אַזוי שטיל, אַז אַ פויגל, ענלעך אַף אַ דראָכווע, האָט זיך צוגעזעצט ניט ווײַט פון זיי. לאָזט זיך אויס, ס׳איז אַ קליין, ניט פאַרוואַקסן אינדזעלע, ווו מע קאָן זיך אַפּילע צולייגן. דער פויגל האָט בעסער געוווּסט די היגע „געאָגראַפיע". נאָר ער זוכט דאָ ניט קיין באַהעלטעניש. אָט האָט ער זיך אופגעהויבן און איז אַוועקגעפלויגן פראַנק־און־פרײַ, און זיי וועלן דאָ זיצן צונויפגעדרייט אײַנדרײַען, ווײַל איין פאַלשער טראָט אַף רעכטס, איין פאַלשער טראָט אַף לינקס — און פאַרפאַלן, דער זומפּ וועט זיי אײַנשלינגען.

נאָך שווערער איז אָבער געווען זיך ארויסקלײַבן פונעם זומפּ. אַ גליק, וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג צו דער צײַט, און ביז עס איז געוואָרן גאָר פינצטער, האָבן זיי זיך דערקליבן צום ראַנד. זיי האָבן געזען אויסמײַדן פײַכטע ליימענע סטעזשקעס, ווו די שפּורן פון די טריט ווערן טייקעף פאַרגליוועט און מע קאָן זיי באַמערקן נאָך פונדערווײַטן. פאָרזיכטיק האָבן זיי זיך געלאָזט צום פעלד.

בלויז איין מאָל האָבן זיי אָנגעטראָפן אַף אַ גרונט־וועג, ווו זיי האָבן מיט די הענט אָנגעטאַפּט די קאַרבן פון אווטאָמאָביל־שינעס. זיי האָבן אים דורכגעשפּאַנט אין דער ברייט און אינגיכן זיך דערקליבן צו... אַן אַעראָדראָם. מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם האָבן זיי אָפּגעקערעוועט אין אַ זײַט און ערשט אין עטלעכע מינוט אַרום דערהערט פון דער ווײַט דעם אויסגעשריי:

— האַלט!

ווען די לײַכט־ראַקעטע איז געבליבן הענגען אינדערלופטן, זײַנען זיי שוין געלעגן צוגעדריקט צו דער ערד. אָפּגעפּויזעט ווײַטער, מיטאַמאָל זיך אופגעהויבן און געלאָזט זיך לויפן אין כוישעך. הײַנט האָבן זיי ווי גאַנאָווים פײַנט די לעוואָנע. ערגעץ האָבן געקרייעט הענער, ערגעץ האָט געבילט אַ הונט. ווײַזט אויס, אַ דאָרף, ווײַל אין אַ פענצטערל האָט פּולסירט אַ היימלעך פײַערל. זיי האָבן עס אויסגעמיטן, און ווען די נאַכט איז אויסגערונען און עס האָט אָנגעהויבן שאַריִען אַף טאָג, האָבן זיי זיך דערקליבן צו אַ לאָנקע הויך אין די בערג. ווײַטער האָט זיך געצויגן אַ פלאַך פעלד, געדיכט פאַרזייט מיט קוקורוזע. ווען זיי זײַנען געגאַנגען איבערן טרוקענעם באַרג־רוקן, איז אָראַנסקי פּלוצעם שטיין געבליבן און, ניט געקוקט אַף דער פײַנלעכער מידקײַט, זיך אויסגעגלײַכט און פאָרגעשטעלט:

— קאַפּיטאַן אָראַנסקי!

זאַכאַר האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן זײַן רעכטע האַנט, וואָס איז געווען פאַרפּאַנצערט אין פאַרגליווערטער בלאָטע:

— לייטענאַנט סאַזאָנאָוו!

דער נעפּל, וואָס האָט געקלעטערט פון דער נידער און זיך געוואָלט פאַרקלײַבן אַפן באַרג, האָט ווייך אַ גלעט געטאָן די צוויי אויסגעדײַווערטע מאַנצבלען, וואָס האָבן זיך אַף אַ ווײַלע אײַנגעקלאַמערט איינער אינעם צווייטן.

— קאַפּיטאַן, איך קאָן ניט מער. לאָמיר זיך אָפּרוען.

— ניין, לייטענאַנט, מיר גייען ווײַטער.

(סאָף קומט)

מ״יער כאראץ

מײַנע האָריזאָנטן

מיר האָט די נאכט געכאָלעמט זיך

מיר האָט די נאכט געכאָלעמט זיך,
אז איך
בין שווארץ געוואָרן, —
מיט שווארצע, הארטע, קוטשעראווע און געדיכטע האָר,
מיט ווײַסע, בלאנקענדיקע הארטע ציין,
ווי שטיין.
מיר האָט די נאכט געכאָלעמט זיך,
אז טויזנטער ווײַסע לינטשען מיך.
זיי האקן פעסט און קאָנען מיר ניט אויסהאקן די ציין.
זיי טאָפטשען מיך און קאָנען ניט ווייך מאכן מײַן געביין.
און ס׳דרייט זיך ארום מיר די צײַט געשווינד,
און אף מײַן אָרט וואקסט אויס מײַן קינד
מיט שווארצע, הארטע, קוטשעראווע האָר, ווי קויל,
מיט ווײַסע, בלאנקענדיקע ציין איז פול זײַן מויל,
און קיינער פון די ווײַסע וואגט ניט אופהייבן קיין האנט
אף אים אין זײַן געבוירנלאנד.

מיר, בעסאראבער

מיר, מארקולעטשער, זגוריצער, ליפקאנער,
בעלצער, סאָראָקער, פאלעשטער, בריטשאנער,
מיר, די אונגענער, סקולענער, רישקאנער,
מיר, די באנארס, סאפונארס און באלצאנער —

מיר, וואס מיר ווייסן אליין ניט, פונוואנען
אונדזערע מאָדנע פאמיליעס שטאמען,
עפשער פון אייביק אָן פונדאנען,
פון די פעלדער בא בריטשעוואנען?

מיר, וואָס מיר סאמעוועץ איינער אין צווייטן
סײַ מיט די פענעמער, סײַ מיט די קלייטן,
סײַ מיט די מײַלעס, סײַ מיט די פעלערס,
סײַ מיט די בוידעמער, סײַ מיט די קעלערס;

מיר, וואָס מיר האָבן געזייט און געשניטן,
לעמער געשוירן און פערדלעך געביטן,
איבערגענומען מאָלדאווישע זיטן —
זומער צו טראָגן א שאָפן היטל;

מיר, וואָס מיר האָבן מיט בײַטשן געפּאָכעט,
לעמער געפיטערט און פערדלעך געקאָוועט,
קי געמאָלקן און קעלבלעך געכאָוועט,
שטאלן געריינ־קט אין אוישער און קאָוועד;

מיר, וואָס מיר פאָרן ארויס אין פארטאָגן,
פירן דאָס גאנצע פארמעגן אין וואָגן,
שלעפּן די ברויטן פון טאָרבעס פון גראָע,
עסן געזאלצנס און האָבן האנאָע;

אָן קאפּריזן, אָן יעדער שיגאָען,
ווײַט פון דער וועלט פונעם ווילנער גאָען,
ניט קיין צאדיקים און ניט קיין רעשאָים,
קליינע לאמדאָנים מיט קליינע כאטאָים;

עסן, פארטרינקען מיט רויטן, מיט ווײַסן,
נאָכן טרינקען איז ווידער פארבײַסן,
אויב מע וועט אף יענער־וועלט שמײַסן,
וועט זיך אף אונדז די בײַטש ניט צערײַסן, —

מיר, בעסאראבער, קומען זיך מעלדן,
ניט קיין פּאכדאָנים און אויך ניט קיין העלדן,
ייִדן אזוי זיך, מע לעבט אין א זײַט זיך
פון די אנדערע ייִדן, ביזוואנען מע בײַט זיך.

איבער אלע דעכער

איבער אלע דעכער
הענגט א בלויער דאך,
הענגען אף זײַן בוידעם
וואָלקנדלעך א סאך.

אפן גאנצן שטעטל
הענגט א גרויער דאך,
הענגט ער איבער גרויע
דעכעלעך א סאך.

וואָלקנדלעך, ווי העמדלעך
אף א דינעם שטריק,
וויגן זיך און וויגן,
ווי געוועש זיך וויגט.

הענגט ער און ער קאפּעט,
קאפּעט ער און גיסט.
רעגנט אף די שטויבן,
רעגנט אפן מיסט.

קאפּעט פון די וואָלקנס,
ווי פון נאסן וועש,
און סע גייט א רעגן
איבער מארקולעשט.

ציטערן די ביימלעך,
ציטערן די הינט,
ציטערן אין רעגן,
ציטערן אין ווינט.

די נאכט איז צוגעפאלן

די נאכט איז צוגעפאלן מיט גערויש,
ארויסגעריסן בא דער ייִדענע דעם קויש,
וואָס איז אהיים געגאנגען פונעם מארק
אפן ווינט, וואָס האָט געבלאָזן שטארק.
נאָכדעם די לעוואָנע פונעם אָרט געטאָן א ריר
און א וואָרף געטאָן מיט איר,
גלײַך א ווײַסע טויב
אין א שווארצער שויב.
די לעוואָנע איז ארײַן אין הויז,
ווי אן עפּל גלײַך אין שויס —
רויט און רונד און גרויס.
די לעוואָנע איז געפאלן מיט גערויש

און ווי ליים צעשיט זיך אפן דיל,
נאָכדעם איז געוואָרן שטיל,
שטיל... שטיל...
ביז דער באלעגאָלע מיט דער בײַטש אין ארבל
איז אופגעשטאנען פונעם היי אף דר'ערד,
אָנגעטאָן דעם רויטן גארטל
און ארויסגעגאנגען צו די פערד
אײַנצושפּאנען זיי אין וואָגן
און אוועק צו די פארשוינען,
וווּ זיי ווױנען,
אין די פענצטער זייערע צו טאָגן.

די ליד פון א געוועזענעם פּאָעט

ער איז אַמאָל געוועזן א פּאָעט,
ער האָט אַמאָל די וואָלקנדלעך געגלעט
און נאָענט מיט די שטערן, ווי מיט היימישע,
געגרעדט.

ער איז אַמאָל געוועזן א יונגערמאַן,
ער איז געוועזן, ווי זאָגט מען עס, א פלאַם
און ווי אין גאָט געגלייבט אין יעדער גראַם.

הײַנט איז ער אַלט, הײַנט איז ער קראַנק און מיד,
הײַנט דרייט ער מיט דער נאָז אף יעדער ליד
און האָט ניט ליב דעם פויגל, ווײַל ער פליט.

ער האָט ניט ליב דאָס פײַער, ווײַל סע ברײט,
ער האָט ניט ליב די ליבע, ווײַל זי צייט,
און ליב דאָס לעבן האָט ער אויכעט ניט.

אין טאָל איז דער טײַך

אין טאָל איז דער טײַך און דער וועג און דאָס
פעלד,
אין טאָל איז דאָס גראָז אף די לאָנקעס.
איך שטיי אפן בארג, ווי אף שפּיץ פון דער וועלט,
און צייל מײַנע גרויסע מאַיאָנטקעס.

פאַרטאָג, ווען דער פּאָרעץ אין פּאַלאַץ נאָך
שלאָפט,
בין איך אף דער וועלט שוין א וואכער,
איך פיר מײַנע טשערעדעס, צייל מײַנע שאָף
און גיי אין מײַן פעלד נאָכן אקער.

פאַרנאַכט, ווען דער פּאָרעץ פאַרקויפט אין
דער פרעמד
דאָס פעלד מיט די זאַנגען און וועגן,
איך לאָז ניט ארויס עס, דאָס פעלד, פון די הענט,
דאָס פעלד, וואָס פאַרבלײַבט מײַן פאַרמעגן.

און מעגן זיי רײַטן, די פּריצים, גאַלאָפּ,
און מעגן זיי רײַטן, די ריטער,
עס נעמט די געשיכטע פון וועג זיי אראָפּ
און מיך שטעלט זי היטן די גיטער.

ס'האָט די בסורע

ס'האָט די בסורע זיך שוין אומעטום צעטראָגן,
וואָס מע ווארט אף איר שוין יאָרן, יאָרן,
און עס איז פון ליק אַן אויסגעשפּאַנטער וואָגן
אף דער גאַס ארויס און אָנגעהויבן פאָרן.

ס'האָט די פרייד ארויסגעזעצט פון הײַזער,
אופגעפּראַלט די פענצטער מיט די טירן,
ס'האָט זיך אויך דער אָפּגעשטעלטער ווײַזער
אפן זייגער אָנגעהויבן רירן.

ס'איז אף גאַסן לײַדיקע און אַלטע
מיטאַמאָל געוואָרן ענג מעסוקן,
קינדערלעך מיט פּענעמלעך צעשטראַלטע
זיך געשטופּט די רײַטער צו באַקוקן.

בא די טאַנקען האָבן אַלטע יידן
זיך ארומגעשטעלט און געזאָגט מעווינעס,
כאָטש זיי האָבן אף קיין שום יארידן
ניט געזען אזעלכע מאַשינעס.

ס'האָבן שנײַדער־ייִנגלעך, סטאָליער־יונגען
זיך ארומגעדרייט, ווי גלאָוונע מעכוטאָנים,
לידער ייִדישע פראַנק־און־פרײַ געזונגען,
און געפּלאַטערט האָבן פריילינג־פאָנען.

דער האָריזאָנט

דער האָריזאָנט, דער אויסגעקרימטער בויגן
פון הויכע בערג און צווישנדיקע טאָלן,
ווער ווייסט, פון וועלכער טיף ער האָט געזויגן
די פאַרבן פאַר זײַן הויכן רעגנבויגן —
די אויסגעבאָדענע און לויטערע קרישטאָלן.

דער זוים פון ערד און הימלען — בלויע, ראָזע,
פון גליקלעכע און אייביקע באַהעפטן,
פון שיינקײַטן, וואָס פּאַשען זיך אף גראָזן,
מיט וואָלקנדלעך, וואָס וואַשן זיך אין ראָסע, —
פון טיפסטע טיפן ציט ער זײַנע קרעפטן.

דער האָריזאָנט דער אָפענער, דער ווײַטער
האָט פּראָנטן דורכגעטראָגן אף זײַן רוקן,
האָט אײַנגעשלונגען ברענענדיקע שײַטערס,
האָט אויסגעשפּיגן סוינעס אַלע רײַטערס,
ס'איז ווידער א מעכײַע אף אים קוקן.

ס'איז ווידער גוט צו שפּיגלען אין די בליקן
דעם האָריזאָנט, זײַן קישעף פונדערווײַטן,
וואָס גיט דער ערד א גרענעץ און א טיקן
און טראָגט אָפּ זיך די זעונגען, די גליקן
פון אַלע דורירעס און פון אַלע צײַטן.

* * *

דעם ווילדן טרויער איידל אויס,
ניט שלאָג זיך מיט די הענט אין קאָפּ,
פאַרוויג דײַן ווײ ווי בא זיך אין שויס
און לאָז די אויגן טיף אראָפּ.

דערמאָנסט זיך נאָכאמאָל אין קינד,
דער ווײ איז גרויס, איך פיל, איך ווייס,
נאָר מיט די האָר צעלאָזט אין ווינט
געפינסט אין ערגעץ ניט קיין טרייסט.

און יעדער וואָרט, וואָס קומט פון מויל,
וואָס רײַסט זיך, שרײַענדיק פון האַלדז,
לאָז איבערברענען, ווערן קויל
און מיש עס מיט דײַן ברויט און זאַלץ.

און שטעל באַם פענצטער זיך פאַרטאָג
און ווען דו זעסט, די זון גייט אויף,
פאַרלייקן ניט, נאָר גיי און זאָג,
אז יאָ, איך זע, די זון גייט אויף.

אין רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

פּלענאַרע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע

דעם 19—22 אפּרעל איז פאָרגעקומען די אָרדנט־לעכע פּלענאַרע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. די גרונט־פראַגע פונעם טאָג־סיידער איז געווען — די צוגרייטונג צום 50־יאָריקן יוביליי פון דער סאָוועטנמאַכט. מיט א געניועם פאָר־טראַג איז ארויסגעטראָטן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פו־נעם זשורנאַל ארן ווערגעליס. ארום דעם פאָרטראַג האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט לעבהאַפטיקע דעבאַטן.

א וויכטיק אָרט אָף דער זיצונג האָט פאַרנומען די דיסקוסיע וועגן אויסלייג פון יידיש. נאָכן פאָרטראַג פונעם פילאָלאָג ע. פאַלקאָוויטש איז באַשלאָסן גע־וואָרן צו שאַפן בא דער רעדאקציע א באַשטענדיקע אָרטאָגראַפישע קאָמיסיע.

באַגעגעניש מיט די מאָסקוווער לייענער

דעם 24 אפּרעל איז אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז פאָרגעקומען א באַגעגעניש פון דער רעדקאָ־לעגיע און פון די אַוטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ מיט די מאָסקוווער לייענער. דער גרויסער זאַל פו־נעם צענטראַלן ליטעראַטן־הויז, וואָס נעמט ארײַן בא טויזנט מענטשן, איז געווען פול געפּאַקט.

נאָכן ארײַנפיר־וואָרט פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פו־נעם זשורנאַל א. ווערגעליס זײַנען ארויסגעטראָטן די שרײַבער ה. אָשעראָוויטש, א. גאָנטאַר, ש. גאָרש־מאַן, ש. גאָרדאָן, מ. גרוביאַן, נאָטע לוריע, כ. מאַל־טינסקי, י. ראַבין, ר. רובין, ה. פּאָליאַנקער, י. פּאַ־ליקמאַן, ע. שעכטמאַן, י. שטערנבערג.

די סאָליסטקע פונעם מאָסקוווער מוזיקאַלן טעאַטער אפּן נאָמען פון ק. ס. סטאַניסלאַווסקי און וו. אי. נע־מיראָוויטש־דאַנטשענקאָ דינע פּאָטאַפּאָווסקאַיאַ האָט אויסגעפילט א נײַע קאָנצערט־פּראָגראַם פון יידישער ליד.

דער אָוונט איז דורכגעגאַנגען אין א ביז גאָר וואַ־רעמער אַטמאָספער.

צום אָנדענק פון מוישע טייף

אין לאָקאַל פון דער רעדאקציע איז דעם 21 אפּרעל פאָרגעקומען א טרויער־זיצונג, געווידמעט דעם אָנ־דענק פון דעם מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע, דעם דיכטער מוישע טייף. אין דער זיצונג האָבן זיך באַ־טייליקט יידישע שרײַבער, לייענער, קולטור־טוער פון מאָסקווע, ווילנע, קיִעוו, אָדעס.

דעם 23 אפּרעל האָבן די מיטגלידער פון דער רעד־קאָלעגיע באַזוכט דעם קייווער פון מוישע טייף און געלייגט אָף אים לעבעדיקע בלומען.

ש י ר ע   ג אָ ר ש מ אַ ן

יעדעס מאָל — ווי צום ערשטן מאָל

אן אָפּגעצערטער, בלייכער שווארצכיינעוודיקער מענטש זיצט אין גרויסן צימער באַם טיש און צייכנט. אייגנטלעך, זײַנען פון דער גאַנצער שווארצכיינעוודיקייט זײַנער געבליבן נאָר די אויגן און די ברעמען. דאָרט, ווו עס זײַנען געווען שווארצע האָר, איז איצט א פליך. ארום פליך — גראָווע שיטערע פרענדזלעך. אפן טיש זײַנען אָנגעוואלגערט אָן א שיר קליינע שטיקלעך פאפיר, אף וועלכע עס זײַנען אָנגעצייכנט קעפּ, פענעמער, הענט, פיס; לאַכנדיקע פענעמער, שמייכלענדיקע פענעמער, ערנסטע פענעמער, פענעמער פארטראכטע, צע־שטרייטע, פארזאָרגטע, שטרענגע, לײַכטזיניקע, טרויעריקע; אויסגעשטרעקטע הענט מיט צע־שפּרייטע דלאָניעס, מיט דלאָניעס, פארקלעמטע אין פויסטן; פיס שפּאנענדיקע, שטייענדיקע, לויפנדיקע. אנדערע שטיקלעך פאפיר, די גרייס ווי א פּאָטשט־קארטל, זײַנען אָנגעפּראָפּט מיט גאַנצע סצענעס: א געדיכט געזעמל, א גרופּע מאנצבלען און פרויען, א קינד מאכט פּיפּי.

דער אָפּגעצערטער מענטש איז אָפּגעשלאָסן פון דער גאָרער וועלט. דאָס קליינע בלײַערל, וואָס איז אזוי לאַנג געשניצט געוואָרן, אז עס זעט זיך איצט קוים ארויס פון זײַנע שטײַף־צו־נויפגעדריקטע פינגער, נישטערט איבערן פאפיר, עגבערט עס. די ווייכע גומקע רײַבט אראָפּ א פאלשן שטריך. די בלײַקע, די גומקע, די ציטערנדיקע פינגער, די אויגן, אָנגעצילטע דורך דער בריל, זײַנען אין קעסיידערדיקן געפּעכט, אין שטענדיקן געראַנגל.

וויפל מאָל, וויפל מאָל, וויפל מאָל האָט זי בײַגעלעבט דעם אָנהייב און געזען, ווי עס ווערט גראָד יאָ געפונען דאָס געגארטע, ווי עס נעמט פלאטערן ליכט און שאָטן, ווי עס צאַפּלט אוף דאָס לעבן, ווי עס פורעמט זיך אויס דאָס געזוכטע, פורעמט זיך אויס אזוי, אז קיינער, קיינער, אפילע דער גרעסטער קענער, וועט זיך ניט אָנשטויסן, וויפל מאָל עס איז געצייכנט געוואָרן, אָפּגעווישט געוואָרן, ווידער געצייכנט געוואָרן, ביז עס האָט אָנגעהויבן אָטעמען.

...און דאָך — יעדעס מאָל, ווי צום ערשטן מאָל, שטענדיק אזוי, ווי ער וואָלט נאָך ביז איצט קיין איין שטריך ניט געמאכט אף דער אויבערפלאך פון פאפיר. אמאָל האָט זי עס ניט פארשטא־נען, איצט דוכט זיך איר, אז זי פארשטייט יאָ, אין וואָס עס האנדלט זיך. עס האנדלט זיך אין דעם, וואָס ער, דער אָפּגעצערטער קינסטלער, זוכט, ווי יעדער שעפער, וואָס איז בעעמעס א שעפער, די לייזונג דעמלט, ווען ער שטויסט זיך צונויף מיט דער נאטור, מיט דער אידיי.

בייס זי גייט ארויס פון איר צימער און דארף דורכגיין דורך דעם צימער, ווו ער ארבעט, באגעגענען זיך זייערע בליקן. זי לייענט אין זײַן בליק שטרענגן ערנסט, אפילע פארדראָס. פאר־דראָס אף דעם, וואָס די טריט אירע זײַנען צו הילכיק. זײַן פארוואקסן פּאָנעם איז אָפּגעפרעמדט און אָפּגעשיידט, ווי בא א נאָזיר. אָבער אפילע ווען ניט דאָס, וואָלט זי אלציינס דורכגעשפּרײַזט דעם צימער וואָס גיכער, ווײַל איר דוכט זיך פלוצעם, אז דער צימער איז געוואָרן אומענדלעך גרויס, איר דוכט זיך, אז דער צימער איז פארוואנדלט געוואָרן אין א שלאַכטפעלד. זי הערט אזש, ווי שווערדן קלינגען. זי זעט, ווי עס פאלן שוואכע, ווי עס זיגן שטארקע. דערנאָך, אז זי שטייט שוין אין קיך, רײַבט א בורעק אפן ריבײַזן, זעט זי מאמעש דורך דער וואנט, ווי איר מאנס אָנגע־צילטער בליק וויל ארויסכאפּן פון כאאָטישן ווירוואר דאָס סאמע נייטיקע צו איליוסטרירן אשן...

עס גייען וואָכן. עס גייען כאדאָשים. שאַ, שטילער, עס איז ארײַנגעפלויגן די ערשטע שוואלב. עס איז פארטיק די ערשטע צייכענונג. פון די אָפּגעזונדערטע הענט, פיס, קעפּ איז באַ־שאַפן געוואָרן „נאָטעלע רעב ייִסראָעלס בען־זקונימל“. אפן פאָדערגרונט שטייט א יונג א גוואר. איבער זײַן ברוסטקאסטן קאָן דורכרײַטן א לאָשעק. אפן אקסל — א טויב, רעכטס — א הונט, לינקס — א שעפּס, דאָס שטרויענע היטעלע אפן שפּיץ קאָפּ, פון אונטער דעם היטעלע קוקט

ארויס א פאַרשײַטע פּאַטלע, אין הינטערגרונט — דאָס קוילער־געסל, מענטשן, א פערד, שטיבער. אַלץ גאַפּט, אַלץ — אַפילע דער הימל גאַפּט.

„מענטשן און געטער". צוויי פרויען — א ייִדישע און א קריסטלעכע. יעדע גלייבט אין איר גאָט. אָבער דאָס לעבעדיקע לעבן האָט זיי פאַרייניקט. אַף באַזונדערע שטיקלעך פּאַפּיר זײַנען דערווײַל אָנגעוואָרפן עסקיזן פון אַלטע פרויען. ס'איז שוין אויך דאָ אַף א שטיקעלע פּאַפּיר אַן אינטעריער, א פאַרהאַנג טיילט א קליינעם צימער אַף צוויי טיילן, פון איין זײַט פאַרהאַנג שטייען אַף א געדעקטן טיש לײַכטער מיט ליכט. פון דער צווייטער זײַט הענגט אַף דער וואַנט אַן איקאָנע.

פאַרשטייט זיך, קוקט זי דורך דעם גאַנצן באַרג פּאַפּירלעך, ביז ער גייט ארויס שפּאַצירן. פאַרשטייט זיך, צעוואָרפט זי זיי, און, ווי איר ווײַזט זיך אויס, איז די אומאָרדענונג די זעלבע, ווי ער האָט איבערגעלאָזן. אָבער גלײַך ווי ער גייט צו, פרעגט ער:

— האָסט געקוקט?

— יאָ.

— האָסט עס ניט געדאַרפט טאָן. פאַרשטייסט? ביסט ניט קיין אינטעליגענטער מענטש.

— איך פאַרשטיי, אָבער איך בין ניט שולדיק. שולדיק זײַנען די געטער. זיי זייען האַס צווישן מענטשן, אָבער זיי קאָנען ניט לעשן דעם נײַגער.

ער קוקט זי אָן, טוט א לײַכטן שמייכל און פרעגט:

— ווי מיינסטו, די ייִדענע איז ניט ענלעך צו איר שכיינע?

— ניין. מיר דוכט זיך אויס, אז זי איז ענלעך צו דײַן מאַמע, — זאָגט זי.

— נאַטירלעך, — באַמערקט ער.

ווידער גייען טעג, אָבער איצט איז זי פול מיט האָפענונג. ווײַל קוים האָט זיך אויסגעפּיקט די ערשטע צייכענונג, זײַנען שוין די ווייען געלינדערט. אָבער עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. עס גייט צו זייער שווער. ער לייענט און צייכנט, צייכנט און לייענט. ענדלעך זיצן באַם געדעקטן טיש צוויי אַלטע פרויען. זיי זיצן און עסן. זיי זײַנען איינינעם, ווי באַ אשן.

עס זײַנען פאַרטיק נאָך צייכענונגען. און נאָר די צייכענונג צו דער דערציילונג „די מײַסע מיט דער „שיינער מארי" רירט זיך ניט פון אָרט. ער פרעגט איצט גאַנץ אָפט:

— קאָנסט א ווײַלינקע פּאָזירן?

ס'איז איר א ביסעלע קאָמיש, וואָס זי דאַרף אויסטאָן דאָס קאָפּטל, אראָפּלאָזן א זאָק, אָבער נאָר א ביסעלע...

דערווײַל זײַנען אַף באַזונדערע פּאַפּירלעך אָנגעוואָרפן בלײַפעדער־צייכענונגען פון מיידלעך אין פאַרשײַטע פּאָזעס. עס איז אויך דאָ קימאַט א פאַרענדיקטער פּאָרטרעט. עס איז אָנגעצייכנט א יונגיטשק מיידל, אין די צעלאָזטע האָר — אַן אויסגעשלייפטע סטענגע. זי לייענט. דאָס איז גאָלדעלע, דעם באַלעבאָס' טאָכטער. דער באַלעבאָס איז אַמאָל געווען איינער פון די „כאַסאַנים". ער האָט כאַסענע געהאַט מיט „אַזאַ איינער" און האָט אַליין געעפנט „א הויז". ער איז געוואָרן א לײַטישער מענטש. ער וויל, אז זײַן איינציקע טאָכטער גאָלדעלע זאָל זײַן ריין, ווי א טרער. אָבער גאָלדעלע גייט בישטיקע צו די מיידלעך. זי איז זייער פאַרוווּנדערט, ווען די מיידלעך ווערן פאַרפאַלן אין די קליינע צימערלעך. אז עס מאַכט זיך א „פרײַע מינוט", לייענט זי פאַר זיי „די מײַסע מיט דער „שיינער מארי".

דער קינסטלער לייענט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל די דערציילונג. עס טרעפט אויך, אז ער זאָגט:

— ווילסט הערן א שטיקעלע אש?

— גוט, — זאָגט זי. — באַלד, איך וועל ברענגען אַהער די מערן.

זי שאַבט די מערן, און ער לייענט. „גאָלדעלע האָט אָנגעהויבן צו לעזן פון דעם אָרט, ווו עס ווערט דערציילט, ווי דער „שוואַרצער מערדער", וואָס האָט זיך צום טויט פאַרליבט אין דער „שיינער מארי", „וועלכע האָט געהאַט אויגן, ווי די שטערן, און א געזיכט, ווי דער מאָנד", — האָט זי ארויסגעגאַנוועט א נאַכט פאַר דער כאַסענע מיט איר „הייס געליבטן" ראָבערטן און האָט זי ארײַנגעשלײַדערט צו זיך אין קערקער...

— א מאַקע דיר, א מאַקע דיר, מערדער! — ברומען די מיידלעך העכסט אופגערעגט און שטיל".

— גוט... — זאָגט דער אָפּגעצערטער, — די סכוירע־מיידלעך זײַנען רירנדיק ביז גאָר. זיי זײַנען נײַגעריק און נאַיוו. עס גלייבט זיך, אז זייערע נעשאָמעס האָבן זיי קיינמאָל ניט פאַרקויפט.

— אַנטשולדיק, — זאָגט זי, — איך דאַרף אָנרײַבן די מערן, איך וועל באַלד קומען.

— אָבער טאָקע באַלד? — פרעגט ער גאַנץ הויך.

זי רײַבט אָן א צוויי־דרײַ מערן, לייגט ארײַן האָניק, די איבעריקע צעבראָקט זי און שטעלט קאָכן.

— ווּ ביסטו דאָרטן? — הערט זי. און נאָך הערט זי א היימלעכן קלאַנג — דאָס שווענקט ער א פענדזל אין א סלאָיִקל מיט וואסער. אָט אָ־דאָס שווענקען דערמאָנט אין שווימענ־דיקע ענטלעך, אקוראט ווי זיי וואָלטן נאָכאנאנד געטוקט די שנאָבלען אינעם וואסער, ווי זיי וואָלטן דאָרט עפּעס געכאַפּט...

עס קומט די „געבענטשטע" שאָ, בייס דאָס שכיינישע מיידעלע נעמט שפּילן גאמעס.

מע קלינגט. עס קומט אריין א פרייַנט א מאָלער.

מע עסט, מע טרינקט טיי. מע שמועסט וועגן דער „קולטור־רעוואָליוציע" אין כינע. מע שמועסט אויך וועגן זאכן, וועגן וועלכע עלטערע מענטשן שמועסן געוויינלעך; מע דערמאָנט די, וואָס זייַנען שוין ניטאָ.

— דו ביסט שוין געווען אף פאָלקס אויסשטעלונג? מע האָט מיר געזאָגט, אז „די פרוי אין ווייַסן" ווערט אַלץ טינקעלער און טינקעלער. א שאָד, א שאָד, — זאָגט דער אָפּגעצערטער, נאָר מיטאמאָל ווערט ער אנשוויגן. ער זעט, דער גאסט איז צוגעגאנגען צום טיש, ער טוט א שפּרייַז אהין און בעט זיך שטיל:

— מע דאַרף ניט. קוק ניט. דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט...

נאָר דער גאסט האַלט שוין אין די הענט עטלעכע צייכענונגען, נאָכדעם לייגט ער זיי פאַ־נאנדער אף דער טאכטא און זאָגט מיט א באַלערעוודיקן טאָן:

— צוליב וואָס דאַרף מען אזויפיל וואַריִאַנטן? אָט אָ־דאָס, מיט די מיידלעך, איז דאָך שוין אינגאנצן א פּאַרטיקע זאך. וואָס גריבלסטו זיך? גלייב מיר, דער פאַרלאַג וועט עס אָננעמען.

דער אָפּגעצערטער שווייַגט, שליסט אויס די שייַן אפן טיש מיט די פּאַפּירלעך און זאָגט שטיל:

— דער פאַרלאַג וואָלט עפּשער אָנגענומען, אָבער איך — ניט.

נאָך אָט דער שטילער באמערקונג זיצט שוין דער גאסט ניט לאַנג. ער גייט אוועק. דער אָפּגעצערטער זעצט זיך ווידער צום טיש. דאָס שכיינישע מיידעלע שפּילט ווייַטער גאמעס. ענד־לעך ווערט שטיל. עס קומט די צייַט, ווען זיי לייגן זיך שלאָפן. זי הערט זיך צו פון איר צימער, צי ער קאַפּעט ניט פון פּלעשעלע אין גלאָז. נאָר מע הערט גאָרנישט. די נאכט גייט דורך קע־שורע. ער האָט ניט גענומען קיין טראָפּנס צום האַרץ.

עס איז שוין צייַט. עס איז אָנגעקומען א בריוועלע פון קינסטלערישן רעדאקטאָר פון פאַר־לאַג, אז דער בוך גייט אין זאץ, מע וואַרט אף די איליוסטראציעס. און די צייכענונג צו „דער שיינער מארי" איז נאָך אַלץ ניט פאַרטיק.

עס קומט א נייַער טאָג. נאָך פרישטיק זעצט ער זיך גלייַך צום טיש. זי גייט אייַנקויפן, נאָכדעם גרייט זי מיטיק. נאָכדעם פּאַזירט זי און הערט, ווי ער רעדט קימאַט ווי צו זיך אַליין:

— אזא נידערטרעכטיקייַט, אזא מין אויסגעלאָסנקייַט! אַליין זייַן איבערן קאָפּ אין ברוד, און דאָס אייגענע קינד, וויל מען, זאָל דערבײַ בלייַבן ריין. דאָס איז א טיפּזיניקע און זייער א פּילזי־ניקע דערציילונג. איש האָט עס אָנגעמאָלט. מיט איין וואָרט, דו ביסט פרייַ.

זי כאַפּט אראָפּ דעם פוס פון שטול, טוט אָן דאָס קאָפּטל. מע קלינגט. זי עפנט די טיר.

עס קומט אריין דעם שאָכנס יינגל. ער דאַרף א געוויסן באנד טשעכאָוו. ער קריגט, וואָס ער בעט, אָבער אָנשטאָט גלייַך אוועקצוגיין קוקט ער אהין, צום טיש, ווו דער קינסטלער זיצט און צייכנט, און זאָגט פּלוצעם:

— אייַך איז גוט, איר זיצט זיך אין שטוב, איר ווילט — צייכנט איר, איר ווילט ניט — איז אייַער זאך. אָבער מייַן טאטע מוז אַלע טאָג אופשטיין אכט אזייגער און גיין צו דער ארבעט.

דער קינסטלער רוקט ארוף די ברילן אפן שטערן, קוקט אָן דאָס יינגל, פרעגט:

— וואָ־אָ־סס? — ער דריקט אזוי אפן לעצטן אָס, אז עס באקומט זיך, ווי א פייַף, נאָכדעם טוט ער א שמייכל און באמערקט: — אז דייַן טאטע וועט קומען פון דער ארבעט, זאָג אים, ער זאָל ווערן א קינסטלער.

דער טאָג שטייט ניט. זיי עסן מיטיק. ער זאָגט:

— כ'האָב געמיינט, אז ס'איז פאַרטיק די „שיינע מארי". די בלייַפעדער־צייכענונג איז גע־ווען געמאכט, אָבער ווי נאָר איך האָב זיך צוגערירט מיטן פענדזל טוש, איז זי אוועקגעשווומען.

עס פאַרקלעמט איר אזש דאָס האַרץ. זי ווייסט, וואָס עס באטייַט „אוועקגעשווומען". איצט וועט זיך אָנהייבן באנייַ א קאָן. ווידער מיט דער בלייַקע, און ווער קאָן אָרעוו זייַן, אז די בלייַ־פעדער־צייכענונג וועט ווידער ניט „אוועקשווימען"...

נאָך מיטיק נעמט זי פון זייַן טיש דאָס סלאָיִקל מיט דער שוואַרצער וואסער, ווו ער שווענקט די פענדזלען, און בייס זי ברענגט ריינע וואסער, זאָגט ער:

— איך האָב טאַקע געוואָלט בייַטן.

— געוואָלט רעכנט זיך ניט, — באַמערקט זי און נעמט דעם בידאָן. זי גייט אוועק און זאַמט זיך היפּש. בײַס זי קומט צוריק, טוט זי אַ קוק צום טיש. זי זעט, ווי ער פירט מיט אַ שמאָל פּענדזעלע איבער דער צייכענונג. און עס נעמט זי אַזש דורך אַ קעלט. זי טראַכט: „זיך צוגעיילט מיט דעם טוש. בעסער וואָלט צוגעלעגן אַ ביסל די צייכענונג...“

עס איז געקומען דער געגאַרטער טאָג. די צייכענונג צו „דער שיינער מאַרי“ איז פאַרטיק. עס זיצט אַרום טיש אַ היפּש געזעמל מיידלעך. זייערע פּאָזעס — פרײַע, די האָר — צעשויבערט, אָבער ווײַט ניט אַזוי, אַז דער לייענער זאָל זיך באַלד אָנשטויסן וואָס און ווען. עס זיצן זיך מיידלעך און הערן אופמערקזאַם, וואָס גאָלדעלע לייענט. דאָס בילד וואָלט געקאָנט אָנגייך פּאַר אַ געוויינלעכער פאַרלעזונג, ווען ניט די צעפּאַטלטקײַט, ווען ניט די צווײי פאַרשײַטע פרויען־פיגורן. איינע זיצט ברייטלעך אויף אַ טאַבורעט, די צווייטע האָט אוועקגעשטעלט אויפן ברעג פון דעם זעלבן טאַבורעט דעם פוס. אויך צופיל טיף אויסגעשניטענע העמדער, צופיל נאַקעט לײַב. און נאָר גאָלדעלע מיט דער סטענגע אין די צעלאָזטע האָר זעט אויס, ווי אַ פלוצלינג פאַרפלויגן זומער־פייגעלע צווישן די דאַזיקע מיידלעך. עס איז אויך צו זען, אַז די מיידלעך האָבן זיך צונויפגענומען צוליב עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן זיי באַלד אוועקרײַסן פון די ערטער, און זיי הערן גאָלדעלען דעריבער זייער אָנגעשטרענגט...

יאָ, ס׳איז פאַרטיק די צייכענונג צו „דער שיינער מאַרי“. זי ווערט, ווי אַלע אַנדערע, אַרײַנגעלייגט אין דער ראָזלעכער אָפּגעבליאַקעוועטער פּאַפּקע. דער קינסטלער פאַרבינדט אירע צעפּרענדזלטע בענדעלעך. נאָכדעם גאָלט ער זיך, טוט אָן דעם שוואַרצן אָנצוג, נעמט די פּאַפּקע אונטערן אָרעם און גייט אוועק אין פאַרלאַג.

די ערשטע צוויי שאָ וואַרט זי ניט. ווײַל, דעם עמעס געזאָגט, האָט זי נאָך אַ וויכטיקע אַרבעט אַכוץ דער קיך מיט די בורעקעס און מיט די מערן און די איבעריקע שטייגערישע פּלעוועס. בײַ איר וויכטיקער אַרבעט פאַרגעסט זי וועגן אַלץ. נאָר פּלוצעם טוט זי זיך אַ כאַפּ: ער איז דאָך אוועק עלף, איצט איז באַלד דרײַ. זי גייט אַרויס אויפן באַלקאָן, זי קוקט אַהין, וווּ מע גייט פון מעטראָ. יאָ, אין ליכטיקן דרויסן באַמערקט זי פונדערווײַטן זײַן סילועט. סאַמע לעבן די ביימער שפּאַנט ער זיך אַזוי פּאַוואָליע מיט דער פּאַפּקע אונטערן אָרעם. זי גייט עפענען די טיר. ביז ער וועט בײַקומען אַלע טרעפּ, קאָן זי דאָ ניט וואַרטן. זי לאָזט זיך אים אַנטקעגן. נאָר פרעגן פרעגט זי גאָרנישט. ערשט ווען זיי גייען אַרײַן אין שטוב, טוט זי קלוימערשט אַ גלײַכגילטיקן פרעג:

— אונטערגעשריבן?

— יאָ.

— אַלע?

— ניין.

— וועלכע און וויפל ניט?

— נאָר איינע ניט.

— וועלכע?

— צו דער „שיינער מאַרי“ איז אָפּגעפאַלן.

— פאַרוואָס?

— די דערציילונג גופא גייט ניט.

— וואָס רעדסטו?

— וואָס ווונדערסטו זיך אַזוי? עפּשער האָט זיך עמעצן אויסגעוויזן, אַז ס׳איז ניט מאָראַליש.

מער פרעגט זי גאָרנישט, זי העלפט אים אויסטאָן דעם מאַנטל, זי בינדט אָפּ די בענדעלעך פון דער פּאַפּקע און נעמט אַרויס די שוואַרץ־ווײַסע צייכענונג, וואָס איז אים אַזוי שווער אָנגעקומען. זי באַטראַכט די צייכענונג און שווײַגט.

ער טוט זי אַ פּעטשל איבערן אַקסל און זאָגט:

— נישקאָשע, נעם זיך ניט צום האַרצן. מע זאָל אַזוי אַלץ איבערלעבן, וואָלט מען אפילו קיין מיטיק ניט געקאָנט עסן.

זי גרייט צום טיש. זיי עסן. נאָכדעם נעמט ער טראָפּנס צום האַרצן. ער ציילט אָפּ אַכצן, ניט צוואַנציק, ווי אַלעמאָל. ס׳איז אַ ביסעלע קאַמיש. עס ווײַזט זיך איר אויס, אַז דאָס נעמט ער נעקאַמע פון רעדאַקטאָר. ער טרינקט אויס די טראָפּנס און לייגט זיך.

אויפן טיש, וווּ זיי האָבן נאָרוואָס געגעסן, ליגט די עלנטע צייכענונג צו „דער שיינער מאַרי“, אויפן צווייטן טיש, בײַ וועלכן ער אַרבעט שטענדיק, זײַנען אָנגעוואָלגערט בערג פּאַפּירלעך. אַלע זוכענישן, בלאָנדזשענישן וועלן דאָרטן נאָך ליגן און ליגן. וואָרעם אַקוראַט אַזוי שווער, ווי ס׳איז געווען אַרײַנצודרינגען אין שאָלעם אַשס וועלט, אַזוי איז ניט גרינג פון זײַן וועלט זיך צו באַפרײַען.

קרים. סאָף צוואנציקער יאָרן

געפונען און פארלאָרן

אין יענעם זומערדיקן באַגינען איז שיפרעלע ניט אוועק שלאָפן נאָכן געמעלק. זי איז אוועקגעפאָרן נאָך גערשטענע פלעווס. זי איז צוגעפאָרן צום סטויג, האָט אויסגעשפאַנט די אָקסן, זיי זאָלן א ביסעלע זיין אָן דעם יאָך. זי האָט מיט דער ווילע פריער צונויפגענומען די פלעווס, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן ארום סטויג. אין סטעפ איז געווען שטיל. די פלעווס האָבן זיך געלייגט אין דער מאזשארע, ווי עפּעס רעכטס. זי האָט אלע ווילע צוגעפאַטשט מיט דער ווילע, עס זאָל מער אריינגיין, און נאָכאמאָל, און נאָכאמאָל א שטאָך געטאָן דעם סטויג. נאָר פלוצעם האָט זי דערפילט, אז די ווילע לאָזט זיך ניט אופהייבן. שיפרעלע האָט זיך איינגעבויגן און קוידעמקאָל דערזען א בלויע אָפּגעבליאקעוועטע שמאַטע און דערנאָך א פּאָר פיס, וואָס האָבן ארויסגעשטעקט פון אָט דער שמאַטע. א דערשראָקענע האָט זי א הייב געטאָן די אויגן העכער און האָט דערזען טונקעלע האָר, צעוואָרפענע אף די פלעווס. און א פּאָנעם מיט פארבאקענע ליפּן. נאָך גוט, וואָס זי האָט ניט א שטאָך געטאָן מיט דער ווילע העכער.

שיפרעלע האָט אפגיך איינגעשפאַנט די אָקסן, אראָפּגעוואָרפן א ביסל פלעווס, אופגעהויבן די געפונענע, וואָס איז געווען גרינג, ווי אן אויסגענאָגטער ביין, און זי אריינגעלייגט אין דער מאזשארע. שיפרעלע איז צוגעפאָרן צו א צוויישטאָקיק הויז, האָט אריינגעטראָגן די געפונענע אין צימער, אוועקגעלייגט זי אפן אייגענעם בעטל, זיך צוגעבויגן און איינגעהערט, ווי יענע אָטעמט קוים־קוים, און איז אוועקגעלאָפן צו דער קו־שטאַל, ווייל דער איינציקער מענטש, וואָס האָט געקענט געבן א ריכטיקע אייצע, איז געווען דער זאָאָטעכניקער. ער האָט אויסגעהערט, וואָס שיפרעלע האָט דערציילט, איבערגעלאָזט דאָס קעלבל, ארום וועלכן ער האָט זיך געפּאָרעט.

ווען ער האָט דערזען דאָס מיידל, האָט ער ארופגעלייגט זיין האנט אף איר דויפעק און שטיל, צעצויגן א פייף געטאָן.

— ווי זאָל איך דאָס פארשטיין? — האָט שיפרע געפרעגט.

— דאָס דארף מען פארשטיין, אזוי ווי דאָס איז. זי האָט געהאט א לאנגן טאָנעס. קום, איך וועל דיר געבן גליוקאָזע, וועסט זי צעפירן אין געקאָכטער וואסער. גיב אלע ווײַלע א טיי־לעפעלע. מער גאָרנישט. טאָמער וועסטו ראכמאָנעס האָבן און געבן ברויט אָדער עפּעס אן אנדער מייכל, וועסטו זי אריבערפעקלען צו דער עלטערבאָבע.

אין עטלעכע טעג ארום האָט שוין דאָס מיידל אליין געקענט עפענען דאָס מויל. אין א קורצער צייט ארום האָט מען איר שוין געגעבן הירזשענע שיטערע קאשע. פון קינדערהיים פלעגט פאר איר שיפרעלע ברענגען זופּ, א שטיקעלע פלייש, א גלאָז מערן־זאפט, אפילע באנאכט פלעגט זי וועקן דאָס מיידל און זי קאָרמען.

די שטאַל־ארבעטער האָבן זיך געוויצלט:

— דיין אייפעלע גייט שוין ארום?

שיפרע פלעגט נאָר א מאַך טאָן מיט דער האנט. דאָס מיידל איז שוין ארומגעגאנגען. זי האָט פארוואונדערט געקוקט אף די קאָמונארן, אף זייער שטייגער, און פלוצעם, אין איינעם אן אָוונט, האָט זי געפרעגט:

— ווער ביסטו?

— א קאָמונארקע, — האָט שיפרעלע געענטפערט.

— פארשטייסט ניט. איך פרעג, דו ביסט א רוסישע צי אן אוקראינקע?

— איך בין א יידישקע.

— וואָס, וואָס?.. דאָס קאָן ניט זיין. מיין מאמע האָט מיר געזאָגט, אז יידן זיינען די סאמע פּאָהאנע, סאמע בייזע מענטשן.

— ווו איז זי איצט, די מאמע, די כאכאָמע דיינע?

— זי איז געשטאָרבן פון הונגער. אין אונדזער דאָרף זיינען קימאט אלע געשטאָרבן פון הונגער, — מיין מאמע, מיין באָבע, מיינע ברידערלעך און די שוועסטערלעך. אלע זיינען געשטאָרבן. איך האָב זייער געוואָלט עסן. נאָכדעם האָב איך שוין גאָרנישט ניט געוואָלט. אין שטוב איז געווען אזא מין געשטאנק, אז עס האָט מיך ארויסגעטריבן. איך האָב אוועקגעפויזעט. איך האָב געגעסן גראָז. נאָכדעם איז א הויכער סטויג ארופגעפאלן אף מיר. עס איז טאקע עמעס, וואָס דו זאָגסט?

— עמעס, עמעס!.. אין קאָמונע זײַנען אַלע ייִדן. וועסט צו־זיך קומען, וועסטו גיין זוכן בעסערס...

דאָס מיידל האָט זיך שוין פֿאַריכט. נאָר זי האָט נאָך אַלץ ניט געאַרבעט. זי פֿלעגט זיצן אויף דעם בריקל בײַ דער נײַער צווייסטאָקיקער שטוב. דאָס איז געווען אַ יונג, שיין מיידל מיט טונקל־בלויע אויגן, דינע אויסגעבויגענע ברעמען. שיפּרעלע האָט זיך געפֿרייט, וואָס זי האָט ניט אָפּגעשאָרן די האָר בײַ דעם מיידל. זי פֿלעגט וואַרעמען וואַסער, און דאָס מיידל האָט זיך געצוואָגן. איצט זײַנען בײַ דעם מיידל אויף די אַקסלען געלעגן שיינע זײַבערע צעפּ. אײַנגיכן האָט שיפּרעלע זי אַרײַנגענומען אין דער שטאַל־בריגאַדע, און ס׳האָט היפּש געדויערט, ביז דאָס מיידל האָט זיך צוגעוווינט צו דער אַרבעט. פֿאַר איין קו האָט זי זיך ניט געשראָקן, נאָר קוים פֿלעגט זי דערזען די צוויי רייען צוגעבונדענע קי אין דער לאַנגער שטאַל, פֿלעגט זי אַ פֿאַרציטערטע ווערן. שיפּרעלע פֿלעגט זי נעמען פֿאַר אַ האַנט, זי צופֿירן, אַוועקזעצן אויף אַ נידעריק בענקעלע בײַ אַ בעהיימעס אַן אײַטער, האַלטן די הענט אויפֿן מיידלס אַקסלען און געלאַסן לערנען:

— ציִ ניט, זיי זײַנען ניט קיין גומענע. נעם די סאָסקעס אין פֿויסט, קוועטש, וועסטו פֿאַרשפּאָרן טונקען די פֿינגער אין מעלק־שעפֿל.

וואַריע — אַזוי האָט מען גערופֿן דאָס מיידל — איז געוואָרן אַ גוטע מעלקערן. אין די אָוונטן פֿלעגט זי שיפּרעלע לערנען לייענען און שרײַבן. און ווען וואַריע פֿלעגט אָנהייבן פֿרעגן קאַשעס וועגן ייִדן, ציִ זיי זײַנען גוטע ציִ שלעכטע, האָט שיפּרעלען קיין געדולד ניט געקלעקט. זי פֿלעגט מיט האַרץ זאָגן:

— אַזויפֿיל כאַדאָשים, ווי דו שלאָפֿסט מיט מיר אויף איין געלעגער, גייסט מיט די קאָמונאַרקעס אײַנײַנעם נאָך אַ קליידל און נאָך אַ העמד און קאָנסט אַלץ ניט פֿאַרגעסן דײַן מאַמעס קלוגע רייד און וואַרטסט אַלץ, אַז איך זאָל דיר זאָגן, אַז ייִדן האָבן הערנער און עקן.

איינמאָל איז וואַריען אײַנגעפֿאַלן צו פֿרעגן:

— ווּ זײַנען דײַנע טאַטע־מאַמע?

— מאַכנאָווצעס האָבן זיי געהאַרגעט.

— פֿאַרוואָס?

— דערפֿאַר, ווײַל זיי זײַנען ייִדן.

— דאָס קאָן ניט זײַן! מאַלע וואָס עס געפֿעלט מיר ניט, דאַרף איך האַרגענען?

— דײַן סייכל וואַקסט, ווי אויף הייוון, — האָט שיפּרעלע געזאָגט, און זי וואָלט שוין געווען צופֿרידן, ווען וואַריע קלײַבט זיך אַרויס אין צוזאַמענוווינונג. אָבער זאָגן וואַריען „גיי אַוועק“ האָט זי ניט געקאָנט.

ווען ס׳איז פֿון דער קאָמונע געוואָרן אַ קאָלווירט, זײַנען אַ סאַך קאָמונאַרן אַוועקגעפֿאָרן. שיפּרעלע איז אויך אַוועק קיין קיִעוו. וואַריע האָט איר אָפֿט געשריבן. סאָף דרײַסיקער יאָרן האָט זי געקריגן אַ בריוו פֿון וואַריען: „וואָס מײַן מאַמע האָט געזאָגט, האָט זי געזאָגט, וואָס דו פֿלעגסט צו מיר טײַנען, געדענק איך גוט, נאָר דו ביסט געווען צו היציק, בעסער פֿון דיר האָט מיר עס געגעבן צו פֿאַרשטיין נאָכעמקע שאַפּירע. ער איז דאָך ניט אַוועקגעפֿאָרן פֿון קאָמונע. ער איז איצט אין קאָלווירט אויך אַ טראַקטאָריסט. איך האָב פֿאַר אים כאַסענע געהאַט. איך האָב שוין אַ ייִנגעלע. מע רופֿט אים נאָך נאָכעמס טאַטע רוווימטשיק. און כאָטש ער איז אַ יאָר אַלט, וועל איך אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום האָבן נאָך איינע אָדער איינעם. קום צו פֿאָרן, וועסט זען, ווי פֿײַן מיר לעבן. וועסט זיך וווּנדערן, וואָס פֿאַר אַ גוטער מאַן נאָכעם איז. זאָלסט גאָרניט שלעפּן פֿון קיִעוו. מיר האָבן אַלצדינג. אַפֿילע קיין האַרטע בייגל דאַרף מען ניט. ברענג זיך. מיר וואַרטן אויף דיר. נאָכעם לאָזט דיר גריסן“.

שיפּרעלע האָט זיך אַזוי לאַנג געקליבן, ביז די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן. ערשט ווען זי איז אַרויס אויף פּענסיע, איז זי אַוועקגעפֿאָרן אין דעם קאָלווירט, ווּ ס׳איז אַמאָל געווען די קאָמונע. זי איז געגאַנגען צופֿוס פֿון סאַקי, און זי האָט ניט דערקענט דעם סטעפּ. ווײַנגערטנער און ווײַנגערטנער, ביז צום סאַמע ראַנד פֿון הימל. דאָס האַרץ האָט איר געקלעמט, און איר טרויעריקער בליק האָט געזוכט ווייץ־פֿעלדער, וואָס האָבן זיך דאָ אַמאָל געשפּרייט. אַלץ איז געווען אַזוי אַנדערש. שיפּרעלע איז אַרײַנגעגאַנגען אין דערפֿל קאַראַהורט. אַמאָל איז דאָס געווען אַ טאָטעריש דערפֿל. איצט האָט זי קיין איין טאָטער ניט באַגעגנט. עס האָט זיך געהערט אוקראַיִניש לשון. שיפּרעלע האָט געקוקט אויף די אומבאַקאַנטע מענטשן. זי האָט גיך דורכגעשפּאַנט די דאָרפּישע גאַס, זיך געלאָזט פֿון בערגל מיטן גוט באַקאַנטן וועג צו דער געוועזענער קאָמונע. עס איז איר אַנטקעגנגעקומען אַן עלטערע קאָלווירטניצע מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. ווען שיפּרעלע איז שוין אַראָפּ פֿון דעם בערגל, האָט די פֿרוי אַ געשריי געטאָן:

— שטיי, שטיי, ניט שוין זשע ביסטו שיפרע?

שיפרע האָט זיך אָפּגעשטעלט. די קאָלווירטניצע איז צוגעגאַנגען און אויסגעשריִען:

— גאָט דערבאַרעמדיקער! דערקענסט מיך ניט? איך בין דאָך מארפע. כ'האָב דאָך מיט דיר איניינעם געאַרבעט אין קו־שטאַל, בייס מע האָט אונדז צוגענומען אין קאָמונע. געדענקסט, דו האָסט געהאַט געפונען א מיידל באַם סטויג?

— יאָ, כ'האָב ניט פאַרגעסן.

מארפע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם זאַק אַף דער ערד, זיך א פּאַטש געטאָן אין די לענדן און געזאָגט:

— וואָס ווערסטו אהין גיין? קיין איינער איז דאָרטן ניט געבליבן, מײַן פרײַנט! ווער עס איז אַף מילכאָמע אומגעקומען, אנדערע האָבן זיך פון עוואַקואַציע ניט אומגעקערט. די איבעריקע ליגן מיט דײַן וואריען איניינעם אין ארטעזיִאַנישן ברונעם. אָט אזוי, ליבינקע. וואָס וועלן מיר דאָ שטיין? ווערסט איבערנעכטיקן בא מיר, און מאָרגן וועל איך דיר ווײַזן, ווו זיי ליגן.

— ניין, איך גיי צום באַן.

— וואָס אײַלסטו זיך? איך ווייס דאָך, ווי א מענטשן ציט צו דעם אָרט, ווו ער האָט פאַר־גאָסן זײַן שוויים. אָך, האָבן מיר גוט געלעבט פאַר דער מילכאָמע! דײַן געפונענע האָט געהאַט א קו און א טעלעצע, שעפּסן און אויפּעס. נאָכעם האָט זי אַף די הענט געטראָגן. בייס ער איז אוועק אַף מילכאָמע, האָבן מיר געמיינט, אַז זי וועט זיך פון זינען רירן. נאָכדעם האָבן מיר אַלע גע־טראַכט, אַז זי איז אַליין שולדיק. מיר זײַנען דאָך אַלע געווען דערביי! קאַפּיושאָן האָט זיך אומ־געקערט פון געסטאַפּאָ מיט פּאָליצײַען. מע האָט צונויפגענומען די יידישע קאָלווירטניצעס מיט די קינדער און וואריען מיטביידע ייִנגלעך. און בייס מע האָט זיי צוגעטריבן צום ברונעם, האָט קאַפּיושאָן צו איר אויסגעשריִען: „ווארקא, יידישע שליוכע, לאָז דײַנע זשידעניאַטעס און גיי פונדאַנען. אַלע ווייסן, אַז דו ביסט אַן אוקראַיִנקע". האָט זי אים אָנגעשפּיגן אין מאָרדע און אויסגעשריִען: „לײַגסט, קעלעוו, מײַן מאַן איז אַף מילכאָמע און לייגט אזעלכע, ווי דו, אין דר'ערד, מײַנע קינדער זײַנען ייִדישע, און איך בין א ייִדישע. ווו מײַנע קינדער, דאָרטן וועל איך זײַן!"

— גענוג, מארפע, שווײַג, — האָט שיפרעלע געזאָגט און האָט אוועקגעשפּאַנט מיטן וועג צו סאַקי.

די גערטנערן

די טאָטערן און די דײַטשן פון די דערבײַיִקע דערפער פלעגן זײַן אָפטע געסט אין קאָמונע. יענעם טאָג איז איינער א דיקער טאָטער אין ברייטע הויזן, מיט אַן אויסגעריבענער סאַמעטענער יאַרמלקע אַפן קאָפּ האַסטיק נאָכגעגאַנגען נאָך דער קליינוווקסיקער כאַוועו, וועלכע האָט גע־מאָסטן דאָס צעאַקערטע פעלד און געוויזן די מיידלעך, ווי מע מאַכט בייטן.

דער טאָטער האָט אַראָפּגעריסן די יאַרמלקע פון קאָפּ, צונויפגעלייגט זײַנע קורצע הענט אַפן בויך און קאָלטבלוטיק געזאָגט:

— אַף מײַן פליך וועט עפּעס וואַקסן? אזוי וועסטו זען גרינס פון דער ערד.

— ווען דײַן קאָפּ וואָלט באַארבעט מײַן בריגאַדע, וואָלסטו קיין פליך ניט געהאַט, — האָט כאַווע געזאָגט און שטײַפער פאַרבונדן די רויטע פאַטשיילקע.

פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט איז כאַווע מיט איר בריגאַדע ניט אַראָפּ פון גאָרטן. אַף די זיצונגען פון קאָמונע־ראַט האָט זי געהאַלטן אין איין טײַנען:

— וואַסער, כאַווירים, וואַסער, איך ברען, ווי א שטרויענער דאָך!

צו דעם ארטעזיִאַנישן ברונעם איז כאַווע פון גאָרטן געלאָפן עטלעכע מאָל א טאָג. זי פלעגט זיך אויסציִען אַפן בויך באַם ראַנד פון דער שוואַרצער טיפקײַט און אַרײַנשרײַען אהין:

— וואָס הערט זיך דאָרטן, כעווירע? אַז עס וועט בא אײַך נעמען נעצן, זאָל עמעצער לויפן אָנזאָגן.

ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן וואַסער, איז שלוימקע אוועקגעלאָפן צום גאָרטן. כאַווע האָט אָנגערירט די נאַסע ליים, וואָס האָט ארומגעליאַפּעט זײַנע שיך, און פון פרייד גאָרנישט ניט געקאָנט זאָגן. דער טאָטער האָט ניט געטראָפן: צווישן די בייטן האָט זיך אין שמאָלע ריוועקלעך געבלעזלט וואַסער. די שפּראָצן פון פּאָמידאָרן, אוגערקעס, ציבעלעס און בלויע קאַבאַקעס האָבן מאַמעש געריסן די בייטן. בעבלעך האָבן זיך געפּלאָכטן און געדרייט ארום דינע שטעקלעך, און זייער רויטע בליִונג האָט געפינקלט צווישן די גרינע בלעטער, ווי צעגליטע קוילן.

איך די אָוונטן איז כאַווע ניט געווען אַליין... און בייס שלוימקע קומט אין פעלד, ווערטלען זיך די קאָמונאַרן:

— ברודערקע, ליגסט אין טינטער. די מוטער כאווע האָט כאַטש מעכאבעד געווען איר באשערטן מיט א ווײַניק עפּעלע. און דיר?..

— כ׳האָב זיך פאר אײַך באקלאָגט?

גראָד דאן, ווען מע האָט געזומען די פריִע קרויט, איז כאווע געווען אין די הויכע כאַדאָשים, און אקוראַט, ווי זי איז מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק געלאָפן צום ברונעם, אזוי איז שלוימקע איצט, ווי נאָר ער האָט געהאט א פרײַע מינוט, געלאָפן צום גאָרטן. ער האָט זיך געבעטן:

— כאווע, האָב ראכמאָנעס, נעם דעקרעט, וועסט דאָך געלעגן ווערן צווישן די בייטן.

— האָב קיין מוירע ניט. אז ס׳וועט קומען די מינוט, וועט מען דיר אָנזאָגן. לויף ניט אהער, מעסט ניט אומזיסט דעם סטעפּ!

און אז ס׳איז געקומען די צײַט, איז כאווע ארײַנגעגאנגען אין בײַדל. אין בײַדל איז געווען פינצטער, א ביסעלע קילער, ווי אין דרויסן. כאווע איז אוועקגעפאלן אף דער שטרוי, דערנאָך ווידער זיך אופגעהויבן. זיך האלטנדיק בא די קריזשעס, איז זי אוועק צו דער מאשין און האָט א געשריי געטאָן צום שאָפער:

— שאכנע, שלײַדער ניט אזוי, ס׳איז ניט קיין שטיינער אפן וועג. מע וועט צונעמען בא דיר דאָס גרינס, זאָל מען דיר געבן א צעטל. ניט נאָר וויפל, נאָר וועלכע! וו׳אזוי האָבן אויס־געזען די פּאָמידאָרן, אז דו האָסט זיי אָפּגעגעבן אין קוראָרט. פארשטאנען?

אָפּגעטײַנעט, איז זי ווידער ארײַן אין בײַדל, און כאָטש דאָ איז געווען טונקל און קילבלעך, איז כאווען געווען כאלאַשעסדיק הייס. קוים זיך צוגעלייגט, איז זי ווידער אופגעשפרונגען. קוים געשטעלט עטלעכע שפּאַן, האָט עס זי ווידער געצויגן צו דער שטרוי. ס׳האָט זיך איר אויסגע־וויזן, אז דורכן נידעריקן ארײַנגאנג פון בײַדל קײַקלען זיך ארײַן פּײַערדיקע רייפן, וואָס צערײַסן איר גוף אף שטיקער. אירע האָר זײַנען געווען אויסגעווייקט אין שווייס, ווי אויסגעצוואָגן...

— אוי, מאַמע, מאַמינקע! — זי האָט אפילע ניט געהערט, ווי שלוימקע איז ארײַנגעגאנגען. ער האָט זיך אײַנגעבויגן איבער איר, האָט איר געשטופּט א שטיקעלע צוקער אין די פארטריקנטע ליפּן און געזאָגט מיט א כליפּ:

— וואָס האָב איך געזאָגט, כאווע? ביסט געווען א קאָזאַק!..

— גיכער רוף דעם זאָאָטעכניקער, קיין סאָקי וועט מען שוין ניט באווײַזן. גיי אוועק... אוי מאַמע!..

בייס דער זאָאָטעכניקער איז מיט שלוימקען ארײַן אין בײַדל, האָבן זיי געמיינט, אז זיי וועלן כאווען נעמען אף די הענט און אוועקטראָגן אין קאָמונע, נאָר אין א רעגע ארום איז שלוימקע ארויסגעשפּרונגען פון בײַדל, און פון דאָרטן האָבן זיך גענומען טראָגן אזוינע קוילעס, אז שלוימקע האָט צוגעדעקט מיט די הענט די אויערן. נאָכדעם איז שטיל געוואָרן, און ס׳האָט זיך דערהערט דעם זאָאָטעכניקערס קאָל:

— שלוימקע, אהער גיי!..

אינגיכן איז דער זאָאָטעכניקער ארויס פון בײַדל, האלטנדיק כאוועס בכאָר אײַנגעוויקלט אין בלויען כאלאַט. הינטער אים איז געגאנגען שלוימקע און געטראָגן כאווען אף די הענט. כאָטש איצט האָט איר גאָרנישט ווי געטאָן, האָבן זיך פון אירע אויגן געגאָסן טרערן, ווײַל דאָס קינד האָט געשריִען און זי איז געווען זיכער, אז דער זאָאָטעכניקער האָט עס געוויס גענומען ניט ווי מע דאַרף. נאָר אומזיסט האָט זי זיך געשראָקן, אלץ איז געווען קעשורע. ווען כאווע איז שוין געלעגן אין בעט, האָט דער זאָאָטעכניקער אין א צעריסענעם לײַלעך אײַנגעוויקלט דאָס קינד, עס א הוידע געטאָן אף די הענט און געזאָגט:

— די רויטע ארמיי וועט אים ניט בראַקירן. ער האָט דרײַ קילאָגראַם אף טארפעס.

ווען מע האָט אראָפּגענומען די גערעטעניש פון גאָרטן, האָט כאווע קיין פרײַע מינוט ניט געהאט. שלוימקע פלעגט ווארמעס־צײַט צורײַטן צום קינדערהיים, הענקע פלעגט ארויסטראָגן דאָווידלען. שלוימקע האָט אין דער לינקער האַנט געהאלטן דאָס צײַמל, אין דער רעכטער — דאָס קינד און אין גאלאָפּ געפלויגן צום גאָרטן.

כאווע פלעגט זיך אוועקזעצן אף א קופּע קרויט, פאנאנדערשפּיליען דאָס קאָפּטל. און ווען דאָס קינד האָט געזויגן, איז שלוימקע געזעסן אף דער ערד, האָט געררייכערט א מאכאָרקע־ציגײַער, געשפּיגן און אלע ווײַלע דערמאָנט:

— מאך גיכער די סודע, כאווע. מע פירט מאָרגן די טווע צום עלעוואטאָר. פארשטייסט?

— ער ווייסט ניט, אז מיר בויען קאָמוניזם, — האָט כאווע געשמייכלט, און אין א קורצער ווײַלע ארום איז שלוימקע ווידער געזעסן אפן פערד — דאָס צײַמל אין איין האַנט, דאָס קינד אין דער צווייטער און גאלאָפּ צום קינדערהיים.

קימאַט אַ פּאַסטאָראַל

די טעלעצעס דאַרף מען ניט מעלקן. מע טרײַבט זיי אין סטעפּ, גלײַך ווי עס נעמט שפּראָצן אָף טאָג. שיפּרעלע גייט אַלעמאָל מיט די פּאַסטעכער איינינעם צום ברונעם, גיט אַכטונג, אַז די טעלעצעס זאָלן זיך גוט אָנטרינקען. נאָר דאָס מאָל האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז שיפּרעלע האָט אַ ביסעלע פֿאַרשפּעטיקט. בייס זי איז געקומען צום ברונעם, האָט זי דערזען, אַז די קאָרעטעס זײַנען טרוקן. זי איז האַסטיק אַוועק צו דער פֿערד־שטאַל, אַרײַנגעגאַנגען אַהין און פֿאַרביטערט געזאָגט:

— גוטמאַן, זאָטל מײַן פֿערד.

— ערשטנס, אונדזער פֿערד, צווייטנס, איז דײַן פֿערד אַוועק קיין סאַקי. נעם „באָרעכן".

— גיב אַ זאָטל.

שיפּרעלע האָט זיך נאָך ניט באַוויזן אַרײַנכאַפּן אין זאָטל, זי האָט קוים אײַנגעמאָסטעט די באָרוועסע פֿיס אין די סטרעמענעס, ווי „באָרעך" האָט אַוועקגעטענצלט מיט אַזאַ מאָדנע גענגעלע, אַז שיפּרעלע איז געווען זיכער — זי בלײַבט באַלד הענגען מיטן זאָטל צווישן הימל און ערד. זי האָט אַזוי לאַנג געהאַקט מיט די סטרעמענעס אין דעם פֿערדס בויך, ביז עס האָט געמוזט אויפֿהערן טענצלען. נאָר איצט האָט זיך שיפּרעלען אויסגעוויזן, אַז זי רײַט אָף אַ קאָנטראַבאַס, וואָרעם באַ „באָרעכן" אין די אינגעווייד האָט אַזוי געצימבלט, אַז שיפּרעלע האָט זיך אַפֿילע אַ ביסעלע דערשראָקן, כאָטש זי האָט געריטן ניט דאָס ערשטע יאָר.

ערשט באַ דער באַלקע האָט שיפּרעלע דערזען די טשערעדע. די פּאַסטעכער זײַנען ניט געווען. די טשערעדע האָט געבלאָנדזעט ווי אַ פֿאַרטשאַדעטע, און קיין איינע פֿון די טעלעצעס האָט ניט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דעם פֿאַרוויאַנעטן גראָז. שיפּרעלע האָט אַראָפּגעטאַנצט פֿון פֿערד, עס שטיין געלאָזן און איז אַוועק צו דער באַלקע. זי האָט ריכטיק פֿאַרשטאַנען. טאַקע דאָרט, אין דעם באַלקעלע, זײַנען געזעסן ביידע פּאַסטעכער — איציק פֿון זשמערינקע און שמולקע פֿון וויניצע. זיי זײַנען געזעסן און ראַיעל צוגעביסן. נאָך יעדן ביסן ברויט האָבן זיי אָפּגעביסן אַ שטיקעלע ברינדזע, נאָכדעם האָבן זיי עס פֿאַרטרונקען מיט מילך. און עס קאָן זייער זײַן, אַז ווען ניט דאָס, וואָס זיי האָבן געטרונקען מילך, וואָלט ניט געטראָפֿן דאָס, וואָס עס האָט געטראָפֿן. דאָס קורצע שטעקעלע, וואָס שיפּרע האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט זיך ווי פֿון זיך אַליין געהויבן און געלייגט אין דער קווער אָף די פּאַסטעכערס פּלייצעס. זיי זײַנען אויפֿגעשפּרונגען. די מילך פֿון די פֿלעשלעך האָט זיך אויסגעגאָסן אָף דעם געלן גראָז. שיפּרעלע האָט אויסערזיך אַ געשריי געטאָן:

— איר עסססט, איר פֿאַרטרינקט מיט מילך? און די טעלעצעס זאָלן פּייגערן אַ טרונק? פֿאַרנעמט די טשערעדע צום ברונעם!

די פּאַסטעכער האָבן פֿאַרקערעוועט די טשערעדע צו דער קאָמונע.

שיפּרעלע האָט זיך מער ניט געזעצט אין זאָטל. ווען זי איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם ברונעם, האָט זי געזען, אַז די טעלעצעס קאָנען זיך פֿון די קאָרעטעס ניט אָפּרײַסן. זי איז אַוועק צו דער פֿערדשטאַל און האָט אַ זאָג געטאָן צום קאָניוך:

— גוטמאַן, נעם דײַן „סימפּאָניע"...

— וואָס האָט געטראָפֿן, שיפּרעטשקע?

— גאָרנישט.

— וואָס איז דער טײַטש גאָרנישט? מיר דוכט זיך, אַז דו ביסט ווי גרעסער געוואָרן פֿאַר דער צײַט, וואָס דו ביסט דאָ ניט געווען.

— ס'איז אַלעמאָל אַזוי. בייס דער מענטש איז אינדערעמעסן קלענער געוואָרן, זעט ער אויס גרעסער.

— איך ווייס ניט, וואָס דו רעדסט.

— ווי דו ווייסט ניט, אַזוי זאָל דיר ניט שאַטן, מיסטאָמע וועל איך הײַנט כאַפּן אַ באָד.

— פֿאָרט, וואָס האָט געטראָפֿן?

— וועסט שוין הערן אָף דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג.

— אַהאַ, איך פֿאַרשטיי שוין. מוישע־ראַביינוס קאַזאַקן האָבן געכאַפּט פֿון דיר.

שיפּרעלע האָט גאָרנישט געענטפֿערט. זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַוועק צו דער קו־שטאַל. זי האָט געהערט, ווי גוטמאַן האָט אויסגעלאָזן זײַן ביטער האַרץ צו „באָרעכן":

— וואָלקנבראָך, פּויק, אַ רועך אין דיר!..

גוטמאַנען איז טאַקע געווען אַ ביסעלע אָנגעזאַלצן אָף דער נעשאָמע. וואָרעם וויפֿל מאָל האָט ער שוין געמיינט, אַז אָט־אָט זאָגט ער שיפּרען דאָס, וואָס ער טראַכט און וואָס ער וויל, און קיין מוט אָף דעם האָט אים קיינמאָל ניט געקלעקט...

● ● ●

מאַטל שטורמאַן

מײַנע זומער־לידער

אין א הייסן טאָג

א שווערע היץ
אָן אָנגעגליטע
ציטערט,
זי דרינגט אַרײַן אין לײַב
פון הילכנדיקן טאָג.

עס לעכצט דער טאָג הײַנט
נאָך א קילינק ווינטל,
אָ, ווען א טראָפּן קילקײַט
ער פארמאָגט.

נאָר פּלוצעם איז א ווינטל
אָנגעקומען,
מיט א פּליעסק
דעם טאָג ארומגענומען,
דעם טאָג געפאלן אפן האלדז.

א רעגן גייט,
ער האָט אף קילע הענט
דעם טאָג גענומען
און שנעל מיט אים געלאָזט זיך
אין א טאנץ.
און ס'האָט אף אלע גאסן
און אף אלע וועגן
א גאָס געטאָן א רעגן.

פרילינג

אין דער הייך
איבער די גאָרנס
הענגען הימלען זויבער־קלאָרע,
הענגט אן אייביק־יונגע זון,
שטראלט און וואַרעמט אומעטום.

ביימער סוידען זיך צעגרינטע,
צו דעם טײַך א ריטשקע רינט.

פּלוצעם קומט א וואַרעם ווינטל,
קושט און האלדזט מיך ווי א קינד.

ווינטל, ווינטעלע, דו ליבער,
אלע מויערן גיב איבער,
זאָג די בסורע יעדן אָן,
אז דער פרילינג קומט אין קאָן;
אז עס קומט מיט זון אפסנײַ
אונדזער ליבער כוידעש מײַ.

שטערן

אַזויפיל שטערן איבער מיר —
שטערן, שטערן אָן א שיר,
איבער מיר,
איבער מײַן קאָפּ —
קוקן פײַערלעך אראָפּ.

מילדע פרויען, ווי די שטערן,
אין מײַן הויפּטשטאָט
וווּנדער־שיינער.

גיי, נו גיי,
נו, זײַ א בעריע
אויסוויילן נאָר איינע...
געדענק און ווייס:
נאָר איינע
זײַן וועט דיר א פרײַנט,
א טרייסט.
נאָר איינער,
איינער איז באשערט
צו זײַן דײַן שטערן
אף דער ערד.

געסט

פון זוניקער מאָלדאוויע,
פון קישעפדיקן דניעסטער
געקומען זײַנען געסט צו אונדז.
געקומען זײַנעןביידע,
די באָבע און דער זיידע.

די באָבע איז א גראָבע,
דער זיידע — אויסגעדאַרט.
די באָבע — שטענדיק שמייכלענדיק,
דער זיידע איז פארטראַכט.

א גאנצן טאָג שפּאַצירן זיי
אין מאָסקווע־שטאָט באַגליקט,
א גאנצן טאָג פארברענגען זיי —
מיט מאָסקווע זיך מע קוויקט.

א וועלט מיט הויכע מויערן,
און אין הימל־הויך
אעראָפּלאַנען יאָגן זיך
און ווערטאָליאָטן טראָגן זיך,
אז עס ברעכט דער מוי'ך.

ווען דער אָוונט קומט אראָפּ,
זיצט מען שוין איניינעם,
און די סודע יאָמטעווודיק
לויכט מיט טויזנט כיינעז.

יידישע מייכאָלים
געשמאַק אזוי מע עסט,
מאָלדאוווער וויין מיט פרייד מע טרינקט,
א יידיש לידעלע מע זינגט —
אָנגעלייגטע געסט!

— וואָס הערט זיך אין מאָלדאווויע,
וואָס הערט זיך אָף דער וועלט?
וואָס טוען דאָרט די קרוווים
אין שטעטעלע, אין בעלץ?

— מע ארבעט אלע אין קאָלווירט,
וויינטרויבן מע פלאַנצט.
די טעג זיינען אין זונען־ליכט,
אזוי א יאָר א גאנצס.

עס בליצן דורך די וועסנעס,
דער זומער גרינט און בליט,
מיר דארפן ניט קיין פענסיע,
מיר מיען זיך געניט.

דער זיידע בעגילופן איז,
די באָבע איז נאָך ניט —
דער זיידע כאַפּט א טענצעלע,
די באָבע העלפט אים מיט.

אזוי א גאנצן אָוונט
מע פרייט זיך און מע זינגט,
געשמאַק זיינען מייכאָלים,
מאָלדאוווער וויין מע טרינקט.

ליובע וואסערמאן

בא ברעגן

מיין טייך

פארביי מיין פענצטער, דאָ ניט ווייט,
א בארג־טייך פליסט און יאָגט פארשייט,
בא ברעגן, איינדזלען, פליינען גרינע
זיינע כוואַליעס רוישיק רינען.

און א נאָמען ער פארמאָגט,
פריש, ווי אָט דער מיזרעך־טאָג.
טאָג און נאכט עס זינגט מיר שירע
מיין שיינער טייך, מיין ליבע בירע.

דער ערשטער שניי

דעם עמעס זאָג: דיר דאכט זיך ניט,
אז ס'שמעקט אזוי דער ערשטער שניי,
ווי עמעסער אקאַציע־צוויט?
יאָ, ס'שמעקט אזוי דער ערשטער שניי.

און ס'דאכט זיך דיר ניט אויס, ווי מיר,
ווען ס'פאלט אָף אונדז דער ערשטער שניי,
אז ס'ווימלען טויבן אָן א שיר
אין פריידיק־לוסטיקן געדריי?

איז ווי זשע קאָנסטו שוויַגן היינט?
דו טרייסל אָפּ פון זיך דעם וויי,
דערלאַנג מיר האָפערדיק דיין האנט —
אנטקעגן קום דעם ערשטן שניי.

זאָל זיין שאָלעם

פון פרילינג די הערלעכע קלאַנגען —
זיי האָבן באצויבערט מיך היינט.
פון קינדערשע לוסטיקע בליקן
דער פרילינג, א לויטערער, שיינט.

ווען קינדערלעך שפּילן און טאנצן,
פארכלינעט די וועלט זיך אין פרייד,
און זוניקער פרילינג צעוויגט זיך
אָף ערדישער לענג און ברייט.

זאָל קינדהייט, א גליקלעכע, וואקסן,
זאָל רייפן די שעפע אין פעלד.
ווילסט, הארץ מיינס, מער גאַרניט פון לעבן, —
נאָר שאָלעם זאָל זיין אָף דער וועלט!

יויסעף ראַבין

שעוועלע און טעוועקע אין מאָסקווע

8

ווי פריִער, טראָגט די מומע אָליע ווײַסע לײַכטע הענטשקעס און א היטעלע לויט דער מאָדע. אָבער קיין דערעכערעץ צו זיך אליין, ווי אמאָל, האָט זי איצט ניט. זי דערקענט זיך אליין ניט. זי פארגעסט אָפט, אז זי דארף זײַן א זיסע, א גוטע און א פריילעכע, מענטשן זאָלן זיך לײַכט אָנשטויסן, אז זי איז פון דער לעבנס־שפּיל שוין ארויס. זי געפינט זיך קיין אָרט ניט, קאָן אין ערגעץ לאנג ניט אײַנזיצן, לויפט ארום און זוכט זיך אליין, זוכט און געפינט ניט.

אין דעם בריוו, וואָס באסיע האָט צוגעשיקט, איז געווען א גרוס, אז דער מומע אָליעס באַקאנטער לעבט, ער איז אין סיביר. מער ווייסט זי דערווײַל גאָרניט.

איצט, אז פארשיקטע קערן זיך אום צוריק, וואָלט מען געקאָנט באקומען א גענויערן גרוס. האָט אָבער די מומע אָליע מוירע זיך נאָכצופרעגן. זי שרעקט זיך פארן ענטפער. זי וואַרט אַף באסיען מיט שלוימען, דעמלט וועט זי אלץ וויסן. און דערווײַל איז זי איבעריק פאר זיך אליין.

אין קיך, ווען זי הערט די רעדנער, איז זי אָט מאסקים מיט איינעם, אָט מיט א צווייטן. נאָר אָט הערט זי שוין אינגאנצן ניט, וואָס מע רעדט. זי איז ארײַן אין אירע אייגענע געדאנקען, אין איר אומרו און אפילע אין איר שרעק. זי באמערקט ניט, ווי זי ברעכט די פינגער, ווי זי בײַסט זיך די נעגל. איר „באַקאנטער" שטייט איר פאר די אויגן אזא, ווי אין יענעם כאנעקע־טאָג, ווען זיי זײַנען זאלבעצווייט געזעסן אין שליטן. זי האָט אים ליב. זי קאָן אים ניט פארגעסן. פארוואָס האָט זי איר אייגן לעבן אומגליקלעך געמאכט? ער וועט דאָך קומען צוריק. וואָס וועט דעמלט זײַן?

זי כאַפּט זיך אוף, ווי פון שלאָף. אין דער קיך זינגט מען. פארוואָס זינגט מען עפּעס פלוצלינג? און דעריקער, פארוואָס זינגען ניט אלע צוזאמען, ווי אמאָל? זי פארשטייט ניט. אינמיטן גרויסן צימער און אין די ווינקלען שטייען רעדלעך מענטשן און יעדער רעדל זינגט פאר זיך

סאָף. אָנהייב אין נומ. 5.

אן אנדער ליד, וויל איבערזינגען, איבערשרײַען דאָס צווייטע, ווי פון דעם זאָל זײַן אָפּהענגיק דער גורל פון דער גאַנצער וועלט.

כאַנע מיט געצלען שטייען צווישן א גרופּע מענטשן, וואָס זינגט. זייער געזאַנג איז ווי א טפילע צו גאָט, ווי א געבעט. זיי פאַלן אַרײַן אין עקסטאַז. אָט באַלד, דוכט זיך, וועלן זיי זיך לאָזן אין טאַנץ, ווי כסידים.

זאַלמען בינשטאָק און אַרעלע קאָנאַטקין שטייען אינמיטן אן אנדער גרופּע. דאָ קלינגט דאָס געזאַנג ניט ווי קיין טפילע און ניט ווי קיין געבעט, נאָר ווי א וואָרענונג. די ליד מאָנט, דראָעט, וויל, דוכט זיך, שטורעמען הימל און ערד.

די מומע אַליע וווּנדערט זיך. פריִער פלעגט מען דאָ זינגען אַנדערע לידער, אַלע צוזאַמען, הײַנט האָט מען זיך צעטיילט. און ניט ווי מע וואָלט געזונגען, נאָר ווי מע וואָלט געגאַנגען אין שלאַכט. יעדע גרופּע וויל אַרויס די זיגערן.

— אויד לוי אָוודאָ טיקוואָסיינו...

— שטייט אויף, איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן...

— אין געזאַלצענעם יאַם פון די מענטשלעכע טרערן...

— ניט לאַנג וועט שוין דויערן די פינצטערע נאַכט...

די ווערטער און די מעלאָדיעס קעמפן צווישן זיך, גרײַפן אָן, שטעלן אַרויס פּויסטן.

— וואָס טוט זיך דאָ, ריבוינע־שעל־אוילעם, וואָס קומט דאָ פאָר? — די מומע אַליע פאַרשטייט ניט.

צוריק פון דער קיך גייט זי צוזאַמען מיט כאַנען און געצלען. וואָס כאַנע זאָל ניט זאָגן, זאָגט די מומע אַליע פאַרקערט. זי איז ווידער גאַלע שלעכטס. זי רעדט בייז.

— מומע אַליע, — פרעגט כאַנע, — פאַרוואָס זײַט איר הײַנט אזא קאָעסניצע?

— הײַנט טאָר מען קיין גוטע ניט זײַן.

— מומע אַליע, איר זײַט ניט קיין באָלשעוויטשקע? — פרעגט געצל.

— און פאַרוואָס ניט? ווער קאָן מיר זאָגן א דייע?

— זיי ווילן די וועלט כאָרעוו מאַכן, — זאָגט געצל.

— אויב די גאַנצע וועלט — איז גוט.

— מומע אַליע, איר זײַט ניט קיין אַנאַרכיסטקע?

— און פאַרוואָס ניט? מיט וואָס איז עס ניט גוט?

— מומע אַליע, איר זײַט דאָך שטענדיק געווען א גוטע, — זאָגט כאַנע.

— איך האָב פײַנט באַקומען גוטסקײַט. עס עקלט פון דעם. איך וואָלט פונדאַנען אַנטלאָפן, ווען איך קאָן.

— וווּהין?

— אין דער אַלטער היים.

— אויב שוין אין דער אַלטער היים, מומע אַליע, איז בעסער א ביסעלע ווײַטער, צום יאַרדן, אין ערעץ־יִסראָעל, אַהין וויל איך פאָרן.

— אַזוי גאָר... אַהין. אויב איר, כאַנע, ווילט אַהין — וויל איך ניט. זינט אָט דער געצל דרייט זיך לעם אײַך, רעדט איר מיט זײַנע רייד. איך האָב פײַנט, ווען אַלטע מוידן ווערן יונגע קאַלעס. — די מומע אַליע שפּײַט אויס און אַנטלויפט.

אַהיים ווילט זיך איר ניט גיין. זי שפּאַצירט איבער די גאַסן. נאָר דעם פרילינג באַמערקט זי ניט. זי לויפט, זי אײַלט זיך, זי איז צעטראָגן און אומצופרידן מיט זיך. זי קומט אָן צו דער צוזאַמענוווינונג פון די היימלאָזע און גייט אַרײַן צו די באַדילקעסעס. זי וויל זיך דערוויסן, ווען באַסיע קומט.

בא אָשערקע באַדילקעסן נעמט מען זי זייער גוט אויף. באַזונדערס שעווע. די מומע אַליע, וואָס היט זיך פאַר מענטשן, מע זאָל אין איר האַרצן ניט אַרײַנקוקן, פילט זיך מיט שעווען היימיש. שעוועלע שטייט איר ניט אין וועג, מע קאָן איר פאַרטרויען מער ווי דערוואַקסענע. שעווקע איז א גוטע, א קלוגע און ניט קיין כיטרע. זי געפעלט אַלעמען. און איר, דער מומע אַליען, איז הײַנט אַזוי שווער... קיינער קאָן זי ניט פאַרשטיין, קיינער וויל איר ניט מיטפילן. זי וואָלט וועלן זיך אויסריידן דאָס האַרץ.

— מומע אַליע, — זאָגט שעווע, — איר זעט אויס מיד. ווי פילט איר זיך?

— איך פיל זיך גוט.

— מומע אַליע, איר וועט אָף מיר קיין פאַריבל ניט האָבן?

— אָף דיר, שעוועלע, נייך.

— איר פילט זיך ניט גוט. איך זע עס לויט אײַערע אויגן. זיי מײַדן אויס א פרעמדן בליק.

— ביסט געערעכט, שעוועלע, איך האָב פײַנט, אַז מע קוקט אַרײַן צו מיר אין דער נעשאָמע.

— דאָס האָבן אַלע פֿײַנט. אַף אײַך האָט מען עס אָבער באַמערקן ניט געקאָנט. הײַנט זײַט איר עפּעס ניט זיכער מיט זיך אַליין.

— שוויקע, דו רעדסט, ווי א גרויסע, דו פאַרשטייסט צופיל.

— מומע אַליע, איך פאַרשטיי פּונקט, וויפל איך דאַרף. עמעס, עס זײַנען פאַראַן עלטערע פון מיר, וועלכע זעען ניט, וואָס אַרום זיי טוט זיך. איך זע.

— וואָס זעסטו?

— מומע אַליע, איך בין פאַרליבט, זיך אַליין זע איך ניט, איך באַגיי, מיסטאָמע, א סאַך נאַ־רישקײַטן, נאָר אַף אַנדערע זע איך.

— וואָס זעסטו?

— מומע אַליע, איך באַהאַלט ניט מײַן גליק, איך שעם זיך ניט מיט דעם. אַנדערע, זע איך...

— וואָס זעסטו?

— איר וועט אַף מיר באַרויגעז ניט זײַן?

— ניין.

— איר באַהאַלט אויס אײַער גליק פון מענטשן. דאָס קאָן מען נאָך פאַרשטיין. אָבער פאַר־וואָס באַהאַלט איר עס אויס פון זיך אַליין?

— שוויע, ווי קומט עס צו דיר? ביסט דאָך נאָך א קינד.

— איר זאָלט פון מיר ניט לאַכן. איך בין א קינד, ווי אַלע קינדער, און א פרוי, ווי אַלע פרויען. איך וואָלט אײַך נאָך עפּעס געזאָגט. נאָר איך שעם זיך.

— זאָג מיר שוין אַלץ.

— איך טראַכט וועגן אײַך אָפט. זינט איר האָט באַקומען דעם גרוס פון באַסיען, טראַכט איך וועגן אײַך און ציטער פון שרעק. צי וועט ניט טרעפן... דער מענטש, וואָס איז אײַך טײַער, וועט קומען, און איר וועט זיך אויסבאַהאַלטן, איר וועט זיך פאַרשטעלן סײַ פון אים, סײַ פון זיך אַליין.

מומע אַליע, פאָלגט א קליין מיידל, גייט אים אַנטקעגן.

מיט דער מומע אַליע איז נאָך קיינמאָל אַזוינס ניט געשען. ביז איצט האָט נאָך קיינער אַזוי ניט אָנגערירט אירע פאַרבאָרגענע געדאַנקען און געפילן. און דאָך הערט זי געדולדיק אויס שע־וועס רייד. נאָך מער: זי האָט האַנאָע פון זיי. אַפן האַרצן ווערט איר גרינגער.

אַליען ווילט זיך איצט אויך זײַן א קליין מיידל. זי דערזעט איר הויז און אירע עלטערן. זי ליגט אין בעט אונטער א וואַרעמער קאָלדרע און פוילט זיך אופשטיין. די פוילקײַט איז אָן אָנגע־נעמע, דער גאַנצער קערפּער איז איר מיט צופרידן.

— גוט, שוועלע, גוט. זאָל זײַן, ווי דו זאָגסט. איך וועל דיך פאָלגן.

און אָט איז זי א גימנאַזיסטקע, א יונגע, א שיינע, איר איז שטענדיק גוט. זי פּילט זיך לײַכט, די פיס ווילן טאַנצן. יונגעלײַט אַף דער גאַס פאַרקוקן זיך אַף איר, שמייכלען...

— שוועלע, ביסט א שיינע, אַלע פאַרקוקן זיך אַף דיר, שמייכלען צו דיר.

און אָט איז ווינטער. די גאַנצע וועלט איז פאַרשנייט. די לעוואָנע איז הינטער וואָלקנס. פון די קוימענס גייט א רויך. די פענצטער זײַנען ליכטיקע. כאַנעקע. די פערד אינעם שליטן שמײַסן מיט די עקן און טראָגן זיך פאַרויס. זי זיצט מיט איר באַשערטן, ווי איין מענטש מיט איין נעשאָמע, מיט איין האַרץ. זיי קושן זיך.

— שוועלע, גוט איז זײַן צוזאַמען, עמעס? ווי איין מענטש, עמעס? און ער קושט דיך, ער קושט דיך...

זי וועט אַף „אים" וואַרטן, די מומע אַליע. ער וועט קומען, און זי וועט אים באַגעגענען. א גליקלעכע גייט זי צו זיך אַהיים. דער פרילינג איז א ווייכער, א לײַכטער, ער באַגלייט אַליען אין וועג. ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז זי איז א מומע? אַלע פרילינג־זאַפטן זײַנען נאָך אין איר גאַנץ. זי הייבט ערשט אָן צו לעבן.

— מומע אַליע, א גוטן אָוונט! — אַנטקעגן קומען אָן נעכאַמע מיט שטיינען.

אַליע איז צופרידן, וואָס זי האָט זיי איצט באַגעגנט. זי דריקט זיי די הענט.

— מומע אַליע, מיר לאַדן אײַך אײַן אַף אונדזער כאַסענע.

— מיט מאַזל. מיט מאַזל!

בא עליע ראַבינאָוויטשן האָט מען גלײַך נאָך דעם, ווי נעכאַמע האָט כאַסענע געהאַט מיט גריגאָרי שטיינען, זיך גענומען גרייטן צו דער כאַסענע פון כאַנען און געצעלען.

דער קאָנסקיוואָליער ראַוו מיט דער רעבעצן זײַנען געקומען אין געסט צום מעכוטן. דער ראַוו איז א טאַם־וועיאָשער, אַ מענטש, וואָס גלייבט אין גאָט און גלייבט אין מענטשן. אין לעבן

ארום זיך האָט ער ווייניק וואָס געזען און ווייניק וואָס געהערט. וואָס ער האָט שוין יאָ געהערט און געזען — איז מיט דער רעבעצנס אויערן און אויגן. די רעבעצן האַלט אים פאַר א נאַר, נאָר דער עמעס פאָדערט צו זאָגן, אַז ער איז פּאַשעט ניט זייער קיין קלוגער. דער קאָנסקיוואָליער ראָוו איז א כאָסיד. ער פלעגט אָפט פאָרן צום רעבן. אין רעבן האָט ער געגלייבט עפּשער נאָך מער, ווי אין גאָט. דער אייבערשטער, כוץ דעם, וואָס ער האָט א סאַך נעמען, האָט ער אויך א סאַך גע־שטאַלטן. מע זעט אים פאַרשיידן. און דאָס איז פאַרן קאָנסקיוואָליער ראָוו א הארבע האַלאָכע. ער דאַרף, אַז מע זאָל אים אָנווייַזן מיטן פינגער: אַזוי און אַזוי. דער רעבע ווייַזט אָן. דערפאַר איז דעם ראָוו גוט מיט אים. אין אַלץ מאַכט ער, דער קאָנסקיוואָליער ראָוו, נאָך דעם רעבן. געצל האָט אים נאָך אַמאָל געפרעגט:

— טאַטע, דו ביסט ניט קיין געבריכטער, פאַרוואָס טראָגסטו א באַנדאַזש?

— דער רעבע טראָגט — טראָג איך אויך.

— און אַז דער רעבע וועט גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ?

— קויפער בעיִקער! מעשומעד! רעבעצן, רעבעצן, הער, וואָס דייַן טאַכשיט זאָגט. גיב אים הייַנט ניט עסן, זאָל ער פאַסטן.

צו עליע ראַבינאָוויטשן איז דער קאָנסקיוואָליער געקומען ריידן דיוורייַ־טוירע. דער מע־כוטן איז א מיסנאַגיד, און ריידן מיט אים וועגן רעבן איז ניט שייַעך. מעווינעס אַף דער קאַלע וועט סייַווי זאָגן די רעבעצן, ניט ער. נאָדן און אויסשטייַער איז אויך ניט זייַן זאַך און ניט זייַן פאַרשטאַנד. וואָס מע וועט אים ניט זאָגן, וועט ער גלייבן און אַלץ אָנעמען פאַר רעכט. די רע־בעצן, פאַרקערט, גלייבט ניט פאַרויס. סייַווי וועט מען אָפּנאַרן, איז זאָל עס כאָטש זייַן מיט גאָט אין הארצן און מיט כעסעד.

דער ראָוו איז אַרייַן צו די ראַבינאָוויטשעס א פריילעכער, מייַסע־כאָסיד ברייט אָפּגעגעבן „שאָלעם" און געזאָגט דערבייַ א פּאָסעק פון דער טוירע, וואָס קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, ווייַל ער האָט גערעדט שטאַרק „פּיילישׁ" און נאָך דערצו זיך געייַלט. א דאַרער, א גיכער, א מענטש, וואָס קוקט זיך ניט אונטער די פיס און גייט, וווהין עס גייט זיך.

די רעבעצן, א פולע, א ברייטע, אָנגעטאָן יאָמטעוודיק, אויסגעפּוצט, ווי אין טעאַטער אַרייַן, האָט, ווי נאָר זי איז אַריבער די שוועל, געגומען אַלץ באַקוקן און באַטראַכטן אין צימער. איר בליק שאַצט אַלץ אָפּ. צי איר איז עס געפעלן צי ניט — קאָן מען ניט וויסן. אָבער אומצופרידן איז זי. דאָס איז בא איר אַזא גאַנג. זייַן אומצופרידן — לוינט אַלעמאָל...

דערנאָך האָט זי זיך געגריסט. כאַנען האָט זי אַפילע געזאָגט א פּאָר גוטע ווערטער, נאָר באַלד שטרענג א פרעג געטאָן:

— ווי אַלט איז מען? מיסטאַמע שוין לאַנג נאָך באַרמיצווע?

— ניין, רעבעצן, א סימען האָט איר, איך לייג נאָך קיין טפילן ניט.

— א קלוגע. דאָס געפעלט מיר.

נאָר באַלד האָט זי אָפּן גוטן וואָרט כאַראָטע געהאַט: „איך פיר זיך שוין אויף, ווי דער מאַן מייַנער, דער נאַר. אים געפעלט אַלץ". זי ווערט ווידער אומצופרידן און נעמט אָפּסנייַ אַלץ בא־טראַכטן. גיט א קוק אַף כאַנען, ווי זי וואָלט זי איצט ערשט דערזען, און פרעגט נאָכאַמאָל:

— אַף קלוג זייַן דאַרף מען האָבן א סאַך יאָרן. וויפל איז אַלט די קאַלע?

— רעבעצן, — פרעגט גריגאָרי שטיין, — וויפל זייַט איר אַלט געווען צו דער כאַסענע?

— זייער יונג.

— און ווי לאַנג איז עס געווען?

— פרויען האָבן א קורצן זיקאָרן.

דער ראָוו מיט רעב עליען האָבן זיך אַרייַנגעלאָזט אין א וויקועך מיקויעך א מעסיכטע. זיי פאַרשטייען שלעכט איינער דעם אַנדערן. דעם ראָווס קויעך ליגט אין פרומקייַט. ער דאַרף ניט קיין פּילפּל. רעב עליע ווייסט מער טוירע פון אים. ער קאָן ברענגען פאַרשיידענע רייַעס פון שאַס און פּאָסקים. דער קאָנסקיוואָליער באַדאַרף עס ניט. פאַר אים איז אַלץ קלאָר אָן קיינע באַווייַזן.

„א קנאָפּער יאָדן", — טראַכט רעב עליע.

„ער גלייבט אין פּסוקים, זאָל ער גלייבן מער אין גאָט", — טראַכט דער ראָוו.

דערווייַל האָט כאַנע דערלאַנגט קיבעד. די רעבעצן איז א נאַשערקע, זי האָט ליב זיסע און געשמאַקע זאַכן. פאַר א מאַן־קוכן גייט זי אויס. זי האָט ליב אייער־קיכלעך, זי האָט ליב שאָקאָ־לאַדקעס. און א ביסעלע גוטן ווייַן האָט זי אויך ליב. אַז זי האָט דערזען אַפן טיש אַלע גוטע פּאַ־טראַוועס, וואָס זי האָט ליב, דערצו נאָך וועלישע ניס אויך, איז זי געוואָרן א ביסל צוגעלאָזטער. זי האָט פון אַלץ פאַרזוכט. מיטן קיבעד האָט כאַנע אויסגענומען. א גוטע באַלעבאָסטע.

— הער נאָר, כאַנע, זאָלסט שטענדיק באַקן דעם מאַן גוטע מייַכאָלים.

אַף אַזאַ אױפֿן האָט די רעבעצן געגעבן אָנצוהערן, אַז די קאַלע געפֿעלט איר און זי גײט אײַן אַפֿן שידעך. פֿאַרן ראָװ איז װיכטיק די בראָכע און ניט דאָס עסן. ער עסט און רעדט. ער האָט שױן פֿאַרגעסן, נאָך װאָס ער איז אַהער געקומען. ער רעדט װעגן רעבן, דערצײלט װעגן אים ניסים.

געצל מיט כאַנען קוקן זיך איבער, זײ זײַנען צופֿרידן. זײ פֿילן זיך שױן װי מאַן און װײַב.

9

פֿון יענעם טאָג אָן, װען די מומע אָליע איז געװאָרן אױס מומע, האָט זיך אױפֿגעהערט אָפּצוזאַמען פֿון דער װעלט, האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז זי קאָן נאָך שטײן אין שידוכים. באַזונדערס איז זי געפֿעלן געװאָרן אײנעם פֿון די צװײ פֿאַרשױנען, װאָס האָבן דאָ צװישן די הימלאָזע זיך אױסגעטײלט דערמיט, װאָס אָפּשטײן פֿון קלאַל האָבן זײ ניט געקאָנט און צושטײן צו אים איז זײ אױך געװען שװער. בײדע האָבן געשטאַמט פֿון אײן שטעטל. אײנער איז אין דער אַלטער הײם געװען דער באַגרעבער. און װי אַפּצולאָכעס האָט דאַפֿקע דער באַגרעבער געדאַרפֿט הײסן סימכע פֿרײלעכמאַן. דאָס איז געװען אַ שטענדיקער שװײַגער: רעדט ניט, לאַכט ניט, פֿרײט זיך ניט. נאָר אַז ער נעמט אַ טראָפּן (ער נעמט אים אָפּט), װערט ער אַ ביסל לעבעדיקער. און נאָר דאַן, װען ער טרינקט זיך גוט אָן, נעמט ער פֿילאָסאָפֿירן. ניט אומזיסט זאָגט מען: באַגרעבער זײַנען פֿילאָסאָפֿן.

אָפּשטײן פֿון קלאַל קאָן ער ניט. ער איז דאָך אַ באַגרעבער. ער דאַרף דאָך האָבן מענטשן, װאָס זאָלן שטאַרבן. אין מאָסקװע זײַנען אָבער פֿאַראַן באַגרעבער אָן אים. מוז ער װאַרטן, ביז זײַן קעהילע װעט צוריק אַהײם פֿאָרן. אָט איז שױן דער קײסער ניטאָ. אײנגיכן װעט מען זיך שױן קאָנען אומקערן.

דעם צװײטן רופֿן אַלע כאַיִם הײשעריק. צי דאָס איז אַ פֿאַמיליע צי אַ צונאָמען, װײסט מען ניט. ער איז געװען אַ שאַמעס אין שוסטערשן בעסמעדרעש, נאָר געקענט האָט מען אים פֿאַר אַ באַרימער און אַ באַרײדער. פֿלעגט ער זיך אָנזעצן אַף עמעצן, איז טאַקע יענעם אַ הײשעריק באַפֿאַלן. פֿון שטוב צו שטוב פֿלעגט כאַיִם אַרומגײן און טײַנען:

— רעב אַרעלע איז אַ גאַנעװ.

— נעכטן האָט מען רעב אַרעלען געכאַפּט באַ אַ זױנע.

— רעב אַרעלע קלײַבט זיך אָנזעצן.

— רעב אַרעלע האָט פֿאַלשע װאָג.

אַזױ טאָג נאָך טאָג, פֿון אײנדערפֿרי ביז נאַכט. רעב אַרעלע קומט צו אים בעטן ראַכמים: „אַלע קױנים זײַנען זיך צעלאָפֿן. נעם, װאָס דו װילסט, און טשעפּע מיך ניט“.

באַרײדן קאָן ער אין מאָסקװע אױך. אָבער באַרימען זיך? באַרימען זיך אין מאָסקװע האָט ער ניט מיט װאָס. װאַרט ער אױך, ביז מע װעט זיך אומקערן צוריק אַהײם.

אין שטעטל האָבן זיך די צװײ פֿאַרשױנען געכאַװערט. מע האָט דעמלט געקאָנט זען אַזאַ בילד. װינטער. אַ פֿראָסט. איבערן פֿאַרשנײטן פֿאַרפֿראָרענעם באַרג לאָזן זיך אַראָפּ צװײען — סימכע פֿרײלעכמאַן און כאַיִם הײשעריק. דער ערשטער טרעט זיכער אין זײַנע שװערע שטיװל. אָנגעטאָן איז ער אין אַ שװאַרצן טולופּ, אין אַ שװאַרץ היטל. די באַקן זײַנען פֿאַרװיטלט פֿון בראַנפֿן און פֿון פֿראָסט. די שװאַרצע באָרד באַװעגט זיך אַפֿן װינט. ער איז דורכױס שװאַרץ און דורכױס שטום. ער זעט אױס, װי אַ גײענדיק טאַרע־שטיבל. ער קוקט אַף קײנעם ניט. ער װײסט פֿאָרױס, אַז אַלע װעלן אים אָפּטרעטן דעם װעג, װאָרעם, װוּ די װעלט הײבט זיך אָן, װײסט מען ניט, נאָר אַז זי ענדיקט זיך באַם באַגרעבער — װײסן אַלע. ביפֿראַט, אַז איצט, אַראָפּלאָזנדיק זיך פֿון פֿראָסטיקן גליטשיקן באַרג, טראָגט ער אין אַ שװאַרצן טוך אונטערן אָרעם אַ טױט קינד צום בעסאַלמען.

צוזאַמען מיט אים גײט כאַיִם הײשעריק אין גרױסע אױסגעקרימטע שיך, װי דערטרונקענע שיפֿן, אין אַן אַלטן מאַנטל מיט לאַטעס. אָנשטאָט אַ באָרד שפּראָצן אַרױס באַ אים עטלעכע קלײנע הערעלעך אַף דער גאָמבע. ער שפּרינגט אַלע װײַלע אונטער, קעדײ ניט פֿאַלן, רײַבט זיך די הענט און רעדט די גאַנצע צײַט אַרײַן אין סימכען. כאַיִם הײשעריק איז שטענדיק פֿון זיך צופֿרידן.

— פֿאַרשטײסט, סימכעלע, איך בין נעכטן געװען באַם ראָװ. ער האַלט פֿון מיר, ער װיל מיר רײדן אַ שידעך. װײַפּל איז טאַקע דער שיר אַרומגײן אַ באָכער. פֿאַרשטײסט דאָך, סימכעלע, אַז איך בין באַם ראָװ אַן אָנגעלײגטער גאַסט.

צי הערט אים סימכע, איז ניט באוווסט, נאָר סיַיווי ווארפט ער אים צו א וואָרט, ווי מע ווארפט צו אן אָפּגעגריזשעט ביינדל:

— א ליגן!

— סימכעלע, פריַינט מיַינער, דער ראָוו האַלט פון מיר. איך ביך, זאָגט ער, א בען־טוירע, א כאַכעם.

און דער באַגרעבער טוט זיך זיַינס. ער ווייסט, אז ער וועט שטענדיק צוטרעפן:

— א ליגן!

— ביסט מיר פּאַשעט מעקאַנע. דער גוויר רעב ארעלע האָט מיך גערופן מיטיק עסן. סימ־כעלע, דו ווייסט דאָך, אז איך וויל — קאָן איך.

דער באַגרעבער גיט ארויס א קראַקע. אין האַלדז איז אים טרוקן. ער וויל אויסטרינקען. אָט איז שוין אויס בארג.

— כאַיִם, האַלט צו א וויַילע...

און צי כאַיִם וויל, צי כאַיִם וויל ניט — ליִיגט אים סימכע אריַין אין די הענט דעם שווארצן טוך מיטן קינד און אליין גיט ער א שפּרונג מיט די סקריפּענדיקע שטיוול צום בירעלע.

כאַיִם שטייט מיט אויסגעצויגענע הענט און האָט מוירע זיך א ריר טאָן. פּארן שווארצן טוך שרעקט ער זיך איימעס־מאָוועס. מיטאמאָל דערפילט ער, אז די האָר אפן קאָפּ ווערן אים נאַס, א שוויס באַגיסט אים, א שרעק כאַפּט אים ארום. דאָס קינד נעמט זיך רירן. זאָל עס אָקארשט ניט אראָפּפאַלן. פון גרויס מוירע דריקט ער עס צום הארצן. דער שווארצער טוך שניַידט זיך אים איַין אין האַלדז, ווי ער זאָל אים וועלן שטיקן. כאַיִם שטייט קוים איַין אָף די פיס.

סימכע פרייליכמאַן קומט ארויס פון דעם בירעלע. איצט איז ער טאַקע פריילעך און באַ־ריידעוודיק. ער נעמט דעם שווארצן טוך מיטן קינד אונטערן אָרעם און זאָגט צו כאַיִמען:

— קום, ליגנער, קום, דערציייל עפּעס, באַרים זיך.

כאַיִם גייט אים נאָך, קוים אָבער ער שלעפּט די פיס.

— הער נאָר, רעב קאָרעוו, — זאָגט סימכע, — מיר דוכט, אז צום בעסאַלמען וועל איך קומען מיט צוויי מייסים. דו ביסט אויך א געשטאָרבענער. קום, קום, איך וועל דיך באַגראָבן ניט אָף דער־וועלט, נאָר אָף יענער — אריבערן פּאַרקאַן.

ביסלעכוויַיז קומט כאַיִם צו־זיך. ער פרעגט:

— א גרויסע קויסע געמאַכט?

— ווי דען? איך בין דאָך ניט אזא קארגוטש, ווי דו. דו זשאַלעוועסט דאָך אפילע אן אייגענע וואַנץ צעקוועטשן. עס קאָסט דיך טיַיער.

— סימכעלע, דו ביסט מיר מעקאַנע. פאַרגינסט ניט.

— מעקאַנע? וועמען? מענטשן זאָלן פאר דיר ניט מוירע האָבן, וואָלט מען דיך אין א ייִדי־שער שטוב ניט אריַינגעלאָזט. דו פארשטייסט עס אפילע ניט. דיַין אייגענע נארישקיַיט זעסטו ניט. דיר איז שטענדיק גוט און ווארעם, ווי א לויז אין אַלטן וועש.

אין מאָסקווע האָבן די צוויי זיך אויך ניט געשיידט.

סימכע איז שוין מער ניט אָנגעטאָן אין שווארצן, כאַיִם טראָגט מער ניט קיין מאַנטל אין לאַטעס. זיי טראָגן געשענקטע קליידער. און וויבאַלד געשענקטע, גייט כאַיִם גוט אָנגעטאָן. ער פארמאָגט א כוש באַציַיטנס זיך צו דערוויסן, ווו מע גיט און ווען מע גיט. אין דער גרויסער שטאָט האָט ער זיך א ביסל אויסגעמענטשלט. אפילע די געציילטע הערעלעך אָף דער גאָמבע זיַינען עטוואָס אויסגעוואַקסן. ער וויל טאָן א שידעך. אמאָל איז עס געווען אן איַינריידעניש, איצט וויל ער עס אפּאנעמעסן. צוערשט האָט ער געוומען אריַינקומען צו ראָזע איסאַקאָוונען. מיט סימכען צוזאמען, נאַטירלעך.

ווען זיי זיַינען דאָס ערשטע מאָל זאַלבעצוויט אריַין אין צוזאמענוווינונג, איז קיינער צו זיי ניט ארויס אנטקעגן, ביז אַשערקע האָט זיך ניט באַוויזן אין קאָרידאָר און געפרעגט:

— ייִדן, צו וועמען דארפט איר?

— צו ייִדן, — האָט געענטפערט כאַיִם.

— דאָ וווינען פארשידענע ייִדן, פון פארשיידענע קאַנטן.

— מיר האָבן געהערט, אז דאָ וווינט ראָזע איסאַקאָוונע.

— אָט... הינטער יענעם לייַלעך.

— מע קאָן? — האָט כאַיִם געפרעגט באַם לייַלעך.

— קיינער איז אין דר'היים ניטאָ, — האָט מען פון דאָרט געענטפערט.

דאָס צווייטע מאָל, ווען זיי זיַינען געקומען, האָט כאַיִם היישעריק ניט געוואַרט, ביז מע וועט ענטפערן, ער האָט זיך מאַמעש אריַינגעריסן צו ראָזע איסאַקאָוונען אין „צימער". זי איז געבליבן שטיין איבערראַשט פון דעם אומגעבעטענעם וויזיט און האָט פאַרוווּנדערט געפרעגט:

— וואָס דאַרפט איר דאָ, ייִדן?

— באַלד, באַלד, באַלעבאָסטע, וועלן מיר אַלץ דערציילן. מיר האָבן וועגן אײַך געהערט א סאַך גוטס, גאָר א סאַך גוטס...

ראָזע איסאַקאָוונע איז א מיווון אַף דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס רעדט אַזויפּיל און כאַנפּעט זי אָן א מאָס. איר ווילט זיך לאַכן. עס פּאַסט אָבער ניט.

— דער ראָוו האָט מיר גערעדט א שידעך. ער האָט פון מיר זייער געהאַלטן. איך בין א בען־טוירע, א כאַכעם.

— א ליגן! — שרײַט אויס סימכע.

— סימכעלע, ביסט מיר מעקאַנע.

דאָס דריטע מאָל איז ער געקומען אָן סימכען. סימכע מאַכט אים קאַליע.

ראָזע איסאַקאָוונע האָט זיך דערשראָקן.

— רעב ייִד, וואָס פאַרלאַנגט איר? נאָך וואָס קומט איר אַהער?

— איר באַליידיקט אומזיסט א מענטשן, — זאָגט כאַיִם מיט גרויס מעסיקעס. — איך בין א מענטש מיט סעריאָזנע נאַמערעניעס. איך בין דאָך ניט קיין שפּילפּייגעלע, וואָס לויפט פון איין שיר־האַשירים צום צווייטן. איר געפעלט מיר.

ראָזע איסאַקאָוונע האָט ראַשיק א הייב געטאָן דעם לײַלעך און איז אַרויסגעלאָפן אין קאָ־רידאָר מיט א געשריי:

— ראַטעוועט, ראַטעוועט!

ניט ראָזע איסאַקאָוונע — זאָל זײַן די מומע אָליע. זי געפעלט כאַיִמען נאָך מער. און ער האָט גענומען טאָגטעגלעך אַרײַנקומען צו אָליען אַהיים.

די לעצטע צײַט איז אָליען גוט אפן האַרצן, זי איז פול מיט דערוואַרטונג, מיט זעונגען, מיט אופגעלעבטע געפילן, וואָס האָבן פריִער ניט מער ווי געטליִעט און געוועזן פאַרצויגן מיט אַש. גרוסן האָט זי באַקומען: באַסיע מיט שלוימען קומען אינגיכן צוריק. ער קומט אויך צוזאַמען מיט זיי. זי ווייסט שוין געווי: ער קומט צו איר. זי וועט אים באַגעגענען. וויִאַזוי וועט זײַן די באַ־געגעניש?

אַלץ, וואָס דער מענטש, וועלכער טראָגט דעם נאָמען הייִשעריק, זאָגט, גייט פאַרבײַ אירע אויערן. ער רעדט צו איר, און זי רעדט עפּעס צו זיך. ער זיצט צופּיל בא איר אין צימער, אַן אײַנגעגעסענע בריִע. זי איז אָבער צוגעלאָזט צו אים, ווי צו אַלע מענטשן לעצטנס. און כאַיִם הייִשעריק רײַבט זיך די הענט און פאַרטרויט אַלעמען איין סאָד:

— אָבער קיינעם ניט אויסזאָגן. די מומע אָליע איז מײַן קאַלע.

אז דאָס איז דערגאַנגען צו ראָזע איסאַקאָוונען, האָט זי געזאָגט: „איך דאַרף בענטשן גוימל, וואָס דער דאָזיקער הייִשעריק האָט וועגן מיר ניט אַרויסגעלאָזט אַזוינע קלאַנגען. און זעט נאָר, ווי ער האָט די מומע אָליע אַרומגעדרייט מיט שטעכיק דראָט, ניט א קער צו טאָן זיך. אַלע וועגן פאַרלויפט ער“.

אין איינעם אַן אָוונט קומט די מומע אָליע אין דער קיך פאַר הײַמלאָזע. באַקאַנטע קוקן זי אָן מיט פאַרוווּנדערונג. זי פאַרשטייט ניט פאַרוואָס.

— ראָזע איסאַקאָוונע, א גוטן אָוונט.

— זייער צופרידן אײַך צו זען. ווי לעבט איר? ווי פילט איר זיך?

— ניט צו פאַרזינדיקן.

— איז דאָך גוט.

— אוואדע. אינגיכן האָף איך אַף גוטע נײַס.

— אָליע, טײַערע, שרעקט מיך ניט. צי דען... אָט דער... כאַיִם הייִשעריק?

— כאַיִם הייִשעריק? אָט דער... ער איז ניט באַם זינען. איך האָב קיין האַרץ ניט אים אַרויס־צוטרײַבן, אָבער איך וועל מוזן.

— און וואָס גיכער. ער באַרעדט אײַך. ער דערציילט אַלעמען, אז איר זײַט זײַן קאַלע.

— זײַן קאַלע? איך?!

נעכאַמע איז אַרײַן אין דער קיך און איז גלײַך צוגעלאָפן צו דער מומע אָליע.

— וואָס דערציילט מען וועגן אײַך? זאָל עס זײַן עמעס?

— ווידער אָט דער הייִשעריק?

— ער.

— א קראַנקער, א מעשוגענער.

— גאָט צו דאַנקען. די גאַנצע שטאָט קלינגט מיט דעם.

גייענדיק פון קיך, האָט די מומע אָליע פאַרטרויט נעכאַמען:

— איך וואַרט אַף אַ מענטשן. פון סיביר דאַרף ער זיך אומקערן.
— פון סיביר?
— יאָ, נעכאַמע, פון סיביר. מיר זײַנען לאַנג געווען צעשיידט.

10

יעדן טאָג וואַרט מען בא אַשערקע באַדילקעסן אַף באַסיען מיט שלוימען. גאָדל און טעווקע וואַרטן אויך. זיי וואַרטן עפּשער נאָך מער פאַר אַנדערע. פאַרביידן איז געווען אומגעריכט און אומ־פאַרשטענדלעך: אויס קייסער. זיי האָבן עס צוערשט ניט געקאָנט באַנעמען. ווי קאָן עס אַ קייסער ווערן אויס? זיי זײַנען דאָך פאַר אים געגאַנגען זיך שלאָגן! אָט, ווען זיי געלינגט ראַטעווען דעם קייסער, וואָלטן זיי געוואָרן עמעסע העלדן. גאָדל שטעלט זיך פאָר:

אַ גרויסער רוישיקער מאַרק. קאַרוסעלן דרייען זיך, קאַטערינשטשיקעס שפּילן און ווײַזן קונצן. ערגעץ שלאָגט מען זיך, ערגעץ דינגט מען זיך... גאָדל האָט עס ליב, ער פילט זיך דאָ, ווי בא זיך אין דר׳היים. און פלוצלינג... הערט נאָר אַ מײַסע, וואָס עס קאָן אַף דער וועלט פאַר־לויפן... דער קייסער שטייט מיט אַ קאַטערינקע און דרייט דאָס הענטל. ער שפּילט און קלײַבט נעדאָוועס.

— וואַשע וועליטשעסטוואָ, ווי קומט איר אַהער?
— איך בין אויס קייסער. אָבער כאַיונע דאַרף איך דאָך האָבן. אַ ווײַב... טעכטער אַף אויס־געבן... אַ בעניאַכיד... אַלע ווילן עסן.
— אַ קאַטערינשטשיק?
— מע האָט מיך גאָרניט געלערנט. קיין מעלאָכע קען איך ניט.
— וואַשע וועליטשעסטוואָ, מע זאָגט דאָך, אַז יעדער קייסער מוז קענען אַ מעלאָכע. אַף אײַך האָט מען געזאָגט, אַז איר קענט שוסטערײַ.
— איך וואָלט געדאַרפט קענען שוסטערײַ... איך קען ניט. ווען איך וואָלט איצט געוואָרן צוריק קייסער, וואָלט איך שוין געלערנט אַ מעלאָכע.
— וואַשע וועליטשעסטוואָ, דערלויבט נאָר... וועלן מיר אײַך ווידער מאַכן פאַר אַ קייסער.
— זאָג מיר נאָר, סאָלדאַטיקל, ווער זײַנען דער מ י ר ?
— מ י ר ? איך און טעווקע. ער איז אויך אַ סאָלדאַט.
— און דיך ווי רופט מען?
— גאָדל.
— מאָדנע נעמען. טעווקע, גאָדל... ווער זײַט איר?
— מיר זײַנען ייִדן.
— ייִדן? איך האָב אײַך קיינמאָל ניט געגלייבט. ייִדישע סאָלדאַטן? פּריוווּליקע? קיינער האָט עס מיר קיינמאָל ניט געזאָגט.

און גאָדל, וויבאַלד ער וויל, אַז דער קייסער זאָל ווידער ווערן קייסער, געפינט ער שוין אַן אייצע. דער קייסער זעצט זיך צוריק אַף זײַן טראָן. דער קייסער דאַנקט גאָדלען, ער וויל וויסן, וואָס פאַר אַ מאַטאָנע פאַרלאַנגט גאָדל.

— וואַשע וועליטשעסטוואָ, שענק מיר דײַן קאַטערינקע.
— באַקומסט. איין זאַך בעט איך דיך: זאָלסט קיינעם ניט זאָגן, אַז דו ביסט אַ ייִד. וואָרעם וואָס פאַר אַ פּאָנעם וועט עס האָבן, אַז דעם רוסישן קייסער האָט געזעצט אַפן טראָן אַ ייִד? פאַר־געדענק עס, היט דײַן קאָפּ.

טעווקע האָט געזען אַנדערש:

ער גייט מיט שוועזן איבערן בולוואַר שפּאַצירן. גייט אים אַנטקעגן אַן עלטערער מענטש מיט אַ געשאָרן בערדל און בעט אַ נעדאָווע.

— דאָס ערשטע מאָל זע איך, אַז מע זאָל בעטן אַ נעדאָווע בא אַ סאָלדאַט, — וווּנדערט זיך טעווקע.
— בא וועמען דען זאָל אַ קייסער נעמען אַ נעדאָווע?
— אוי, שעווע, זע נאָר... דער קייסער. וואַשע וועליטשעסטוואָ, מײַן פאַרמעגן איז אַ רובל, נאַ דיר.
— אַ גאַנצן רובל? נייך. ביסט אַן אויסברענגער. איך פלעג אַזוינע נעדאָוועס ניט געבן. מער ווי אַ קאָפּעקע בעט איך ניט. אָט, אַז איך וועל צוריק ווערן קייסער...
— וואַשע וועליטשעסטוואָ, מיר בעטן אײַך, ווערט צוריק קייסער. מיר וועלן אײַך טרײַ דינען.

— גיב אַן אייצע וויאַזוי?

— איך מיט מײַן כּוואַר גאָדל, ער איז אויך אַ סאָלדאַט...

— און דיך ווי רופֿט מען?

— טעווקע.

— טעווקע. מאָדנע נעמען. ווער זײַט איר? ייִדן? סאָלדאַטן? פּרײַווויליקע? דאָס ערשטע מאָל הער איך. און דאָס מיידל? אויך אַ ייִדישע?

— אויך אַ ייִדישע.

— אַ ייִדישע און אַזאַ שיינע? דאָס ערשטע מאָל זע איך. איך פֿאָלג אײַך, מאַכט מיך ווידער פֿאַר אַ קייסער.

— וואַשע וועליטשעסטוואָ, נאָר מיט איין באַדינג: ייִדן זאָלן זײַן גלײַך מיט אַלעמען, ניט פֿאַרפֿאָלגן זיי, ניט מאַכן קיין פּאָגראָמען, געבן רעכט צו זײַן אַפּיצערן...

— אַלץ... אַלץ... איך זאָג צו. און דו וועסט ווערן אַ גענעראַל.

ווי טעווקע דערגרייכט עס, איז ניט וויכטיק. נאָר דער קייסער ווערט ווידער קייסער. ער גיט מאַטאַנעס, אָרדענס, מעדאַלן. נאָר אָנשטאָט טעווקען און גאָדלען גיט מען די מאַטאָנעס אַנדערע. יענע דערקלערט מען פֿאַרן קייסערס רעטער.

טעווקע האָט אַ טײַנע:

— וואַשע וועליטשעסטוואָ, דערקענסט אונדז ניט? מיר זײַנען דאָך דײַנע רעטער.

— עס קאָן ניט זײַן, — ענטפֿערט דער קייסער. — דיך רופֿט מען טעווקע, און דײַן כּוואַר גאָדל. איר קענט ניט זײַן מײַנע רעטער, מיט אַזעלכע נעמען...

— וואַשע וועליטשעסטוואָ, מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגערעדט.

— אָט אַ פֿאָלק ייִדן! ווי געפֿעלט אײַך, טעווקע האָט אָפּגערעדט מיטן רוסישן אימפּעראַטאָר... וואָן פֿונדאַנען!

שעווקע האָט געהאַט פֿון וואָס צו לאַכן:

— אוי, נאַרישע ייִנגלעך, וואָס איר זײַט. אָט וועט שלוימע קומען, וועט ער אײַך ווײַזן, וויאַזוי ראַטעווען אַ קייסער!

נייך, גאָדל און טעווקע זײַנען שוין טאַקע ניט קיין ייִנגלעך. זיי זײַנען סאָלדאַטן, וואָס יעדן טאָג קאָן מען זיי אַוועקשיקן אַפֿן פֿראָנט. פֿאַר וועמען וועלן זיי זיך שלאָגן? און קעגן וועמען? הײַנט זעען אַ סאַך זאַכן אויס גאָר אַנדערש ווי צוריק מיט אַ כּודעש, מיט אַ וואָך, ווי נעכטן. אין קאַזאַרמע — מיטינגען, אַף מאַסקווער גאַסן און פּלעצער — מיטינגען. יעדער רעדנער קומט אַרויס מיט זײַן עמעס. איינער זאָגט, מע דאַרף מילכאָמע האַלטן, אַ צווייטער זאָגט פּונקט פֿאַרקערט. וועמען גלייבט מען? שווער זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן. אָט, שלוימע וועט קומען...

אין דער צוזאַמענווינונג, הינטער די לײַלעכער און קאָלדרעס, איז מען שוין געשלאָפֿן, ווען ס'האָט זיך אין דער דרויסן־טיר דערהערט אַ קלאַפּ. אַזאַ, ווי אַף אַ פּרווו טאָן, צי די טיר וועט אויס־האַלטן. דערנאָך האָט מען ווידער אַ קלאַפּ געטאָן, נאָך שטאַרקער.

— אָשערקע, — האָט סימע זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, — איך מעג שווערן, אַז באַסיע מיט שלוימען זײַנען געקומען.

איידער אָשער האָט אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, וואָס מע רעדט צו אים, איז שוין סימע געווען אַף די פֿיס און געײַלט צו דער טיר.

נאָך איר איז שעווע אַראָפּגעשפּרונגען פֿון איר געלעגער און גענומען זיך אָנטאָן. צי כאָ־לעמט זיך עס ניט ווידער דער מאַמען? נאָר באַלד דערהערט זי דער מאַמעס אויסגעשריי:

— קינדער!

פֿאַר פֿרייד האָט שעווע גענומען אונטערטאַנצן און אויסזינגען:

— געקומען, געקומען.

געקומען זײַנען דרײַען: באַסיע, שלוימע און אַ פֿרעמדער מענטש. מיט באַסיען און שלוימען האָט מען זיך געקושט. וואָס צו פֿרעגן און דערציילן, האָט מען דערווײַל ניט געוווסט. איינע די אַנדערע האָבן נאָר זיך אָנגעקוקט און ווידער זיך געכאַפּט קושן. ביז סימע האָט ניט אויסגעהאַלטן און געזאָגט:

— מיר האָט זיך, טאַכטערקע, געכאָלעמט, אַז איר קומט צו אונדז מיט אַ קינד.

— אַ כאָלעם, מאַמע, פֿאַרלויפֿט אַמאָל דעם וועג פֿאָרויס, באַקען זיך בעסער, מאַמע, מיט אָליעס פֿרײַנט.

ערשט דעמלט האָט מען זיך דערפילט היימיש. אַליעס באַקאַנטער האָט אָנגערופן זײַן נאָמען:

— אַלטער.

ווי נאָר אין די „צימערן" האָט מען דערהערט, אַז מע קלאַפּט שטאַרק אין דער טיר, אַז מע עפנט דעם פאַרוקער און סימע האָט אויסגעשריִען „קינדער", אַזוי האָט מען הינטער די לײַלעכער זיך שטילערהייט געבומען אָנטאָן און זיך קלײַבן אין קאָרידאָר. עס איז אַלעמענס יאָמטעוו.

די אײַנוווינער פון דער צוזאַמענוווינונג וואַרטן שוין אויך פון לאַנג אַף באַסיען און שלוימען. אַלע טאָג האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט:

— ווען?

— זיי קומען שוין?

אָשער און סימע זײַנען געוואָרן יִכעס. אַפילו ראָזע איסאַקאָוונע גריסט זיך מיט זיי די ערשטע. וואָס קאָן נאָך זײַן אַ גרעסערער יִכעס פון אַ טאָכטער מיט אַן איידעם, וואָס זײַנען פאַרשיקט געווען אין סיביר? געליטענע, רעוואָליוציִאָנערן. די מישפּאָכע איז געוואָרן די ערשטע אין קאָרידאָר.

זאַלמען מיט אַרעלען קוקן איצט אַף אָשערקען, ווי אַף אַ גלײַכן. עמעצער האָט דער ערשטער אַ געשריי געטאָן:

— אַ גוט ליב אײַך מיט אײַערע געסט!

באַ די באַדילקעסעס אין „צימער" איז געווען פול מיט מענטשן. קיינער האָט אַפילע ניט באַמערקט, אַז שעווע איז נעלעם געוואָרן. אין אַ שאָ אַרום האָט די דרויסן־טיר ווידער ראַ־שיק אַן עפן געטאָן. שעווילע האָט געפירט פאַר דער האַנט די מומע אַליע, וועלכע האָט קוים געעטעמט. אַליע איז אַרײַן הינטערן לײַלעך מיט אַ געשריי „אַלטער" און צעשפּרייט די הענט.

די גאַנצע נאַכט איז קיינער ניט געשלאָפן. אינדערפרי, ווען מע איז אַוועק צו דער אַרבעט, האָבן די געסט געכאַפּט אַ דרעמל.

צו מיטיק זײַנען געווען נאָר אייגענע: באַסיע, שלוימע, און אַליע מיט אַלטערן. סימע מיט אָשערקען האָבן ערשט איצט גוט באַטראַכט די געסט.

באַסיע שײַנט. שלוימע זיצט לעבן איר, זי טרעט ניט אָפּ פון אים, זי פאַריכט אים דאָס שניפּסל, נעמט אַראָפּ אַ פעדעמל פון זײַן רעקל. יעדע אירע באַוועגונג דערציילט, אַז אָט דער שלוימע איז אירער, זי איז ווײַט נאָך אים געפאָרן און פונוויײַטן אַהער געבראַכט. זי שײַנט, ווײַל זי איז יונג און שיין. און אויך דערפאַר, ווײַל מיט אָט דעם שלוימען, וועמען זי האָט שטאַרק ליב, האָבן זיי אַ שותפעס — אַ קינד, וואָס וואַקסט אין איר.

שלוימע, זעען זיי, איז אויסגעוואַקסן. ערשט איצט איז ער געוואָרן אַ מאַנצבל. אין אים איז צוגעקומען געזעצטקײַט. געווען אַ יִינגל אַ דאַרדע, איצט איז ער אַ יונג מיט ביינער. באַסיע איז געווען אַף אים אַ מיוון.

אַליע און אַלטער זיצן ווי די טויבן, קוקן זיך אין די אויגן. ביידע גלייבן נאָך אַלץ ניט, אַז זיי האָבן זיך געפונען, אַז זיי זײַנען צוזאַמען. פון יענער כאַנעקע אָן, ווען זיי האָבן זיך צוזאַמען געשלײַטלט, איז גאָרניט געשען. עמעס, אַ שטיקל לעבן איז אַוועק. זיי געפעלן זיך אָבער איצט נאָך מער, ווי פריִער.

ווי נאָר שעווע איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט באַסיע זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, זיך צוגעזעצט מיט איר אַף אַ בעטל און אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

— שעווילע, ביסט אַ שיינע.

— מע ווייסט עס.

— מע ווייסט עס? ווער איז דער „מע"? דו אַליין צי נאָך עמעצער?

— נאָך עמעצער.

— שעווילע, זע, האָב קיין טאָעס ניט.

— זײַ רויִק, שוועסטער, ער איז פון דײַן מישפּאָכע.

— פון מײַן מישפּאָכע? שעווילע, רייד... איך פאַרשטיי ניט.

— איך האָף, אַז מײַן פאַמיליע וועט זײַן די זעלבע, ווי דײַנע.

— שעווילע, פאַרגיב מיר ניט קיין רעטענישן.

— טעווקע, שלוימעס ברודער.

— אַזוי... — האָט זיך באַסיע צעלאַכט. — איז ער עס דער „מע ווייסט". איז ער כאָטש אויסגעוואַקסן? פאַראַן אַף וועמען אַ קוק טאָן?

— פאַר מיר וועט קלעקן, — האָט זיך שעווע ווי באַליידיקט פאַר טעווקען. — פאַרגעס ניט, באַסיע, אַז איך בין אַזאַ מעשוגענע, ווי דו.

אַלץ איז קלאָר. ריידן איז שוין איבעריק. זיי קוקן צופרידענע איינע אַף דער אַנדערער. באַסיע מיט טיף־שוואַרצע, רויִקע אויגן, שעווע מיט ליכטיק־גרויע און אומרויִקע.

פארנאכט, ווי שטענדיק אין קאָרידאָר באַם אויוון, זײַנען זאלמען בינשטאָק און ארעלע קא־נאטקין ניט אָפּגעטראָטן פון שלוימען. זיי האָבן זיך געוואָלט דערוויסן, פאר וועמען איז שלוימע, מיט וועמען גייט ער? פון סיביר קערן זיך אום פארשיידענע מענטשן. זאלמען האָט פּאָרזיכטיק, קלוימערשט פון א זײַט, אים א טאפּ געטאָן, צי איז דערגאנגען צו אים, וואָס אין פּעטראָגראַד טוט זיך.

שלוימע פארשטייט, אז דער שאָכן וויל וויסן, ווער ער, שלוימע, איז. אָבער ווער איז אליין זאלמען? שלוימע וויל עס אויך וויסן. און ער זאָגט דעריבער:

— לעניגס טעזיסן זײַנען דערגאנגען.

— נו, — דערפרייט זיך דער שאָכן, — ווי שאַצט איר עס אָפּ?

— א פּראָגראַם פאר א פּראָלעטארישער רעוואָלוציע.

— מײַנע ווערטער, — שרײַט אויס צופרידן זאלמען.

— כאווער בינשטאָק, איך בין א באָלשעוויק. דערפאר בין איך אין סיביר געווען.

— צו דער צײַט זײַט איר געקומען, — האָט ארעלע אָנגעכאפּט שלוימען פאר דער האנט, — נאט אײַך נאָכאמאָל שאָלעם.

שאבעס אין אָוונט איז די קיך געווען פול געפּאקט. נאָך מיט עטלעכע טעג פריִער האָט מען געוווסט: געסט וועלן קומען — שלוימע מיט באסיען.

אין יענעם שאבעס האָבן די היימלאָזע, וואָס שטאמען פון דער שטאָט באַם ניעמאַן, זיך ווי־דער געזעצט אלע בא איין טיש — הײַנט איז זייער יאָמטעוו.

די טיר האָט זיך ברייט צעפּראלט און איז לאנג געשטאנען אָפן. עס זײַנען צוזאמען ארײַן שלוימע מיט באסיען, סימע מיט אָשערן, שעווע, זאלמען, ארעלע און נאָך שכיינים פון דער צוזאמענוווינונג. באַם גרויסן טיש האָבן זיך אלע מיטאמאָל א הייב געטאָן פון אָרט און גענומען זינגען: „לאָמיר אלע איינינעם, איינינעם די געסט מעקאבל־פּאָנעם זײַן". און דערנאָך האָבן זיך אלע א לאָז געטאָן צו שלוימען מיט באסיען. עס איז געוואָרן א קושערײַ, א ווינטשערײַ, ווער עס האָט פון פרייד געוויינט און ווער עס האָט געלאכט.

באסיע איז געווען די גליקלעכסטע אף דער וועלט. באקאנטע און אומבאקאנטע האָבן איר געדריקט די הענט, געליובט, געפרייט זיך מיט איר. פאר די זעלבע מענטשן, פאר וועמען בא־סיעס „נאָכלויפן" שלוימען, האָט אמאָל אויסגעזען נאריש, איר פאָרן צו אים קיין סיביר — ווילד, ניט מער, ווי א קאפּריז פון א שיין און צעבאלעוועט מיידל, — פאר די אלע איז באסיע איצט געווען א העלדין, פון וועמען מע דארף א בײַשפּיל נעמען.

— אָט אזוי דארף מען ליבן.

— אָט אזוי באשטייט א מענטש אף זײַנס.

— א מיידל מיט א כאראקטער וועט ניט פארלאָרן ווערן.

שלוימען האָט מען ארומגערינגלט, אים אָפּגעגעבן שאָלעם. אייניקע האָבן דערבײַ געמאכט די בראָכע „מאטיר אסורים". ער איז געזעסן אין טורמע, געווען פארשיקט אין סיביר, פאר אזא האָט מען דערעכערעץ. זײַנע לאנדסלײַט פילן זיך טאקיפער, וואָס שלוימע איז זייערער. אין דער שטאָט באַם ניעמאַן האָט מען זײַן נאָמען זיך דערוווסט נאָר אין יענעם טאָג, ווען מע האָט אים ארעסטירט. אף מאָרגן האָט מען וועגן אים פארגעסן. הײַנט איז ער א העלד. די צײַט האָט א קעצענעם קאָפּ, זי פארגעסט, וואָס נעכטן איז געווען. דער מענטש פארבט דעם נעכטן מיט הײַנ־טיקע קאָלירן. עס האָבן זיך אפילע געפונען אזוינע, וואָס האָבן געטײַנעט, אז זיי האָבן נאָך פריִער געוווסט, וואָס פאר א מין באָכער דאָס איז.

אין דעם גרויסן טומל האָבן ניט אלע באמערקט, ווי אָליע מיט אלטערן זײַנען געקומען. די ערשטע האָבן דערזען אָליען כאנע און נעכאמע, וואָס זײַנען געשטאנען אָן דער זײַט און זיך ניט געקאָנט דורכשטופּן צו די געסט. ביידע שוועסטער האָבן זיך מיטאמאָל א לאָז געטאָן צו אָליען, זי ארומגענומען און געקושט.

— אָליע, אָליע טײַערע... אָט דאָס איז ער? דײַנער?

אָליע האָט זיי באקאנט מיט אלטערן.

די שוועסטער האָבן ניט אופגעהערט צו באוונדערן אָליען. ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן, אז די שטילינקע און זיסינקע „מומע" קאָן אזוי האלטן א סאָד. די דאָזיקע פארשטעלטע „מומע", וואָס האָט א כאָסן (און עפּשער גאָר א מאַן), וועלכער איז געזעסן אין טורמע און געווען פאר־שיקט קיין סיביר, האָט דאָך אפילע געשריִען: „ניין, ניין... ניט פאר אונדז איז די רעוואָליוציע. ניין!"

די שוועסטער טרעטן ניט אָפּ פון אַליען און אַלטערן. אָבער אַנדערע האָבן זיי שוין אויך דערזען, מע האָט זיי אײַנגעלאַדן צום גרויסן טיש, ווו מע האָט זיך ניט געקאַרגט אַף קיבעד פאַר די געסט. אַלץ, וואָס איז געווען אין בופעט, האָט מען אויסגעקויפט.

אין א ווינקל, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, שטייען ביידע גוטפרײַנט — סימכע פריילעכמאַן און כאַים היישעריק.

סימכע דעם באַגראָבער, וואָס קוקט אַף זײַנע לאַנדסלײַט ווי אַף זײַנע קונדן, וואָס פריִער אָדער שפּעטער וועלן זיי צו אים מוזן אָנקומען, הייבט אפילע אָן צו געפעלן דער פריילעכער יאָמטעוו פון אזויפיל מענטשן. אים דוכט אפילע, אז לעבעדיקע זײַנען אַמאָל ניט ערגער פון טויטע.

אַנדערש קוקט אַף די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ הײַנט פאַרזאַמלט, כאַים היישעריק. פאַר אים איז אויסער אים גאָרניט פאַראַן. ער קוקט אַרויס פון זײַן ווינקל אַף אַליען, וואָס זיצט מיט אַלטערן באַם טיש, נעמט פון איר די אויגן ניט אַראָפּ. זי זיצט מיט א מאַנצבל, זי לאַכט צו אים. אַרבע מיסעס בעסדן קומט איר. דער טאָג וועט קומען — וועט ער זיך אָפּרעכענען.

דערווײַל האָט עמעצער באַם טיש אויסגעשריִען:

— זאָל מען עפּעס זאָגן. פאַרוואָס רעדט מען גאָרניט?

מע קאָן דען בא אזא געשעעניש זיך באַגיין אָן א מיטינג?

— זאָלן די געסט עפּעס זאָגן.

— זאָלן זיי דערציילן, ווי זיי האָבן געלעבט אין סיביר.

שלוימע האָט זיך אופגעשטעלט.

— וועגן דעם, וויאַזוי מיר האָבן געלעבט אין דער פאַרשיקונג, איז פאַראַן וואָס צו דער־ציילן, נאָר דערציילן וואָלט זיך געוואָלט, ווי מע זאָגט עס, אין פריידן. דערווײַל איז אָבער די לאַגע אזא... די בורזשואַזע צײַטווײַליקע רעגירונג...

בא איינעקע האָט זיך באַוויזן א שמייכעלע אַף די ליפּן, יענץ שמייכעלע, וואָס זאָגט: „אזוי גאָר... ביסטו אויך אזא פויגל...“

אַנדערע האָבן זיך געפרייט:

— אַן אונדזעריקער, הייסט עס... א באָלשעוויק.

אַף מאָרגן, זונטיק, זײַנען צו די באַדילקעסעס געקומען גאָדל מיט טעווקען.

שלוימע און באַסיע האָבן אַף זיי מיט אומגעדולד געוואַרט. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט פאָר־שטעלן, אז גאָדל מיט טעווקען זײַנען סאָלדאַטן, זײַנען שוין גרויסע.

— זע נאָר!.. — האָט אויסגעשריִען באַסיע.

טעווקע און גאָדל האָבן זיך געשטעלט „סמירנאָ“ און אָפּגעראַפּאָרטירט:

— טאַק טאָטשנאָ. פריבילי...

מע האָט זיך געזעצט צום טיש. טעווקע מיט גאָדלען האָבן גלײַך פון אָנהייב געוואָלט פאָר־פירן אַן ערנסטן געשפּרעך, נאָר שלוימע האָט עס אַלץ אָפּגערוקט, אַלץ געשפּאַסט. ערשט שפּע־טער, נאָכן מיטיק, האָט ער געפרעגט:

— נו, סאָלדאַטן, איר זײַט דאָך באַוווסטזיניקע... מיט וועמען גייט איר?

— מיט דער אַרמיי, — האָבן ביידע געענטפערט.

— און די אַרמיי מיט וועמען גייט?

— מיט דער רעגירונג.

— און פאַרוואָס ניט מיטן אַרבעטער־ראַט?

— מיר אַנערקענען איין מאַכט. אויב ניט, וועלן מיר די מילכאָמע ניט קענען געווינען.

— ווער האָט עס אײַך אײַן קאָפּ אַרײַנגעקלאַפּט? מילכאָמע... די פראָנטאָוויקעס ווילן ניט מער מילכאָמע האַלטן! גענוג! וואָלט איר געווען אַפן פראָנט, די אָקאָפּעס פאַרזוכט, וואָלט איר פאַרשטאַנען, אז מע דאַרף זײַן קעגן מילכאָמע. די צײַטווײַליקע רעגירונג איז קעגן פאָלק, קעגן די אַרבעטער... מיט וועמען גייט איר? ווי קומט עס צו אײַך?

— איר זײַט א באָלשעוויק, שלוימע? — פרעגט גאָדל.

— א באָלשעוויק.

— און מיר זײַנען סאָלדאַטן.

— און אז מע וועט אײַך הייסן שיסן אין אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע?

אַף דער פראַגע האָבן גאָדל און טעווקע ניט געענטפערט.

— וואָס ווילט איר פון די קינדער? — האָט זיך אַרײַנגעמישט סימע. — די גאַנצע מישפּאָכע איז דאָ, פריילעך זאָל זײַן.

גייענדיק צוריק אין קאַזאַרמע, האָבן גאָדל מיט טעוועקן באַטראַכט שלוימעס רייד. כאָטש ביידע זײַנען זיכער, אַז סאָלדאַטן דאַרפן דינען טרײַ דער רעגירונג, האָבן זײַנע ווערטער זיי גוט אָנגערירט. עס פאַרדריסט, וואָס ער האָט גערעדט מיט זיי, ווי מיט יינגלעך, אָבער אינגאַנצן אומגערעכט, פאַרשטייען זיי, איז דאָך שלוימע ניט. א סך סאָלדאַטן אין קאַזאַר־מע ריידן דאָך אויך דאָס זעלבע. אַמאָל אין דער שטיל, אַמאָל אין דער הייך.

ביז ניט לאַנג האָבן גאָדל און טעוועקע געטראַכט: ייִדן וועלן זײַן גוט צום קייסער, וועט דער קייסער זײַן גוט צו ייִדן. דעם קייסער האָט מען אַראָפּגעוואָרפן. די נײַע רעגירונג איז דאָך בעסער, ווי דער קייסער. די נײַע רעגירונג זאָגט: ניט שלאָגן זיך ביזן ענדגילטיקן זיג — איז פאַראַט! אָט פאַר דעם ווערטעלע „פאַראַט" האָבן טעוועקע און גאָדל שטאַרק מוירע. אַזויפיל מאָל האָבן זיי געהערט, ווי מע זאָגט, אַז ייִדן זײַנען פאַראַטער. נייִן, זיי וועלן מיט דעם וועג, וואָס מע רופט אָן „פאַראַט", ניט גיין. זיי וועלן דעם פעלדפעבל אין די אויגן ניט קענען קוקן. ער איז דאָך אין זיי זיכער: „אַף אײַך, יעווריייטשיקעס, פאַרלאָז איך זיך, — זאָגט ער, — איר דינט טרײַ דעם פאָטערלאַנד".

— אָבער שלוימע איז דאָך אויך גערעכט! — זאָגט גאָדל.

— וויפל רעדנער מיר האָבן ניט געהערט, זײַנען אַלע פאַר זיך גערעכט, — האַלט זיך נאָך פעסט טעוועקע, — אַלע האָבן זיי דעם שליסל צום גאַניידן.

— אָבער, טעוועקע, איינער האָט דאָך דעם שליסל!

— ווער איז דער איינער? זאָג מיר.

— איך זאָל וויסן...

— ווייס איך אויך ניט.

און ווײַל זיי וויסן ניט, ווײַל די גאַנצע וועלט האָט זיך צעטיילט אַף דער העלפט, און יעדער העלפט איז פאַר זיך גערעכט, און צו וועלכער פון זיי צושטיין איז אַזוי שווער אויסצוקלײַבן, — זײַנען זיי אומצופרידן מיט זיך אַליין. איצט דאַרף מען אַליין אויסקלײַבן: וועמען גלייבן און וועמען דינען.

11

אין דער צוזאַמענוווינונג פאַר היימלאָזע זײַנען פאַרבליבן אינגאַנצן צוויי מישפּאָכעס. אינעם גרויסן צימער — די פאַמיליע באַדילקעס, אינעם קליינעם — ראָזע איסאַקאָווגע מיטן זון. אַלע אַנדערע שכיינים זײַנען אַרויסגעפאָרן.

ראָזע איסאַקאָווגע וואָלט געוויס שוין אויך פונדאַנען אוועקגעפאָרן, וואָרעם דאָ, זאָגט זי, שמעקט נאָך אַלץ מיט באָגאָדעלניע און מיט פרעמדן שוויס, זי טוט עס אָבער ניט צוליב אַב־ראַמטשיקן.

אַבראַמטשיק איז שוין קימאַט געזונט. גיכער פאַר אַלץ איז ער געזונט געוואָרן דערפאַר, ווײַל ער ליגט מער ניט אין בעט. ראָזע איסאַקאָווגע איז צופרידן. ער לערנט זיך, לייענט ביכער און פאָלגט אין אַלץ די מאַמען. ער וועט נאָר קומען א ביסל צו־זיך, פאָרן זיי אַריבער אין א נײַער דירע.

די אייגענע מאַמע באַמערקט אָבער ניט דאָס, וואָס די פרעמדע יענטעלע באַמערקט. דאָס מיידל קומט איצט צו זיי אָפט אַרײַן.

— זע נאָר, אַבראַמטשיק, ביסט ווידער ניט פאַרקעמט. ווו איז בא אײַך דאָ א קאַם?

זי פאַרקעמט אים די האָר. דערבײַ גלעט זי אים, נעמט אים אַרום. אַבראַמטשיק קוקט זיך אַפילע ניט אום, ווי זי וואָלט געווען פון האָלץ אָדער ער פון שטיין.

צי דען פילט ער גאָרניט?

יענטעלע זעט: פון אַבראַמטשיקן איז געבליבן ניט מער, ווי הויט און ביין, קיין נעשאָמע איז שוין גאָרניט פאַראַן. אינווייניק בא אים איז פוסט. ער איז אָן בלוט. צוערשט דערשרעקט זי זיך. איר נעמט דוכטן, אַז אין אַבראַמטשיקן איז פאַראַן עפּעס פון טויט. ער פילט גאָרניט און פאַר־לאַנגט גאָרניט. די אויגן זעען ניט, שמייכלען ניט, זײַנען שטום.

— אַבראַמטשיק, דו וועסט דאָך אַזוי שטאַרבן.

„שטאַרבן" אַרט אים אויך ניט.

יענטעלע באַהאַלט אויס א סאָד פון זיך אַליין. זי ווייסט דאָך אָבער, וואָס זי באַהאַלט אויס: „ער האָט ליב שעווען". אַוואַדע פאַרדריסט עס זי, נאָר ניט אַזוי, ווי פרייער. שעווע איז אײַנגע־ליבט אין טעוועקן. אַלע זעען עס. שעוועלע וויל טאַקע, אַז אַלע זאָלן עס זען. אַבראַמטשיק זעט עס בעסער פון אַנדערע, דערפאַר זעט ער מער גאָרניט אַרום זיך. יענטעלע גלייבט פונדעסטוועגן,

זי איז אפֿילו זיכער, אַז אַבראַמטשיק וועט זײַן אירער און אַלע וועלן עס זען... ווײַל זי איז איצט ניט אָנטאָן קיין האַרצוויייטעק. זי שאַנעוועט אים. ער איז קראַנק. שעווס נאָמען דערמאָנט זי ניט.

פאַר אַבראַמטשיקס מאַמען כאַזערט זי איבער דאָס, וואָס זי האָט שוין ניט איין מאָל געזאָגט:

— איך גלייב, ראָזע איסאַקאָװנע, אַז איר וועט מיר דערלויבן צו זאָגן... אונדזער אַבראַמ־טשיק איז קראַנק. צי דען זעט איר עס ניט?

דער מאַמען ווערט עס פֿאַרדראָסיק.

— ביסט אַ בעריע, יענטעלע, אַף אויסטראַכטן זאַכן. ער איז געזונט. דער דאָקטער זאָגט, אַז ער, גאָט צו דאַנקען, איז געזונט.

— און איך זאָג אײַך, אַז ער איז קראַנק. איר זעט דען ניט, אַז אונטער דער הויט איז בא אים גאָרניט פֿאַראַן. קיין פּיצעלע לעבן איז ניטאָ בא אים. פֿאַרלאָזט זיך אַף מיר... איך פֿאַרשטיי זיך אין דעם. — זי זאָגט עס אַרויס אַזוי זיכער, מיט אַזאַ גלויבן אין אירע ווערטער, אַז ראָזע איסאַקאָװנע דערשרעקט זיך. זאָל זײַן, דאָס מיידל איז גערעכט? די געניטע, קלוגע ראָזע איסאַ־קאָװנע שטייט פֿאַר יענטעלען, ווי אַ שילער פֿאַר אַ לערער.

— אַבראַמטשיק, קינד מײַנס, וואָס איז מיר דיר?

אַבראַמטשיק קוקט אין די ביכער און מער ניט אַף קיינעם. ער ענטפֿערט ניט. דאָס מיידל שמייכלט יעכידנע, ווי אירע ליפּעלעך וואָלטן פֿרעגן מיט טײַנע:

— נו, ווער איז גערעכט?

מיט אַ ווונק רופֿט ראָזע איסאַקאָװנע אַרויס יענטעלען אין קאָרידאָר. זי קוקט יענטעלען אין די אויגן מיט האַכנאָע און געבעט, ווי פֿון איר, יענטעלען, ווענדט זיך אַלץ. זי קאָן געזונט מאַכן אַבראַמטשיקן. אַפֿילו די שאָל אַפֿן קאָפּ האָט ראָזע איסאַקאָװנע פֿאַרגעסן אָנטאָן.

— איך גלייב... — הייבט אָן יענטעלע. אָבער באַלד דערפֿילט זי, אַז זי איז די אייצעגעבערן, זי איז הײַנט די דערוואַקסענע, און זי נעמט ריידן סײַ זיכער, סײַ שטרענג:

— אַ מאַמע זאָל ניט וויסן, וואָס אַ קינד טוט ווי?

— דער דאָקטער זאָגט... — פֿאַרענטפֿערט זיך די מאַמע.

— דער דאָקטער זאָגט... אַ דאָקטער ווייסט, ווען דער קערפּער באַם מענטשן איז קראַנק. אָבער אַז די נעשאָמע לײַדט, די זעלע איז אין געפֿענקעניש...

— וועגן וואָס רעדסטו? איך בעט דיך, יענטעלע, ווי אַן אייגענע, זאָג מיר, וואָס איז מיט אים... שרעקסט מיך.

— ער האָט ליב שעווען.

— געהערט שוין וועגן דעם. נו?

— און זי האָט ליב טעווקען.

— נו?

— און איך האָב ליב אַבראַמטשיקן.

— אָט אַזוי רייד. איצט פֿאַרשטיי איך אַלץ. ווילסט ווערן מײַן שנור, דערפֿאַר טראַכסטו אַלץ אויס. פֿאַרגעס וועגן דעם.

זי גייט אַרײַן צוריק אין צימער און לאָזט איבער יענטעלען אַליין אין קאָרידאָר.

„קיינער ווײַל מיך ניט פֿאַרשטיין. מיט וואָס בין איך ערגער פֿון אַנדערע מענטשן? פֿאַר־וואָס טאָר איך ניט ליב האָבן? שעווקע מעג, טעווקע מעג. יענטעלע טאָר ניט. איך וועל אָבער ניט נאָכגעבן, איך וועל ניט אָפּטרעטן..."

אַזוי טראַכט יענטעלע, שטייענדיק אַליין אין קאָרידאָר, אַ פֿאַרזאָרגטע, אַן אומעטיקע, כאָטש זי טרייסט זיך אַליין.

אין קאָרידאָר קומט אַרײַן שעווע. שעווע איז איצט אין אַזאַ צושטאַנד, ווען עס דוכט פֿון דער זײַט, אַז שטענדיק זינגט זי, אַז אָט־אָט וועט זי נעמען טאַנצן. און עפּשער דוכט זיך עס ניט. זי זינגט טאַקע אין זיך, איר ווילט זיך טאַקע טאַנצן. זי שײַנט, זי איז צופֿרידן. צו אַלעמען איז זי גוט און קאָן אַלעמען גוטס טאָן. זי זעט אויס, ווי אַ מענטש, וואָס איז שוין באַזאָרגט מיט גליק און קאָן נאָך אַפֿילו אַן אַנדערן אַ ביסל צוטיילן.

— יענטעלע? אַליין?

— צום באַדויערן, אַליין.

— פֿאַרוואָס?

יענטעלע כאַפּט זיך, אַז שעווע קאָן מיינען, זי ווײַל אַרויסרופֿן מיטלײַד צו זיך. ניין, זי האָט עס פֿײַנט.

— איך וויל מיט דיר, שעווע, עפּעס ריידן.

— רייד, יענטעלע.

— דו ווייסט דאָך, שעווע, אַז אַבראַמטשיק האָט דיך ליב.

— איך ווייס. אָבער איך, יענטעלע, האָב ליב אַן אַנדערן. איך האָב ליב טעווקען.

— אַבראַמטשיק לײַדט.

— ביסט דאָך אַ קלוגע, יענטעלע, וואָס פאַר אַן אייצע קאָנסטו מיר געבן.

— איך קאָן זיך אַליין קיין אייצע ניט געבן. איך האָב ליב אַבראַמטשיקן.

— אָט זעסטו.

— אָבער אַרײַנגיין צו אים וואָלסטו אַמאָל געדאַרפט. אָדער לאָמיר זאָלבעדריט גיין אין קינעמאַטאָגראַף.

— לאָמיר שוין אַרײַנגיין צו אים, — זאָגט שעווע. — ער איז דאָך אַ גוטער און אַז דו, יענטעלע, האָסט אים ליב, דאַרף ער דאָך דיך אויך ליב האָבן...

— שעווע, טײַערע, אַף מיר זאָגן אַלע, אַז איך בין אַ קלוגע, אַ געראָטענע, איך לערן פראַנצויזיש... אָבער ליבע...

ביידע גייען אַרײַן צו אַבראַמטשיקן.

ווען ראָזע איסאַקאָווּנע דערזעט די מיידלעך באַ זיך אין צימער, דערפילט זי, אַז ס'איז געוואָרן היימלעכער און ליכטיקער. שעווע שײַנט. זי איז טאַקע אַ שיינע, אַזאַ קאָן מען ליב האָבן. ווי טוט עס יענטעלע אַזאַ נאַרישקײַט און קומט אַרײַן צוזאַמען מיט שעווען? פאַר ראָזע איסאַקאָווּנען איז שעווע ווי אַ יאָמטעווודיקער בליץ־לאָמפּ פּייסעך צום סיידער, און יענטעלע, אין פאַרגלײַך מיט איר, ווי אַ זעקסער לעמפּל אין אַ ווינטער־נאַכט אַף אַ שאַלקע.

— זעצט זיך, קינדער, — זאָגט ראָזע איסאַקאָווּנע.

זי כאַפּט אַ קוק אַף איר אַבראַמטשיקן. גאָר אַן אַנדער פּאָנעם האָט ער באַקומען. די אויגן קוקן און זעען. ער וועט באַלד, דוכט זיך, בעטן עסן. און פאַר זײַן מאַמען, ווי, מיסטאַמע, פאַר אַ סאַך מאַמעס, וואָס ציטערן און טרעטן ניט אָפּ פון זייערע קינדער, איז אַליין דאָס בעטן עסן די גרעסטע פרייד און דער בעסטער באַווײַז פון געזונט.

— אַבראַמטשיק, וואָס ליגסטו שטענדיק אַרײַנגעלייגט אין דײַנע ביכער? מע זעט דיך קיינמאָל ניט אַף דער גאַס, — זאָגט שעווע.

אַבראַמטשיק ענטפערט ניט. דאָס הייסט, מיט קיין ווערטער ענטפערט ער דערווײַל ניט, אָבער זײַן גאַנצער אויסזען רעדט. דאָס לעבן רעדט פון אים אַרויס.

— ווייסט, אַבראַמטשיק, מירן זאָלבעדריט גיין אין קינעמאַטאָגראַף. איך, דו, שעווע, — זאָגט יענטעלע.

שעווע איז פון דעם ניט שטאַרק צופרידן. איר איז דאָך אָבער גוט אַפן האַרצן, ווײַל זי אויך אַנדערע טאָן גוטס.

— וועסט גיין מיט אונדז אין קינעמאַטאָגראַף? — פרעגט שעווע.

און אַבראַמטשיק ענטפערט:

— אַוואַדע, איך וועל קויפן בילעטן.

אַלע דרײַ ריידן, פרעגן, ענטפערן. ראָזע איסאַקאָווּנע קוקט פון דער זײַט און דאַנקט גאָט, וואָס ער האָט צוגעשיקט אַ רעפּוּע פאַר איר זון. מע טאָר קיינמאָל ניט טראַכטן קיין שלעכטס וועגן אַ מענטשן. שעווע איז דאָך אַ גוטע, אַ קלוגע, אַ שיינע...

די מיידלעך גייען אַוועק. אַבראַמטשיק זאָגט:

— ווייסט, מאַמע, איך וויל עסן.

— גאָט צו דאַנקען, געלויבט איז זײַן נאָמען.

אַף מאָרגן זײַנען שעווע, יענטעלע און אַבראַמטשיק אַרויס צוזאַמען שפּאַצירן. דער פאַרנאַכט איז אַ וואַרעמער און דער זון־פאַרגאַנג אַ רויטער. אַלע דרײַ גייען ניט געײַלט, זיי ווייסן נאָך אַליין ניט, וווּהין זיי גייען. און כאָטש זיי זײַנען זאָלבעדריט, איז דאָך דערווײַל יעדער איינער פון זיי באַזונדער.

יענטעלע האָט ליב אַ סאַך צו ריידן. זי רעדט גיך, גיך, זי אײַלט זיך, ווי זי זאָל ניט זײַן זיכער, אַז זי וועט באַווײַזן צו פאַרענדיקן דאָס, וואָס זי וויל זאָגן.

שעווע רעדט ווייניק, קורץ. עמעס, עס ווענדט זיך מיט וועמען — מיט טעווקען קאָן זי סײַ ריידן אַ סאַך, סײַ שווײַגן אַ סאַך. דערבײַ איז דאָס שווײַגן ניט ווייניקער פאַרשטענדלעך פונעם ריידן.

אַבראַמטשיק רעדט הײַנט אינגאַנצן ניט. באַ אים איז הײַנט אַ שווערער טאָג, ער איז באַרויגעז אַף דער מאַמען. די מאַמע מיינט נאָך אַלץ, אַז אים איז אַכט אָדער צען יאָר, ווען ער איז געווען ניט „ער", נאָר אַ צוגאָב צו איר.

ראָזע איסאַקאָווּנע, ווי באַוווּסט, קוקט אַף איר זון ווי אַף אַן אויצער, אַ קומענדיקן דאָקטער, אָבער ניט ווי אַף קיין באַכער פון קימאַט זעכצן יאָר, וואָס קאָן טראַכטן ניט ווי די מאַמע וויל, און קאָן פאַרלאַנגען אַזוינס, וואָס די מאַמע פאַרלאַנגט ניט. זי אַנערקענט פאַר אים נאָר איינס:

לערנען, לייענען און וויסן אַף אויסווייניק „יעווגעני אָניעגין“. דאָס איבעריקע איז דער מאמעס זאָרג. ווײַל אויסער דעם, וואָס ער וועט אמאָל ווערן א דאָקטער, איז ער דערווײַל איצט א מיטל אַף כאיונע. זי פירט אים ארום איבער פארמעגלעכע הײַזער, ווי א סכוירע, מיט וועלכער זי האנדלט.

הײַנט האָט ער זיך געבעטן בא דער מאמען:

— איך וויל מער ניט. איך קאָן מער ניט. איך וועל אין ערגעץ ניט גיין.

אין יענער מינוט איז ער געווען זיכער, אז ער וועט טאקע ניט גיין.

די מאמע האָט געשוויגן. געפוצט אירע שיך, מע זאָל ניט זען די לאטעס און די געפלאצטע נעט, מע זאָל ניט באמערקן, אז דאָס נעזל פונעם שוך איז אָפּגעקלאפּט. זי האָט געפוצט דעם שוך מיט אַן אָנגעווייטעקט הארץ, אויסגעלאָזט צו אים איר גאנצע ביטערקײַט, וואָס זי וואָלט געדארפט אויסלאָזן צום זון פאר זײַנע רייד. דערנאָך טרויעריק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— איז וואָס זשע ווילסטו? איך זאָל גיין איבער די הײַזער קלײַבן נעדאָוועס?

— איך זאָג עס דען? אָבער, מאמע, דאָס איז דאָך סײַווי נעדאָוועס.

— ניין, די, וואָס גיבן, קאָנען טאקע אזוי טראכטן. נאָר טראכטן איז גאָרניט, זאָגן — איז דער איקער. זיי טראכטן וועגן מיר, און איך טראכט וועגן זיי. איך דאנק זיי פארן געבן, און זיי דאנקען מיר פארן נעמען. קוויט! איידל, לײַטיש. און עפשער טו איך זיי גאָר א טויווע, זיי קאָנען זיך מיט דעם בארימען, איך פארשאַף זיי פארגעניגן.

— מאמע, איך קאָן מער ניט. גיי אליין.

— און איך, מיינסטו, קאָן? וויפל געזונט דאָס קאָסט מיך, וויפל בושע באטאָג און באנאכט, — די מאמע נעמט ווישן די אויגן.

אבראמטשיק קערט זיך אָפּ אָן א זײַט. אים ווערט ענג און קרעמפּיק אין האלדז. ער קאָן אליין אָנהייבן וויינען. די זיכערקײַט, אז ער וועט באשטיין אַף זײַנס און וועט ניט גיין, וווהין די מאמע וועט אים פירן, נעמט פאלן. די מאמע גרייט זיך אין וועג. זי נעמט די שווארצע זײַדענע שאל, וואָס דארף צודעקן איר אָרעמקײַט און אופהייבן איר כשיוועס. די מאמע קוקט ארײַן אין שאל, ווי שיטער און דורכזיכטיק זי ווערט פון טאָג צו טאָג. די מאמע גיט דערבײַ א קרעכץ. אזוינס פארגינט זי זיך טאָן נאָר באנאכט, ווען זי מיינט, אז קיינער הערט ניט. אין דער מינוט ווערט שוין אבראמטשיק, אויס זעכצניאָריק באָכערל, ער ווערט ניט מער, ווי א זויג־קינד, טו מיט אים, וואָס דו ווילסט.

— וואָלט דײַן טאטע געזען, מײַן זון, ווי דײַן מאמע מאטערט זיך צוליבן שטיקל ברויט פאר דיר, וואָלט ער נאָכאמאָל געשטאָרבן. איך בין אים מעקאנע. ער איז שוין פרײַ פון זאָרג...

אבראמטשיק נעמט זיך בעטן, די מאמע זאָל שווײַגן. ער האָט דאָך גאָרניט געמיינט, גלאט אזוי געזאָגט. ער וועט גיין, וווהין מע וועט אים פירן.

— איך ווייס דאָך, מײַן קינד, אז דו ביסט א גאָלד.

זיי גייען ביידע ארויס אין קאָרידאָר. דאָ קוקט שוין ראָזע איסאקאָוונע אַף קיינעם ניט. דער קאָפּ איז פארהויבן, און די שאל אַף איר קאָפּ איז א קרוין.

אין גאס פירט זי דער זון אונטער דער האנט. זי זעט אויס ווי א פּריצטע, עמעס, א פאראָרעמטע, אָבער א פּריצטע. מענטשן טרעטן אָפּ דעם וועג. אין דער פארמעגלעכער שטוב, וווהין זיי גייען, טראכט זי, וועט זי זײַן א גלײַכע מיט גלײַכע. זי ווייסט ווו־אײַן און ווו־אויס, זי קאָן צו דער צײַט געבן אַן אייצע און ווען מע דארף — אויך מאכן א קאָמפּלימענט.

הײַנט האָט ראָזע איסאקאָוונע זיך אויסגעקליבן צו גיין אין א שטוב אַף דער זנאמענקעגאס, ניט ווײַט פונעם פּרעטשיסטענסקי בולוואר. אינמיטן אײנעם א הויף, אנטקעגן דעם טויער, שטייט דאָרט א הויכער ניט־געטינקעוועטער מויער פון רויטע ציגל. עפּענענדיק די טיר פונעם פאראַד־ארײַנגאנג אין דעם דאָזיקן הויז, זאָגט ראָזע איסאקאָוונע צום זון:

— בעלעטאזש...

אבראמטשיק פארשטייט, אז נאָך אַף די טרעפּ גייט שוין די מאמע ארײַן אין איר ראָל. די מאמע ווייסט, אז די באלעבאטים דאָ האָבן אָפּט האָלט צו דערמאָנען וועגן דעם, אז זיי וווינען אפּן בעלעטאזש, און זי הייבט שוין דאָ אָן איידל צו כאנפענען! אבראמטשיקן איז עס דערווידער. אָבער וואָס זאָל ער טאָן? ער שווײַגט.

די טיר עפּנט אליין די באלעבאָסטע.

— אַך, א גאסט... לאנג שוין ניט געווען...

ראָזע איסאקאָוונען גיט א שטאָך אין הארצן. דער „לאנג שוין ניט געווען“, וואָס ווערט ארויסגעזאָגט מיט אזא גוטמוטיקן שמייכל, קלינגט אָפּ אין אירע אויערן מיט זייער עמעסן באַ־

טײַט: „אָט גאָר ניט לאַנג זײַנען זײ געװען, װידער געקומען. אײַנגעגעסענע בריִעס". זי קומט אָבער גלײַך צו־זיך.

— איך זאָל צו אײַך ניט קומען זיך דערװיסן, װאָס איר מאַכט, װי די קינדער לעבן, װאָלט שױן, דוכט זיך, די װעלט גאָר קײן פּאַנעם ניט געהאַט. אַזױנע גוטע פֿרײַנט, װי מיר זײַנען.

די באַלעבאָסטע באַנעמט זײער גוט, אַז אירע װערטער האָט ראָזע איסאַקאָװנע ריכטיק פֿאַרשטאַנען. איר װוּנדערט נאָר, װי יענע קאָן עס אַזױ פֿלינק אױסטײַטשן זיך צום גוטן.

— מיר האָבן שױן נאָך אײַך געבענקט, — װײַל די באַלעבאָסטע פֿאַרגלעטן דעם אײַנדרוק פֿון אירע ערשטע װערטער.

דאָס קומט פֿאַר אין טונקעלן קאָרידאָר, װוּ עס ברענט אַן עלעקטריש לעמפּל. אַבראַמטשיק הערט אַלץ און פֿאַרשטײט אַלץ. ער רירט זיך ניט פֿון אָרט. ער האָט ראַכמאָנעס אױף דער מאַמען, װאָס זי דאַרף זיך אַזױ דערנידעריקן. פֿאַרװאָס דאַרף זי זיך דרײען, װי אַ שלאַנג, פֿאַרװאָס דאַרף זי אַזױ טאַשן די קאַלירן, זיך צופּאַסן צו יענעם?

פֿון דער טונקלקײט גײט מען אַרײַן אין אַ צימער, װאָס גיט אַ בלענד מיט גרױסע ליכטיקע פֿענצטער, פֿול מיט שײַן און זון. די זון־פֿלעקן ליגן זיך אױס אױפֿן װײכן קאַלירטן טעפּיך, װאָס איז אױסגעשפּרײט אױפֿן געװעקסלטן פּאַרקעט. די שײַן פֿאַלט אױף די װענט, װאָס זײַנען באַקלאַפּט מיט זײַדנס און באַהאַנגען מיט עטלעכע פּײזאַזשן. אין סאַמע צענטער געפֿינט זיך אַ מאָדערנער פֿאַרביק־שרײַענדיקער נאַטורמאָרט, װוּ באַרן זעען אױס װי דרײַעקן, עפּל — װי קרײַזן, מערן — װי שרױפֿן, און קאַרשן מיט שטענגלעך האָבן דעם אױסזען פֿון טשװועקלעך.

אין דעם גראַמען ליכטיקן צימער האָט אַבראַמטשיק ערשט געקאָנט אָנקוקן די באַלע־באָסטע. די באַלעבאָסטע איז געװיס אין אײן עלטער מיט דער מאַמען, זי איז אָבער דינער און העכער. איר אָנטאָן מאַכט זי יינגער. זי איז געקלײדט אין העלן, אין קאַלירטער העלקײַט. ער־טערװײַז — אױך אין דורכזיכטיקס. און װאָס אַבראַמטשיקן װוּנדערט מער פֿאַר אַלץ: איר אױס־זען איז אַ רױקער, אַ זאָרגלאָזער, אַ צופֿרידענער, גאַרניט װי בא דער מאַמען. די מאַמע טוליעט זיך אין שאַל און װײסט ניט װוּ אַהינצוטאָן אירע הענט.

די באַלעבאָסטע בעט אַנטשולדיקונג, זי װעט נאָר אױף אײן רעגע אַרױסגײן. אַבראַמטשיק געדענקט ניט, צי האָט מען זײ געבעטן זיצן. די מאַמע זעצט זיך אױף אַ שטול באַם טיש און זאָגט דעם זון, ער זאָל זיך אױך אַװעקזעצן. אַבראַמטשיק קוקט אין שפּיגל און דערזעט אַ באָכערל, װאָס װאָלט געקאָנט זײַן ענלעך אױף אים אַלײן. ער דערקענט זיך ניט, װײַל ער קען זיך ניט. די מאַמע האָט עפּעס אַ שטיקל צעבראָכן שפּיגל, אין װעלכן זי קוקט אַרײַן. אָבער צו װאָס דאַרף אַ יינגל אַ שפּיגל? ער זעט אַמאָל זײַן אױסזען אין אַ װיטרינע פֿון אַ געשעפֿט, אָבער אַזױ דײַטלעך און קלאָר, װי אין אָט דעם טרומאָ־שפּיגל, צװישן די צװײ פֿענצטער בא דער װאַנט, האָט ער זיך קײנמאָל ניט געזען. ער איז העכער פֿון שװוען (אַלע פֿאַרגלײַכן זײַנען בא אים מיט שװוען). ער איז אַ שװאַרצער, פֿאַרװאַקסן מיט לאַנג ניט געשאָרענע האָר. אױף די באַקן בא די קינען זעט זיך אַ שמאָל פּאַסיקל ראָזקײַט. ער זעט אױס שטרענג, אַפּילע בײז. און אַלע זאָגן אים, אַז ער איז אַ גוטער. איז עס טאַקע ער?

אין צימער קומט שטיל אַרײַן אַן אַלטער מאַנצבל, אײַנגעבױגן און גראָװ. אַ זײדע אָדער עפּשער גאָר אַן עלטערזײדע, אַ געװעזענער ניקאָלײַעװער סאָלדאַט. אַדאַנק אים האָט די גאַנצע מישפּאָכע געהאַט װױנרעכט אין מאָסקװע.

ראָזע איסאַקאָװנע, אַפּאָנעם, װײסט שױן, נאָך װאָס ער איז געקומען. זי נעמט באַלד מיט אים רײדן אױף ייִדיש.

— רעב טאַנכום, אַ גאָט־העלף אײַך. װאָס מאַכט איר אין געזונט?

— סלאַװאַ באָגו, סלאַװאַ באָגו...[1] — ענטפֿערט דער אַלטער, — מיט גאָטס הילף.

די מאַמע סטאַרעט זיך אַרײַנצופֿלעכטן אין די רײד אַ גלײַכװערטל, אַן אַלטן ייִדישן אױס־דרוק, אַ כאַכמעלע פֿון אַ מאַטקע כאַבאַד. זי װײסט, אַז אָט דער געװעזענער סאָלדאַט, װאָס איז אַ סאַך יאָרן אָפּגעריסן פֿון ייִדן, װאָס די שפּראַך פֿון זײַן הױזגעזינד איז רוסיש, גײט מאַמעש אױס נאָך אַ ייִדיש װאָרט. אַלײן רעדט ער אַ געמישטן ייִדיש, אָבער הערן, װי אַנדערע רײדן אױף דער שפּראַך פֿון זײַן קינדהײַט, איז ער שטענדיק גרײט און אַלעמאָל איבערגליקלעך. אָט די שפּראַך פֿאַרבינדט אים נאָך מיט אַ פֿאָלק, מיט אַ גאָט. דאָס איז אים געבליבן דער אײנציקער אָנהאַלט בא זיך אין שטוב, װוּ אין אַלץ מאַכט מען נאָך אַנדערע, װוּ מע אַנערקענט נאָר דאָס, װאָס אַנ־דערע אַנערקענען און װוּ קײן אײגנס איז ניט פֿאַראַן. אַלץ איז דאָ אַ מאָדע־זאַך: פֿאָלק, גלױבן, איבערצײַגונגען. דאָס װיכטיקסטע איז דאָ — כאָס־װעכאָלילע ניט אָפּשטײן פֿון דער מאָדע. דער אַלטער זײדע קאָן ניט אַזױ. ער מוז האָבן עפּעס אײגנס, װאָס זאָל אים פֿאַרבינדן מיט דער פֿאַר־

---

[1] אַ דאַנק גאָט, אַ דאַנק גאָט (רוסיש).

גאנגענהייט און מיט דער צוקונפט. דאָ איז שטוב, ווו עס באַלעבאַטעווען זײַנע קינדער, איז ער געוואָרן אַן איבעריקער, באַזונדערס ווען עס קומען געהויבענע געסט. בא די מישפּאָכע־לײַט זעט ער אויס, ווי אַן אַלטע מאַציייווע, וואָס אַנשטאָט שטיין אפן בעסאַלמען שטייט זי אין א שטוב צווישן מענטשן...

קומט אין געסט ראַזע איסאַקאָוונע, לעבט ער אוף. ער גייט טייקעף ארויס צו איר הערן ייִדיש און ריידן ייִדיש. און אַלץ, וואָס ליגט באַהאַלטן אינעם מארך פון זײַנע ביינער, — די צוויי־דרײַ יאָר כיידער, דער רעבע, אוורהאָם־אָווינו און מוישע־ראַביינו, וואָס האָבן אין כיידער גערעדט ייִדיש, דער מאַמעס וויגליד מיטן ווײַסן ציגעלע... — אַלץ לעבט אוף, באַווײַזט זיך פאר די אויגן. און עס הייבט זיך אָן א בענקעניש נאָך דער מאַמען, נאָכן ציגעלע, נאָך זיך אַליין.

אבראַמטשיק ווייסט גוט, אז ער טאָר זיך ניט מישן. די מאַמע האָט אים וויפל מאָל שטרענג אָנגעזאָגט, אז אין א פאַרמעגלעכער שטוב טאָר ער קיין ייִדיש ניט ריידן, ער קאָן ניט און פאַר־שטייט ניט.

דער אַלטער קוקט אף אבראַמטשיקן מיט ליבע. ער שמייכלט צו אים.

— ווי איז דײַן נאָמען?

די מאַמע איז אף דער וואַך:

— אבראַמטשיק.

— און ווי אַלט ביסטו? — פרעגט דער אַלטער בא אבראַמטשיקן.

עס ענטפערט ווידער די מאַמע:

— פופצן יאָר.

— א וווּקסיקער, א ווויל ייִנגל. ער פירט זיך גוט אוף? — פרעגט שוין דער אַלטער בא דער מאַמען.

— זייער סטאַטעטשנע.

— ער איז אָבער בא אײַך א שעמעוודיקער. ער שווײַגט.

— ער פארשטייט פּאָשעט ניט, רעב טאַנכום.

— ער פארשטייט ניט? סטראַנאָ[1]. איר שטאַמט דאָך פון דער ליטע... ניעפּאָניאַטנאָ[2].

דער אַלטער איז אנטוישט.

— וויאַזוי דאַוונט ער? וויאַזוי מאַליעט ער זיך צו גאָט? — פרעגט ער מיט אַן אָפּגעשוואַכ־טער שטים, ווי אים וואָלט עפּעס גענומען ווײ טאָן.

— צו גאָט געפינט מען א וועג, — באַרויִקט אים ראַזע איסאַקאָוונע.

— און צו מענטשן? — איז דער אַלטער אַלץ אומרויִק. זײַן געשאָרענע באָרד הייבט זיך אוף, ווי זי וואָלט זיך געוווּנדערט. די אַלטע אומעטיקע אויגן, וואָס זײַנען מיט עטלעכע מינוט צוריק פריילעכער געוואָרן, ווערן איצט טרויעריק. — אונדז, — זאָגט ער, — האָט מען געפּײַ־ניקט, מיר זאָלן אַלץ פארגעסן, האָבן מיר דאָך עפּעס פארהיט. פארוואָס קען ער ניט זײַן שפּראַך? סטראַנאָ אי דאָזשע אָסקאָרביטעלנאָ[3]. — דער אַלטער הייבט זיך אוף מיט זײַן אײַנגעבויגענעם רוקן און שאָקלט מיטן קאָפּ: — ניע כאָראָשאָ, ניע כאָראָשאָ...[4]

עס פילט זיך טאַקע, אז דעם מענטשן איז ניט גוט. ער איז אַלט, געהויקערט. בא זיך אין שטוב איז ער אַן איבעריקער, א לעבעדיקע מאַציייווע. און דאָ האָט מען נאָך בא אים דאָס לעצטע ביסל טרייסט צוגענומען. ער איז ווי אַן אַלטער בוים אין פרילינג, ווען דורך זײַן טרוכלײאוון שטאַם ציִען זיך מער ניט קיין זאַפטן פון דער ערד. טוט אים נאָר ווײ. ער שטייט הויל, מיט אָפּ־געדאַרטע צווײַגלעך, אָן גרינס.

ראַזע איסאַקאָוונע כאַפּט זיך, אז אויב רעב טאַנכום וועט אוועקגיין אַן אומצופרידענער, וועט עס איר שאַטן. עפּשער פארלײַדט מען זי נאָר דערפאַר, ווײַל זי ברענגט דעם אַלטן א ביסל נאַכעס, פארנעמט מיט עפּעס זײַן ליידיקע צײַט.

— רעב טאַנכום, איר מיינט, אז ער קען שוין טאַקע גאָרניט. וואָר זשע פרעגט די פיר קאַשעס צום סיידער?.. ער!

דער אַלטער דערהערט „פיר קאַשעס", גיט ער אזש א ציטער אוף. ער האָט דאָך אַמאָל אַליין געפרעגט די קאַשעס. געווען איז עס, עמעס, זייער, זייער לאַנג, פארצײַטנס...

דער אַלטער זעצט זיך ווידער אף זײַן פריִערדיק אָרט און נעמט פאר זיך אויסרופן ווערטער:

— סיידער, פּייסעך, קאַשעס, האַגאָדע, קניידלעך, מאַצע...

ער איז איצט שטאַרק צופרידן מיט זיך אַליין. ער געדענקט, ער ווייסט. אף זײַן פּאָנעם באַ־ווײַזט זיך א גליקלעכער שמייכל, וואָס לײַכט אוף, שײַנט אוף און באַשטראַלט זײַן גאַנצן אויסזען. מיט גרויס ליבשאַפט זאָגט ער:

[1] מאָדנע; [2] ניט פארשטענדלעך; [3] מאָדנע און אפילע באַליידיקנדיק; [4] ניט גוט, ניט גוט... (רוסיש).

— אבראַמטשיק, דאָראָגאָי[1], טו מיר די געפעליקייַט, פרעג בא מיר די פיר קאַשעס. אָטשען פּראָשו[2]. — זייַנע אויגן זייַנען פולֿ מיט געבעט, זיי לֿויכטן ארויס מיט יונגשאַפט.

פאַר דער מאַמען איז עס אומגעריכט. אָבער זי איז געוווינט ניט צו וווּנדערן זיך. אין פאַרמעגלעכע הייַזער טרעפן ניט זעלטן אומגעריכטע זאַכן. „און פון אבראַמטשיקן וועט דען עפּעס אָפּפאַלן, אויב ער וועט פרעגן די קאַשעס? — טראַכט די מאַמע. — דער אַלטער וועט זייַן צופרידן, וועט אויך זייַן צופרידן די באַלעבאָסטע. וועט זיך עס לאָזן פילן אין דער מאַטאָנע, וואָס די מאַדאַם וועט געבן“.

— נו, מייַן קינד, שעם זיך ניט, פרעג... רעב טאַנכום האָט עס פאַרדינט.

אבראַמטשיק דערפילט זיך, ווי גלייַך ניט ער זיצט עס אפן ווייכן שטולֿ, נאָר א שטיק האָלץ, וואָס קאָן זיך ניט רירן. ניט ער איז עס, נאָר עפּעס אַן אַנדערער פאַרבייַט אים. און אָט דער אַנדערער, וואָס פאַרבייַט אים, באַנעמט גאָרניט, פאַרשטייט גאָרניט, קוקט מיט אָפענע אויגן אפן אַלטן זיידן און ווייסט ניט, וואָס מע רעדט צו אים.

— אבראַמטשיק, אָטשען פּראָשו, — זאָגט דער אַלטער און קוקט מיט יענער ציטעריקער הייליקייַט, ווי עס קוקט א באָכער אף א מיידל, ווען ער דערקלערט זיך אין לֿיבע.

אבראַמטשיק שווייַגט.

— זון מייַנער, וואָס דאַרפסטו אַזויפילֿ טראַכטן? דו געדענקסט דאָך, האָסט דאָך ניט פאַרגעסן...

זי ווילֿ מיט אירע ווערטער העלפן דעם זון. זי זעט אָבער, אַז אבראַמטשיק איז גאָרניט קיין היגער. ער נעמט ניט אויף, וואָס מע רעדט צו אים. ער קאָן זיך נאָך אייַנאַקשענען און ניט פאָלגן. איר פעלט נאָך אַזאַ צאָרע. וואָס טוט מען? זי ווינקט צו אבראַמטשיקן, זי שאָקלט מיטן קאָפּ, זי באַוועגט מיט די הענט. עס העלפט ניט. בא דער מאַמען רייַסט זיך ארויס א שווערער און טיפער זיפץ, וואָס קאָן אופוועקן א טויטן. און דאָ דערהערט מען:

— רעב טאַנכום, איך וועלֿ בא אייַך פרעגן פיר קאַשעס. מאַ נישטאַנאַ האַלייַלע האַזע מיקאָלֿ האַליילעס... מיט וואָס איז הייַנטיקע נאַכט אַנדערש פון אַלע אַנדערע נעכט פון א גאַנץ יאָר, וואָס אַלע נעכט עסן מיר סייַ כאָמעץ, סייַ מאַצע, און הייַנטיקע נאַכט...

— זעט נאָר... דאָס יינגלֿ רעדט דאָך זשאַרגאָן...

אין צימער זייַנען אַרייַן די באַלעבאָסטע מיט צוויי טעכטער.

— זיידע טימאָפּיי, — זאָגט איינע פון די פרייַלנס, — איר זייַט מיד, גייט רוט זיך אויס.

דער אַלטער הייבט זיך טייקעף אויף און גייט אַוועק.

— ראָזע איסאַקאָוונע, דאָס איז אייַער זון? — פרעגט די זעלבע פרייַלן. — אבראַמטשיק? — און סייַ די באַלעבאָסטע, סייַ אירע טעכטער נעמען אים באַטראַכטן און באַקוקן פון אַלע זייַטן, ווי זיי וואָלטן זיך קלייַבן אים קויפן.

די פרייַלן זאָגט צו אבראַמטשיקן:

— מיר בעטן אייַך זייער, אבראַמטשיק, רעדט א ביסלֿ זשאַרגאָן. ס'איז טשיקאַווע צו הערן דעם דאָזיקן געמישטן דיאַלעקט. מיר פאַרשטייען נאָך דרעוונע יעוורייסקי... בלאַגאָראָדני יאַזיק...[3]

אבראַמטשיק ווייסט ניט, וואָס מיט אים טוט זיך. ער פילט אויס אַלץ, וואָס מע זאָגט אים. ער רעדט יידיש, ער פרעגט די קאַשעס, ער לֿייענט „יעווגעני אָניעגין“. ער שטעלט זיך, ער זעצט זיך. די אַרומיקע זאָגן אף אים מעווינעס, ווי גלייַך ער זאָלֿ ניט זייַן דערבייַ. און אַז מע גייט צוריק אַהיים, מוז אים שוין די מאַמע פירן אונטער דער האַנט. ער אַליין שטעלט קוים א טראָט, דער קאָפּ דרייט זיך אים. אים איז אַלציינס: לֿעבן, שטאַרבן — ער איז דורכויס גלייַכגילט. אין שטוב פאַלט ער אַוועק אפן געלעגער, און, אַז די מאַמע זאָלֿ ניט זען, וויינט ער זיך אויס.

...און איצט, איינעם וואַרעמען פאַרנאַכט, ווען דער הימלֿ איז פאַרגאָסן מיט רויטקייַט, איז ער מיט שעווען און יענטעלען ארויס שפּאַצירן.

זיי גייען זאַלבעדריט. אבראַמטשיק שווייַגט, שעווע שווייַגט, יענטעלע קאָן ניט שווייַגן. זי איז אומרויק, זי איז אומצופרידן, זי האָט געטאָן ניט קיין באַטראַכטע זאַך: אַוועק שפּאַצירן צוזאַמען מיט שעווקען. דאָס הייסט, אַז זי אַליין, מיט אירע אייגענע הענט, טיילט אבראַמטשיקן אָפּצווייען. עס באַקומט זיך, אַז מיט איר וואָלט אבראַמטשיק ניט געגאַנגען שפּאַצירן און זי האָט געמוזט אָנקומען צו שעווקען. „אַזוי קלוג און אַזוי זיך באַנאַרישט“, — טראַכט זי וועגן זיך.

זיי גייען, ווי מע זאָגט עס, גלאַט אין דער וועלט אַרייַן, וווּהין די אויגן פירן. די גאַסן זייַנען

---

[1] טייַערער; [2] איך בעט זייער; [3] העברעיִש... א הערלֿעכע שפּראַך... (רוסיש).

פול מיט מענטשן, אַלע אײַלן, אַלע זײַנען מיט עפּעס פֿאַרנומען. און יענטעלע, ווען זי זאָל ניט באַגעגענען, מוז זי וועגן יענעם עפּעס זאָגן. זי בײַסט זיך הײַנט. קיינער געפֿעלט איר ניט.

— גיט נאָר אַ קוק... אָט דער זעט אויס ווי אַ גאַנדז, ער סאָפּעט. איך האָב פֿײַנט, אַז מע סאָפּעט.

— זעט נאָר אַ גענגעלע באַ אַ מיידל. זי מיינט געוויס, אַז זי איז אַ שיינע. איך האָב פֿײַנט מיידלעך, וואָס מיינען...

אַף אַ גוט וואָרט איז יענטעלע קאַרג.

— אַבראַמטשיק, גיב נאָר אַ קוק, ווי געפֿעלט דיר? — ווײַזט זי אים אַף עמעצן.

אַבראַמטשיק זעט ניט, קוקט ניט... ער רעדט גאָר איצט ייִדיש פֿאַר די פּרײַלנס. ער פֿרעגט די קאַשעס. ער איז בייז אַף זיך אַליין, פֿאַרוואָס איז ער אַ דריידל אין פֿרעמדע הענט.

— שעווקע, גיב אַ קוק... ווי געפֿעלט דיר?

— מיר געפֿעלט.

— עס קאָן ניט זײַן.

— פֿאַרגעס ניט, יענטעלע, אַז מע רופֿט מיך ניט שעווקע, נאָר שעווע, שעווע באַדילקעס.

דערויף ענטפֿערט ניט יענטעלע. פֿאַר שעווען האָט זי מוירע.

זיי זײַנען אַרויס אַף טווערסקאַיאַ. אַפֿן בולוואַר באַם פּושקין־דענקמאָל האָבן זיי דערזען אַ גרויסן עולם. אַ רעדנער רעדט.

— אַ מיטינג אַף אַ נאָווינע, — זאָגט יענטעלע אומצופֿרידן.

אַבראַמטשיק, וואָס האָט די גאַנצע צײַט קיין וואָרט נאָך ניט אויסגערעדט, דערפֿרייט זיך. אַ מיטינג.

— קומט!

באַם דענקמאָל שטייט מען געדיכט צונויפֿגעפּרעסט. אַפֿילו אַף די לאַנגע בענק אונטער די צעוואָקסענע ביימער שטייען מענטשן. פֿונדערווײַטנס זעען זיך אַרויס פּרויען־היט, מאַנצבלשע שטרויענע קאַפּעליושן, קאַרטוזן, קאַפּטיכלעך, גימנאַזיסטישע היטלען און זייער, זייער אַ סאַך סאָלדאַטישע היטלען מיט דאַשעקעס און אָן דאַשעקעס. אַלעמענס פּענעמער זײַנען געווענדט צום רעדנער, וואָס האַלט דאָס היטל אין דער האַנט, און ווען ער דאַרף עפּעס זאָגן וויכטיקס, הייבט ער אויף די האַנט מיטן היטל און פּאַטשט מיט דעם אינדערלופֿטן. ער פֿאַרהייבט דעמלט אויך דעם גרויסן קאָפּ, און זײַנע שיטערע האָר נעמען זיך באַוועגן.

דער עולם אַרום ווערט אַלץ גרעסער.

דער רעדנער רעדט שוין היפּשלעך, נאָר קיינער פֿאַרשטייט דערווײַל ניט, פֿאַר וועמען ער איז. אָט שרײַט ער אויס:

— פֿאַרגיסן מענטשלעך בלוט איז אומדערלאָזבאַר, אַפֿילו אַ פֿאַרברעכן! — ער פּאַטשט מיט זײַן היטל אינדערלופֿטן, ער גיט מיט דעם צו וויסן, אַז ס'איז בעעמעס אומדערלאָזבאַר. — אָבער... — ער לאָזט אַראָפּ די האַנט מיטן היטל, — אַ מענטש, אַז ער גיט אַ וואָרט, מוז ער עס אויספֿילן. הײַנט אַ מעלוכע? וויבאַלד רוסלאַנד האָט צוגעזאָגט די פֿאַרבינדעטע...

ער דערעדט ניט. ער פֿילט, ווי דער עולם ווערט אָפּגעבראַכט, באַזונדערס די סאָלדאַטן, און ער פֿאַרכאַפּט זיך באַלד, גיט ווידער אַ פּאַך מיטן היטל און שרײַט אויס:

— פֿאַרגיסן בלוט איז אומדערלאָזבאַר. אָבער מיר קאָנען דאָך ניט אָפּשטיין פֿון אונדזערע פֿאַרבינדעטע. מילכאָמע איז ניט קיין שפּילכל. וויבאַלד מילכאָמע, — מוז מען דאָך זיגן. עמעס, מיר פֿאַרשטייען זייער גוט...

ער זאָגט און דערזאָגט ניט.

עס דערהערט זיך אַן אויסגעשריי:

— אי נאַשים, אי וואַשים[1]. פֿאַר וועמען ביסטו?

און באַלד נעמט מען שרײַען פֿון אַלע זײַטן:

— פֿאַר וועמען ביסטו? רייד!

— דו באַווײַז אונדז ניט דײַן היטל, דײַן נעשאָמע באַווײַז אונדז.

— שאַלעם צי מילכאָמע?

דער רעדנער הייבט אויף די האַנט מיטן היטל און בעט זײַן שטיל. עס דויערט, עמעס, אַ היפּש ביסל, אָבער עס ווערט שטיל. דער עולם וויל וויסן, וואָס וועט ער איצט זאָגן. מיט קיין האַלבע ווערטער קאָן מען שוין ניט אָפּקומען.

---

[1] בוכשטעבלעך: אי פֿאַר אונדזערע, אי פֿאַר אײַערע (רוסיש). געמיינט: אַלעמען צופֿרידנשטעלן, מאַכן פּשאָרעס.

— טײַערע בירגער, מע טאָר ניט שטעלן די פראגע אָדער־אָדער... אָדער מילכאָמע, אָדער שאָלעם. פאראן צײַטן, ווען מילכאָמע איז נייטיק...

— אזוי גאָר?! — רופט זיך אָפּ עמעצער. און באלד נעמט מען ווידער שרײַען:

— דאָלאָי, דאָלאָי![1]

— דאָוואָלנאָ קראָוושקי פּראָליוואט[2].

— דאָלאָי, דאָלאָי!

דער רעדנער פארלירט זיך. ער בלײַבט שטיין מיט צע־שפּרייטע הענט, ער וויל נאָך ריידן. אוועקגיין אונטערן געשריי „דאָלאָי" איז א ביזאָיען. אָבער ריידן ווײַטער לאָזט מען ניט. שטייט ער און פאָכעט מיטן היטל. די סאָלדאטן שרײַען אַלץ: „דאָלאָי".

— כוליגאנעס, — זאָגט יענטעלע, — א מענטש רעדט, אן אינטעליגענטער מענטש, אומדערלאָזבאר...

אבראמטשיק איז דאפקע צופרידן. דער רעדנער פירט זיך אוף, ווי די מאמע זײַנע אין די פארמעגלעכע הײַזער. זי וויל אויך סײַ האלטן זיך מיט ווירדע, סײַ יענעם כאנפענען. בא זיך אין קאָרידאָר גייט זי ארום מיט א פארהויבענעם קאָפּ, און אין די גווירישע הײַזער לאָזט זי זיך דערנידעריקן. אבראמטשיק שרײַט אויך „דאָלאָי!". ער שרײַט עס ניט אזוי קעגן דעם רעדנער, ווי קעגן זײַן מאמען, קעגן זיך אליין, קעגן זײַן שוואכקײַט. ער שרײַט זיך אויס, און עס ווערט אים לײַכטער.

דערווײַל דערהערט זיך פון סטראסטנאָי מאָנאסטיר א געזאנג, און אלעמענס בליקן ווענדן זיך אהין.

פונעם מאָנאסטיר גייען לאנגזאם־רויִק ארויס מאָנאשקעס מיט פּאטשערקעס, הייליקע ספּאָ־רימלעך, גאָטס בילדער אין די הענט. אלע אין שווארצע קליידער ביז די קאמאשן, שווארצע טיכלעך אַף די קעפּ און אראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער ערד. פאָרויס גייט א גאלעך אין יאָמטעוו־דיקע קליידער, טראָגט א גרויסן ציילעם מיט א געקרייצטן יעזוס. די מאָנאשקעס זינגען מיט היספּײַלעס „קאָל סלאווען נאש גאָספּאָד..."[3] נאָך זיי באוועגן זיך א סאך פרויען און מאנצבלען. די פּראָצעסיע דערנעענטערט זיך צום דענקמאָל. א סאך פון די פארזאמלטע אפן מיטינג נעמען אראָפּ די היטלען און ציילעמען זיך. א טייל לאָזט זיך גיין מיט דער פּראָצעסיע.

אלע אפן בולוואר זײַנען אונטערן אײַנדרוק פונעם געזאנג, וואָס דערטראָגט זיך אַלץ שטי־לער און שטילער. דעם פאָריקן רעדנער זעט מען שוין ניט. אַף זײַן אָרט שטעלט זיך א נידעריק פולבלעך מענטשל מיט א געשאָרן קליין בערדל. ער איז אָנגעטאָן אין א רעקל מיט מעשענע קנעפּ. א טשינאָווניק אָדער א לערער.

— די פּראוואָסלאוונע צערקווע פארייניקט אונדז אלעמען. מיר און אונדזער רעגירונג זײַנען איינס. מיר מוזן מיט די דײַטשוקעס מאכן א סאָף. צוזאמען מיט די פארבינדעטע דארפן מיר זיך שלאָגן ביזן ענדגילטיקן זיג. סאָלדאטן, לאָזט זיך ניט פארפירן פון די סאָנים. די באָלשעוויקעס ווילן אונדזער מאפּאָלע. אלע ווי איינער דארפן מיר שלאָגן דעם סוינע...

— און דו וועסט זיצן אין דר'היים?

— איך גיי אויך.

— דער עמעסער וואָיאקע[4]! — רופט אויס א סאָלדאט. און אלע ארום צעלאכן זיך.

— גענוג בלוט פארגאָסן! — שרײַט א צווייטער סאָלדאט, מיט א לאנגער און פארוואָקסענער העלער באָרד. ער האָט זיך דורכגעשטופּט צום רעדנער, אים א כאפּ געטאָן פאר דער האנט און

[1] נידער! [2] גענוג צו פארגיסן בלוט; [3] געלויבט איז אונדזער גאָט; [4] קריגסמאן, קעמפער, דאָ גענוצט איראָניש (רוסיש).

אראָפּגעשלעפּט פון זײַן אָרט. — צי דען, — ווענדט ער זיך צום עולם, — איז דאָ קיין איין באָלשעוויסטישער רעדנער ניטאָ? ווו איז א באָלשעוויק? — און אײדער עמעצער באוויַזט עפּעס צו זאָגן, שרייַט ער אויס: — נידער מיט דער מילכאָמע! זאָל לעבן דער שאָלעם! נידער מיט די מיניסטאָרן־קאַפּיטאַליסטן!

צוריק אהיים איז אבראמטשיק געגאנגען א צופרידענער. אים האָט זיך זייער געוואָלט, ווי אָט דער סאָלדאט מיט דער לאַנגער באָרד, הויך אַף דער גאנצער וועלט אויסשרייַען: נידער! נידער מיט די פארמעגלעכע הײַזער, נידער מיט דער מאדאם און מיט אירע טעכטער. פון הײַנט אָן, — זאָגט זיך אבראמטשיק, — גייט ער אין ערגעץ ניט מיט דער מאמען. ער וויל ניט און קאָן מער ניט. ער מוז זײַן א מענטש. נאָר דערווײַל שווײַגט ער, אבראמטשיק. אים איז גוט צו שווײַגן. שעווע רעדט אויך ניט. זי שטעלט זיך פאָר, ווי זי וועט אין דר'היים דערציילן מיט אלע אייַנצלהייַטן באסיען און שלוימען, וואָס אַפן מיטינג איז געווען. באזונדערס וועט זי אָפּמאָשלען דעם סאָלדאט מיט דער באָרד, וואָס האָט געזוכט באָלשעוויקעס. שעווע טראָגט פאר די אויגן דאָס בילד פון דעם מיטינג, פון די רעדנער, פון דער פּראָצעסיע... זי וויל עס ניט צעקלאַפּן, זי וויל גאָרניט פארלירן, שווײַגט זי.

יענטעלע וואָלט עפּשער איצט אויך געשוויגן. איר איז דאפקע אַפן הארצן שווער. זי פאר־לײַדט ניט, ווען מען שרײַט „דאָלאָי". זי נעמט עס אוף, ווי מע וואָלט געשריַען קעגן איר. אָבער אײַנהאַלטן זיך און שווײַגן איז איבער אירע קויכעס. און בא איר רײַסט זיך ארויס:

— גראָבע יונגען.

— זאָג מיר, יענטעלע, פון וואָס פאר א יִכעס שטאמסטו? — פרעגט שעווע. — ווער איז דײַן טאטע?

— מײַן פאפּא איז א גרויסער מענטש.

— ווער איז ער?

— א בוכהאלטער.

— ווו?

— בא פערסיצן אַף דער פאבריק.

— אזוי גאָר... איך ארבעט אויך אַף דער פאבריק. איצט ווייס איך. דער פליכעוואטער בוכ־האלטער איז דײַן טאטע. ער איז אין דיר שטארק געראָטן, דײַן טאטע. א בייזער, א שלעכטער, ניט קיין פארגינער...

— איך פארשטיי גאָרניט, סימע, וויאַזוי האָט מען עס געקאָנט לעבן הינטער א לײַלעך, הינטער א קאָלדרע... — האָט פריילעך און האָפּערדיק געטײַנעט צו סימען אָשערקע באדילקעס, ווען אינעם גרויסן צימער מיט די דרײַ ליכטיקע פענצטער האָט מען אראָפּגענומען די לעצטע לײַלעך־וואנט. — ווי האָט מען עס געקאָנט?

ער האָט גערעדט הויך, אַפן גאנצן קאָל. מער האָט מען שוין איצט ניט געדארפט ריידן שטיל, זיך שעפּטשען צווישן זיך, מוירע האָבנדיק א שאָכן פון שלאָף אופצוועקן.

— פארוואָס פארשטייסטו ניט, אָשער? קאָנסט דאָך נעמען א בײַשפּיל פון זיך אליין. א מענטש געוווינט זיך צו אלץ צו. ניט אומזיסט זאָגט מען: מע זאָל ניט געפּרווט ווערן, צו וואָס מע קאָן געוווינט ווערן.

סימען איז איצט לײַכט אַפן הארצן. אלע קינדער זײַנען מיט איר. זי פילט זיך יִנגער און רויִקער.

— א טאנץ־קלאס, — זאָגט אָשערקע, — מע מעג אין צימער לאַכן, זינגען, טאנצן. קיינער וועט קיין דייע ניט זאָגן.

אינגיכן האָט מען זיך ארומגעזען, אז אין גערואמען צימער איז פּוסטלעך. ניטאָ קיין איבעריק בענקל. עס קומט אויס צו זיצן אַף די געלעגערס. און אז א מענטש קומט ארײַן?

די יונגע האָבן געקויפט א ביסל מעבל. סימע מיט אָשערקען האָבן געטראַכט: „מעבל? מע וועט דאָך פאָרן צוריק אהיים, איז נאָך וואָס מעבל?" געזאָגט אָבער האָבן זיי גאָרנישט. זיך ניט געמישט. זאָלן זיך די יונגע טאָן, ווי זיי פארשטייען. מיט יאָרן צוריק האָבן זיי געהאלטן, אז באסיע איז צעבאלעוועט און קריכט פון דער הויט. איצט, פארקערט, איז באסיע בא זיי די גרעסטע כאכאָמע, זי ווייסט, וואָס זי טוט. דער טאטע מיט דער מאמען איבערצײַגן זיך אין דעם אלץ מער און מער. אלע טאָג קומען געסט: פארשיקטע, וואָס קערן זיך אום פון סיביר. זיי קומען צו שלוימען און באסיען. אמאָל בלײַבט מען אויך נעכטיקן.

סימע און אַשערקע נעמען אויף די געסט זייער פרייַנטלעך. זיי וווּנדערן זיך: ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן און זיך פאָרשטעלן, אַז די דאָזיקע מענטשן, וואָס א סאַך פון זיי שטאַמען פון דער שטאָט באַם ניעמאַן, האָבן אָפּגעגעבן זייער יוגנט און זייער געזונט פאַר דער רעוואָלוציע!

אַשערקע מוז זיך אויסריידן פאַרן ווייַב.

— סימע, אָט די, וואָס איז נעכטן בא אונדז געווען, איז דאָך מאָטיע טשאראַפּס אַן אייניקל. רייזל רופט מען זי.

— דו ווייסט, סימע, די, וואָס איז הייַנט בא אונדז געווען, איז דאָך אויך מאָטיע טשאראַפּס אַן אייניקל. כאַנע איז איר נאָמען. צי געדענקסטו ניט? זי האָט געלעבט בא אונדז אין דער אכ־סאַניע, בא זלאַטע דער אָסאָבע. איר מאַן איז לייזער, ראַשקעס זון.

— זע נאָר, סימע, זע נאָר... דער לערער מעדרעש. ער אויך?

ערשט איצט האָבן אַשערקע מיט סימען זיך דערוווּסט אזוינס, וואָס זיי וואָלטן זיך קיינמאָל ניט דערוווּסט, ווען שלוימע איז ניט זייער איידעם.

צוויי פאַלן האָט זיי מער פאַר אַלץ איבעראַשט.

ס׳איז צו זיי געקומען אין געסט רעב נאַכמענקעס אייניקל. אַשערקע איז צעוּערשט געווען מאַמעש ווי געפּלעפט. אפילע ריידן ניט געקאָנט. שפּעטער האָט ער געזאָגט:

— א קלוג מיידל, א שיין מיידל... רעב נאַכמענקעס אַן אייניקל. אזא יִיכעס, און אויך זי...

— אַשער, מיר האָבן געלעבט ניט אָף דער ערד, נאָר אָפן הימל, — האָט אים געענטפערט סימע, — מיר האָבן גאָרניט געוווּסט, וואָס ארום אונדז טוט זיך.

רעב נאַכמענקעס אייניקל, האָדעס, רופן אַלע צוליב איר קליינעם וווּקס — האָדעסל. זי איז ניט הויך, אָבער שטאַלטנע, מיט גרויסע שווארצע אויגן און לאַנגע שעמעוודיקע ברעמען. זי האָט אַן אויסזען פון א רעבנס א טאָכטער אָדער פון א יונגער רעבעצן ערשט נאָך דער כאַסענע, וואָס וויל ניט אָפּשערן די אייגענע האָר און טראָגט ניט קיין שייַטל. זי איז א יאַמטעוודיק־זייַדענע, א גוטהארציקע און א לאַכערקע. זי פאַרמאָגט אָבער א שאַרפן קאָפּ און א שאַרף צינגעלע, וואָס קאָן ריידן און איבערריידן. האָדעסל קאָן אַלץ דערווייַזן לאָגיש און מיט פאַקטן.

פונעם ערשטן לייַכטן און שטילן טראָט, וואָס זי האָט אַרייַנגעשטעלט צו די באַדילקעסעס אין שטוב, האָבן זי אַלע ליב באַקומען. אַלע האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז איר קאָן מען אַלץ פאַר־טרויען: א שווער הארץ און א פריידיקע יעדיִע. ס׳איז קיין שאָ ניט אַוועק, ווי עס האָט אַלעמען אין שטוב געגומען דוכטן, אַז מע איז מיט איר שוין לאַנג, לאַנג באַקאַנט. מיט שוועגן איז זי גלייַך געוואָרן כאַווער. שוועגן ווילט זיך איר אפילע זאָגן „דו". שוין דעם ערשטן טאָג האָט איר שוועגע אַלע סוידעס פאַרטרויט, דערציילט וועגן טעווקען. אַלע האָבן גלייַך דערזען די גרויסע מייַלע האָדעסעס: זי קאָן הערן, זי קאָן שווייַגן, זי קאָן מיטפילן און געבן אַן אייצע. קיינער האָט ניט געהערט, זי זאָל דערציילן וועגן זיך. וועגן זיך שווייַגט זי. זי וויל בעסער וויסן אַלץ וועגן דעם זיידן אירן. ווי נאָר זי איז די שוועל אריבער, האָט זי באַלד געפרעגט אָף רעב נאַכמענקען: וואָס מאַכט ער? ווען האָט מען אים געזען?

אין יענעם אָוונט, ווען זי איז צום ערשטן מאָל געקומען, זייַנען געווען געסט: מעדרעש, לייַ־זער, כאַנע. אַלע זייַנען געזעסן ארום טיש.

— דעם בעסטן גרוס וועל איך דיר אָפּגעבן, — האָט געזאָגט באַסיע.

— דערצייל, דערצייל... א גוטער זיידע בא מיר. נאָר וועגן מיר האָט ער געטראַכט. ער האָט ליב געהאַט מענטשן, אַן אָרנטלעכער, אָך, אַן אָרנטלעכער... אין הארצן איז ער געווען מיט אונדז. פייַנט געהאַט שלעכטע מענטשן. דערצייל, דערצייל, באַסיע.

— דאָ זיצן אַלע איידעס, — האָט אָנגעהויבן באַסיע. — אַלץ וועט ארויף, ווי בוימל אָף וואַסער. כאַנע, איר געדענקט, ווען איך האָב אייַך געליִען הונדערט רובל?

— געליִען. איך לייקן ניט.

— אַלע האָבן זיך דעמלט געכידעשט: כאַנע, שלוימע, עסטער... באַסיע האָט געליִען כאַנען הונדערט רובל וועג־הויצאָעס קיין סיביר. פונוואַנען האָט זיך צו באַסיען געגומען הונדערט רובל? וועגן דעם, כאַכאָמים, האָט איר ניט געטראַכט. נו, און לאָמיר זאָגן, אַז באַסיע האָט טאַקע הונדערט רובל, איז זי אזא גוטע און גיט עס אָפּ כאַנעלען? דערבייַ נאָך, אַז באַסיע האָט געוווּסט, אומקערן צוריק דאָס געלט וועט מען, ווען מאָשיִעך וועט קומען. עמעס איז, אַז באַסיע איז דעמלט געווען מעשוגע פאַרליבט אין שלוימען. אָט די באַסיע (זי האָט אָנגעוויזן אָף זיך מיט א פינגער) האָט די וועלט ניט געזען, איז נאָך אים אויסגעגאַנגען... דאָס ווייסן אַלע. איז דעריבער וואָס? דאַרף זי געבן כאַנען הונדערט רובל, וועלכע זי האָט ניט?

— עמעס, באַסיע, עמעס... ביסט גערעכט. דערצייל, — האָט כאַנע געבעטן.

— הערט מיט קאָפּ. צו אונדז אין דער „גווירישער אכסאַניע" איז געקומען רעב נאַכמענקע. איר ווייסט אַלע, אַז ער פלעגט קלייַבן נעדאָוועס פאַר אָרעמע, געפאַלענע, אומגליקלעכע. קומט

ער אָבער אַרײַן פונקט דעמלט, ווען מע זיצט אין גרויסן צימער און מע שפּילט אין קאָרטן. דעם באַנקיר איז, אַפּאָנעם, ניט געגאַנגען, איז ער אָנגעפאַלן אַפן אַרײַנגעקומענעם מיט זידלערײַען. נאָר אַז די קאָרטנשפּילער האָבן דערקענט רעב נאַכמענקען, האָבן זיי געבעטן, ער זאָל זיי מויכל זײַן. און ווײַל זיי האָבן געוואָלט אויסקויפן זייער זינד, האָבן זיי דאָס גאַנצע געלט, וואָס איז געשטאַנען אין באַנק, אָפּגעגעבן רעב נאַכמענקען אַף צעטיילן אָרעמעלײַט נעדאָוועס, העכער הונדערט רובל. אָט מיט דעם געלט איז רעב נאַכמענקע אַרײַן צו דיר, כאַנעלע, געפרעגט, ווען דו פאָרסט, און דערבײַ געזאָגט: „דיר פעלט אוואַדע געלט אין אַזאַ ווײַטן וועג...‟ און דו, כאַנעלע, האָסט געענטפערט, אַז דו האָסט איבערגענוג. ער האָט דיך געבענטשט און איז שטילערהייט אַרויס. אין הויף בין איך צו אים צוגעגאַנגען און געבעטן, ער זאָל פועלן בײַ גאָט, אַז שלוימע זאָל מיך ליב האָבן. „איך וועל בעטן, — האָט רעב נאַכמענקע געענטפערט, — ער וועט דיך ליב האָבן. גאָט וויל אָבער, אַז מע זאָל בײַ אים אַלץ פאַרדינען, מע זאָל טאָן אַ מיצווע. אײַער שאָכנטע פאָרט אין ווײַטן וועג, און געלט, נעבעך, האָט זי ווינציק. בײַ מיר, זעסטו, וועט זי ניט נעמען, זי איז פון די הײַנטצײַטיקע. מאַך אַזוי, טאָכטער, אַז דאָס געלט זאָל צו איר אָנקומען. דערפאַר וועט דיך דײַן כאָסן ליב האָבן, ער וועט זײַן דײַן מאַן‟. איך האָב דאָס געלט גענומען און געלײַען כאנעלען. און שלוימע האָט מיך ליב באַקומען, און ער איז געוואָרן מײַן מאַן.

באַסיע האָט אַ קוק געטאָן פריִער אַף שלוימען, דערנאָך אַף כאַנעלען און צולעצט אַף האָדעסן.

— און דעם איקער וועל איך אײַך דערציילן, — האָט באַסיע צוגעגעבן, קוקנדיק אַף האָדעסן, — רעב נאַכמענקע האָט נאָך געזאָגט: „בײַ מיר איז אַן אייניקל אויך אין די ווײַטע קאַנטן, אין די קאַלטע ערטער. אַ גוטע, אַ שיינע... און לײַדט, נעבעך... יוישער זוכט זי‟.

— אַ גוטער זיידע בײַ מיר, — האָט געזאָגט האָדעס.

— אוואַדע אַ גוטער, — האָט זיך אָפּגערופן שלוימע. — אָט פונוואַנען די הונדערט רובל האָבן זיך גענומען!

— באַסיע, אויב אַזוי, קום איך דאָך דאָס געלט ניט דיר, — האָט כאַנעלע געזאָגט.

— אוואַדע ניט. קיינעם ניט. קאַרטיאָזשנע געלט.

סימע מיט אָשערקען זײַנען געשטאַנען אין דער זײַט בײַם קאַלטן קאַכלנעם אויוון און זיך צוגעהערט צו יעדער וואָרט. זיי איז עס אַפילע שווער צו גלייבן. באַסיע האָט געהאַלטן אין אירע הענט הונדערט רובל און זיי אוועקגעגעבן כאַנען. אַזוינס דאַרף מען קענען. אָשערקע האָט דעמלט געוווּסט וועגן דעם, אַז דער גאַנצער באַנק איז אוועק צו רעב נאַכמענקען. ער איז געווען ניט דער איינציקער, וואָס האָט געטראַכט, אַז פון אַזאַ סומע וועט דער גרעסטער אָרנטלעכער מענטש עפּעס אַראָפּלאָזן צו זיך אין קעשענע. לאָזט זיך אויס... פאַראַן עמעסע אָרנטלעכע מענטשן.

שעווע איז געווען פאַרקישעפט פון דעם, וואָס באַסיע האָט דערציילט. באַסיע, איר שוועסטער באַסיע, איז גאָר ניט אַזאַ פּאָשעטע, ווי מע האָט עס געמיינט. און די האָדעס... די שטשופּלינקע, שוואַכינקע האָדעס איז געווען אין קאַלטע און ווײַטע קאַנטן... און איז געקומען צוריק אַ פריילעכע, אַ לעבעדיקע. עס לאָזט זיך אויס, אַז דער זיידע אירער איז גאָר אַזאַ מענטש, וואָס טראַכט ניט וועגן זיך, נאָר וועגן יענעם. ער איז ענלעך אַף זײַן אייניקל האָדעס, אַף כאַנעלען, רייזלען, אַף לייזערן און שלוימען. שעווען איז אַזאַ מענטש צום האַרצן. איר איז נאָענט און ליב, וואָס די דאָזיקע מענטשן דערציילן וועגן אַמאָל און וועגן הײַנט. די רעוואָליוציע, וועגן וועלכער זייריידן און פאַר וועלכער זיי קעמפן, ווערט איר אויך נאָענט און טײַער. און פאַרבונדן איז עס אַלץ מיט איר ליבע צו טעווקען. איר איז גוט, איר איז לײַכט, און זי וויל, אַז אַלעמען זאָל גוט זײַן.

און נאָך אַ פאַל.

שלוימע איז געקומען אַהיים אַ פריילעכער, אַ צעראַשטער, ער איז אײַליק אַרײַן אין שטוב, ייִנגלש אַריבערגעשפּרונגען די שוועל. באַסיע האָט באַלד באַמערקט, אַז ער האָט געבראַכט גוטע נײַעס.

— שלוימעלע, וואָס איז געשען?

— אין מאָסקווער קאָמיטעט האָב איך באַגעגנט אַ כאַווער. איך האָב דיר, דוכט זיך, וועגן אים דערציילט. סערגיי רופט מען אים. מאָרגן וועלן בײַ אונדז זײַן געסט.

אַף מאָרגן האָט מען זיך בײַ די באַדילקעסעס געגרייט, ווי צו אַ כאַסענע. באַסיע מיט שעווען האָבן געראַמט די שטוב, געלײַען בענק און שטולן. סימע האָט געגרייט קיבעד פון פאַרשיידענע פּאָטראַוועס. שלוימע האָט זיך צו קיין זאַך ניט צוגערירט. אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אַן אומגעדולדיקער. באַסיע האָט פון אים געקליבן נאַכעס. זי האָט ליב זײַן באַוועגלעכקײַט, זײַן אומרויִקײַט, זײַן ניט קאָנען אײַנזיצן אַף אַן אָרט.

אין אָוונט האָט זיך צונויפגעזאַמלט קימאַט די גאַנצע אַמאָליקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון דער שטאָט באַם ניעמאַן. די ערשטע זײַנען געקומען אַלעקסיי מיט סערגייען, דערנאָך מעדרעש מיט ליובאַטשעווסקין. שפּעטער אַ ביסל האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט דרײַען מיטאַמאָל: לייזער, כאַנע

און לאַנטוצקי. איינציקווייַז זייַנען אַרייַן האָדעס און רייזל. קימאַט דער לעצטער איז אַרייַנגעקומען א באַיאָרטער אָפּיצער. ווען ער איז אַרייַן, זייַנען שוין אַלע געזעסן באַם טיש, געטרונקען, געגעסן, געלאַכט און געזונגען.

סערגיי איז אים אַרויס אַנטקעגן. דער אָפּיצער האָט אים געדריקט די האַנט, נאָר געקוקט האָט ער אויף באַסיען. דערנאָך געזאָגט צו איר:

— קיין טאָעס, דוכט זיך, האָב איך ניט. דאָס האָבן מיר מיט אייַך שפּאַצירט אַהיןיב מילכאַמע איבער דער הויפּט־גאַס פון דער גרינער שטאָט באַם ניעמאַן? איר געדענקט? דערנאָך זייַנען מיר געווען אין שווייצאַריע־סאָד. באַשערט געווען א שיין מיידל פירן אונטער דער האַנט.

— און איבערגעבן דעם מאַניפעסט פון צעקאַ.

— צוליב דערייַן האָבן מיר שפּאַצירט.

— אַך, אַזוי... דאָס זייַט איר... — האָט זיך אָפּגערופן סערגיי, — דאָס האָט אייַך עסטער כייפעץ רעקאָמענדירט...

איצט האָבן זיך אַלע גענומען דערמאָנען פאַרשיידענע צופאַלן, וואָס זייַנען פאָרגעקומען, וויאַזוי ווער מיט וועמען האָט זיך באַגעגנט, וועלכע אויפגאַבן האָט מען אויסגעפילט.

אַשערקע און סימע האָבן געהאַט וואָס צו באַוווּנדערן. שוין איז ווידער געזעסן, ווי פאַר־קישעפט. באַסיע, איר אייגענע שוועסטער באַסיע, איז דאָך גאָר א העלדין! זע נאָר, ווי זי האָט ריזיקירט! און דער אָפּיצער, וואָס האָט נאָך מער ריזיקירט, איז איר נאָענט, ווי א פרייַנט. און די אַלע, וואָס זיצן באַם טיש, זייַנען גוטע מענטשן, געטרייַע כאַווירים.

שפּעטער דאַרף מען איצט ניט אויפקלערן וועגן רעוואָליוציע און באָלשעוויקעס. עס ווערט אייַנ־געוואָרצלט, עס ווערט אייגנס. אויף דער פאַבריק, ווו זי אַרבעט, כאַווערט זי זיך מיט באָלשעוויקעס, איז מיט זיי פאַרבונדן.

אין איינעם א טאָג איז געקומען נאָך א גאַסט, — שימען דימענט האָט זיך אומגעקערט פון פּעטראָגראַד.

12

די לעצטע צייַט איז שימען דימענט עטלעכע מאָל געווען אין פּעטראָגראַד. אַלע מאָל, ווען ער קערט זיך אום צוריק, קומט ער אין אָוונט אַרייַן צו די סווערדלינס דערציילן כאַווירים נייַעס. שוועלע הערט אויך.

ס׳איז געווען א זומערדיקער אָוונט. באַטאָג האָט געברענט די היץ, צו פאַרנאַכט איז גע־וואָרן שטאַרק דושנע, און אַלעמען האָט זיך געוואָלט, אַז א רעגן זאָל כאָטש א ביסל אָפּפרישן די שטאָט. אָבער קיין סימען פון קיין וואָלקן האָט זיך ניט באַוויזן. שימען דימענט, ווי אַמאָל נאָך מיט געקרויזטע האָר, כאָטש שוין א סאַך שיטערער, ווי אַמאָל, זיצט באַם טיש אָן א רעקל, מיט א צע־שפּיליעט העמדל און דערציילט פאַר אַלעמען, ווי ער האָט אין פּעטראָגראַד אָנטיילגענומען אין דער דעמאָנסטראַציע פונעם פערטן יול. ער האָט געהערט לענינס רעדע פונעם באַלקאָן פון קסעשינסקעס פּאַלאַץ. א האַלבער מיליאָן מענטשן האָבן דעמאָנסטרירט מיט באָלשעוויסטישע לאָזונגען.

„איצט איז א פרידלעכע אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד שוין אומעגלעך, און די פראַגע ווערט דורך דער געשיכטע געשטעלט אַזוי: אָדער א פולער זיג פון דער קאָנטער־רעוואָליוציע, אָדער א נייַע רעוואָליוציע", — האָט געזאָגט לענין.

און דעם פינפטן יול, טאַקע אויף מאָרגן, הייסט עס, האָבן די יונקערס פאַרטאָג צעגראַמירט די באָלשעוויסטישע צייַטונגען „פּראַוודאַ" און „טרוד". עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן. דאָס רעגירונגס־מיליטער האָט פאַרנומען די פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. דעם זיבעטן איז אַרויס א באַפעל צו אַרעסטירן לענינען.

די רעוואָליוציאָנערע מיליטער־טיילן האָט מען אָוועקגעשיקט אויפן פראָנט. די פּרעסע איז פול מיט בילבולים אויף די באָלשעוויקעס.

— אָט אַזוי, כאַווירים... דער פרידלעכער פּעריאָד פון דער רעוואָליוציע איז פאַרענ־דיקט, — האָט צום שלוס געזאָגט שימען דימענט.

שוועלע, וועלכע כאַפּט אַלץ גיך אויף, האָט שוין באַמערקט, אַז די לעצטע טעג האָט זיך בא שלוימען און זייַנע כאַווירים די שטימונג געענדערט. שוועלע האָט זייער ליב געהאַט, ווען שלוימעס כאַווירים קלייַבן זיך צונויף און דערציילן וועגן אַמאָל. איצט פאַרנעמט מען זיך ניט מיט דעם. אויב מע רעדט שוין יאָ — איז עס ניט וועגן דער רעוואָליוציע, וואָס איז געווען, נאָר וועגן א רעוואָליוציע, וואָס דאַרף זייַן. צו אָט דער רעוואָליוציע גרייט מען זיך. מע האָט ביכלאָל אויפגעהערט צו דערציילן וועגן אַלץ פאַר אַלעמען. ניט אַלע דאַרפן אַלץ וויסן.

שעווע האָט אויך באַמערקט, אַז באַקאַנטע און שכנים, וועלכע פֿלעגן פֿריִער פֿרעגן: „וואָס זאָגן די באַדילקעסעס, ווי איז זייער מיינונג?" — פֿרעגן איצט גאָרניט, זאָגן גאָרניט, מײַדן אויס די שטוב, האָבן מוירע צו קוקן אַף שלוימען און באַסיען. אינדערשטיל סוידעט מען זיך: „באַל־שעוויקעס"...

ראָזע איסאַקאָווגע האָט זיך אופגעהערט צו גריסן. זי קוקט גאָר אַפילע ניט אין דער זײַט, ווו די באַדילקעסעס וווינען. יענטעלע, ווען זי קומט אַמאָל צו אַבראַמטשיקן, מאַכט זי זיך גאָר ניט ווּיסנדיק, אַז זי איז מיט שעווען באַקאַנט.

ראָזע איסאַקאָווגע וויל וואָס גיכער אַריבערפאָרן אין אַן אַנדער דירע, אַף אַן אַנדער גאַס, זי זאָל זיך ניט דאַרפֿן באַגעגענען מיט אָט די געפערלעכע מענטשן. יענטעלע גיט איר אונטער מוט, יאָגט זי אונטער:

— פֿאַר אַבראַמטשיקן וועט עס זײַן בעסער. וואָרעם פֿון אָט דער שעווען קאָן ער זיך אָפּ־לערנען נאָר שלעכטס.

ראָזע איסאַקאָווגע שאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ. אַוודאי, הייסט עס, וועט זי אַריבערפאָרן, נאָר זי האָט מוירע פֿאַר אַבראַמטשיקס געזונט. ער זאָל ווידער קראַנק ניט ווערן. יענטעלע שטויסט זיך אָן, וואָס זי טראַכט, און זאָגט מיט אַ פֿריילעך שמייכעלע:

— פֿאַרלאָזט זיך אַף מיר, ראָזע איסאַקאָווגע, איך ווייס אויך, ווי אַבראַמטשיקן געזונט מאַכן.

— אַלע ווייסט איר, אַלע זײַט איר דאָקטוירים פֿאַר יענעם. היילט זיך פֿריִער אַליין אויס.

יענטעלע ווערט ניט ניספּאָעל פֿון ראָזע איסאַקאָווגעס ענטפֿער. זי באַליידיקט זיך ניט. פֿאַרקערט, זי זאָגט אַרויס, ווי אַ באַיאַרטער, געניטער מענטש:

— פֿון צוויי צאָרעס קלײַבט מען אויס די קלענערע.

ראָזע איסאַקאָווגע זאָגט באַרויגעז:

— פֿונוואַנען ביסטו זיכער, יענטעלע, אַז דו ביסט די קלענערע צאָרע?

יענטעלע ווערט שטאַרק אומצופֿרידן, זי שרײַט אויס:

— נו, גוט... זאָלן אײַערע שכנים, די באַלשעוויקעס, מיט אים זיך כאַווערן! — און אַנטלויפֿט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז שעווע אַרײַנגעקומען אין דער קיך פֿאַר היימלאָזע. זי האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, איז צו איר צוגעלאָפֿן יענטעלע.

— אַבראַמטשיק וועט קומען? ווייסט ניט, ער איז געזונט?

צו שעווען האָט זיך ווידער אומגעקערט איר ווידערגעפֿיל צו אָט דעם מיידל, וואָס איז מאַנצבליש ביינערדיק און ווײַבעריש כיטרע.

— אַז מע וויל וויסן, גייט מען און מע פֿרעגט, — האָט שעווע געענטפֿערט און באַלד כאַ־ראָטע געהאַט, וואָס זי האָט אַזוי שאַרף געענטפֿערט.

אָבער סײַווי, נאָך איידער שעווע האָט באַוויזן צו זאָגן דאָס ערשטע וואָרט, איז שוין יענטעלע פֿון איר אָפּגעשפּרונגען, ווי אַ פּילקע פֿון אַ וואַנט. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז שעווע האָט צו טאָן מיט די באַלשעוויקעס. יענטעלע, וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ קלוגער און גראָטענער, יענטעלע, וואָס לערנט פֿראַנצויזיש, איז שטאַרק אָנגעשראָקן. אין אירע אויגן זײַנען באַלשעוויקעס מעסער־שטעכער, אַזוינע, וואָס ווילן איבערקערן אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ. פֿאַר אַזוינע לײַט איז דאָך פֿראַנצויזיש לערנען אַ פּוסטע מײַסע. אַזוינע האָבן פֿײַנט, אַז מע לערנט זיך און מע וויל ווערן אַ דאָקטער (זי האָט אין זינען אַבראַמטשיקן). שעווקעס מישפּאָכע באַשטייט דאָך אינגאַנצן פֿון באַלשעוויקעס. און שעווקע אַליין איז אויך פֿון יענע פֿייגל... ניט אומזיסט וויל זי צונעמען בא איר אַבראַמטשיקן. ווינציק איז איר טעווקע?

יענטעלע טראַכט און רעדט דאָס זעלבע, וואָס זי האָט געהערט פֿון עלטערע יענטעלעך.

אין דער קיך זײַנען הײַנט פֿאַראַן אַ סאַך באַקאַנטע, וואָס פֿריִער פֿלעגן זיי באַגעגענען שעווען מיט לאַסקע, פֿלעגן זי ליבן, איר אָנזאָגן, אַז זי ווערט פֿון טאָג צו טאָג שענער. די דאָזיקע באַ־קאַנטע באַמערקן איצט שעווען ניט.

די שוועסטער ראַבינאָוויטש, כאַנע און נעכאַמע, ביידע אַף דער זײַט, אין די פֿריִע כאַדאָשים, זיצן באַם טיש אין ברייטע לײַכטע קאָפּטלעך און אין לאַנגע שאַלן. ביידע שוועסטער זײַנען צו־פֿרידן. נעכאַמע, וואָס איז צוזאַמען מיט איר מאַן, גריגאָרי שטיין, געווען פֿאַר דער רעוואָליוציע, איז צופֿרידן, וואָס מע זידלט די באַלשעוויקעס, וועלכע ווילן די רעוואָליוציע פֿאַרניכטן. כאַנע, וועלכע איז צוזאַמען מיט איר מאַן געצל געווען קעגן דער רעוואָליוציע, ווײַל „אַ רעוואָליוציע איז ניט פֿאַר אונדז", איז איצט שוין מאַסקים מיט דעם, וואָס איז געשען. ס'איז דאָך אַ זאַך, וואָס צוריק כאַפּן קאָן מען עס ניט. און אויסער דעם, ווייסט זי, אַז אין פֿאַרגלײַך מיט די „גליקן", וואָס די באַלשעוויקעס ווילן, איז דאָך איצט פּאָשעט אַ גאַניידן. און כאָטש כאַנע טראַכט נאָך איצט

אויך, אז „דאָס איז ניט פאר אונדז, ייִדן, ניט אונדזער אייסעק“, דאָך רימט זי קערענסקין, זידלט די באָלשעוויקעס און וואָרנט, אז אין דער דעמאָנסטראַציע, וואָס די באָלשעוויקעס רופן, זאָל קיינער ניט אָנטיילנעמען. ווײַל, כוץ אַלץ, איז עס אויך סאקאָנעס־נעפּאָשעס, מיליטער וועט שיסן. כאָנע קאָן נאָך אַלץ ניט מויכל זײַן זאַלמען בינשטאָקן און ארעלע קאנאטקינען, וואָס זיי פּאָלגן זי ניט און זאָגן פּונקט פארקערט, וואָס קלוגע און סאָלידע מענטשן זאָגן.

— ווער איז גערעכט? — פרעגט זי בא זאַלמענען. — די גאַנצע וועלט זעט איצט, ווער די באָלשעוויקעס זײַנען.

— די בלינדע וועלט, וואָס קאָן זי זען? — ענטפערט זאַלמען.

— זײַט איר עס די זעענדיקע און די קלוגע?

— די זעענדיקע און די גערעכטע, — ענטפערט ווידער זאַלמען.

באם טיש זיצן און שטייען עלטערע און ייִנגערע, און אַלע הערן זיך אײַן צום געשפּרעך. ארעלע קאנאטקין, ווי דער שטייגער איז, טרעט ניט אָפּ פון בינשטאָקן. ער וויל א סאך זאָגן, נאָר די לעצטע צײַט האָט ער ווידער גענומען שטאַמלען, ער שרײַט אויס האַלבע ווערטער. פון כאָנעס רייד ווערט ער אזוי אופגערעגט, אז ער נעמט ציטערן און קאָן נאָר ארויסברענגען איינצלנע קלאַנגען. דער מיין פון די קלאַנגען דערגייט ניט, אָבער די בייזקײַט, די סינע דערגרייכט.

געווען אזא צײַט, דאָ גאָר ניט לאַנג, ווען ארעלע האָט שוין ניט אזוי שטארק געפילט זײַן מום. א פארווונדעטער סאָלדאט. וואָס איז ער שולדיק? מיט וואָס איז ער ערגער? זײַן גלויבן אין דער גערעכטיקײַט פון זײַנע כאווירים, וואָס ווילן ענדערן די וועלט, האָט געלינדערט זײַן ווייטאָק. און די לעצטע צײַט... יעדער שלעכט וואָרט וועגן די באָלשעוויקעס איז אים א שטיין אין קאָפּ. ער ווערט ווידער בא זיך געפּאַלן און הייבט אָן פילן דעם לינקן הינקעדיקן פוס. ער קאָן כאָנען ניט מויכל זײַן אירע רייד, ווי זי וואָלט פון אים געלאַכט: הינקעדיקער שוסטער.

איטשע יאָמטעוו, וואָס האָט די לעצטע צײַט דאָפּקע זיך אויסגעלערנט טײַנען און זיך אויס־טײַנען מיט מענטשן, שטייט באם פענצטער און רעדט ארײַן צו געצלען:

— מיר, ייִדן, ווייסן דאָך, וואָס הייסט א בילבל. מיר האָבן גוט געפילט, וואָס דאָס באטײַט, ווען די שווארצמייעדיקע פּרעסע האָט געגוואַלדעוועט, אז ייִדן באנוצן בלוט, ווער איך ניט ניס־פּאָעל פון די אַלע בילבולים, וואָס די בורזשואזע פּרעסע טראָגט אונדז אונטער. איר דארפט ווײַט ניט גיין נאָך א בײַשפּיל. אָט האָט מען אונדז ארויסגעטריבן פון אונדזערע היימען, ווײַל מע האָט אונדז באשולדיקט אין שפּיאָנאזש... אזא מענטש, ווי איר, געצל, וואָלט דאָך יאָ געדארפט פאר־שטיין, אז זידלען און באשמוצן איז נאָך ניט דער עמעס. דער עמעס קומט אָפּט ארויס מיט שטיל־קײַט און ניט מיט געשרייען.

איטשע אליין רעדט אויך שטיל, רויִק. געצל דערווידערט ניט. אינגאַנצן אָפּלייקענען, וואָס איטשע זאָגט, קאָן ער ניט. באזונדערס, אז יענער ברענגט אזוינע בײַשפּילן, וואָס אוועקמאכן קאָן מען זיי ניט. ער אליין, געצל, באנוצט זיך דאָך מיט זיי. עמעס, ער מאכט אנדערע אויספירן. פונדערווײַטנס דערזעט כאָנע, ווי געצל לאָזט זיך ריידן. זי דערקענט, אז ער איז אומבאהאָלפן, און האָט מוירע, אז ער קאָן עפּעס נאָכגעבן און אײַנשטימען מיט איטשען. זי רופט אים צו זיך. געצל ראַטעוועט זיך.

אין א ווינקל לעבן דער טיר שטייען כאַיִם היישעריק און סימכע פרייליכמאַן. ביידע הערן זיי זיך צו צו די געשפּרעכן. בא סימכען זײַנען די ליפּן שטארק צונויפגעפּרעסט, ווי ער זאָל הײַנט ניט זײַן זיכער מיט זיך, ער זאָל גאָר מוירע האָבן, אז ער קאָן נעמען ריידן... און דערצו ניכטער־רערהייט. אזוינס איז דאָך מיט אים נאָך קיינמאָל ניט פּאַרלאָפן. כאַיִם היישעריקן באמערקט ער הײַנט גאָרניט, ווי ניט קיין מענטש וואָלט לעבן אים געשטאַנען, נאָר א קלאָץ. די אַלע מענטשן, וואָס געפינען זיך אין דער קיך, ווייסט סימכע אָף אויסווייניק. פאר זיך האָט ער שוין ניט איין מאָל געפּראוועט זייערע לעווײַעס. הײַנט איז אָבער בא אים אזא טאָג, ווען ער קוקט אָף מענטשן ווי אָף לעבעדיקע, ווי עס וואָלט גאָרניט זײַן סכוירע געווען. ער שווײַגט, נאָר עפּעס, אפּאָנעם, באוועגט זיך אין אים. ער ווייסט נאָך אליין ניט וואָס. ער ווייסט נאָר, אז ער טאָר ניט ריידן. ער קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלן, וואָס א קאַברען קאָן זאָגן ניכטערערהייט...

כאַיִם היישעריק, פארקערט, איז הײַנט, ווי שטענדיק, שטארק צופרידן מיט זיך אליין. ער שפּרינגט אפילע אונטער שטייענדיק. ער רײַבט זיך די הענט, און זײַן פּאָנעם מיט די איינצלנע הערעלעך אָף דער געמבע שײַנט.

— סימכעלע, מײַן צײַט איז געקומען. קאָנסט מיר ריידן א שידעך.

סימכע שווײַגט. ער היט די צונג. וועט זי נעמען ריידן — ווער ווייסט, וואָס זי וועט זאָגן.

— סימכעלע, איך, אז איך וויל, קאָן איך.

סימכע ענטפערט ניט.

— סימכעלע, ביסט מיר מעקאנע... איך בין א מענטש פון נעקאָמע. וואָס הייסט א קאַלע האָט כאַסענע פאַר א פרעמדן כאָסן? איר קומען אַלע אַרבע מיסעס בעסדן. און ער? דער כאָסן? א באַלשעוויק. אין א ייִדישער שטוב טאָר מען אים ניט אַרײַנלאָזן. איך וועל ניט שווײַגן. איך וועל...

— טיפעש, שווײַג! — זאָגט סימכע אַרויס מיט א האַלבער צונג, אָבער באַפעלעריש.

פון דעם דאָזיקן שטילן אויסגעשריי איז כאַים היישעריקן דאָס בלוט אַרײַן אין פּאָנעם, פון די אויגן האָט געגומען אַרויסקוקן א גאַזלען. דער באַגרעבער זאָל אים אַרײַנזאָגן, ער זאָל אים אָנרופן „ליגנער", „באַרימער", — צו דעם איז כאַים צוגעוווינט. ביפּראַט, אַז מײַנסטנס פּלעגט עס אים סימכע זאָגן, ווען ער איז געווען אויסגעטרונקען. אָבער ניכטערהייט זאָל ער אים אָנ־רופן „טיפעש" — אַף אַזוינס האָט כאַים זיך ניט געריכט, און דאָס האָט אים שטאַרק אָנגערירט. מיט אַלע זײַנע כושים האָט ער דערפילט, אַז דאָס טרעפט אים אין פּינטל. זאָל עס עמעצער דער־הערן — ווערט זײַן צונאָמען: כאַים טיפעש.

— דער ראָוו פלעגט זאָגן, אַז איך בין א בען־טוירע, רעב אַרעלע פלעגט מיך צו זיך רופן אַף מיטיק. און דו, סימכעלע, לאַכסט פון מיר. פון הײַנט אָן בין איך דיר א סוינע. איך, אַז איך וויל, קאָן איך. דו ביסט אויך מיט זיי... מע וועט דיך אין א ייִדישער שטוב ניט אַרײַנלאָזן... איך וועל ניט שווײַגן...

אומגעריכט פאַר אַלעמען האָט זיך אין טומלדיקן גרויסן צימער דורכגעשניטן סימכע פריי־לעכמאַנס בייזע און אופגערעגטע שטים:

— ייִדן! אָט דער מענטש, כאַים היישעריק, איז א מאָסער.

כאַים איז געשטאַנען, ווי א שטיין, וואָס רירט זיך ניט. אין אים האָט געברענט, נאָר פון גרויס אופרעגונג האָט ער קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסריידן. אַז ער איז געקומען א ביסל צו־זיך, האָט ער, פאָכענדיק מיט א פויסט, אויסגעשריִען:

— אָט דער באַגרעבער — איז א באַלשעוויק!

אין דער קיך איז אַרײַנגעקומען ראָזע איסאַקאָוונע מיט אַבראַמטשיקן. יענטעלע, וואָס האָט אַף זיך די גאַנצע צײַט געוואַרט, איז באַלד צוגעלאָפן צו אַבראַמטשיקן מיט דער אַלטער טײַנע:

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט? איך וואַרט דאָך?

זי איז געוווינט, ער זאָל שווײַגן און ניט ענטפערן אַף איר פראַגע. לאָזט זיך אויס... אַבראַמ־טשיק זאָגט יענטעלען אַזוינס, וואָס ביז איצט האָט אים דאָס האַרץ ניט דערלאָזט אַרויסצוריידן:

— וואַרט ניט.

— אַבראַמטשיק...

— איך בעט דיך, לאָז מיך צורו. דו ווילסט וויסן, צי געפעלסטו מיר, זאָג איך דיר: ניין!

— איך גלייב דיר ניט, אַבראַמטשיק.

— א ריינע צוטשעפּעניש, — זאָגט דאָס ייִנגל און גייט אוועק.

„א צוטשעפּעניש". צי קאָן זײַן א גרעסערע באַליידיקונג פאַר א מיידל, וואָס האָט ליב א ייִנגל? עס גיט איר א שטאָך אין האַרצן, עס טוט איר וויי. איר ציִנגעלע, וואָס געפינט שטענדיק וואָס צו זאָגן, גיט זיך איצט אַפילע קיין ריר ניט. צו וואָס טויג איר די קלוגשאַפט און געראָטנ־קײַט, ווען אַבראַמטשיק זאָגט „א צוטשעפּעניש"? זי גייט אָפּ אָן א זײַט, פאַרוקט זיך אין א ווינקל און האַלט זיך קוים אײַן פון וויינען. „שוווע רעדט עס אים אָן, שוווע טוט עס איר צולאָכעס", — רעדט זי צו זיך אַליין.

אינעם צימער איז טומלדיק. ווער עס רעדט און ווער עס שרײַט. מענטשן אַמפערן זיך, קריגן זיך וועגן א וועלט, וואָס גייט אונטער, און וועגן א וועלט, וואָס דאַרף אופקומען. קיינער איז ניט גלײַכגילטיק. אָן דער זײַט שטייט נאָר יענטעלע. זי טראַכט וועגן איר ביטערער דאַליע, וועגן איר פינצטער מאַזל, וואָס זי איז א קלוגע און ניט קיין שיינע, וואָס זי פאַרשטייט מער, וויפל מע דאַרף. ווי בײַט מען סייכל אַף שיינקײַט? ווער קאָן געבן אָן אייצע? אַבראַמטשיקן וויל זי מער ניט זען. זי זוכט מיט די אויגן זײַן מאַמען. זי דערזעט זי און לויפט צו צו איר.

יענטעלע כאַפּט אָן ראָזע איסאַקאָוונען פאַר דער האַנט.

— איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב ליב אַבראַמטשיקן. איר פאַרשטייט דאָך, אַז איך וועל אַף אים קיין שטויבעלע ניט לאָזן פאַלן, איך וועל אַף אים אַכטונג געבן, ווי א מאַמע. פאַרוואָס זאָגט איר אים גאָרניט? איר זײַט דאָך א מאַמע, ראָזע איסאַקאָוונע, איר זײַט דאָך א פרוי, איר דאַרפט דאָך מיך פאַרשטיין און מיר מיטפילן...

ראָזע איסאַקאָוונע הערט זי אויס, און אַף איר געזיכט בלאָנדזעט אַרום א קלוג שמייכעלע. ווי א מאַמע איז זי צופרידן, וואָס א מיידל רעדט אַזוי וועגן איר זון; ווי א מאַמע שמייכלט זי אָבער

קלוג: ווי קומט יענטעלע צו אבראמטשיקן? עס ווילט זיך דער מאמען זײַן ווייכהאַרציק, זאָגן קלוגע רייד.

— הער נאָר, יענטעלע, און קיין אנדערן וואָלסטו ניט געקאָנט ליב האָבן? פארוואָס נאָר אבראמטשיקן?

— אין ליבע איז ניטאָ קיין פארוואָס. וואָס הייסט אַן אנדערן? אָף מײַן לעבן ניט. ניין און ניין.

— קאָנסט ניט?

— ניין.

— ווי זשע איז דער דין, יענטעלע, אז ער קאָן אויך ניט? ער קאָן דיך ניט ליב האָבן, פארשטייסט...

— ווײַל שעווקע שטייט אונדז אין וועג.

— שעווקע? קיינמאָל ניט. אזא איז גאָר אָף דער וועלט ניט פאראַן.

— א גוטן אָוונט, ראָזע איסאַקאָוונע, — דערנעענטערט זיך צו זיי אָליע.

ראָזע איסאַקאָוונע האָט שוין פון לאַנג באמערקט, אז אָליע מיט אלטערן זײַנען ארײַנגעקו־מען. זי האָט אָבער ניט געוואָלט מיט זיי זיך באגעגענען. אָליע מיט איר מאַן זײַנען געפערלעכע מענטשן. מיט אזוינע דארף מען אפילע באקאַנט ניט זײַן. עס קאָן שאַטן, וואָרעם: זאָג מיר, ווער דײַן כאַווער איז, וועל איך דיר זאָגן, ווער דו ביסט. ראָזע איסאַקאָוונע נעמט אײַנטײַנען מיט יענטעלען אזוי ערנסט, אז פון דער זײַט דארף מען פארשטיין: צו זיי טאָר מען איצט ניט צוגיין, מע טאָר זיי ניט שטערן. מיט דער פּאָטילניצע פילט ראָזע איסאַקאָוונע, ווו עס געפינט זיך אָליע, און זי סטאַרעט זיך שטיין צו אָליען מיט דער פּלייצע. דאָס דויערט אזוי לאַנג, ביז זי דערהערט, אז די שוועסטער ראבינאָוויטש רופן אָליען צו זיך. איר איז טשיקאַווע צו וויסן, וואָס די שוועסטער וועלן ריידן מיט אָליען. זי רוקט זיך נעענטער צום טיש, ווו נעכאַמע מיט כאַנען זיצן, ניט אליין, נאָר צוזאַמען מיט יענטעלען, וועלכע דינט איר פאר א שירמע.

— אָליע, — פרעגט נעכאַמע, — פארוואָס זעט מען אײַך ניט?

— פארנומען, נעכאַמע טײַערע, פארנומען.

— מיר האָבן אויך מאַנען, — זאָגט כאַנע, — פונדעסטוועגן... פארגעסן אלטע גוטע פרײַנט. צי ווײַל אײַערע נײַע פרײַנט...

— צו מײַנע נײַע פרײַנט האָב איך קיין טײַנעס ניט. גוטע מענטשן. ווילע מענטשן.

— גוטע מענטשן — און ווילן כאָרעוו מאַכן א וועלט, — שלאָגט איבער נעכאַמע.

— מיסטאמע איז די וועלט אזא, — ענטפערט אָליע שמייכלענדיק.

— אָף וויפל איך געדענק, אָליע, האָט איר אמאָל געשריִען: „ניין, ניין... ניט פאר אונדז איז די רעוואָליוציע", — זאָגט כאַנע און הייבט זיך אזש אוף פון איר אָרט.

— עס ווענדט זיך, וועלכע רעוואָליוציע און פאר וועמען...

— זעט נאָר, ווי א פרוי ווערט געפאַנגען דורך א מאַן. איך דערקען אײַך ניט, אָליע. אזוי געפאַנגען ווערן...

— עס טרעפט פארשיידן. אמאָל פאַנגט א מאַן, אמאָל פאַנגט א ווײַב. ביכלאַל איז אָנגענו־מען צווישן א מאַן מיט א פרוי זיך ניט צו מישן.

— אָבער, אָליע, צי פארשטייט איר ניט די געפאַר? אזויפיל יִדישע צאָרעס אָף דער וועלט, און יִדן טאַנצן אָף א פרעמדער כאַסענע.

ארום טיש איז געוואָרן ענג. עס האָבן שוין גערעדט ניט נאָר כאַנע מיט אָליען, אויך אַנ־דערע האָבן זיך גענומען ארײַנמישן, איינער דעם אנדערן שאַרף ארײַנזאָגן. און ווען שלוימע, באַסיע און האָדעס זײַנען ארײַנגעקומען אין דער קיך, האָט מען זיי אויך באַלד צוגעפירט צום טיש, זיי זאָלן עפּעס זאָגן.

— א גוטן אָוונט, — האָט שלוימע אלעמען באגריסט. נאָר ניט אלע זײַנען געווען צופרידן פון זײַן קומען. שלוימע האָט עס דערפילט.

— איך האָב אײַך געבראַכט אַן אַנגעלייגטן גאַסט. רעב נאכמענקעס אייניקל, — האָט ער הויך און דײַטלעך ארויסגערעדט.

ווי נאָר די בניי־איר פון דער שטאָט באַם ניעמאַן האָבן זיך דערוווּסט, אז האָדעס איז רעב נאכמענקעס אייניקל, האָבן זיי גאָר פארגעסן, אז מיט א מינוט צוריק האָט מען זיך געקריגט ארום א רעוואָליוציע, וואָס איז געווען, און א רעוואָליוציע, וואָס דארף נאָך זײַן.

— רעב נאכמענקעס אייניקל?

— אונדזער רעב נאכמענקעס?

ווידער האָט מען זיך דערמאָנט, אז מע שטאַמט פון איין שטאָט, נאָך וועלכער מע בענקט, אז מע איז היימלאָז און אין א שווערער צײַט דארף מען זײַן אייניק, איינער דעם אנדערן העלפן. אלע זײַנען צופרידן, וואָס אזא גאַסט איז געקומען.

רעב נאכמענקעס אייניקל, אָט די קליינוואוקסיקע און שיינע האָדעס, וואָס זעט אויס, ווי א רעבנס א טאָכטער אָדער ווי א יונגע רעבעצן, האָט בא אלעמען ארויסגערופן דערמאָנונגען פון פארגאנגענע יאָרן, זי איז אלעמען געוואָרן ליב און טייַער. לעקאָוועד דעם גאסט האָט מען אפן טיש געשטעלט קיבעד. דער בופעט האָט גוט געלייזט.

כאנע מיט נעכאמען האָבן זיך געפילט, ווי די נאָענטסטע צו האָדעסן. זייער טאטע איז רעב עליע ראבינאָוויטש, איר זיידע — רעב נאכמענקע. א הייליקע קרויוועשאפט איז צווישן זיי, א נאָענטקייַט פון מענטשן, וואָס לעבן מיט גאָטס נאָמען. עס האָט געהאלטן, אז אָט־אָט נעמט מען זיך קושן. מע האָט געמאכט באם טיש אן אָרט פאר האָדעסן, באסיען און אָליען. האָדעס האָט אייניקע געוועזענע שכיינים אירע דערקענט. זי האָט גענומען אויספרעגן, ווי לעבט זיך זיי דאָ, אין מאָסקווע. בא אנדערע האָט זי זיך נאָכגעפרעגט, ווער זיי זייַנען, ווו האָבן זיי געווינט (אף וועלכער גאס האָט איר זיך געפרייט?), מיט וואָס האָט מען זיך אין דר'היים פארנומען? און וואָס טוט מען איצט דאָ? ס'איז געוואָרן זייער היימיש. אלע האָבן זיך געפילט געמיטלעך. מע האָט אפילע ניט באמערקט, ווען האָדעס איז אריבערגעגאנגען גאָר צו אנדערע זאכן. זי האָט געזאָגט, אז זי בענקט אויך נאָך דער היים, זי וויל זען דעם זיידן, אויב ער לעבט נאָך, זי וויל האָפן, אז ער לעבט... אָבער דאָס הייסט ניט, אז אין מאָסקווע דארף מען פון אלץ און אלעמען זייַן אָפגעזונדערט. עס באקומט זיך, האָט זי געזאָגט, אז די קיך פאר היימלאָזע איז א באזונדער פלאנעטע, וואָס דרייט זיך ארום זיך אליין און איז אָפגעריסן פונעם לעבן. זי האָט גערעדט בענימעס, רויִק און ליבלעך, ווי א מאמע מיט קינדער, ווי א לערערן מיט שילער. מיט עפּעס איז זי דאָך געווען ענלעך אף איר זיידן רעב נאכמענקען, ווען ער פלעגט לייַכטער מאכן די הערצער בא מענטשן, זיי געטרייסט. דאָס אייניקל אָבער רופט צו קאמף, צו קאמף פאר א נייַ לעבן. זי רופט אָנטייל־נעמען אין דער דעמאָנסטראציע. זי זאָגט דערבייַ:

— אייניקע טראכטן וועגן די באָלשעוויקעס, אז זיי זייַנען גאזלאָנים. אָט בין איך אויך א באָלשעוויק. זאָגט מיר, איך בעט אייַך, איך בין ענלעך אף א גאזלען?

אלע הערן אופמערקזאם. אפילע די, וואָס קענען ניט פארלייַדן דאָס וואָרט „באָלשעוויק“, שווייַגן הייַנט. עס איז שווער זיך אמפּערן, ווען אלע הערן מיט אָפענע מייַלער. ארעלע קאנאטקין לעבט איצט איבער זייַן כיילעק אוילעמהאבע. הערנדיק, ווי האָדעס רעדט און ווי אירע ווערטער דערגייען צו יעדערן, איז ער גליקלעך. די גאנצע צייַט שטייט ער קימאט נאָר אף איין פוס, אף דעם הויכן פוס, קעדיי זיך ניט צו באוועגן און ניט שטערן האָדעסן.

שעווע איז צופרידן פון האָדעסעס דערפאָלג. זי וואָלט וועגן דעם געוואָלט דערציילן טעווקען. זי בענקט נאָך טעווקען. זי האָט אים שוין לאנג ניט געזען.

די לעצטע צייַט איז די דיסציפּלין אין דער קאזארמע געוואָרן זייער א שטרענגע. טעווקען און גאָדלען לאָזט מען מער ניט אָפּ אף זונטיק. סאָלדאטן, אז זיי גייען ארויס פון דער קאזארמע, ווערן זיי קאליע, — האָט זיך נאטשאלסטווע ארומגעזען. ווען שעווע קומט איצט צו דער קאזארמע, שרייַט שוין קיינער ניט, ווי אמאָל:

— סווערדלין, די קאלע איז געקומען.

— סווערדלין, שעוואָטשקא פרישלא[1].

זי גייט פארבייַ דער קאזארמע און קערט זיך אום מיט גאָרניט צוריק.

געצל, כאנע און נעכאמע — אלע דרייַ זייַנען אויסער זיך דערפון, וואָס וועגן אזוינע ווילדע ברוִים, ווי באָלשעוויקעס, וועלכע רייצן דעם צעווילדעוועטן האמוין, קומט רעב נאכמענקעס אן אייניקל און רעדט וועגן זיי ווי פון עפּעס א הייליקטום. וועגן לענינען רעדט זי, ווי וועגן מוישע־ראביינו, וואָס האָט פון בארג סינייַ די לוכעס געגעבן. און זי גיט נאָך א זאָג... הערט, וואָס א מענטשן קאָן אייַנפאלן: „די באָלשעוויקעס ווילן אופשטעלן און באנייַען די צעבראָכענע לוכעס...

— זאָלסט ניט מאָרדן. א סאָף זאָל נעמען צו דער מילכאָמע. גענוג פארגאָסן בלוט.

— זאָלסט ניט זייַן אויסגעלאסן. דאָס איז אייגנטימלעך דער בורזשואזיע, וואָס נארט דאָס פאָלק. נידער מיט די מיניסטאָרן־קאפּיטאליסטן.

— זאָלסט ניט גאנווענען. די קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט באשטייט פון גנייווע און גזיילע. מע דארף אויסבויען א וועלט פון יוישער“.

אז זיי גייען פון דער קיך אהיים, פילן זיי זיך, אלע דרייַ, ווי באאוולטע. ביז כאנע זאָגט:

— מע דארף דאָך עס קענען. נעמען גאָט פאר א שוטעף צו די באָלשעוויקעס.

— וועגן דעם טאקע טראכט איך, — רופט זיך אָפּ נעכאמע. — און באנעם, ווען זי רעדט —

[1] שעוועלע איז געקומען (רוסיש).

גליבט מען. זי רעדט שענער פון א מאגיד, בעסער פונעם טאטן. מיט גאָט אָף די ליפּן רעדט זי. מע דארף זי דאָך רופן ראַבּיינו האָדעסל. און וואָס איז איר קויעך?

— איר קויעך איז אין דעם, וואָס זי גליבט אין איר זאך, אין דער רעװאָליוציע, — ענטפערט געצל. — גליבן אין דעם, ווי כאָרעוו מאכן א וועלט, איז אן עמעסער אומזין. זי ליגט אײַן אלע קויכעס פאר יענעם, פאר דער וועלט. און פאר זיך? פאר אונדז? פאר ייִדן? און דאָס טוט רעב נאכמענקעס אן אייניקל. איז טאקע, אפּאָנעם, די צײַט פון גויג און מאָגויג. מאָשיִעכס צײַטן...

איצט האָבן אלע דרײַ געפונען דעם מאָטיוו אָף זיך צו באַרויִקן. אָבער ניט אָף לאנג.

אין וועג קומט זיי אָן אנטקעגן שטיין.

די זומערדיקע נאכט איז א וואַרעמע און א טונקעלע. די לאמטערנס אָף די גאסן ברענען שוין ניט. פון צײַט צו צײַט פליט אָן א ווינטל, וואָס דרייט זיך ארום זיך אליין. נעכאמע האָט גריגאָרי פיאָדאָראָוויטשן דערקענט פונדערווײַטנס, לויט די טריט.

— וואָס איז געשען?

זי האָט גלײַך דערפילט, אז ער איז צעטראָגן.

— א באגעגעניש, — האָט געענטפערט שטיין מיט א שווערן אָטעם, ווי ער וואָלט דעם גאנצן וועג אהער געלאָפן.

— א שלעכטע באגעגעניש?

— ניין, ניין. דאָס זאָג איך ניט. פארקערט, עס וואָלט געקאָנט זײַן זייער אן אָנגענעמע באגעגעניש. אָבער...

— באַרויִק זיך, גרישע. אָט איז אין סקווער א באנק. לאָמיר זיך צוזעצן.

זאלבעפערט זעצן זיי זיך אויס אָף א לאנגער באנק אונטער א בוים. שטיין נעמט דערציילן. ער רעדט א ביסל צו לאנג און כאזערט עטלעכע מאָל איבער איינס און דאָס זעלבע.

אינקורצן דערציילט זיך עס אזוי:

אין א געהויבענער שטימונג איז גריגאָרי פיאָדאָראָוויטש ארויסגעגאנגען פון איינער א רעדאקציע, וווּ זײַנס אן ארטיקל איז געפעלן געוואָרן און מע האָט עס גלײַך אָפּגעשיקט אין זאץ. ער האָט זיך געלאָזט גיין אין דער קיך. אין וועג דערהערט ער:

— גאָספּאָדין קאמען.

ער גיט א קוק: פּאָדפּאָלקאָווניק נאזארין. דער פּאָדפּאָלקאָווניק דערלאנגט אים די האנט און זאָגט:

— איך בין צופרידן, וואָס איך זע אײַך א געזונטן. איר זײַט געבאָרן געוואָרן אונטער א מאזלדיקן שטערן, הער קאמען.

פון אומגעריכטקײַט קאָן גריגאָרי שטיין בלויז שאָקלען מיטן קאָפּ און ניט איבעריקס קלוג שמייכלען.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק, דער זעלבער דארביינערדיקער נאזארין, מיט געדיכטע, אָבער שוין אינגאנצן גרויע ברעמען, האָט איצט דאָס לינקע אויג ניט געזשמורעט, ווי דעמלט בייס דער אויספאָרשונג אין קאָמענדאטור. פארקערט, זײַנע אויגן האָבן רויִק און פרײַנטלעך געקוקט אָף שטיינען, ווי ער וואָלט באגעגנט א גוטן כאווער פון דער יוגנט.

— און דערצו איז מײַן געוויסן ריין, וואָס דאָס פרייט מיך ביז גאָר, — האָט נאזארין פאָרגעזעצט. — ווי לעבט זיך?

— גאָט צו דאנקען, — האָט געענטפערט געלאסן שטיין, כאָטש די גלאטע און רויִקע שטים

פונעם פּאַדפּאַלקאָווניק פֿאַרכידעשט אים זייער. אין די אויערן ליגט אים נאָך ערגעץ נאַזאַרינס שטרענגע, בייזע, קימאַט הייזעריקע שטים, וואָס שנײַדט, ווי א מעסער.

— איך זע, אַז אײַך דאַרף מען באַגריסן, הער שטיין... אַזוי? איך האָב קיין טאָעס ניט... הער שטיין?

— יאָ, שטיין. מיט וואָס באַגריסן?

— איר האָט כאַסענע געהאַט.

— כאַסענע געהאַט, עמעס. פֿונוואַנען ווייסט איר עס?

— לויטן רונג אויף אײַער פֿינגער.

ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

— איר וווינט אין מאָסקווע, הער שטיין? איר אַרבעט, איר שרײַבט?

— יאָ, הער פּאַדפּאַלקאָווניק. איך בין א מיטאַרבעטער פֿון א צײַטונג. נאָרוואָס אָפּגעגעבן אַן אַרטיקל, און עס איז גלײַך געשיקט געוואָרן אין זאַץ. — שטיין האָט אָנגערופֿן די צײַטונג און גלײַך דערבײַ באַמערקט, ווי בא נאַזאַרינען האָט דאָס לינקע אויג זיך א זשמורע געטאָן.

— ווי קומט עס צו אײַך, הער שטיין, מיטצואַרבעטן אין אַזא צײַטונג? ניט קיין דעמאָקראַ־טישע, אַלנפֿאַלס...

— פֿאַרוואָס? א לאָיאַלע צײַטונג.

— צו ווּעמען א לאָיאַלע? ניט צום פֿאָלק.

איצט האָט שוין שטיין שיִר ניט פֿאַרזשמורעט אַן אויג.

— הער פּאַדפּאַלקאָווניק, אַנטשולדיקט פֿאַר מײַן פֿראַגע. איר געהערט צו א פּאַרטיי?

— ניין.

— און איר זײַט ניט קיין באָלשעוויק?

— ניין. איך בין אַן אומפּאַרטייִישער. נאָר די אינטערעסן פֿון פֿאָלק זײַנען מיר טײַער. גענוג אויף דעם געפֿאָרן רײַטנדיק. דאָס לאַנד דאַרף שאָלעם, דאָס פֿאָלק — ברויט און אָרדענונג.

— אָבער איך? איינער...

— טײַערער הער שטיין, — האָט אים דער פּאַדפּאַלקאָווניק איבערגעשלאָגן, — א יאָם באַשטייט פֿון טראָפּנס, א מידבער פֿון זעמדעלעך, א פֿאָלק פֿון מענטשן... יעדער איינער איז א מענטש. איר געדענקט, געוויס, אײַערע אַרטיקלען מיט טרײַהײַט־אויסדרוקן צום קייסער. איצט וועט איר עס איבעראַדרעסירן צו קערענסקין? הער שטיין, איר זײַט דאָך א מענטש פֿון קולטור און קונסט. צי דען פֿאַרשטייט איר ניט, אַז מיטן ווינט טראָגט זיך נאָר שטויב, די ערד בלײַבט אויף אָרט? און ביכלאַל בין איך צופֿרידן, וואָס איר זײַט געזונט. צום ווידערזען... — ער האָט געמאַכט א טראָט פֿאָרויס, אָבער באַלד זיך ווידער אומגעקערט צו שטיינען. — איך מיין, אַז איר ווייסט בעסער פֿאַר מיר וועגן דעם, וואָס אויף מוישעס לוכעס איז געוועזן אָנגעשריבן: זאָלסט ניט מאָרדן, זאָלסט ניט גאַנווענען, זאָלסט ניט פֿאַלש איידעס זאָגן... הער שטיין, זײַט ניט בייז פֿאַר א שאַרף וואָרט: אָדער עפּשער זײַט איר נאָך איצט אויך ניט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר יידן? — די שטים פֿונעם פּאַדפּאַלקאָווניק איז איצט געווען ווי אַמאָל אין דער קאָמענדאַטור: האַרט, בייז און הייזעריקלעך.

נאַזאַרין איז אַוועק. שטיין איז געבליבן אויף אָרט און אים נאָכגעקוקט. דערנאָך האָט ער, אָן אָפּגעשוואַכטער, ווי נאָך א קרענק, זיך געלאָזט לאַנגזאַם גיין.

אַז שטיין איז אַנשוויגן געוואָרן, האָט געצל געזאָגט:

— אַלע האָבן זיך צוגעכאַפּט צו מוישע־ראַביינוס לוכעס. זיי פֿאַרגעסן אָבער דעם איקער: „איך בין גאָט, דײַן גאָט... זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערע געטער, כוץ מיר... זאָלסט זיך צו זיי ניט בוקן, ניט דינען...“ דעם איקער פֿאַרגעסט מען.

קיינער האָט אויף דעם ניט געענטפֿערט.

איינער אַליין שלעפּט זיך אַהיים אַן אומצופֿרידענער און א מידער כאַיִם היישעריק. א מאָדנע זאַך: דער ראָוו האָט אים געזאָגט, אַז ער איז א בען־טוירע. און דער באַגרעבער זידלט אים, רופֿט אים טיפּעש. קיינער אין דער קיך באַמערקט אים ניט, קיינער גיט אים ניט אָפּ קיין קאָוועד. פֿאַרן באַגרעבער האָט מען דערעכערעץ, און פֿאַר אים ניט. כאַיִם היישעריק איז באַרויגעז ניט נאָר אויף אַליען, נאָר אויף אירע כאַווירים און באַקאַנטע. זיי ווילן איבערקערן די וועלט, און ער, כאַיִם, איז שוין גאָר אַן איבעריקער. בא וואָס וועט ער בלײַבן? ער האָט זיי פֿײַנט, ער פֿאַרלײַדט זיי ניט.

אַבראַמטשיק איז אַוועק אַהיים צוזאַמען מיט שעוועץ.

יענטעלע באַגלייט אַבראַמטשיקס מאַמען.

— איך גלייב, ראָזע איסאַקאָוונע, אַז איר וועט מיר דערלויבן אײַך צו זאָגן... זעט, אַז אַב־

ראמטשיק זאָל ניט גייַן צו דער דעמאָנסטראַציע. ער קאָן שלעכט אָפּשנייַדן. מע וועט דאָרט שיסן. אַלע זאָגן אַזוי...

— ביסט גערעכט, יענטעלע, ביסט גערעכט. איך וועל ניט לאָזן. אַ דאַנק, וואָס דו האָסט מיר דערמאָנט.

יענטעלע, וואָס פילט נאָך ניט קיין כיילעק אין אבראַמטשיקן, פילט איצט אַ כיילעק אין ראָזע איסאַקאָוונען. און דאָס איז שוין אויך עפּעס ווערט.

13

באַנאַכט איז שעווע אומרויִק געשלאָפן.

דוכט זיך, נאַרוואָס אײַנגעדרעמלט, געפילט, ווי דער שלאָף נעמט זי אַרום און דעקט אײַן מיט רו, ווי ער לעשט אויס די שייַן אין איר באַוווסטזייַן... און ווידער איז זי וואַך. זי גייט אַרום איבער גאַסן און פּלעצער פון אַ פּוסטער, לײדיקער שטאָט. ניטאָ קיין סימען פון מענטשן. און וואָס שעווען וווּנדערט: פון אויבן שײַנט די זון, און די הײַזער שטייען פאַרזונקען אין פינצטער־ניש. קיין שטיקל שײַן איז ניט צו זען.

— ווו בין איך?

זי וויל באַ עמעצן פרעגן, ווו געפינט זי זיך, ווי רופט זיך די שטאָט. ניטאָ באַ וועמען. פּוסטע גאַסן, באַדעקטע מיט שאָלעכץ פון אויסגעשיילטע יאַדערן.

שעווע וווּנדערט זיך אָף זיך אַליין, וואָס קעדיי צו וויסן, ווו זי געפינט זיך, גיט זי זיך אַ הייב אויף, ווי אָף פליגל, און נעמט שוועבן אינדערלופטן. זי זוכט סימאָנים, וואָס זאָלן איר אונ־טערזאָגן, ווי די שטאָט הייסט. זי פאַרטשעפּעט זיך אָבער אָן אַ קלויסטער און פאַלט אַראָפּ צוריק אָף דער ערד. זי דערקענט דעם קלויסטער — „וואַסילי בלאַזשעני“. און נאָך מער. זי דערזעט לעבן זיך האָדעסן.

שעווע דערפרייט זיך און פרעגט:

— פאַרוואָס קומט ניט פאַר די דעמאָנסטראַציע?

האָדעס ענטפערט ניט. זי באַטראַכט דעם קלויסטער, איר פּאָנעם שײַנט, לויכט מיט האַנאָע פון דער שיינקײַט, וואָס זי זעט.

— האָדעס, וואָס איז מיט דער דעמאָנסטראַציע?

האָדעס זאָגט איר איצט דאָס זעלבע, וואָס זי האָט איר אַנומלטן געזאָגט, ווען זיי האָבן שפּאַ־צירט אָפן רויטן פּלאַץ.

— שעווע, קוק (זי ווײַזט אָן אָפן קלויסטער). אויב דו האָסט אַ האַרץ און אויגן, וועסטו דערזען, ווי שיין דאָס איז.

און האָדעס הייבט איר גאָר אָן צו דערקלערן, ווי אונטער דער זון שפּילן די גרינע און געלע קאָלירן פונעם קלויסטער, ער ווערט ברייטער, זעט אויס ווי אַ קאָלאָסאַלער פעלד־בוקעט מיט פאַרבן פון בלויען און רײַפן. ווינטער, אונטערן שניי, ווערן זײַנע ווינקלען שאַרפער, די קײַלעכ־דיקײַט פון די קופּאָלן שטרענגער, ער ווערט העכער און שטײַפער, דער ווינטער איז אין אים אַרײַן.

— האָדעס, זאָג מיר, פאַרוואָס זעט מען קיינעם ניט? ווו זײַנען אַלע?

און האָדעס טײַנעט זיך אירס וועגן קלויסטער:

— אַמאָל זעט ער אויס ווי אַ ליד, אַמאָל — ווי אַ לעגענדע.

שעווע איז צופרידן, וואָס זי איז דאָ כאָטש ניט אַליין. דאָס דויערט אָבער ניט לאַנג. זי באַווײַזט זיך ניט אַרומקוקן, ווי האָדעס איז שוין לעם איר ניטאָ. און איצט דאַפקע דערזעט שעווע, ווי די גאַסן און פּלעצער זײַנען פול מיט מענטשן, אַ סאַך מענטשן. פּאַרויס טראָגט מען רויטע פאָנען. האָדעס באַווײַזט די מענטשן דעם וועג. דאָס זעט אַלץ שעווע פונדערווײַטן. פאַרוואָס פונ־דערווײַטן? זי האָט דען פאַרשפּעטיקט, פאַרשלאָפן? זי שטייט אָפּ. זי אײַלט זיך, שלאָגט זיך אַרויס פון די לעצטע קויכעס, זי וויל אָניאָגן. דער אָטעם פאַרכאַפּט איר, דאָס האַרץ קלאַפּט זיך אָן די ריפּן.

וואָס טוט מען? אַלע אירע כאַווערטעס, אַלע באַקאַנטע גייען אין רייען. רעדנער ריידן, מע שרײַט אויס לאָזונגען. און זי שטייט אַלץ אָפּ, קאָן ניט דעריאָגן. עס פאַלט איר אײַן אַ גוטער געדאַנק: זיך אַ הייב טאָן, ווי אָף פליגל, און אָניאָגן. זי טוט זיך אַ הייב... און כאַפּט זיך אויף.

— גוט, וואָס אַ כאָלעם, אוי, גוט...

זי שפּרינגט אַראָפּ פונעם געלעגער און נעמט אָפּגיך זיך אָנטאָן. זי אײַלט זיך, זי טאָר ניט פאַרשפּעטיקן.

שעווע ווייסט זייער גוט, אַז די דעמאָנסטראַציע דאַרף פאָרקומען זיבן אַזייגער פאַרנאַכט. דער כאָלעם אָבער וועגן דעם, אַז זי האָט פאַרשפעטיקט, יאָגט זי אונטער. זי איז אומרויִק. איר זיכערקײַט, ווען זי האָט צו טאָן מיט זיך אַליין, ווען בלויז פון איר אַליין איז עפּעס געווענדט, איז איצט אײַנגאַנצן ניט גילטיק. הײַנט איז פאַר איר וויכטיק דאָפקע אַזוינס, וואָס ניט פון איר איז עס אָפּהענגיק. די דעמאָנסטראַציע איז הײַנט איר זאָרג און איר האָפענונג. צי וועט די פאַבריק, וווּ זי אַרבעט, אָנטיילנעמען אין דער דעמאָנסטראַציע? האָדעס האָט זי געפרעגט וועגן דעם:

— דײַנע וועלן קומען?

ווי שטענדיק, ווײַל שעווע אַלץ מיט אַ פולער מאָס, זי גייט ניט אײַן אויף ווינציק. זי האָט הײַנט אַפילע אָן טעוווקען פאַרגעסן.

לויפט זי אַוועק צו דער פאַבריק אינדערפרי. דער קויעך פון ניט קאָנען אײַנזיצן אויף אַן אָרט ציט זי אַהין. זי ווייסט, אַז די פאַבריק שטייט צוליב אַ שטרײַק, די אַרבעטער פאָדערן אַן אַכטשאָעדיקן אַרבעטסטאָג. וואָס זאָל זי אָבער טאָן, אַז עס ציט זי אַהין. בײַ דער פאַבריק דערזעט זי, ווי דער פליכעוואַטער בוכהאַלטער קומט אָן. דאָס האָט ער די גאַנצע צײַט געוואָרנט:

— גרעסערע זאַוואָדן און פאַבריקן שטרײַקן און קאָנען זיך גאָרניט דערשלאָגן.

איצט איז ער דער איינציקער, וואָס איז געקומען צו דער אַרבעט.

שעווע קערט זיך אום צוריק אַהיים. זי קאָן זיך מיט קיין אַרבעט ניט פאַרנעמען. זי האַלט אין איין פרעגן בײַ זיך:

— דײַנע וועלן קומען?

אַ גאַנצן טאָג קומט אין שטוב קיינער ניט אַרײַן. ניט שלוימע, ניט באַסיע. קיינער פון זייערע באַקאַנטע קומט ניט. אַלע זײַנען פאַרנומען. די איינציקע, וועמען מע קאָן טרעפן אין קאָרידאָר, איז ראָזע איסאַקאָוונע. זי איז אויך אומרויִק. און ווי מע קאָן זיך אָנשטויסן, איז איר זאָרג אויך פאַרבונדן מיט דער דעמאָנסטראַציע: צי וועט אַבראַמטשיק, כאַס-וועכאַלילע, ניט אָנטיילנעמען? אַבראַמטשיקן זעט מען ניט, די מאַמע האָט אים אַוועקגעשיקט צו באַקאַנטע, ער זאָל זײַן פאַרנומען און ניט האָבן קיין פרײַע צײַט.

סימעס זאָרגן פאַר דער דעמאָנסטראַציע זײַנען גאָר אַנדערע. מאַמעס לעבן מיט דעם, מיט וואָס זייערע קינדער לעבן. סימע, וואָס האָט ניט געהערט און ניט געכאָלעמט פון רעוואָליוציעס, האָט ווילנדיק צי ניט ווילנדיק אַרײַנגעצויגן זיך אין דעם, וועגן וואָס די קינדער ריידן, פון וואָס זיי טראַכטן און אויף וואָס זיי האָפן. זי פאַרשטייט, פאַרוואָס שעווע זיצט ניט אײַן אויף אַן אָרט, פאַרוואָס זי איז אומרויִק און וויל קיין ביסן אין מויל ניט נעמען.

— שעווע, וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? אַלץ וועט זײַן גוט. גלייב מיר, צו דער דעמאָנסטראַציע וועלן אַלע קומען.

— ביסט זיכער, מאַמע?

— ווי דען אַנדערש? אַנדערש קאָן דען זײַן?

פאַר אָשערקען וואָלט זיך סימע געשעמט זאָגן אַזוינס. אָשערקע, ווען ער גלייבט אַפילע, שמייכלען סײַווי זײַנע אויגן מיט אומגלויבן. דאָס באַקומט זיך שוין בײַ אים פון זיך אַליין. אַזוינע אויגן האָט ער, און אַזאַ שמייכל פאַרמאָגט ער. סימע האָט צו אים גאָרניט. אַ לעבן צוזאַמען דורכגעלעבט. אָבער די לעצטע צײַט קאָן זי וועגן איינציקע זאַכן ריידן נאָר מיט די קינדער און ניט מיטן מאַן. גוט, וואָס אָשערקע איז איצט אין דר'היים ניטאָ.

שעווע לאָזט זיך באַרויִקן. זי עסט אַלץ, וואָס די מאַמע דערלאַנגט צום טיש. זי קאָן שוין אַפילע טראַכטן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ קלייד זי וועט הײַנט אָנטאָן.

נאָך האַלבן טאָג האָט זי זיך גענומען קלײַבן אין וועג אַרײַן. צו דער פאַבריק איז זי געקומען די ערשטע. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַ לענגערע צײַט איז זי געווען ניט נאָר די ערשטע, נאָר אויך די איינציקע. זי איז עטלעכע מאָל זיך דורכגעגאַנגען פאַרבײַ דער פאַבריק, געקוקט אין אַלע זײַטן: צי קומט עמעצער ניט אָן? ביז איצט האָט שעווע גאָר קיין צײַט ניט געהאַט אַזוי גוט באַקוקן די עטלעכע געסלעך, וואָס געפינען זיך אַרום דער פאַבריק. אינדערפרי אײַלט זי צו דער אַרבעט, אין אָוונט — פון דער אַרבעט. איצט, אין דעם הייסן זומער-טאָג, ווען די בלעטער אויף דיביימער זײַנען פאַרשטויבט, ווען אין די הויפן זיצט מען האַלב-הויל, דערזעט זי וואַזאָנעס אין די אָפענע פענצטער. עס שפּילן זיך קינדער. הינטער דער פאַבריק איז פאַראַן אַ פרײַ שטיק פעלד, מיט אַ פאָר ביימלעך און מיט אַ סאַך געלע קווייטן צווישן גרינעם גראָז. עטלעכע ציגן פאַשען זיך. די הערנער פון די ציגן זײַנען מיט לאַנגע שטריק צוגעבונדן צו אַרײַנגעקלאַפטע פלאָקנס אין דער ערד. פונקט ווי אין פעלד לעם איר היימשטאָט באַם ניעמאַן. שעווע שמייכלט.

אַרומגייין הין-און-צוריק ווערט איר דערעסן, גייט זי מיט אַ גאַס ווײַטער, מיט נאָך אַ גאַס...

עפשער וועט זי עמעצן באגעגענען? מענטשן גייען, איַילן, ריידן. שעווקע איז זיכער: אַלע ריידן וועגן דער דעמאָנסטראַציע. טשיקאווע, וואָס זאָגן זיי?

אָט גייען פאַרביַי צוויי מאַנצבלען, ביידע מיט פּאַפּיראָסן אין מויל, זיי בלאָזן רויך און וואַרפן זיך דורך מיט ווערטער:

— לאַנג קיין רעגן ניט געווען.

— א רעגן איז שטאַרק נייטיק.

„זאָל גאָט אויסהיטן, אז היַינט זאָל גיין א רעגן!" — וויל אויסשריַיען שעווע.

שעווע כאַפּט זיך, אז זי איז צו וויַיט אוועק, און זי לאָזט זיך צוריק צו דער פאַבריק. געוויס האָבן זיך שוין מענטשן צונויפגעזאַמלט. ס׳איז אָבער אַלץ קיינער ניטאָ. זי איז ווידער אַליין. צי דען וועט קיינער ניט קומען? זי שטייט אין א ווינקל קעגן דער פאַבריק און פילט זיך מיד און אָפּגענאַרט.

— שעווע...

— אבראַמטשיק... וואָס טוסטו דאָ?

— געקומען אויף דער דעמאָנסטראַציע.

שעווע האָט זיך אזוי דערפרייט, אז זי האָט אָנגעכאַפּט אבראַמטשיקן פאַר דער האַנט.

— ביסט א גוטער, אבראַמטשיק, א גוטער. אָבער זע... קיינער איז ניטאָ.

— ס׳איז דאָך נאָך פרי. אינגיכן וועט מען קומען. זיַי רויִק, שעווע...

— דו מיינסט אזוי... מע וועט קומען? און איך בין אזוי אומרויִק, איך וועל זיך שעמען פאַר לײַטן.

— שעווע איז שוין דאָ. און ניט אַליין...

עס קומען צו צוויי כאַווערטעס פון דער פאַבריק. שעווע האָט זיי געכאַפּט קושן. איצט איז זי שוין אַפּאַנעמעסן ניט אַליין. אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום זיַינען די כאַווערטעס געוואָרן אומרויִק:

— קיינער קומט ניט. אַלע האָבן דאָך צוגעזאָגט...

אבראַמטשיק באַרויִקט:

— אַלע וועלן קומען.

ביסלעכוויַיז קליַיבט מען זיך טאַקע צונויף. און אינגיכן פאַרייניקן זיך די אַרבעטער פון דער ניי־פאַבריק מיט די קאָלאָנעס פון ראַיאָן. איצט האָט עס געגומען אויסזען אזוי, ווי שעווע האָט עס אין כאָלעם געזען. שעווע פרייט זיך, זי פילט דעם קויעך אַרום זיך, מאַסקווע גייט צו דער רעוואָליוציע.

עס איז דערגאַנגען א יעדיִע: מע האָט געשאָסן אין דעמאָנסטראַנטן. פאַראַן פאַרוווּנדעטע. באַלד האָט מען זיך דערוווּסט איינצלהיַיטן. געשאָסן האָבן די סאָלדאַטן פון די פּאָקראָווסקער קאַזאַרמעס.

די ערשטע יעדיִע האָט באַ שעווען, ווי באַ אַלעמען, אַרויסגערופן פאַרביטערונג און צאַרן, די צווייטע — האָט זי צעטומלט. פּאָקראָווסקער קאַזאַרמעס? עפשער די טייל, ווו טעווקע דינט? (וועגן איר ברודער גאָדל האָט זי אין דער מינוט אינגאַנצן פאַרגעסן.) אויך טעווקע האָט געשאָסן? זי גלייבט ניט. און טאָמער? ער איז דאָך א סאָלדאַט.

די גאַנצע פרייד, וואָס זי האָט ערשט איבערגעלעבט, איז אַנטרונען. זי האָט ווידער דערפילט א מידקיַיט, איר איז געוואָרן קאַלט. שעווע זעט שוין ניט, וואָס אַרום איר טוט זיך, ווער עס גייט מיט איר צוזאַמען, זי הערט ניט, וואָס מע רעדט צו איר. די דעמאָנסטראַנטן דערנעענטערן זיך צום סקאָבעליעוו־פּלאַץ, אַנטקעגן מאַסקווער ראַט. און זי פאַרלאָזט די רייען און לויפט אוועק צו די פּאָקראָווסקער טויערן, צו די קאַזאַרמעס. זי האָט אזוי געיַילט, אז זי האָט טאַקע אזוי ווי אין דעם כאָלעם געפילט, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט זיך אָן די ריפּן. עטלעכע מאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. זי האָט געמיינט, אז באַ די קאַזאַרמעס וועט זי זיך אַלץ דערוויסן. זי האָט זיך אָבער גאָרניט דערוווּסט. דעמלט איז זי אוועקגעלאָפן אהיים. זי האָט ראַשיק אָן עפּן געטאָן די טיר, עטלעכע הענט מיטאַמאָל האָבן אָנגעוויזן אויף שלוימעס געלעגער.

אויף שלוימעס בעט איז א פאַרוווּנדעטער געלעגן אַלטער. לעבן אים איז געזעסן אַליע.

זאַלמען בינשטאָק און אַרעלע קאַנאַטקין קומען אָפּט אהער, אין דער געוועזענער צוזאַמענוווינונג. זיי קומען זיך דערוויסן, וואָס אַלטער מאַכט. ווי פריִער, שטייען זיי באַם זומערדיקן ניט־געהייצטן אויוון און רייכערן. צו זיי גייט אַרויס שלוימע, און זיי שמועסן צווישן זיך. עטלעכע מאָל איז אויך אַריַינגעקומען איטשע יאַמטעוו.

יענטעלע איז געקומען צו אבראמטשיקן און אים ניט געטראָפן. ראָזע איסאקאָווגע איז ענד־לעך אריבערגעפאָרן אין אן אנדער דירע. יענטעלע האָט זיך לאַנג ארומגעדרייט אין קאָרידאָר, געוואָלט בא עמעצן פרעגן, וווּ וווינט איצט אבראמטשיק. די באדיל קעסעס ווייסן אָבער ניט. ראָזע איסאקאָווגע האָט זיך מיט זיי אפילע ניט געזעגנט.

שעווע גייט ארום א צעבראָכענע. זי רעדט גאָרניט, בעט גאָרניט, קוקט אָף אַלעמען מיט ווילדע אויגן. אַלע פארשטייען, וואָס בא איר אפן הארצן טוט זיך, און קיינער געפינט ניט דעם וועג צו איר אָף טרייסטן.

וואָס קאָן מען איר זאָגן? איר טעווקע, איר כאָסן, איר געליבטער טעווקע... האָט געשאָסן אין אן ארבעטער־דעמאָנסטראציע. צווישן די פארוונדעטע איז אָליעס מאַן, אַלטער, וואָס ליגט אָף שלוימעס בעט, און קיינער ווייסט ניט, צי וועט ער בלײַבן לעבן.

אַלע קענען דאָך שעווען. בײַסט זי זיך אין עפּעס אײַן, איז עס ניט אָף צו פליַיסן, ניט אָף נארן זיך און ניט אָף נארן יענעם, זי נעמט עס מיטן גאנצן הארצן, עס דערגייט איר ביזן ביין. באסיע האָט איינמאָל אונטער פיר אויגן געוואָלט איר זאָגן א וואָרט, וואָס זאָל איר לײַכטער מאכן דאָס געמיט, איז שעווע איר פארלאָפן דעם וועג.

— שוועסטער, איך בין איצט א כײַע, וואָס קאָן פארצוקן, טשעפּע מיך ניט. — און דערנאָך א גאנצן טאָג געוויינט.

אין שטוב פארשטייען אַלע איר צושטאנד. די מאמע לאָזט פון איר די אויגן ניט אראָפּ. די מאמע ווייסט שוין פון איר עלטערער טאָכטער, פון באסיען, אז ליבע איז העכער פון סייכל. די מאמע פארשטייט עס, זי פארשטייט אָבער ניט אן אנדער זאך: האָט מען ליב, ווייסט זי, קאָן מען פארגעבן א טאָעס און א פעלער. בא שעווען איז ליבע און האס אין איין צײַט. זי האָט פײַנט זיך אליין צוליב אָט דער ליבע... און וואָס איז טעווקע שולדיק? ער איז דאָך א סאָלדאט. און ווער האָט עס געזען, אז ער האָט געשאָסן? מע רעדט, מע זאָגט. מאַלע וואָס מע קאָן אמאָל זאָגן? צוליב דעם אזוי אראָפּגיין פון זינען? זי, די מאמע, וואָלט ניט געקאָנט טראָגן אזא פארביסן הארץ אָף אן אייגענעם מענטשן. סימע לאָזט פון שעווען די אויגן ניט אראָפּ, נאָר זאָגן זאָגט זי גאָרניט. זי האָט פאָשעט מוירע צו ריידן. שעווע איז ווי א שוועבעלע, גיב א ריר — צינדט זיך עס אָן.

אָשערקע איז אויך א מיוון אָף זײַן שעווען. זי קאָן זיך א מײַסע אָנטאָן. זי וועט ניט אויס־האַלטן. איר טעווקע, פאר וועמען זי איז גרייט זיך לאָזן די פינגער שנײַדן, טוט אזוינס אָפּ... זי וועט אים ניט מויכל זײַן און זיך ניט מויכל זײַן. פון טאָג צו טאָג גייט זי אויס. איר הארץ וועט פּלאַצן. אָדער זי וועט פון זינען זיך רירן. אָשערקע איז שוין אויך אויס מענטש. דער אומגליק האָט אים דאָס מאָל געכאפּט באם גאָרגל, ער קאָן מער זיך אליין ניט נארן, ער קאָן זיך ניט פארלאָזן אָף גאָט אָדער אָף א צופאַל. די אויגן זײַנען בא אים אויסגעלאָשן, ניטאָ מער אָשער־קעס אויגן.

האָדעס איז געקומען ריידן מיט שעווען. שעווע הערט זי אפילע ניט, זי וויל ניט. און פונקט דעמאָלט איז ארײַנגעקומען א סאָלדאט. ער האָט געפרעגט אָף שעווען און זי אָפּגערופן אָן א זײַט. אים האָט אהער געשיקט סווערדלין, געבעטן איבערגעבן: ער, טעווקע סווערדלין, און גאָדל באדילקעס, ווי א סאך אנדערע סאָלדאטן, זײַנען ארעסטירט פאר ניט אויספילן דעם באפעל צו שיסן אין דער דעמאָנסטראציע. דער סאָלדאט האָט פון זיך צוגעגעבן: זאָל שעווע זײַן רויִק. די גאנצע קאזארמע וועט זיי פארטיידיקן.

שעווע האָט ווידער געוויינט. נאָר אפן הארצן איז איר געוואָרן א סאך גרינגער.

באָריס סלוצקי

אַף דער אויסשטעלונג פונעם קינסטלער ראָבערט פאַלק

זעקס טויזנט מענטשן האָבן באַזוכט די אויסשטעלונג פון די ווערק פונעם קינסטלער ראָבערט פאַלק בלויז פאַר איין טאָג. אויב נעמען אין אַכט, אַז די מאָסקווער בעגאָוואיא־גאַס, ווו ס׳געפינט זיך דאָס הויז פון די קינסטלער, איז אין טאָג געווען א ראַנד־גאַס, אַז די רעקלאַמע איז דאָ א גאַנץ שוואַכע, — קאָן מען דאָס האַלטן פאַר א גרויסן דערפאָלג.

אַנגעלינאַ וואַסיליעוונאַ, די אַלמאָנע פון פאַלקן, וואָס האָט אײַנגעהיט זײַן ירושע און פראָפּאַגאַנדירט אומדערמידלעך זײַנע ווערק, האָט שוין פאַרלוירן דעם חשבון פון די עקסקורסיעס, וואָס איר קומט אויס אַרומצופירן איבער די זאַלן פון דער אויסשטעלונג. פון צײַט צו צײַט רײַסט זי איבער דאָס דערציילן און שרײַט אויס: „פּאַרזיכטיק, פאַרגעסט ניט אין די בילדער!“ דאָס באַטײַט, אַז דער מענטשן־שטראָם איז ביז גאָר גרויס. ער קאָן אויך פאַרפלייצן מיט זיך די קינסטלערישע לײַוונטן.

ניט אומזיסט, מיין איך, הייבט זיך די אויסשטעלונג אָן מיטן פּאָרטרעט פונעם באַוווּסטן קונסט־פאָרשער גאַבריטשעווסקי. דער שוין גאָר ניט יונגער און ניט איבעריק געזונטער מענטש, וואָס איז אָנגעמאָלט אַף דעם פּאָרטרעט, מאַכט א רוישעם מיט זײַן אויסערגעוויינלעכער גײַסטיקײַט, מיט יענער אָנשטרענגונג פון אַלע כוחות, וואָס ווערט אָנגערופן באַגײַסטערונג.

פאַלק פלעגט ליב האָבן זאָגן, אַז מאָלן דאַרף מען אַזוי לאַנג, ביז מען דערפילט אין דער נשמה דעם „אַך!“. מיט אָט דעם „אַך!“, מיט דער באַגײַסטערונג, וואָס איז אויסגעדריקט אין די געזיכט־שטריכן פונעם קונסט־פאָרשער גאַבריטשעווסקי, זײַנען באַלויכטן אַלע פּאָרטרעטן פון דער אויסשטעלונג. ס׳דוכט זיך, אַז ס׳איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס איז אַזוי ווײַט פון פאָרמאַליזם, ווי אָט די לײַוונטן. זיי זײַנען איבערגעפּולט מיט אינהאַלט. דאָס איז א גאַלעריי פון אונדזערע מענטשן, באַרימטע און ניט באַרימטע, אָבער שטענדיק מערקווירדיקע, ווײַל מערקווירדיק איז די צײַט, דאָס אָרט און זייער אַרט טעטיקײַט, מערקווירדיק איז דאָס לעבן, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט.

איך שטיי פאַרן פּאָרטרעט פון דער רוסישער פּאָעטעסע קסעניאַ נעקראַסאָוואַ. איך בין געווען באַקאַנט מיט איר צוואַנציק יאָר, איך ווייס אַלץ, וואָס זי האָט אָנגעשריבן. איך האָב אַמאָל געשריבן איר פּאָרטרעט — אין פערזן. אַף וויפל אָבער האָט פאַלק געקענט קסעניען בעסער פון מיר!

די טיפקײַט פון באַגרײַפן, דאָס פולקומע קענען דאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן — ניט אין קיין קלענערער מאָס, ווי א פּאָעט, ווי א פּראָזאַיִקער, ווי אַן אַקטיאָר, — פּאָרט זיך מיט דער פולקומקײַט פון מאָלערײַ.

פאַלק איז א מאָלער, וואָס דענקט דורך פאַרבן און ליניעס. ער דענקט שטאַרק, פּינקטלעך, מיט באַגײַסטערונג.

די רויטע אָפּשײַן פון די פּאָנען אַף א דעמאָנסטראַציע פון פּאַריזשער אַרבעטער, דאָס באַרימטע „רויטע מעבל“, וואָס געפינט זיך שוין לאַנג־לאַנג אין די רעזערוו־לאָקאַלן פון דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי, רויט געפּעס, פון וועלכן ס׳קוקט אַרויס א נעגערישער קאָפּ אַף א נאַטורמאָרט, רויטציגלדיקע הײַזער אַף שטאָטישע לאַנדשאַפטן, דאָס רויטע היטל אויפן אַוטאָפּאָרטרעט, אָנגעמאָלט ניט לאַנג פאַרן קינסטלערס טויט, — הונדערטער ניואַנסן פון רויטס און פון אַלע אַנדערע פאַרבן. פאַלק האָט זייער א סך געוווּסט און זייער א סך געקענט, — טאַקע אַזוי, ווי ס׳פּאַסט פאַר א גרויסן מײַסטער.

טאַלאַנט איז א זעלטנהײַט, נאָר סאָפּקאָלסאָף טרעפט ער זיך. אַף דער אויסשטעלונג וואַרפט זיך אין די אויגן אַן אַנדער אייגנשאַפט פון דעם קינסטלער פאַלק — די עכטקײַט, די הויכע קוואַליטעט פון זײַן מענטשלעכער אויפפירונג.

נאָך א פאַרהעלטניסמעסיק קורצן פּעריאָד פון לערנען זיך און פון זוכונגען, — גוט, וואָס די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אויסשטעלונג פאַרשווײַגן ניט אָט דעם נייטיקן פּעריאָד אינעם לעבן פון יעדן קינסטלער, — איז געקומען די צײַט, וועגן וועלכער פאַלק וואָלט געקאָנט זאָגן מיט פּיקאַסאָס ווערטער: „איך זוך ניט. איך געפין“.

שוין פון דער מיט צוואַנציקער יאָרן האָט פאַלק געפונען זײַן ליניע און איז שוין מער פון איר קיינמאָל ניט אָפּגעטראָטן. גרויסע קאָמפּראָמיסן זײַנען אייגנטימלעך אַפילו גרויסע קינסטלער, נאָר אין געגעבענעם פאַל זײַנען ניט געווען קיין שום קאָמפּראָמיסן — ניט קיין גרויסע, ניט קיין קליינע. דער קינסטלער איז געוואַקסן און האָט זיך געענדערט, אָבער נאַטירלעך, ווי ס׳וואַקסט און ענדערט זיך דער וואַלד.

ווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אויסשטעלונג וואָלטן אויסגעהאַנגען אין איין ריי די צוואָרפענע איבער די זאַלן אַוטאָפּאָרטרעטן, אָנהייבנדיק פון די סאַמע ערשטע, פראַנטעוואַטע און פריילעכע, און ביזן לעצטן, סאַכאַקלדיקן אַוטאָפּאָרטרעט פון 1957 יאָר, — וואָלט קלאָר געוואָרן, ווי נאַטירלעך ס׳איז געווען דעם קינסטלערס עוואָליוציע און ווי טײַער ס׳האָט אים געקאָסט דאָס שטרעבן צו נאַטירלעכקײַט.

די צײַט, וואָס האָט באַשאַפן פאַלקן, די רעוואָליוציאָנערע צײַט, איז באַגלייט געוואָרן מיט א שטאַרקן אויסברוך פון טאַלאַנטן. אייניקע פון זיי, באַזונדערס האָט עס א שײַכעס צום קינעמאַטאָגראַף און אויך צו ליטעראַטור, האָבן געפונען א פולשטענדיקע אָנווענדונג. דער קאָעפיציִענט פון זייער נוצלעכער אַרבעט איז געווען א הויכער. אַנדערע — אין מאָלערײַ מערער ווי אין אַן אַנדער אַרט קונסט — זײַנען צײַטווײַליק אָפּגעלייגט געוואָרן. נאָר זייער צײַט איז געקומען. איבערראַזירנדיק מאַיאַקאָווסקין, קאָן מען זאָגן, אַז דאָס גליק פון א ניט גרויסן קרײַז מיטצײַטלער, וואָס האָבן געזען פאַלקן און אַנדערע מײַסטערס פונעם אַקטיאַבער־פּעריאָד באַם לעבן, — איז איצט מעגלעך געוואָרן פאַר אַלעמען.

ראָבערט פאלק

אן ארבעטערן

א פרוי אין א שאל

אין טעאטער

זאגאָרסק (פּייזאַזש)

זון. ברעטאַן



באַלאַקלאַווע



א פּאָרטרעט פון א מאַנצבל

ריווע באליאסנע

איסאַק לעוויטאַן

...אין באבקינאָ[1] איז פריילעך ביז פאַרטאָג.
דער „בעדויִן" איסאַק איז אין א וויַיסער טשאַלמע.
ער מישט אליין צונויף א פיַינעם גראָג,
מע טרינקט אַף דער טעראַסע בא א פאַלמע.

אין באבקינאָ איז אָן א שיר מוזיק
און אָן א שיר באַטאַליעס און שטריַיטן:
וועגן דעם גוירל פונעם רוסישן מוזשיק,
וואָס איז ניט ווי בא ליַיטן...

היַינט וואָס איז ווערט דער גוירל פונעם ייִד
אין די ראָמאַנאָווס ציַיטן?
דאָ מוז מען אונטערלייגן דינאַמיט,
עס זאָל זיך עפּעס בײַטן!

בא טשעכאָוון עס נאָגט, עס נאָגט דאָס האַרץ.
ער טוט פאַרשטעלט א זאָג זיַין פריַינט איסאַקן:
„מע דאַרף זיַין שטאַרק, מע דאַרף זיַין זייער
שטאַרק —
זיך ניט צעבייַטן אַף קיין מעשׂענע פּיאַטאַקן..."

• • •

ער איז אינגאַנצן אויסגעוועבט פון קלאַנגען
און קאָלירן.
ער דאַרף קיין בליַיער ניט, קיין שום פּאַפּירן.
ער שטראָמט דורך מאָסקווע, ווי א גרויסע ליד,
און נאָר די פיס — זיי ווערן עטוואָס מיד.
ער שלינגט מיט זשעדנע אויגן דורכגייער,
וואָס איַילן.
אים דוכט: מאַריִע לויפט צו אים דורך מיַילן.
ער קאָן אים שוין ניט אָפּשטעלן, דעם גאַנג.
אַקשאַנעסדיק וואַקסט אָן אַזא פאַרלאַנג:
דער הימל מיט דער ערד זאָל זיך צוזאַמענגיסן,
ווען ער וועט זי אין זיַינע אָרעמס שליסן!

...מאַריִע איז אין שטוב די סאַמע קלענסטע.
זי קוקט אַרויס אַף לעוויטאַנען דורכן פענצטער.
איר לערער לערנט מאָלן זי פּייזאַזשן.
מע גייט מיטן עטיודניק דורך די פּליאַזשן,
צו הויכע דעמבעס אינעם וואַלד,
צוגאַסט צו די בערעזקעס,
צום פּאַפּאַראָט אַרום צעצוויַיגטע סטעזשקעס,
און שטענדיק גייט זיי נאָך דער הונט, זיַין וועסטע.
מאַ־פּאַ, מאַריִע, איז אַנטאָשעס שוועסטער.
זי טראָגט די הענט, ווי גרינגע וויַיסע וועסלעס,
און ס'טאַנצט אַרום לעם זיי זיַין קלוגע וועסטע.
ער איז מעקאַנע איר,
ס'איז א געלעכטער...
ס'קאָן וועסטע אויסדריקן זיַין ליבע אָן שום
ווערטער.

• • •

איינמאָל — ס'האָט דער זומער זיך געענדיקט —
האָט זיך איסאַק צו איר געווענדעט:
„איך האָב דיך ליב, מאַרי,
דו ביסט מיַין גלויבן!" —
ער פאַלט צו אירע קני,
ער קוקט איר אין די אויגן.
א שמעטערלינג — זי פליט,
א פויגל אין דעם הימל.
ער וויינט נאָך אירע טריט.
זי כליפּעט אינעם צימער.
ס'קוקט טשעכאָוו צו און לאַכט:
„נו וואַרט, מאַרי, נו וואַרט,
איך האָב אים אויכעט ליב,
דעם גאָטסגעבענטשטן קינסטלער,
נאָר גלייב, ס'וועט זיַין, מאַרי,
מיט אים דיר וויסט און פינצטער.
נערוועז איז ער ביז גאָר,
אָט — זון, און אָט גאָר — כמאַרעס.
פאַר מיר, מאַרי, איז קלאָר,
אַז איַילן זיך איז נאַריש.
וועסט שטיין אַף א ווולקאַן,
ס'וועט דונערן און בליצן.
איסאַק וויַיסט בלויז די קונסט
פון אָנגריַיפן באַשיצן..."
— — — — — — — — — — — — — — —
ווי ס'שטילט דיך איַין דער וואַלד,
די שוויַיגנדיקע בלעטער.
ס'וועט שפּעטער ווערן קאַלט,
דערוויַיל א גוטער וועטער.

פּריִערדיקע קאַפּיטלען פון דער דאָזיקער פּאָעמע זיַינען געדרוקט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 10 פאַרן 1966 יאָר.

[1] דאָס דאַרף לעבן איסטרא, ווו עס האָט אין 1885 יאָר געלעבט דער גרויסער רוסישער שריַיבער א. פּ. טשעכאָוו.

און נאָר די פּיס, ווי לײם,
ווי נאַסע לײם באַם הארצן...
נישטאָ קיין שטוב, קיין היים
באַם בעדוין דעם שווארצן.

• • •

אין מאָסקווע איז א וויוגע, א בוראַן.
ס'איז שווער צו עטעמען. ניט אויסצוהאַלטן.
און מעוועס שרײַען: „ווּו איז לעוויטאַן?"
זיי רופן אים קיין יאַלטע.
אַף טריאָכסוויאַטיטעלסקי — א ראַש,
א טאַראַראַם,
ווי ס'וואָלטן אָפּפאָרן א צענדליק,
ניט ער איינער.
דאָקטוירים אײַצענען — וואָס גיכער צו דעם יאַם,
ס'איז וואַרעם דאָרט די לופט און ריינער.

עס ווארט שוין טשעכאָוו, און מאריִע שטייט
באַם שוועל.
ס'איז לעוויטאַן געוואָרן לענגער נאָך און דארער,
און דער דיאַגנאָז איז שוין לאַנג געשטעלט.
איצט בלײַבט, אַז איינער זאָל דעם צווייטן נארן.
מיט טשעכאָוון עס רעדן זײַנע אויגן:
„עס האָבן מיך געבראַכט צו דיר די פויגל.
די מעוועס דײַנע... כ'בין געזונט אַן אײַזן.
מיר וועלן נאָך אַרײַנכאַפּן א רײַזע
צוזאַמען. איך בין איצטער קרעז, ראָקפעלער
(איין אונטערשייד. מע זאָגט, ער איז א געלער)..."

ס'איז שוין ניט פרי. און טשעכאָוו הוסט אין פויסט.
פון אונטן בייזערט זיך דער יאַם און רוישט.
„יאָ, מירן פאָרן, אויב דו ביסט שוין קרעז,
קיין טווער — וואָס נעענטער צום סמעזש...
דו האָסט דאָך ליב אָט די געבענטשטע ערטער..."
מער סטײַען ניט בא טשעכאָוון קיין ווערטער,
און אין זיך טראַכט ער:
זאָל ער איבערלעבן כאָטש דעם ווינטער.
די דאַטשע שטייט צו נאָענט צו דעם צווינטער...

און לעוויטאַן איז טעטיק ווי א בין.
ער זעצט זיך מאָלן. און דאָס פעלד ווערט גרין.
א קילער ווינט. סע שמעקט מיט היי, מיט לאָנקע,
און ס'ציט דיך ערגעץ בלאָנקען...

די מעוועס שרײַען: „ווּו איז לעוויטאַן?"
איז טו איין שפאַן,
וועסט בײַקומען א מעטער נאָך א מעטער,
סע ציט אים אין דער הייך, אָפּן איי־פּעטרי.
...ווי בא א זאָקן דרייט זיך אים דער קאָפּ,
סע העלפט שוין ניט מאריִע, ניט דער שטעקן,
א רעגע... און ער שטעלט זיך ווידער אָפּ.
דאָס פּאָנעם — רויטע פלעקן.
צום ערשטן מאָל באַהאַלט ער ניט די טרערן,
עס שטייען אַף דער ערד צוויי בלאָנדזשענדיקע
שטערן...

„די איינציקע, וואָס האָט געקאָנט מיר זײַן א
א פרוי —
ביסטו, מאריִע,
איך וויל ניט שטאַרבן.
זעסט, ווי ס'איז דער הימל בלוי...
דו זעסט, ווי מעוועס פליִען!"

• • •

איר האָט געהערט, ווי ס'הודען ליפּע־שוועסטער,
ווי בינען טומלען ארום זיי אין יולי?
נישטאָ קיין דיריזשאָר,
נאָר פול איז דער אָרקעסטער.
א לויבגעזאַנג דעם אויער, וואָס ער הערט,
דעם אויג, וואָס זעט אפילע אינדערפינצטער, —
א לויבגעזאַנג דעם קינסטלער!
ער ליגט א גרויסער און א טונקלהויטיקער אַף
אונדזער ערד
און הערט.
ארום איז שטיל.
ס'איז, דאַכט זיך, אַלץ אין שווײַגן,
נאָר ס'שרײַט די מיל.
עס שרײַען ערגעץ צווײַגן.
עס טרינקט א רויטע בלום זיך אינעם רעגן.
א מאַבל. עס פאַרפלייצט דעם סאַד, די וועגן.
איר וועט ניט שליסן אָט די בילדער אין קיין
ראַמען,
זיי לייגן זיך אפילע ניט אין גראַמען,
עס דאַרף נאָך קומען א טשײַקאָווסקי, א שאָפּען,
ווען ס'נעמט א לעוויטאַן זײַן בונטע פּען.
יאָ, שיינקײַט שליסט זיך ניט אין גרענעצן
פון פּרעסקעס,
זי איז
אין יונגינקע בערעזקעס,
אין שנייעלעך, אין הימל, אין שווארצאַפּלען,
אין מוטער־הענט, וואָס איבער קינדער צאַפּלען,
אין וועגן, וועלכע ווייסן ניט קיין ברעגן
און שווײַגנדיק זיי רעגן.

ווער וואָלט געזאָגט אַף אים, דעם
מאַרעשכוירעניק דעם לאַנגן,
אַז ס'קאָן די שיינקײַט, ווי א בליץ, אין אים
דערלאַנגען,
ער זאָל פאַרלאָפן ווערן, ווי א בארג, מיט טרערן,
ווען ס'נעמט די אָוונט־זון מיט וואָלקן זיך באַרירן!
אין יעדער בילד — זײַן הארץ און די געפילן,
מיט טרויער נעמען זיי דעם טרויער שטילן.

איר האָט געהערט, ווי ס'הודען ליפּע־שוועסטער,
ווי בינען טומלען ארום זיי אין יולי?
נישטאָ קיין דיריזשאָר,
נאָר פול איז דער אָרקעסטער.
א לויבגעזאַנג דעם אויער, וואָס ער הערט,
דעם אויג, וואָס זעט אפילע אינדערפינצטער, —
א לויבגעזאַנג דעם קינסטלער!

• • •

טריבונע פון לעבן

ארן ווערגעליס

אין נעפּל

(רײַזע־נאָטיצן)

צוליב וואָס בין איך געפאָרן קיין לאָנדאָן

איצט האָב איך זיך שוין אומגעקערט צוריק אהיים קיין מאָסקווע. די ענגלישע שטעט, וואָס איך האָב בעשאס דער רײַזע געזען פון דער נאָענט, האָבן זיך איצט דערווײַטערט פון מיר, געוואָרן ווי נעענטער אײנע מיט דער אנדערער, און איך זע שוין ניט בלויז זיי אליין, נאָר דאָס גאנצע לאנד, אין וועלכן כ׳בין א קורצע צײַט געווען צוגאסט.

איך זע עס, דאָס בריטישע לאנד, אין א ווארעמען טיף־הארבסטיקן כוידעש, ערעוו ווײַנאכט, ווען אף די איליומינירטע גאסן און פּלעצער, אין שאָטן פון מאָדערנע סינטעטישע יעלן, זיצט אין זײַן טראדיציִאָנעלער אײנזאמקײַט דאָס אלטע אינדזל־פאָלק, טיף פארטאָן אין מאכשאָוועס.

נאטירלעך, קיין ענגלאנד האָט מיך געקאָנט ברענגען, אזוי ווי אלע אנדערע מענטשן, וועלכע קומען אהער פון ווײַטע מעקוימעס, די נײַגעריקײַט צו זען מיט די אײיגענע אויגן אָט דעם אוניקאלן מענטשלעכן שייוועט, וואָס איז אין דער איצטיקער וועלט מיט עפּעס ענלעך אף א באיאָרטן „טשודאק“ צווישן יונגעלײַט, ער רופט ארויס ניט ווייניק פריילעכע וויצן מיט זײַנע אלטמאָדישע גענג, וואָס איין גאָט אין הימל ווייסט, אז זיי זײַנען ניט קיין פּויעל־יויצע פון אויווערבאָטלדיקע רעמיניסצענצן, נאָר א מין שפּיל מיט זיך אליין, א שפּיל, צו וועלכער ער, דער באיאָרטער, איז פון קאדמוינים אָן צוגעווינט און וואָס העלפט אים זיך מאכן פריילעך אף זײַן אייגענעם אויפן.

קעדיי זען דאָס טשיקאווע לאנד און פּרווון עס פארשטיין, וואָלט עפשער גענוג געווען זיך אָנשליסן צו די טוריסטן, וועלכע טאָפּטשען מיט גרויס פלײַס די גאסן אין לאָנדאָן, עדינבורג, מאנטשעסטער. איך מוז אָבער גלײַך זיך מוידע זײַן, אז ניט צוליב דעם טוריסטישן פארגעניגן בין איך אהין געקומען. קיין ענגלאנד האָט מיך געצויגן א קוק צו טאָן קוידעמקאָל אף דעם בארימטן „ווײַטשעפּל“ — דער אמאָליקער טומלדיקער לאָנדאָנער יידישער געטאָ, וואָס איז אומבאמערקט ווי צעגאנגען אין דער צײַט, אופגעהערט געבן ווען זיך צו וויסן, ווי עס וואָלטן גאָרנישט געווען אף דער וועלט ניט דער זינגעוודיקער יידישער ענגליש פון די וואָלינער, לאָדזשער און קאָוונער אימיגראנטן, די „פּאָלאקעס“, ווי אָרטיקע יאהודים האָבן זיי גערופן; ניט די „דרעס מעיקינג“ (פּאָשעט גערעדט — שנײַדער־ווארשטאטן), „פּאָקעט־בוק“־שאפן (פאבריקלעך פון לעדערנע טײַסטערס) און אנדערע אזוינע ערטער, וווהין ס׳האָט א שטראָם געטאָן, ווי אין פרײַוויליק אויסגעקליבענע פּאסטקעס, דער קליינשטעטלדיקער אמכאָ. א טייל איז שפּעטער געבליבן שטעקן אין די שוויץ־שאפן, און א טייל איז אוועק אין „שעלטער“ (אף מאמעלאָשן — אין העקדעש, וווּ מע האָט באקומען נאכטלעגער און א טעלער בידנעם זופּ)... שיקט זיך, אז טאקע בלויז צו כאָלעם זײַנען געקומען די פּאָליטישע לאָנדאָנער יארידן, אף וועלכע עס פלעגט אָנגיין א פּערמאנענטע אמפּערניש צווישן די איסט־ענדער און וועסט־ענדער יידישע פּאָליטיקער? עס זײַנען שוין טאקע ניטאָ די היציקע כסידים פונעם אנארכיסטישן „ארבײַטער־פרײַנט“, די צדאָקע־פּאָליטיקאנען פון דער „אינגליש זייאָניסט פּעדריישן“, וועלכע אָט קושן זיי זיך מיט דער מיליאָנערסקער ענגליש־יידישער פילאנטראָפּיע און אָט שילטן זיי זי? וווהין זײַנען פארשוווּנדן פון ווײַטשעפּל די פּרעזידענטן פון לאָקאלע טרעד־יוניאָנס, ארבעט־אָנווײַזביוראָען, אונטערשטיצונגס־פארײנען, בילדונגס־אסאָשיעישנס, די דורכפירער פון „לעקטשורס“ און „עקסקוירשנס“ — עס זאָל, כאָלילע, אומעטיק ניט זײַן די הונגעריקע אימיגראנטן? און דער „לאָנדאָנער יוד“, די „אבענד־נײַעס“, דאָס „פּוילישע יידל“, „די צײַט“? און לעסאָף — צי קאָן מען נאָך דאָ אָפּזוכן שפּורן פון די פּיאָנערן פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג צווישן יידן — אין דער צווייטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט — ארן ליבערמאנס, מאָריס ווינטשעווסקיס שפּורן אין לאָנדאָן?

איצט, אף דער שוועל פונעם 1967 יאָר, ווען אין דער שײַן פון א האלבן יאָרהונדערט פון דער נײַער אָקטיאבער־עפּאָכע קוק איך זיך ווידעראמאָל און נאָכאמאָל צו צו דעם הײַנטיקן מאצעוו פון מײַן פאָלק, האָט זיך מיר פארוואָלט ארײַנקוקן אויך אין דעם „ווײַטשעפּל־לאנד“, ווּ אין דער נאָך ניט ווײַטער פארגאנגענהײַט האָבן צענדליקער טויזנטער יידן, ארויסגעשטויסענע פון דעם ביטערן, אָבער טיף פארוואָרצלטן טכום־שטייגער, איבערגעלעבט דערשיטערנדיקע סאָציאַלע דראמעס. איך האָב געוואָלט זען, וואָס עס איז געוואָרן מיט די זין און אייניקלעך פון אָט די אופגערודערטע אימיגראנטן, צי האָבן זיי, ווי מע זאָגט עס, געפונען א רויִקן האפן אין דעם אינדזל־לאנד, און ווי האלט עס בא זיי הײַנט מיט אָפּהיטן און פארמערן די פאָלקס־אויצרעס, וועלכע זייערע אָוועס האָבן, אָן סאָפעק, מיטגענומען מיט זיך אפן נײַעם ווינק־אָרט.

אָבער איידער איך וועל דערציילן וועגן דעם יידישן יישעוו אין ענגלאנד, וויל איך כאָטש אינקורצן זאָגן וועגן דעם ענגלענדער גופע, ווי איך האָב אים אין זײַן לאנד געזען.

אלץ קאפּויר?

— איר פאָרט קיין ענגלאנד? זאָלט איר ניט פארגעסן, אז דאָרט איז אלץ קאפּויר...

די דאָזיקע ווערטער האָט מיר געזאָגט א מענטש, וואָס האָט אכט יאָר אָפּגעלעבט בא דער טעמזע און זײַנע פרײַנט אין מאָסקווע רופן אים „דער ענגלענדער“.

נו, אויב ער אליין האָט א שעם פון אן ענגלענדער, איז דאָך מעגלעך, אז אויך בא אים זאָל זײַן אלץ קאפּויר... און קאפּויר אף קאפּויר — איז שוין, גאָט צו דאנקען, ניט קאפּויר.

ווען איך בין אין עטלעכע טעג ארום ארויסגעגאנגען

פון דעם לאַנדאָנער אַעראָוואָקזאַל, קעדיי פאָרן אין האָטעל, האָב איך ניט ווילנדיק געמוזט פון דער ערשטער רעגע אָן זיך דערמאָנען אין דער וואָרענונג פון מײַן מאָסקווער באַקאַנטן. ווי געווײַנלעך, האָב איך, אַריבערגייענדיק די גאַס, א קוק געטאָן אף לינקס, צי עס טראָגן זיך ניט אף מיר קיין אווטאָמאָבילן, און בין שיר ניט אַרונטערגעפאַלן אונטער אַן אווטאָמאָביל, וואָס איז אָנגעלאָפן... פון רעכטס!

— דער שאָפער איז שיקער, צי וואָס? פאַרוואָס שטעלט מען אים ניט אָפּ?

אײנער פון די פרײַנט מײַנע, וועלכע האָבן מיך באַגעגנט אין אַעראָפּאָרט, האָט, אָנשטויסנדיק זיך, אַז איך בין, נעבעך, גרין פון אויבן ביז אַראָפּ, א ווונק געטאָן מיט א שמייכל צו דער גאַס. איך בין געבליבן שטיין א געפּלעפטער. אַלע שאָפערן זײַנען שיקער צי כאָסער־דייע? אָט איז נאָך איין מאַשין, און נאָך איינע, און גאַנצע צען, פופצן, צוואַנציק — אַלע פאָרן זיי אף דער לינקער זײַט גאַס, ניט אף דער רעכטער! וואָס שטייט ער, דער באָבי (אַזוי רופט מען אין ענגלאַנד די פּאָליציילײַט), ווי א גוילעם? באַ אונדז אין מאָסקווע...

— באַ אײַך אין מאָסקווע — אַזוי, און באַ אונדז אין ענגלאַנד — קאַפּויר...

דאָס האָט געזאָגט אַן עכטער ענגלענדער, א לאָנדאָנער, און אים מעג מען גלייבן.

ווען מיר זײַנען צוגעגאַנגען צו אונדזער מאַשין, האָב איך, וועלנדיק זיך אוועקזעצן לעבן דעם שאָפער, אָן עפן געטאָן דאָס טירל רעכטס פון אים, אַזוי ווי איך טו אין דער היים, און... שיר ניט אַרופגעפאַלן אף אים טאַקע, אף דעם שאָפער. לאָזט זיך אויס, אַז אין ענגלאַנד שטייען די מאָטאָרן אין די אווטאָמאָבילן אף דער רעכטער זײַט און ניט אף דער לינקער, די שאָפערן זיצן דעריבער אף דער רעכטער זײַט.

מיר פאָרן, און אף די גאַסן האָב איך די מעגלעכקײַט צו זען, וואָס עס הייסט „קאַפּויר־מאָדעס". דאָס אולטראַ־מאָדערנע (עקסטראַוואַגאַנטע) און דאָס אַלטע־שעבעלטע (דער סנאָביזם) אין דעם אָנטאָן באַם דורכשניטלעכן ענגלענדער זײַנען מאַמעש אַרויסרופעריש. אָט שטייט אַפּן טראָטואַר, לעבן א קינאָ־טעאַטער, א גרופּע יונגטלעכע. די מיידלעך — אין מיני־סקערטס, קליידלעך די גרייס ווי א גענעץ, דערצו נאָך אין „רוסישע שטיוועלעך" אף הויכע אָפּצאַסן; האַלב פון דעם מיידלס ווייס גייט אוועק אף די אָפּגעדעקטע ווי ווײַט מעגלעך פיס. די יינגלעך — מיט אָנגעשמירטע, ווי באַ מיידלעך, באַקן, אונטער די אויגן בלויע, שוואַרצע אָדער גרינע פאַסן — טראָגן אָנשטאָט באַנאַלע הויזן מיני־דזשינסן מיט א גרויסער קעשענע אַפּן גאַנצן פונפאָרנט. מיר זעט אויס מאָדנע, וואָס די זין פונעם פעלדמאַרשאַל מאָנטגאָמעריס „אײַזערנע סאָלדאַטן" דרייען, שפּאַצירנדיק אַפּן טראָטואַר, מיט די היפטן און זײַנען שטאַרק פאַרטאָן אין דעם, אַז די לאַנגע האָר זאָלן ווי ס׳געהער צו זײַן ליגן אף די שמאָלע אַקסלען.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די „דערפינדערן" פון מיני־סקערטס מערי קוואַנט האָט ניט לאַנג צוריק באַקומען פון דער ענגלישער קיניגן דעם טיטל „יינגערע באַראָנעטע". הייסט עס, אַז מיט אולטראַ־מאָדערן וואַרפט מען זיך דאָ ניט. פאַר די מיידלעך, די „מיני־סקערטקעס", זײַנען גאַסטפרײַנטלעך צעעפנט די טירן פונעם גרויסן ספּעציאַליזירטן מאַגאַזין „ביבאַ". מע טוט אויך ניט פאַרגעסן אין די עקסטראַוואַגאַנטע יונגעלײַט. פאַראַן אַזא פּיפיקער געשעפטסמאַן דזשאָן סיווערס, אויך נאָך א יונגערמאַן, — האָט ער אין צענטער פון לאָנדאָן אָפּגעדונגען אַלטע פאַרלאָזטע סקלאַדן און אין זיי געעפנט עטלעכע קראָמען, אין וועלכע פאַרקויפט, ווי צווי טראָפּן וואַסער ענלעכע צו די קוינים, קלײַבן צו פאַר זיי דאָס מאָדערנע קלאָפּערגעצײַג, אונטערפּײַפנדיק א לידל פון דעם ביטניקס־רעפּערטואַר און דרייענדיק מיט אַלע איוורים, ווי אין קאַדאָכעס.

די מאָדע אף קאַפּויר אָנטאָן רופט באַ קיינעם ניט אַרויס קיין כידעש. פּאַרקערט, איינער פון די בעסטע לאָנדאָנער שנײַדער דזשאָ (יויסעף) קאַהאַן האָט, ווי מע דערציילט, געמאַכט א פּראָגנאָז, אַז אין 1980 יאָר וועט גאַנץ ענגלאַנד איבערגיין אף „מיני"...

אָך, זאָגט עס ניט. זאָגט ניט... אין גרויסבריטאַניע האָט מען ליב הומאָר, נאָר מע קערט זיך אָפּ פון ביליקע קלאָמבורן. אַהער איז דערגאַנגען פון יענער זײַט אָקעאַן איינער אַזא קלאָמבור, וואָס וויקלט זיך אַרום דעם וואָרט „מיני־ענגלאַנד" און לאָזט צו וויסן, אַז מיט דער צײַט וועט דער אָנזען פון דער אַמאָליקער הערשערן פון די יאַמען ווערן אַזוי קליין, אַז מע וועט זי קאָנען פאַררעכענען פאָרן איין־און־פופציקסטן שטאַט פון פּשאַ... און כאָטש אָסקאַר אויילד האָט אַמאָל א שפּאַס געטאָן, אַז באַ ענגלאַנד און אַמעריקע איז פאַראַן פיל געמיינזאַמס, אויסער... דער שפּראַך, אף וועלכער זיי ריידן, — דאָך איז ניטאָ קיין גרעסערע באַליידיקונג פאַרן שטאָלצן ענגלענדער, ווי דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז אין דער „געמיינזאַמקײַט" שטעקט די סיבע, פאַרוואָס צו ענגלאַנד וועט צוגעשטוקעוועט ווערן דער מאָדערנער עפּיטעט „מיני".

די צווייטע קאַפּויר־עקסטרעמקײַט פון דעם ענגלישן לעבנס־סטיל — די אַלטמאָדישקײַט — שטעלט זיך האַרטנעקיק קעגן, אף ניט אונטערצוגעבן זיך, דער סופּער־מאָדע. איך וואָלט ניט געזאָגט, אַז דאָס זײַנען קעגנזעצלעכע אָדער, כאָלילע, פײַנטלעכע מאָדעס. גיכער איז דאָס נאָך איין באַווײַז פון דעם קאַפּויר אין דעם כאַראַקטער פונעם ענגלענדער.

איר קאָנט אין לאָנדאָן אף טריט און שריט באַגעגענען מאַנצבלען אין ברייטע אומגעלומפּערטע הויזן און אין מאַנטלען ביז די פּיאַטעס. וואָס אָפּגעטראָגענער עס איז באַ אָט די מאַנצבלען דאָס אָנטאָן, אַלץ כאַשעווער זײַנען זיי באַ זיך. אין א ווײַטערדיקן קאַפּיטל וועל איך דערציילן וועגן מײַנעם א באַזוך פון ענגלישן פּאַרלאַמענט, — איצט וויל איך בלויז פאַרבײַגייענדיק באַמערקן, אַז אין די זאַלן פונעם וועסטמינסטער־פּאַלאַץ האָב איך געזען פּאָליטישע טוער פונעם לאַנד — אומיסטן, ווײַזט אויס, ניט קיין געגאָלטע און אָנגעטאָנענע אין רעקלעך מיט אויסגעריבענע אַרבל, פונקט ווי אין פראַנקרײַך, לעהאַוודל, די קלאָשאַרן...

דאָס שטרעבן צו זײַן ניט ענלעך אף אַנדערע דריקט זיך באַ די ענגלענדער אויס ניט נאָר אין דעם אַרט אָנטאָן זיך. איך האָב נאָך ניט באַוויזן קומען אין האָטעל, ווי אַפּן וועג האָב איך אין די ערשטע שמועסן זיך אָנגעשטויסן אף מײַלן (ניט קילאָמעטערס) פונעם דורכגעפאָרענעם מעהאַלעך, אף דיוימען און פונטן; דאָס געלט, די פונטן, טיילן זיך אף צוועלף כאַלאָקים, און ניט אף צען — ווי רובלען, דאָלאַרן אאַ.

א סעדרע פאַר זיך איז — ווי־אַזוי עסט מען אין ענגלאַנד. איר האָט אַמאָל געזען, אַז א פאַלק זאָל מיטן אייגענעם ווילן זיך אָפּזאָגן פון ברויט און עסן סעכערעס? אין האָטעל „עמבאַסי", וווּ איך בין אײַנגעשטאַנען,

האָט די קעלנערן שיר ניט א רוף געטאָן צוהילף דעם באלעבאָס, ווען איינמאָל האָב איך אף אירער א פראגע געענטפערט, אז איך וויל אף פרישטיק א שטיקל וואַרעם, פריש קאָרנברויט (קימאט ווי באָנציע שווייַג).

אין ענגלאנד איז קאָרנברויט א יעקאר־האמציִעס. פארן אָפּפאָרן פון מאָסקווע האָב איך געפרעגט בא אונדזער „ענגלענדער", וואָסער סוּווענִיר איז בעסער פון אלץ מיטצונעמען, האָט ער געענטפערט: „א פּאָר לעבלעך שווארץ ברויט"...

אלע טאָג עסט דער ענגלענדער צו פרישטיק א פּאָר דינע פּאסיקלעך בעקאָן און אן אויסגעגאָסן איי. איך זיץ אינדערפרי אין רעסטאָראן פון האָטעל, און די אויגן ווילן שוין מער ניט קוקן אף דער לויזער פּרעזשעניצע. מיטאמאָל זע איך, ווי אף דער גאס, הינטערן פענצטער, דרייען זיך ארום מיידלעך, וואָס א הינערצוכט־פירמע האָט געדונגען אף צו רעקלאמירן אייער. זיי זייַנען אָנגעטאָן אין ווייַסע לייַוונטענע קאָלפּעקעס, ענלעכע אף צעעפנטע פּיסקעלעך פון הינדעלעך, און אין ווייַסע שיכעלעך ווי הינערשע לאפּקעלעך. „עסט אייער!" — רעדן זיי מיך איַין, און איך רוק אָפּ פון זיך דאָס נימעס געוואָרענע איי...

און אָט זייַנען נאָך א פּאָר ציקאווע שטריכן אין ענגלאנדס לעבנשטייגער.

וויַאזוי האָט מען הייַנטיקע יאָרן, לעמאָשל, כאסענע אין לאָנדאָן און וויַאזוי געט מען זיך? אף צו ווערן מאן־און־ווייַב קאָן מען זיך, אויב מע וויל, באגיין אָן ליבעס און אויך אָן שאדכאָנים. אין לאָנדאָן זייַנען פאראן צוויי ביוראָען, אין וועלכע עלעקטראָנע רעכן־מאשינעס זוכן פאר איַיך אָפּ פון טויזנטער וואריאנטן א לעבנספּרייַנט לויט איַיער געשמאק, און קאָסטן קאָסט עס אינגאנצן פיר שילינג... אויב עס קומט אָן אזוי גרינג דאָס צונויפגיין זיך, איז צו דערווארטן, אז אויך דאָס צעגיין זיך וועט אָנקומען גרינג. נאָר ניין, דאָ מישט זיך שוין אריַין דער ענגלישער קאָנסערוואטיזם. א געט ווערט ניט דערלויבט, אויב ביידע צדאָדים — זי און ער — ווילן אים. לויט אן אלטן געזעץ דארף אומבאדינגט איינער זיך לאָדן מיטן צווייטן... (אלטע געזעצן... קיין נייַע ווערן ניט איַינגעפירט אין ענגלאנד. מע לעבט נאָך לויט די געזעצן, וואָס זייַנען פארבליבן פון די גאָר ווייַטע צייַטן פון נאפּאָלעאָנס מילכאָמעס. דער יורידישער סטאטוט פון דעם הייַנטצייַטיקן אווטאָמאָביל־טראנספּאָרט, אשטייגער, ווערט רעגולירט לויט א געזעץ פון 1853 יאָר בעשייַכעס... פּאסאזשיר־דיליזשאנסן, און דער פּלאָנטער איז אזוי גרויס, אז אויב א ריכטער וויל, קאָן ער פארמישפּעטן א שאָפער פון א טאקסי אף קאטאָרגע צי אפילע אף טויט פאר אָפּזאָגן זיך פירן א פּאסאזשיר אין אן אָרט, ווּ עס איז פּאָרגעקומען, ווי שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, א מענטשלעכע דראמע).

נו, און וויַאזוי — טפו־טפו, אף מייַנע סאָנימס קעפּ! — באגייט א מענטש אין לאָנדאָן זעלבסטמאָרד? פאראן א ספּעציעלע אָרגאניזאציע (זי הייסט „טעלעפאָנען־פרייַנט"), וואָס אויב איַיך איז שוין אינגאנצן נימעס געוואָרן דאָס לעבן, קלינגט איר אָן אהין, און עס קומט צו איַיך א מענטש, וועלכער פּרוּווט אָפּטרייַבן פון איַיך דעם מאלכאמאָוועס. אויב סע האָט זיך אים איַינגעגעבן איַיך איבערצייַגן, אז עס לוינט נאָך לעבן אף דער וועלט, לעבט איר, דער זעלבסטמאָרד ווערט אָפּגעלייגט אף אן אנדערס מאָל.

האקלאל, וועגן די אלע קאפּויר־ציקאוועסן פונעם ענגלישן שטייגער קאָן מען אָנשרייַבן א באזונדער בוך. איך וועל דערווייַל איבערכאפּן דעם אָטעם, ווייַל מיר וועלן נאָך מיט איַיך, כאָשעווער לייענער, אין גאנג פון דער רייַזע ניט איין מאָל צונויפשטויסן זיך מיט די מאָדנע זיטן פון דעם „טשודאק". און איצט איז צייַט זיך נעמען פאר מער ערנסטע איניאָנים.

איך וועל בלויז זאָגן, אז, צוזעענדיק דאָס אלץ, האָב איך צייַטנווייַז געטראכט: א שאָד, וואָס די ייִדן אין ענגלאנד האָבן פאר די קארגע הונדערט יאָר צוזאמענלעבן מיט די טוישווים פון אָט דעם לאנד דאָך ניט איבערגענומען עפּעס־וואָס וועזנטלעכס פון זייער כאראקטער, וועלכער איז ניט אזוי פּאָשעט, ווי מע קאָן מיינען פונעם ערשטן קוק; אלנפאלס, ס'איז ניט קיין כאראקטער מיט א פּרימיטיווער קאפּויר־לאָגיק. די ענגלענדער פארגינען זיך, ארויסשטעלנדיק זייער סנאָביזם, כויזעקן פון זיך אליין, אָבער דאָס הייסט ניט, אז איר מעגט פון זיי כויזעקן, — איר וועט אומגעריכט דערזען פאר זיך דעם הארטלעכן, שטאָלצן, עטוואָס גרויסהאלטערישן בריט. איר וועט דערפילן זייַן איַינגעהאלטענעם און פארבאהאלטענעם טעמפּעראמענט, זייַן זיכערקייַט, אז ער איז קליגער פון איַיך און אז ער איז טאָמיד גערעכט; אויסהערנדיק, וואָס איר וועט אים זאָגן, און ניט פארשטייענדיק קיין איין וואָרט, ווייַל ער האָט זיך ניט אָנגעטאָן די מי דאָס צו פארשטיין, וועט ער ארויסשטאמלען: „אך, ווי אינטערעסאנט..." און דערבייַ טראכטן וועגן איַיער מאניר ארויסצוזאָגן אלץ, וואָס עס קומט איַיך אפּן געדאנק: „דער מענטש איז אופריכטיק, ווי אן אידיאָט"... פאר זיך אליין וועט ער דערקלערן איַיער נאַיוּוקייַט דערמיט, וואָס איר זייַט דאָך, אייגנטלעך, „פון אייראָפּע", זייַן אייגן לאנד האלט ער ניט פאר קיין טייל פון אייראָפּע, עס איז, זעט איר, א באזונדערער קאָנטינענט... און ער וועט אָנהייבן ריידן וועגן גאָר עפּעס אנדערש, נו וועגן דעם, לעמאָשל, אז אין ענגלאנד איז קימאט אוממעגלעך צו קויפן א הויז אף שטענדיק: אף וויפל עס גילטן נאָך די פּעאָדאלע רעכט אף ערד, קאָן מען קויפן דאָס הויז... בלויז אף 99 יאָר. און, ניט ענדערנדיק דעם אויסדרוק פון לאנגווייַל אפן פּאָנעם, וועט ער איַיך פּאָמעלעך געבן צו פארשטיין די סיבע, פארוואָס אף דער לאָנדאָנער עסטראדע שטויסט די אולטרא־מאָדערנע מוזיק, וואָס רופט זיך „יע־יע", צוביסלעך ארויס די מוזיק פון בעטהאָווען און ליסט: „מיט קלאסיק, — וועט ער זאָגן, קנייטשנדיק די נאָז, — פארדינט מען אף א ביפשטעקס, און מיט „יע־יע" מאכט מען א לעבן"...

פארוואָס די גאנצע וועלט האלט אין איין ברעכן זיך דעם קאָפּ, וויַאזוי צו „צעקייַען" דעם כאראקטער פונעם ענגלענדער, פארשטיי איך יאָ; איין זאך פארשטיי איך אָבער ניט, און נעמלעך, וויַאזוי האָט עס דער ייִד, וואָס לעבט שוין א לאנגע צייַט אין איין שטוב מיטן ענגלענדער, ניט „צעקייַט" אים און ניט טראנספּאָרמירט עפּעס פון זייַנע „קונץ־שטיק" אף זייַן אייגענעם ייִדישן אויפן... אָבער וועגן דעם ענגלישן ייִדן — א באזונדער קאפּיטל.

ווּ ביסטו, וויַיטשעפּל?

לאָנדאָן איז איינע פון די גרעסטע און שענסטע שטעט אין דער וועלט. א גאסט פון דער וויַיט ווייסט מאמעש ניט, פון וואָס אָנצוהייבן די באקאנטשאפט מיט לאָנדאָן:

פון דער טאוער־פעסטונג, אָט דעם איידעס פון ווילהעלם דעם באצווינגערס צײַטן; צי עפּשער פון די צוויי פּאַלאַצן — דעם בוקינגהעמער, דאָרט לעבט די קיניגן עליזאבעט (אין א שול־כרעסטאָמאַטיע ווערט געזאָגט, אז זי „הערשט, נאָר רעגירט ניט“), און וועסטמינסטער, דאָרט געפינט זיך דער פּארלאמענט (ער, פאַרקערט, „רעגירט, נאָר הערשט ניט“); אייניקע הייבן זיך אויף אפן אייבערשטן שטאָק פונעם פּאָטשטאמט־טורעם „בליו־פּיטער“ (580 פוס די הייך!). אף אָט דעם שטאָק, וואָס דרייט זיך ארום זײַן אייגענער אקס, איז דאָ א רעסטאָראַן, און, זיצנדיק באַם טישל, קאָן מען זען די פּאַנאָראַמע פון דער שטאָט. די מערהײַט געסט אָבער פון דער ענגלישער קרוינשטאָט גייען ארום איבער אירע גאסן: איבער דער בארימטער סיטי, איבער די רעספּעקטאַבעלע האנדלס־צענטרען אָקספאָרד־סטריט און רידזשענט־סטריט, איבער דער גאס פון ענגלאנדס מיניסטעריומס אוהײַטהאָל; נאטירלעך, מע שטייט אָפּ שאָענלאנג אף פּיקאדילי, לעבן דער סטאטוע פון עראָט, און אפן טראַפאַלגאר־פּלאץ, בא דער סקולפּטור פון דער יונגפרוי מאריַע מיטן אייפּעלע יעזוסן; מע שאצט אָפּ ווי עס געהער צו זײַן די קוראנטן פון דעם ביג־בען; און אויב ס׳איז זונטיק, איז וויאזוי זאָל מען זיך ניט ארײַנכאַפּן אין הײַדפּארק, צום „ווינקל פון די ספּיקערס“, ווו אין די זונטיקס רעדט זיך לאָנדאָן אראָפּ פונעם הארצן, — יעדערער קאָן דאָ האלטן א רעדע וועגן וואָס ער וויל און ווי לאנג ער וויל.

דאָס אלץ איז ביז גאָר אייגנארטיק און אינטערעסאנט. אויך איך האָב ניט דורכגעלאָזט די מעגלעכקײַט דאָס אלץ צו זען. איך בין זיך אפילע ניט באגאנגען אָן דעם באָהעמע־ראַיאָן פון לאָנדאָן — ס אָ ה אָ, וואָס אנטקעגן אים זעט אויס דער פּאריזשער פּליאס פּיגאל, וואָס איז באוווּסט אלס אָרט פון זנוס און אויסגעלאסנקײַט, מאמעש ווי א פאַרקערפּערונג פון צניעס. אויך אף דער גאס פון די ביטניקעס (קארנעבי־סטריט) בין איך געווען, און אויך אף דער גאס פון די בעסטע שנײַדערס (סעוויל ראָו), און אף הארלי־סטריט — אף דער גאס פון דאָקטוירים, און אויך אף דער קלוב־גאס מיט דעם קלינגענדיקן נאָמען „פּעל־מעל“...

און דאָך איז, ווי געזאָגט, ניט דער טוריסטישער לאָנדאָן מיר געלעגן אין קאָפּ. מיט גרויס הארצקלאַפּעניש האָב איך אין איינעם א טאָג זיך אוועקגעלאָזט צום ווײַטשעפּל, דעם היסטאָרישן ייִדישן ראַיאָן.

ווען צוריק מיט 300 יאָר, נאָכן גיירעש ענגלאנד, האָבן די ייִדן באקומען פון קראָמוועלן א דערלויבעניש ווידער ארײַנצופאָרן קיין ענגלאנד, האָבן זיי אין לאָנדאָן פון אָנהייב זיך באזעצט אין די טאוער האמלעטס, אײַנגעשלאָסן ווײַטשעפּל. אהער האָט אין די אכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט דערגרייכט דער גרויסער שטראָם ייִדישע עמיגראנטן פון דער רוסישער אימפּעריע — פון אוקראַינע, פּוילן, ליטע, ווו ס׳האָט אונטערן טײַטל פון די ראָמאנאָווס געווילדעוועט די פּאָגראָם־רעאקציע. בא א הונדערט טויזנט אָנגעפּאָרענע ייִדן האָבן שוין צום אָנהייב פונעם נײַעם יאָרהונדערט זיך באזעצט אין געטאָס: אין דער לאָנדאָנער („באָראָ אָוו סטעפּני“ מיטן ווײַטשעפּל אין דער מיט), אין דער מאנטשעסטערער („טשיטעם“), אין דער ליווערפּולער („בראונלאָו היל“) אא.

שוין באלד הונדערט יאָר אריבער פון יענער צײַט. אצינד לעבן אין ענגלאנד... איך בעט אײַך, וויפל ייִדן לעבן איצט אין ענגלאנד?

ווײַזט זיך ארויס, אז דאָס איז א סאָד... אָדער, פּינקטלעכער גערעדט, עס וועט זײַן בעסער, אויב מע וועט נ י ט ויסן, וויפל ייִדן עס וווינען הײַנט אין ענגלאנד. האיטאָכן? איז אף דעם דאָ א טערעץ...

אין טאָך גענומען, איז באוווּסט, אז די ייִדן אין ענגלאנד מאכן אויס אָן ערעך איין פּראָצענט לעגאבע דער גאנצער באפעלקערונג פון לאנד, דה. ארום 500 טויזנט נעפאשעס. ס׳איז אָבער פארשפּרייט אזא אָבערגלויבן צווישן די קלאל־טוער פון דעם ייִדישן ייִשעוו: ביזוואנען אין לאנד איז פאראן ניט מער פון איין פּראָצענט ייִדן, וועט די באצילע פון אנטיסעמיטיזם ניט האָבן קיין שליטע איבער די ענגלענדער; ווי נאָר עס ווערט אָבער כאָטש מיט איין ייִדן מער, ווי אָט דער איין פּראָצענט, אזוי גלײַך ברעכט אויס די יודאָפאָבישע עפּידעמיע.

בעסער וואָלט איך זיך שוין ניט געכאפּט צו זאָגן, אז די ייִדן האָבן גאָרנישט ניט איבערגענומען פון די ענגלישע קונצשטיק...

בעקיצער, אזוי צי אנדערש, נאָר אלע ווייסן, אז פון דעם האלבן מיליאָן ייִדן אין גרויסבריטאניע לעבן בא 250 טויזנט אין לאָנדאָן. איז ווּהין גייט מען דאָ זיך זען מיט א ייִדן? אין ווײַטשעפּל, פארשטייט זיך.

אזוי האָב איך זיך געטראכט, און כ׳האָב ניט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס, ווען כ׳האָב עס געזאָגט מײַנע פרײַנט, וועלכע האָבן מיך באגלייט קיין ווײַטשעפּל, פּנינע אײַזענשטאט און סיד דאגלאס, האָבן זיי זיך עפּעס האנאָעדיק צעשמייכלט.

סיד דאגלאס קען קיין ייִדיש ניט. דאָס הייסט, ריידן רעדט ער יאָ אף א מין מאמעלאָשן, נאָר עס זעט אויס, ווי ער וואָלט מיט ייִדישע ווערטער זיך געקאשערט דאָס מויל. די ווערטער, עפּעס מאָדנע קײַלעכדיקע און הארטע, קלאַפּן אָן בא אים אין גאָרגל און קײַקלען זיך ארויס — אמאָל פּיצינקע און אמאָל צופיל צעצויגענע, אָבער טאָמיד אָן די שפּראך־רימענדלעך, וואָס פארבינדן געוויינלעך באזונדערע ווערטער אין פּראזעס.

פארלויפנדיק עטוואָס דעם וועג, וועל איך דאָ זאָגן: בא מיר איז געבליבן דער אײַנדרוק, אז די מערהײַט ענגלישע ייִדן, וואָס ריידן שוין יאָ ייִדיש, ריידן אזא ייִדיש, ווי סיד דאגלאס.

סיד דאגלאס פירט דעם אווטאָ און זאָגט מיר עפּעס. עס זעצט איבער פּנינע, אויב איר ווילט פּערעלע, א טאָכטער פונעם פּראָגרעסיוון טוער פון ייִסראָעל דר. שמועל אײַזענשטאט. פּנינע האָט כאסענע געהאט מיט אן ענגלענדער, וווינט זי אין לאָנדאָן און האָט זיך אויסגעלערנט פארשטיין דעם אָרטיקן ייִדיש. אליין איז זי מיט יעדן ביינדעלע אירס, מיט אלע טעוואָס און טנועס אף דורך און דורך היימיש־ייִדיש, און איך דארף ניט איבערפרעגן, ווען זי גיט מיר עפּעס צו פארשטיין.

— ער זאָגט, — מאכט זי צו מיר און גיט א פיר מיט די אויגן אף דאגלאסן, — אז אין ווײַטשעפּל איז ניטאָ וואָס צו פאָרן... ניטאָ שוין דאָרט קיין ייִדן...

— וואָס זשע, זיי זײַנען, כאָלילע, אויסגערוגען?

עס גייען אוועק גוטע עטלעכע מינוט, ביזוואנען פּנינע גיט צו פארשטיין דאגלאסן, וויאזוי עס קאָן געמאָלט זײַן, אז ייִדן זאָלן „אויסרינען“.

— אָ, יעס! — שרײַט ער אויס. — יעס!

דערנאָך גיט מיר פּנינע איבער:

— ער זאָגט, אז קעמינהעג ייִסראָעל איז מען ניט געזעסן אף איין אָרט, דאָס הייסט ייִדן האָבן זיך ארופגעארבעט און איבערגעגאנגען לעבן אין אנדערע ראַיאָנען פון

שטאָט. ווי בא וועמען די קעשענע טראָגט אויס, פארשטייט זיך.

אונדזער וועג איבער די גאסן מאָדעלירט טאקע די וואנדערונגען פון די איסט־ענדער ייִדן. אָט דאָס איז ווײַטשעפּל. ניין, ניין, גאָרנישט ניט פון דעם, וואָס אמאָל איז דאָ געווען. איצט איז עס א לאָנדאָנער אינדוסטריִעלער ראיאָן. אָבער שטייט א רגע! א שפּור איז פונדעסטוועגן יאָ פארבליבן. און דער שפּור איז א ייִדישער מארק. א ייִדישער מארק אינמיטן ווײַטשעפּל, ארײַנגעשפּארט אין שמאָלע ליקן צווישן גרויע מויערן. דער מארק הייסט „דאָס געסל פון די אונטערקליידלעך“. פארוואָס עפּעס אזוי? ווײַל דאָ איז אזא שטופּעניש, אז מע קאָן בא א פארטראָגן ווײַבל אומבאמערקט אראָפּציִען, איך בעט איבער איַער קאָוועד, דאָס אונטערקליידל און טאקע דאָ אפן אָרט פארקויפן עס איר גופא פאר האלב אומזיסט.

שוין קימאט א שאָ, ווי מיר שווימען ארום איבער דעם „געסל פון די אונטערקליידלעך“. געוועלבלעך, קרעמלעך, שטעלעכלעך, גלאט קופּקעלעך אלטע מאלבושים און כפּייצים; אײַזנווארג, פּעסער מיט סמאָלע, לעבעדיקע הינער, שטריק, קאָלדרעס, פּאָרנאָגראפישע קארטלעך, שטעקשיך, מעזוזעס, סאמאָווארן, געאָגראפישע מאפּעס, קאָלאָניִאלע קורצע הייזלעך, דעמבענע שאפעס פון אמאָליקע שטעטלדיקע שטוב־גארניטורן...

איז בלויז ד אָ ס פארבליבן פון ווײַטשעפּל?

דער ווײַטשעפּלער אימיגראנטישער אמכאָ האָט, ווי פּנינע פארטײַטשט עס מיר, זיך ארופגעארבעט. און מיט גרויס קעגנווילן זיך אסימילירט. אף זײַן אייגענעם אויפן, פארשטייט זיך, דאָס הייסט — זיך יאָ אסימילירט און זיך ניט אסימילירט. איך וואָלט געזאָגט אזוי: זיך אסימילירט אין לאָשן, געבליבן קימאט דער זעלבער אין טאָך. און דאָס וועט, ווי מיר וועלן ווײַטער זען, שאפן שפּעטער דעם דיסהארמאָנישן טיפּ יאהודים.

וועגן דעם, אז די פּוילישע, אוקראיִנישע און ליטווישע ייִדן זאָלן וואָס גיכער זיך צעשיידן מיט זייער אמאָליקן שטייגער, מיט דעם לאָשן, מיט די טכום־מינהאָגים, מיט דעם מאכן מיט די הענט, מיטן איבערדרייען אפן ייִדישן אויפן די שפּראך פון די „באלעבאטים פונעם לאנד“, — וועגן דעם האָבן זיך נאָך אין יענע ווײַטע צײַטן געזאָרגט די צדאָקעגעבער, די אויסגעיידלטע „ייִדישע פירער“. דעם עמעס גערעדט, האָבן זיי זיך פּאָשעט געשעמט מיטן אָרעמען ברודער, א ביסעלע אפילע זיך געמיִעסט מיט אים. דערנאָך לעס־ברײרע — מע האָט די אָנגעפּאָרענע פּאָרט געדארפט ארײַנפירן אין דער געזעלשאפט פון די האָנאָריסטע ענגלענדער, — איז געבליבן וואָס גיכער צו אסימילירן, אנגליזירן, אינטעגרירן זיי... מע האָט זיי ארײַנגעכאפּט מיט אומזיסטע פרישטיקס אין לאָרד ראָטשילדס „פרײַער שול“, אין וועלכער אויסער ענגליש האָבן זיי זיך בימכילע געלערנט „ענגלישע מאנירן“. אזוי, מיט דעם אוניווערסאלן פאר יענער סוויווע „האנטבוך פון הערמאן לאנדוי און יויסעף דזשייקאָבס“ אין קעשענע, האָט דער אימיגראנט צוביסלעכווײַז גענומען ווערן „א שטיקל ענגלענדער“. אין יאָרן ארום, ווי נאָר ער האָט זיך, אזוי צו זאָגן, געשטעלט אף די פיס, האָט ער פארלאָזן ווײַטשעפּל און זיך איבערגעקליבן אין דעם „בעסערן“ ראיאָן — אין העקני.

— מיינט ניט, אז מע איז שוין דאָ געוואָרן ענגלענדער, — זאָגט פּנינע, — קיין העקני האָט דער ייִד געשלעפּט מיט זיך די געטאָ...

מיר „שלעפּן“ זיך אויך אהין. אף לינקס פון אונדז (טאקע דאָ, בא ווײַטשעפּל) שפּרייט זיך די פּאראדאָקסאלע „מעדינע קאָקני“.

אין אן אלטן קלויסטער הענגט א גלאָק. „באו“ רופט מען אים. ווײַזט אויס, דערפאר, ווײַל ער ברומקעט „באו!“. די מענטשן, וועלכע וווינען ארום אָט דעם קלויסטער, אף די גאסן, ווו מע הערט נאָך דאָס ברומען פונעם „באו“, הייסן „קאָקני“. וואָס איז דאָס אזוינס — „קאָקני“? א שייוועט, א סעקטע, אן אײַנפאל? דאָס קאָן קיינער ניט זאָגן. ס׳איז אָבער אן עמעס, אז זיי, די קאָקני, ריידן אפילע אף א באזונדערן דיִאלעקט און מיט א ספּעציפישן אקצענט, זיי פארמאָגן אן אייגענעם שטייגער, זינגען אייגענע לידער. „איך בין א קאָקני!“ — נעמט זיך איבער אזא איינער. אין לאָנדאָן זאָגט מען: מע קאָן ריידן אפן קאָקני־זשארגאָן, און דאָס זאָל ניט שטערן צו ווערן אויסערן־מיניסטער פון גרויסבריטאניע (ווי ערנעסט בעווין, לעמאָשל).

און מיר געפעלט, וואָס קאָקני און ווײַטשעפּל האָבן זיך אזוי צונויפגעפלאָכטן. איך וואָלט געוועטן א באלן, עמעצער זאָל מיר זאָגן, צי בערנארד שאָוס פּראָפעסאָר היגינס (פון „פּיגמאליאָן“), וועלכער האָט, ווי באוווּסט, שטארק ליב געהאט דאָס לאָשן פון די קאָקני, — צי אים איז אויסגעקומען אויך הערן, וויאזוי בישכיינעס מיט דעם קאָקני־זשארגאָן האָט געטומלט, געקרעכצט, געשריגן, זיך געזידלט און געלאכט אן אנדער „זשארגאָן“, ווי מע רופט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג אונדזער ייִדיש. איך קאָן שווערן, אז אָט דער „זשארגאָן“, דער צווייטער, וואָס איך ווייס דאָך, סארא געמבע ער האָט, — ער איז געווען בעקויעך אפילע צײַטנווײַז פארקלאפּן דעם געברום פונעם „באו“...

אין העקני איז נאָך ביז הײַנטיקן טאָג פאראן א צענטער פון „ארבעטער־רינג“ — דער אלטער ייִדישער געזעלשאפטלעכער אָרגאניזאציע פון סאָציִאל־דעמאָקראטישן נוסעך. די מיטגלידער פון „ארבעטער־רינג“ זײַנען שוין לאנג קיין ארבעטער ניט און זיי לעבן שוין ניט אין העקני. עס איז פאָרגעקומען א נײַע „איבערוואנדערונג“ פון די אמאָליקע אימיגראנטן — נעענטער צו די צענטראלע גאסן פון שטאָט, דאָס הייסט, אז די סאָציִאלע באזע פון די פּארטייען און אָרגאניזאציעס האָט זיך ווידער געענדערט. פּראָגרעסיוו־געשטימטע מענטשן פון דעם מיטלקלאס — אָט ווער עס זײַנען איצט אף דער לאָנדאָנער ייִדישער גאס די יאָרשים פונעם ראדיקאלן עלעמענט פון אָנהייב יאָרהונדערט. אויב דאן, ברײשיס פונעם יישעוו, זײַנען, ווי מע דערציילט, 95% ייִדן־אימיגראנטן געווען אזוי אָדער אנדערש פון פּראָלעטארישן גראד, זײַנען איצט בלויז 5% ייִדן אין ענגלאנד — פּראָלעטאריער. קאָן זײַן, אז דערפאר איז אזוי שוואך אין דער ייִדישער סוויווע די אָרגאניזירטע פּראָגרעסיווע און וועלטלעכע באוועגונג. פארקערט, די קאָנסערוואטיוו־בירגערלעכע און רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישע שיכטן האָבן מעכטיקע אָרגאניזאציעס, א פּרעסע אף ענגליש, טראדיציאָנעלע פארבינדונגען אף דער „ענגלישער זײַט“, ווי אויך א מער־ווייניקער סטאבילע פינאנציעלע באזע. דאָס נוצן אויס אין זייערע אינטערעסן די קאָלערליי ייִדישע „אלוועלטלעכע אָרגאניזאציעס“, און ניט געקוקט אף דעם, וואָס אין ענגלאנד איז אָנשטאָט דעם ייִדן, וועלכן מיר זײַנען געוווינט צו טרעפן אין ניו־יאָרק, ווארשע, פּאריזש, פאראן אן ע נ ג ל ע נ ד ע ר פ ו ן י י ִ ד י ש ן ג ל ו י ב ן, וואָס האָט ניט קיין וואָרצלען אין די טיפּישע פאר דער ייִדישער גאס סאָציאלע באוועגונגען, — ניט געקוקט אף דעם, קאָנט איר אין לאָנדאָן געפינען „פּאָרשטייערשאפטן“, „ביור־

ראָען", "סעקציעס", "צענטראַלע קאָמיטעטן" פון קאָלהאָמינים ציָעניסטישע שטרעמונגען, ווי אויך פון די ייִדישע "סאָציאַליסטישע" גרופּירונגען. אין א געוויסער מאָס איז עס א קאָפּיע פון דער פּאַרטייען־פּאָליטרע אין ייִסראָעל. עמעס, אין טאָך זײַנען דאָס "שטאבן" אָן ארמייען, פּאָשעטער געזאָגט — יעדע גרעסערע ייִדישע פּאָליטישע גרופּירונג אין פשא אָדער ייִסראָעל האָט אירע פאָרשטייער אין לאָנדאָן. פאר די פּארטייען אליין איז קלאָר און אומבאשטרײַטבאר, אז עס האנדלט זיך ניט אזוי אין פירן אן ארבעט צווישן די ענגלישע ייִדן גופע, ווי אין דעם, אז אין מעשעך פון געציילטע מינוטן זאָל מען, זיצנדיק אין לאָנדאָן, קאָנען אײַנשטעלן קאָנטאקטן מיט אן אנדער "ייִדישער פּארטיי" אָדער "אלוועלטלעכער אָרגאניזאציע".

מיר איז געווען א ראכמאָנעס אף די ענגלישע ייִדן. עס זעט אויס, אז זייער נאציאָנאלע אנטוויקלונג האָט זיך ערגעץ אין א פריערדיקן יאָרצענדליק אָפּגעשטעלט, און איצט זײַנען זיי אין דער הינזיכט, זאָל מען מיר מויכל זײַן פארן פארגלײַך, ווי יענע פעדערלעך, אף וועלכע עס נעסטן זיך און פעדערן זיך די אָנגעפלויגענע פון אנדערע מעקוימעס פייגל. בלויז מיט דעם קאָן מען דערקלערן די פענאָמענאַלע דערשײַנונג, וואָס, האָבנדיק שוין פון לאנג פארלאָזט די טעריטאָריעלע געטאָ, דעם ווײַטשעפּל, הייסט עס, און אויסערלעך, דאכט זיך, אײַנגעטונקט און אויסגעווייקט אין דעם אסימיליאציע־שטראָם, זײַנען די יאהודים דאָך פארבליבן אין אן ענגער, אָפּגעצאמטער גײַסטיקער געטאָ מיט א רעזשים פון פאָריקן יאָרהונדערט.

וועגן דעם רעדן מיר צווישן זיך — פנינע אײַזענשטאט, א פרוי פון ייִסראָעל, סיד דאגלאס, א לאָנדאָנער טוישעוו, און איך, א ייִדישער שרײַבער פון סאָוועטנפארבאנד, — ווען מיר פאָרן דורך די קייזנאָוו־גאס, די "רעזידענץ" פון די לאָנדאָנער באלעבאטישע כסידים. מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק האָבן אף אָט דער גאס געווינט געשעפטסלײַט־מיליאָנערן. איצט איז עס די ציטאדעל פון די אָרטאָדאָקסן. קימאט ווי אין ניו־יאָרקער וויליאמסבורג, שווינדלען דאָ ארום לעבן באָטעמעדראָשים און יעשיוועס ייִדן מיט בערד־און־פּייעס און... א סאך נעגערן. יאָ, יאָ, די לאָנדאָנער נעגערן, וועלכע שטאמען פון די אמאָליקע קאָלאָניעס, לעבן זיך גרינג צונויף מיט די אָרטיקע ייִדן.

א באזוך אין הויז אף קלארקענועל־גרין

א פּאָר ווערטער וועגן אן אוניקאל ווינקעלע פון אָט דער שטאָט, וועגן דעם הויז פון קארל מארקס.

מיטן דירעקטאָר פונעם הויז, פראָפעסאָר ענדריו ראָטשטיין האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אין מאָסקווע, א וואָכן צוויי פאר מײַן ארויספאָרן קיין ענגלאנד. "ווען איר וועט זײַן בא אונדז, זאָלט איר לעמאנהאשעם זיך ארײַנכאפּן אף קלארקענועל־גרין, 37 "א". דאָרט וועט איר זיך דערוויסן אזוינס, וואָס איז, גלייב איך, אינטערעסאנט ספּעציעל פאר אײַך"...

און אָט איז קלארקענועל־גרין. שוין העכער דרײַסיק יאָר געפינט זיך אף אָט דער באשיידענער גאס, אין איינעם פון די לאָנדאָנער ארבעטער־צענטרען, די מעמאָריאַלע מארקס־ביבליאָטעק. פּראָפעסאָר ראָטשטיין פירט מיך ארום איבער די צימערן פונעם אלטן הויז, וואָס דער באוווסטער ארכיטעקטאָר דזשיימס סטיר האָט אויסגעבויט נאָך אָנהייב XVIII יאָרהונדערט. און בא מיר איז א געפיל, אז די געשיכטע האָט דאָ דורכגעלייגט א סטעזשקעלע, וואָס פירט אהין, וווהין ס'איז מעגלעך ארײַנצוגיין בלויז דורך דער טיר פון אָט דעם הויז.

אין א פיצינק צימערל, די גרייס ווי א קאיוטע אף א טײַך־דאמפער, האָט לענין רעדאגירט די "איסקרא". דאָס איז געווען אין 1902—1903 יאָר. זיבעצן נומערן פון דער לעגענדארער צײַטונג זײַנען דאָ דערשינען. און...

— איר מעגט עס ויסן: פון די זיבעצן נומערן האָבן זעכצן ארויסגעזעצט ייִדישע זעצער... — זאָגט מיר ענדריו ראָטשטיין און שפירט אופמערקזאם נאָך, וויאזוי איך וועל רעאגירן אף זײַנע ווערטער.

איך טראכט וועגן דעם, ווי פארלאָזט עס איז די באלעבאטישקײַט אין דער היסטאָרישער וויסנשאפט בא אונדז, ייִדן. ווען איך דערוויס זיך נאָך, אז די כאווײרים פון לענינס ארומרינגלונג פלעגן דרוקן אייניקע זייערע ארטיקלען אין ייִדישן "וועקער" און אז לענין אליין (זײַן קאָנספּיראטיווער נאָמען איז דאָ געווען יאקאָב ריכטער) איז אין 1903 יאָר ארויסגעטראָטן מיט א רעדע וועגן דער פאריזשער קאָמונע אף א פארזאמלונג פון ייִדישע ארבעטער אין "ארבעטער־רינג", — פאלט מיר אײַן, אז עפּשער וואָלט געהאט א זין אָנשטאָט זיך אמפּערן דאָ, אין לאָנדאָן, מיט די געשפּענסטער פונעם ייִדישן מיטלאלטער אף דער קייזנאָוו־גאס, בעסער א פרעג טאָן זיי:

— נו, און די "איסקרא" האָט איר געלייענט, ראבויסײַ? פרוווט אָקאָרשט ארײַנקוקן אין די לאָנדאָנער נומערן פון דער "איסקרא", וועט איר עפּשער פארשטיין, ווו מיר האָבן געהאלטן נאָך מיט 65 יאָר צוריק...

איך מאך צו די אויגן און זע לענינען אין לאָנדאָן מיט פופצן יאָר פאר דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. וולאדימיר איליטש פלעגט ליב האָבן גיין הערן די רעדנער אין הײַדפּארק. און דאָ — זעט נאָר, וואָס די געשיכטע קאָן זיך פארגינען! — דאָ פלעגט ער מיט פארזשמורעטע שמייכלענדיקע אויגן זיך צוקוקן צו איינעם פון די אמערסטן באליבטע אָראטאָרן, טאקע צו אים, צו בערנארד שאָו, וועלכער האָט, נאטירלעך, דאן ניט געקאָנט וויסן, אז צווישן זײַנע צוהערער שטייט א רוסישער עמיגראנט, וועמען ער וועט אין 1921 יאָר שענקען א בוך מיט דער אופשריפט: "דעם איינציקן אָנפירער פון א מעלוכע אין אייראָפּע, וועמעס פייִקײַטן, כאראקטער און קענטענישן אנטשפּרעכן דעם פּאָסטן, וואָס ער פארנעמט..."

צוזאמען מיטן פּראָפעסאָר ענדריו ראָטשטיין פאָר איך אפן הײַגעטער בעסוילעם, אף קארל מארקס' קייווער. דאָרט זאָגט מיר ראָטשטיין:

— פארגלײַכט אָט דעם ביוסט פון קארל מארקסן מיטן ביוסט, וואָס שטייט אין מאָסקווע. דאָ איז מארקס עטוואָס מיד פון זײַן טיטאנישער ארבעט, ער איז אינמיטן קאמפּס געפּעכט, ער איז אויך באטריבט פון דעם, וואָס ער זעט אין קלאסישן לאנד פון קאפּיטאליזם... ער איז מער אײַנגעטונקען אין דער טאָגטעגלעכקײַט פון זײַן צײַט... און אין מאָסקווע, אפן פּראָספּעקט, וואָס טראָגט זײַן נאָמען, האָבן זיך די קנייטשן אף זײַן פּאָנעם אויסגעגלײַכט, די אויגן קוקן פריילעכער, ער זעט די פרוכט פון זײַן ארבעט.

און טראכטנדיק א רעגע, גיט ענדריו ראָטשטיין צו:

— ביידע דענקמעלער זײַנען געטרוי אפן אָרט...

(פאָרזעצונג קומט)

איזראעל מייַער

דאָס בולגארישע פאָלק האָט געראַטעוועט די ייִדן פון פאַשיסטישער אויסראָטונג

די ייִדישע קעהילע אין בולגאריע איז אנטשטאנען אין IX יאָרהונדערט. דאן איז עס נאָך געווען א קליינינקער יישעוו. ווען מ׳האָט אין 1492 ארויסגעטריבן די ייִדן פון שפאניע און ס׳האָבן זיך נאָכדעם אָנגעהויבן רעפּרעסיעס קעגן זיי מיצאד דעם פּאָרטוגעזישן קיניג, האָבן הונדערט טויזנט ייִדן זיך באזעצט אפן באלקאנישן האלב־אינדזל, א באדייַטנדיקער טייל זייערער — אף דער בולגארישער ערד. די אָרטיקע באפעלקערונג האָט פריינטלעך זיך באצויגן צו די ייִדן.

ס׳איז באוווּסט דער העלדנטאט פון די יאמבאָלער ייִדן: זיי האָבן פארטיידיקט בייס דער באפרייַונגס־מילכאָמע לאָזענגראד קעגן דער טערקישער ארמיי.

אין פּאזארדזשיק זייַנען די בולגארן און די ייִדן אינעם שטורמישן 1876 יאָר איינהייַטלעך און ברידערלעך ארויסגעטראָטן קעגן די בארבארישע אָנפאלן מיצאד די באשיבוזוקן און די קירדזשאקיער געוועלטיקער.

בייס דער באפרייַונגס־מילכאָמע האָבן די ייִדן אָרגאניזירט אין סאָפיִע א דרוזשינע פון וואָלאָנטיאָרן, וואָס האָבן ניט דערלאָזט, אז די טערקישע סאָלדאטן זאָלן אונטערצינדן און רא־בעווען די שטאָט. אין דער מילכאָמע מיט די מייַרעוו־שכיינים אין 1885 האָבן א סאך ייִדן גענומען אָנטייל אין די שלאכטן אלס סאָלדאטן און אָפיצערן. אין ווידין האָבן געוווינט 3000 ייִדן, פון זיי האָבן אין דער מילכאָמע זיך באטייליקט העכער 200 שלאכטלייַט; 40 פרויען האָבן געדינט אין די מיליטער־סאניטארישע טיילן.

דאָס בולגארישע פאָלק איז באוווּסט מיט זייַנע פרייַנטלעכע געפילן צו אנדערע פעלקער, אריינגערעכנט דאָס ייִדישע. עס פלעגט זיך אָפט מאכן, אז אין לאנד האָבן זיך געלאָזט הערן אנטיסעמיטישע שטימען מיצאד דעם רעאקציִאָנערן טייל פון דער בולגארישער בורזשואזיע, וואָס האָט געשטרעבט אָפּצוּווענדן דעם צאַרן פון די ארבעטנדיקע קעגן דער פּאָליטיק פון דער צארישער קליקע. אָט די אנטפּלעקונגען פון אנטיסעמיטיזם האָבן אָבער ניט געקראָגן קיין שטיצע אין די מאסן פונעם פאָלק. ווען היטלער איז געקומען צו דער מאכט (1933), האָט דער אנטיסעמיטיזם אין בולגאריע אָנגעהויבן זיך צו פארשטארקן. אין די יאָרן 1939—1944 זעט מען שוין בוילעט אָן די בעסטיִאלע פיזיאָנאָמיע זייַנע אין געשטאלט פון די פאשיסטישע אָרגאניזאציעס און פון דעם צאר באָריס דעם דריטנס רעגירונג; נאָר אפילע אין אָט דעם פּעריִאָד האָט דער אנטיסעמיטיזם ניט געהאט קיין אָנהאלט אינעם בולגארישן פאָלק.

ווי באוווּסט, זייַנען אין די יאַרן 1939—1940 דורכגעפירט געוואַרן וואלן אין דער פאָלקס־פארזאמלונג, ווי דער צאר האָט געשטרעבט אויסצובילדן א געהאָרכזאמע רעגירונגס־מערהייַט. ניט געקוקט אָבער אפן טעראָר און אף די פאלסיפיצירונגען, זייַנען אין דער פאָלקס־פארזאמלונג אויסגעוויילט געוואָרן אויך 9 פאָלקס־פאַרשטייער — קאָמוניסטן. אינעם סאָפיִער קווארטאל „יוטש־בונאר“, ווו די מערהייַט אייַנוווינער זייַנען געווען ייִדן, האָט דער קאנדידאט פון דער בולגארישער קאָמוניסטישער פּארטיי כ׳ ליובען דיוגמעדזשיגעוו באזיגט דעם בלוט־גיריקן פאשיסטישן גענעראל לאזארעוו. פאר די וואלן האָבן די רעאקציִאָנערן געמאכט א שטארקן דרוק אף דער ייִדישער באפעלקערונג, פאָדערנדיק אָפּצוגעבן די שטימען פארן רעגירונגס־קאנדידאט. דער פּאָליציי־שעף פּאָלקאָווניק פּאנטיעוו האָט ארויסגערופן צו זיך די אָנפירער פון די ייִדישע געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס און זיי געסטראשעט, אז אויב דער גענעראל לאזארעוו וועט ניט אויסגעוויילט ווערן, וועלן זיך אָנהייבן רעדיפעס אף ייִדן. די גרעסטע מערהייַט פון דער ייִדישער באפעלקערונג האָט זיך אָבער ניט דערשראָקן פאר פּאנטיעווס סטראשונקעס; צוזאמען מיט די ארבעטנדיקע בולגארן האָבן זיי פאַרגעזעצט דעם קאמף.

דער טעראָר קעגן די ייִדן מיצאד די פאשיסטן האָט אָנגענומען די סאמע העסלעכע פאָרמען.

אין מעשעך פון 1941 זייַנען צוויי טעג אין דער וואָך דערקלערט געוואָרן אלס „קארטאָפל־טעג“; אין די איבעריקע פינף טעג פלעגט מען ארויסגעבן צו 300 גראם ברויט אף א מענטשן. לויטן באפעל נומ. 282 פונעם דופּניצקער קרייַזישן שפּייַזקאָמיסאריאט איז פארבאָטן געוואַרן צו פארקויפן ברויט די „פערזאָנען

פון ייִדישן אָפּשטאַם" אין אַלע מאַגאַזינען — אויסער איינעם.

אין אַ פאַראָרדענונג פאָרן 7 מײַ 1943 ווערט געזאָגט: „...טייטלען אַרויסגעבן צו 200 גראַם אף אַ מענטשן, פאַר ציגײַנער — צו 50 גראַם, פאַר ייִדן — צו 100 גראַם... צוקער: בולגאַרן — צו 500 גראַם, ייִדן צו 200 גראַם, ציגײַנער — צו 50 גראַם".

אין אַן אַנדער באַפעל: „פּערזאָנען פון ייִדישן אָפּשטאַם, וואָס טראָגן דעם צייכן „ייִדישער שטערן", דאַרפן אײַנקויפן פּראָדוקטן אף די אָפענע מערק, באַזאַרן און אַנדערע פּלעצער נאָך האַלב צען אַזייגער; פריִער איז זיי פאַרבאָטן אײַנצוקויפן פּראָדוקטן".

...באַפעלן און פאַראָרדענונגען, וואָס באַגרענעצן די בירגערלעכע רעכט; מאָביליזאַציעס פון דער מענער־באַפעלקערונג פון 18 ביז 50 יאָר אף אַרבעט אין „ייִדישע אַרבעטס־לאַגערן" אאַז״וו. — דאָס אַלץ האָט אַרײַנגעבראַכט די בולגאַרישע ייִדן אין פאַרצווייפלונג...

אַן ערנסטער קלאַפּ איז פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג געווען דער „געזעץ וועגן באַשיצן די נאַציע", לויט וועלכן די ייִדן האָבן געדאַרפט דעפּאָרטירט ווערן קיין פּוילן — אין די טויט־לאַגערן.

די פאַשיסטישע רעגירונג און באָריס III האָבן פאַרשטאַנען: דערשלאָגן זיך, אַז די געהאָרכזאַמע מערהײַט אינעם פּאַרלאַמענט זאָל פּראָקלאַמירן אָט דעם געזעץ־פּראָיעקט, איז ניט קיין קאָמפּליצירטע פּראָבלעם. דעריקער האָבן זיי געטראַכט וועגן דעם, וויאַזוי אָפּצונאַרן דאָס דעמאָקראַטישע און פרײַהײַטליבנדיקע בולגאַרישע פאָלק, וויאַזוי איבערצײַגן עס, אַז ס'איז נייטיק אָנצונעמען דעם באַרבאַרישן געזעץ. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז דעם בולגאַרישן פאָלק זײַנען פרעמד די ראַסיסטישע טעאָריעס, אַז אָט די טעאָריעס זײַנען אין ווידערשפּרוך צו די דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פון די בולגאַרן. דער אַרבעטער־קלאַס, די פּויערים, די פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ האָט געקענט די אַרבעטנדיקע ייִדן אַלס גוטע בירגער, וואָס זײַנען איבערגעגעבן זייער לאַנד. קעדיי צו דערגרייכן איר ציל, האָט די רעגירונג געלאָזט אין גאַנג דעם פּראָפּאַגאַנדיסטישן אַפּאַראַט. זי הייבט אויף אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע דורך ראַדיאָ, אין דער פּרעסע, אין קינאָ; אף פּלאַקאַטן און קאַריקאַטורן ווערן ייִדן געשילדערט אַלס סאָנים פונעם בולגאַרישן פאָלק. די פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן גרייטן צו די געזעלשאַפטלעכע מיינונג צו „אַן ענדגילטיקער לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע", ד.ה. צום דעפּאָרטירן די ייִדישע באַפעלקערונג אין די היטלערישע טויט־לאַגערן.

באַזונדערס גרויסע אַפּעטיטן זײַנען אויפגעוועקט געוואָרן בײַ ספּעקולאַנטן, אַמאָראַלישע אינדוסטריִעלער און הענדלער, וועלכע האָבן געהאָפט, אַז דער „געזעץ וועגן באַשיצן די נאַציע" וועט זיי געבן אַ מעגלעכקײַט אָפּצולעקן אַ ביינדל דורך פאַרכאַפּן דאָס פאַרמעגן פון די ייִדן.

...דער פּרעמיער־מיניסטער באָגדאַן פילאָוו און דער אינערן־מיניסטער פּעטער גראַבאָווסקי — אין פולן הסכּם מיטן צאַרישן הויף — האָבן זיך געאײַלט אויסצונוצן די פולמאַכטן, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט זיי געגעבן, אף צו „דערלייזן" גיך און עלאַסטיש די ייִדן־פראַגע. דעם 2 מאַרט 1943 נעמט אָן דער מיניסטאָרן־ראַט זיבן באַשלוסן, וואָס זײַנען געווענדט אף אָפּרויבן בײַ די ייִדן זייערע בירגער־רעכט.

אַזוי, למשל, זאָגט זיך אין באַשלוס נומ. 127: „פאַרלייגן דער קאָמיסיע פאַר ייִדישע ענינים אַרויסצושיקן פונעם לאַנד, נאָך אַ קאָנטאַקטירונג מיט דער דײַטשישער מאַכט, 20.000 ייִדן און באַזעצן זיי אין די באַפרײַטע לענדער".

די דײַטשישע אָקופּאַנטן און די בולגאַרישע פאַשיסטן האָט זיך אײַנגעגעבן צו דעפּאָרטירן קיין אָסוועצים און קיין טרעבלינקע 11.392 ייִדן — בעלאָמאָרער און מאַקעדאָנער — פון די גריכישע און יוגאָסלאַווישע געגנטן. די איבעריקע 8.608, וואָס די פאַשיסטישע רעגירונג האָט זיך פאַרפליכטעט צו שיקן לויטן אָפּמאַך מיט דײַטשלאַנד, זײַנען ניט דעפּאָרטירט געוואָרן — ניט געקוקט אף די אָנגענומענע מאָסמיטלען.

די סיבעס פון דעם, וואָס אין בולגאַריע איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן די ייִדישע באַפעלקערונג, דאַרף מען זוכן אין קאַמף פון דעם בולגאַרישן פאָלק קעגן פאַשיזם. דאָס פאָלק האָט געמאַכט אַ שטאַרקן דרוק אפן צאַר און אף דער רעגירונג, און זיי האָבן געמוזט צוריקטרעטן.

אין דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג האָט די פּאַרלאַמענטאַרישע גרופּע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געפירט אַ העלדנמוטיקן קאַמף אף דורכצוּוואַלגערן דעם „געזעץ וועגן באַשיצן די נאַציע", אַ קאַמף אף צו פאַרטיידיקן די ייִדן בכלל. בײַסן באַהאַנדלען דעם געזעץ־פּראָיעקט איז טעאָדאָר פּאָליאַקאָוו אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פון דער קאָמפּאַרטיי און געזאָגט:

„מיר וואָלטן געדאַרפט אינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פון קולטור־פּראָגרעס, אויב מיר זאָלן אַרויסגעבן אַזאַ געזעץ, וואָס קערט אונדז אום צום שענדלעכן מיטלאַלטער, ווען ייִדן האָבן געמוזט טראָגן די געלע לאַטע אף זייערע קליידער, און ווען מ'האָט זיי אונטערדריקט און געראַבעוועט. איצט נעמט אָן דער בולגאַרישער פּאַרלאַמענט, וואָס איז צונויפגערופן אין הסכּם מיט דער קאָנסטיטוציע, איינעם פון די גרויזאַמסטע געזעצן, אַזאַ, וואָס וועט אונדז שטעלן צו שאַנד. צי וויל עס דאָס בולגאַרישע פאָלק? ניין! אונדזער פאָלק איז אַ טאָלעראַנט, גאַסטפרײַנטלעך און גוטהאַרציק פאָלק. עס האָט זיך קיינמאָל ניט באַצויגן פײַנטלעך צו ייִדן. דעם אַרבעטער־קלאַס זײַנען אַבסאָליוט פרעמד אַזעלכע געפילן. אַזאַ געזעץ איז אויפגעקומען בלויז אַדאַנק דער אויסלענדישער פּראָפּאַגאַנדע. קוקט זיך נאָר צו צו דעם, וויאַזוי די דאָזיקע פראַגע איז דערלייזט אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט טיילט מען ניט אײַן די מענטשן אף פולווערטיקע און ניט־פולווערטיקע; דאָרט טיילט מען ניט אײַן די מענטשן אף נידעריקע און העכערע ראַסן און מע שיידט דאָרט ניט אונטער אַזעלכע קאַטעגאָריעס לויט דער לענג פונעם שאַרבן און לויטן קאָליר פון די אויגן. אין פּסר שטיצט מען מיט אַלע מיטלען די אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע קולטורן; דאָרט פײַערט מען, לעצטנס, דעם יובילײ פון אַ קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. איר טרעט אַרויס אין נאָמען פונעם בולגאַרישן פאָלק, האָגאַם קיין געמיינזאַמס מיט אים איז בײַ אײַך ניט פאַראַן. דאָס בולגאַרישע פאָלק וואַרפט אָפּ דעם דאָזיקן געזעץ־פּראָיעקט און לייגט פאָר ענדערן זײַן נאָמען, ווײַל דאָס איז אין טאָך אַ געזעץ־פּראָיעקט ניט אף צו באַשיצן, נאָר אף צו באַשמוצן די נאַציע".

קעגן דעם פּראָיעקט פונעם „געזעץ וועגן באַשיצן די נאַציע" זײַנען מיט אַ פּראָטעסט אַרויסגעטראָטן אויך אַנדערע פאָלקס־פאָרשטייער — קאָמוניסטן, דעפּוטאַטן פון די אָפּאָזי־

ציִאָנעלע דעמאָקראַטישע גרופּירונגען.

„איך בין ניט קיין אָנהענגער פון דער ראַסן־טעאָריע, — האָט דערקלערט דער אַקאַדעמיקער פּעטקאָ סטאָיאַנאָוו, — איך גלייב ניט אין אָט די פּיזמוינעס וועגן ראַסן־ריינקייט. ריינקייַט פון ראַסן איז בלויז מיסטיק, בלויז מיסטיפיקאַציע. אין יעסאָד פון אָט דער טעאָריע ליגט אָפּרויבונג פון די גרונטיקע מענטשן־רעכט. איך האַלט, אַז אַזוינס איז אַבסאָליוט פרעמד אונדזער געשיכטע, אונדזער רענעסאַנס, אונדזער קולטור, דעם גייַסט און דער ווערדע פונעם בולגאַרישן פאָלק, וועלכעס איז איינס פון די גרויסמוטיקע און העלדנמוטיקע פעלקער".

די בולגאַרישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט מאָביליזירט די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זייַנען געווען אונטער איר ווירקונג, אַף צו באַשיצן די ייִדן. די קאָמפּאַרטיי האָט גערופן דאָס בולגאַרישע פאָלק ניט דערלאָזן צו דעפּאָרטירן די ייִדן. אין איינעם פון די אויפרופן פונעם סאָפיִער קרייַזישן פּאַרטיי־קאָמיטעט לייענען מיר:

„אינעם דויערנדיקן בלוטיקן קאַמף, וואָס דאָס בולגאַרישע פאָלק פירט פאַר זייַן באַפרייַונג, האָט עס זיך אויסגעלערנט שעצן פרייַהייַט ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר אַלע אונטערדריקטע און באַוואָלטע — אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און רעליגיע... בולגאַרן! דאָס ייִדישע פאָלק פון בעלאָמאָריע און פון אַנדערע לענדער און מעלוכעס לעבט איבער פּכאָדים פון דעפּאָרטאַציע קיין פּוילן אַלס קאָרבאָנעס פונעם בלוטגיריקן היטלער. פאָלקס־פאָרשטייער, געוועזענע מיניסטאָרן, געזעלשאַפטלעכע טוער, שרייַבער! איר האָט ניט איין מאָל דערוויזן, אַז איר שעצט די בולגאַרישע פרייַהייַט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן פאַר אַזאַ גרויסער פּרייַז, אַז אייַך איז טייַער דער גוטער נאָמען פון בולגאַריע אין די אויסלענדישע מעלוכעס. דערלאָזט ניט, מע זאָל דעפּאָרטירן אונדזערע מיטבירגער — ייִדן פון סאָפיִע...

בולגאַרישע מוטערס! שוין זשע וועט איר דערלאָזן, מע זאָל די קינדער פון אייַערע מיטבירגער, פון אייַערע שכיינים — פון ייִדישע פרויען — פאַרורטיילן אַף צוואַנגדעפּאָרטאַציע אין אומבאַוווּסטקייַט און אַף זיכערן אומקום? שטעלט זיך אַוועק באַ די טירן פון די ייִדישע הייַזער און לאָזט ניט באַגיין קיין גוואַלדטאַטן! באַהאַלט די קינדער, זיי זאָלן ניט אַרייַנפאַלן אין די הענט פון די טאַליאָנים!

אַרבעטער און אַרבעטערנס! איר זייַט שטענדיק געווען אין די ערשטע רייען פון קאַמף פאַר פרייַהייַט און אומאָפּהענגיקייַט, קעגן נאַציאָנאַלן דרוק. באַשיצט אָפן אונדזערע ברידער — די ייִדישע אַרבעטער!

גייט מאַסנווייַז אין די ייִדישע קוואַרטאַלן און דריקט אויס אייַער סאָלידאַריטעט מיט די אונטערדריקטע ייִדישע בירגער! דערלויבט ניט דעפּאָרטירן זיי פון סאָפיִע און בולגאַריע!

ייִדן און ייִדישע פרויען! שטאָלצירט דערמיט, וואָס איר גייט האַנט־באַ־האַנט צוזאַמען מיטן גאַנצן בולגאַרישן פאָלק! האַלט זיך פעסט קעגן די ווילדע אַטאַקעס פונעם ניוועדיקן היטלעריזם! פאַרלאָזט ניט די הויפּטשטאָט און דאָס לאַנד, לאָזט זיך ניט אָפּשרעקן פאַר קיינע דראָונגען! בעסער העלדישער קאַמף, איידער טויט פון היטלערס טאַליאָנישע הענט! האַלט דעם קאָפּ העכער, דער זיג איבער די ראָצכים איז נאָענט!"

די אויפרופן פון דער פּאַרטיי אַף צו באַשיצן די ייִדישע באַפעלקערונג האָבן געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג צווישן די דעמאָקראַטישע שיכטן פונעם בולגאַרישן פאָלק. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, וויאַזוי ס'האָבן פּראָטעסטירט קעגן „געזעץ וועגן באַשיצן די נאַציע" די וויילער פונעם דריטן ראַיאָנישן מוניציפּאַליטעט אין סאָפיִע — אין אַ ראַיאָן, ווו ס'איז געווען שטאַרק דער אייַנפלוס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זיי האָבן געשריבן: „מיר, אייַנוווינער פונעם III ראַיאָנישן מוניציפּאַליטעט, פּראָטעסטירן ענערגיש קעגן באַגיטיקן און פאַרווירקלעכן דעם „געזעץ וועגן באַשיצן די נאַציע", מיר האַלטן, אַז ער איז אַן אַנטיפאָלקישער".

אינעם מעמאָראַנדום, מיט וועלכן די האַנדלס־אָנגעשטעלטע האָבן זיך געווענדט צום פּרעמיער־מיניסטער און צום פאָרזיצער פון דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, האָבן זיי אויסגעדריקט זייער סאָלידאַריטעט מיט די ייִדישע אָנגעשטעלטע פון דער האַנדלס־פאַרייניקונג: „די אונטערגעכאַסמעטע האַלטן, אַז ס'ווערט באַגאַנגען אַן אומרעכט. פאַרוואָס וויל מען אָפּרויבן באַ די ייִדישע האַנדלס־אָנגעשטעלטע זייערע לעבנס־מיטלען? מיר ווילן, אַז די אָנפירונג פון דער פאַרייניקונג, וועלכע האָט שטענדיק אייַנגעזען אין די ייִדישע האַנדלס־אָנגעשטעלטע גלייַכבאַרעכטיקע בירגער אינעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף פאַרן פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון אַלע האַנדלס־אָנגעשטעלטע, זאָל אַרויסווייַזן איניציאַטיוו און פאָדערן אָפּצושאַפן דעם „געזעץ וועגן באַשיצן די נאַציע".

אַ פּראָטעסט האָבן דערלאַנגט אויך די אַדוואָקאַטן פון דער שטאָט ווידין: „דאָס ייִדישע פאָלק... איז שטענדיק געווען אַ פרייַנט און אַ ברודער דעם בולגאַרישן פאָלק; צווישן די ייִדן איז קיינמאָל ניט געווען קיין פאַררעטער פון די בולגאַרן און פון דער בולגאַרישער מעלוכע".

„מיר פּראָטעסטירן קעגן אָפּרויבן באַ די ייִדן די רעכט פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייַט", — האָבן געמאָלדן די שוסטערס.

די אַרבעטער־יוגנט פון אַ צוקער־זאַוואָד שרייַבט: „דער „געזעץ וועגן באַשיצן די נאַציע" איז אַ בעפיירעשער ווידערשפּרוך צו דער קאָנסטיטוציע, וועלכע זעט פאָרויס גלייַכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער, וואָס לעבן אַף דער בולגאַרישער טעריטאָריע. דער ציל פונעם פאָרגעלייגטן געזעץ־פּראָיעקט איז קלאָר — אָפּנאַרן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, אַז די ייִדן זייַנען קלוימערשט שולדיק אין אַלע צאָרעס פון דער הייַנטצייַטיקער געזעלשאַפט".

פּראָטעסטן זייַנען אָנגעקומען אין דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג פון אַלע עקן לאַנד. די בולגאַרישע קאָמפּאַרטיי האָט אַרייַנגעצויגן אין אָט דעם קאַמף דעם גרעסטן טייל פון דער שעפערישער אינטעליגענץ. די שרייַבער ליודמיל סטאָיאַנאָוו, ט. ג. בלייקאָוו, סט. טשילינגיראָוו, יעלין פּעלין, יעליסאַוועטאַ באַגריאַנאַ אאַ. האָבן געשריבן אין זייערע מעמאָראַנדום־צעטלען צום מיניסטער־פאָרזיצער פון דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג: „מיר האַלטן, אַז אַזאַ געזעץ וועט ברענגען פיל שאָדן אונדזער פאָלק. מיר פאַרטיידיקן ניט די אָדער יענע נאַציאָנאַלע מינדערהייַט. אונדזער ציל איז צו באַשיצן דעם גוטן נאָמען פונעם גאַנצן פאָלק. מיר וואָרענען, אַז מיר וועלן ניט דערלאָזן אַרויסגעבן אַזאַ געזעץ, וואָס וועט אַראָפּזעצן דעם פּרעסטיזש פונעם לאַנד און וואָס איז קעגן די אויסגעקעמפטע טראַדיציעס פון טאָלעראַנץ און הומאַנישקייַט".

לויטן צארס איניציאַטיוו און בא זײַן אָנוועזנהײַט איז דעם 15 אפרעל 1943 פאַרגעקומען א קאָנפערענץ פונעם סינאָד אין אן ענגן באשטאנד און מיטן אָנטייל פונעם מיניסטער־פאַרזיצער. דער לעצטער האָט וועגן דעם פארנאָטירט אין זײַן טאָגבוך: „דער צאר האָט ווי געהעריק און גענוי אינפאָרמירט וועגן דער ייִדן־פראגע און אונטערגעשטראָכן, אז דאָס איז ניט קיין בולגארישע, נאָר אן אַלגעמיין־אייראָפעיִשע פראגע"...

און דאָך איז דער צארישער הויף, אונטערן דרוק פונעם פאָלק, ארײַנגעפאלן אין א פארלעגנהײַט. ס'האָבן זיך געלאָזט הערן ניכטערע שטימען אפילע צווישן די רעגירונגס־באאמטע. באזונדערס האָבן זיך פארשארפט די כלוקעדייעס אינווייניק אין דער רעגירונג און אין דער הויף־קאמאַריליע, ווען דער שטעלפארטרעטער פונעם פאַרזיצער פון דער פאָלקס־פארזאמלונג ד. פעשעוו האָט אף איינער א זיצונג באשטרײַט דעם נײַעם פרווו פון די פאשיסטישע הערשער, צוזאמען מיט די היטלערישע אָקופאנטן, צו דעפאָרטירן די ייִדן פון בולגאריע. כאראקטעריסטיש איז, וואָס ד. פעשעווס מעמאָראנדום האָבן אונטערגעשריבן 43 פאָרשטייער פון דער רעגירונגס־מערהײַט.

פונעם מעמאָראנדום איז צו זען, אז די, וואָס האָבן זיך געכאסמעט, האָבן שטארק אָנגעהויבן צווייפלען אינעם אויסגאנג פון דער מילכאָמע. די מער ווײַטזיכטיקע פאָרשטייער פון דער בולגארישער בורזשואזיע האָבן שוין געזען פאר זיך די קאַטאסטראָפע, וואָס רוקט זיך אָן אפן פאשיזם. די היטלער־כאיאָלעס זײַנען דאן שוין צעשמעטערט געוואָרן בא סטאלינגראד. ניט צופעליק מערקט אָפ דער פרעמיער־מיניסטער פילאָוו אין זײַן טאָגבוך דעם 29 מארט 1943: „אזא אקציע קעגן די ייִדן איז שוין דעם צאר באָריס אויך ניט געווען צום הארצן; [ער האָט געמוזט] נעמען אין אכט, אז די מילכאָמע האָט דאָס היטלערישע דײַטשלאנד אין לעצטן סאכאקל שוין פארשפילט".

און פאָן ריבענטראָפ, דער דײַטשישער אויסערן־מיניסטער, אין זײַן ראפאָרט פארן 4 אפרעל 1943, גיט אזוי איבער היטלערס געשפרעך מיטן צאר באָריס: „וועגן דער ייִדן־פראגע אין בולגאריע האָט דער צאר דערקלערט, אז אין איצטיקן מאָמענט האָט ער צוגעשטימט דעפאָרטירן קיין מיזרעך־אייראָפע בלויז די ייִדן פון מאקעדאָניע און טראקיע; וואָס איז שײַעך די ייִדן פון עצעם בולגאריע, האָט ער בעדייע צו דעפאָרטירן בלויז א קליינע צאָל — פון די באָלשעוויסטיש־קאָמוניסטישע עלעמענטן, ווײַל מע נייטיקט זיך אין זיי אף צו בויען וועגן".

היטלערס טײַוואָלאָנישן פלאן האָט דער צאר באָריס שוין ניט געקאָנט אויספילן.

די אקציעס לעטויוועס די ייִדן האָבן אין סאָפיִע אָנגענומען א גאָר גרויסן פארנעם, באזונדערס אינעם דריטן ראיאָן. דאָס זײַנען געווען בעעמעס דראמאטישע געשעענישן.

אָנגעהויבן האָבן זיי זיך אזוי. דער ייִדישער פארייניקטער קאָמיטעט האָט צונויפגערופן אין דער סינאגאָגע א מיטינג פון דער ייִדישער באפעלקערונג אונטערן פאָרזיץ פונעם פאָלקאָווניק טאדזשער. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אן אימפאָזאנטע מאניפעסטאציע מיטן אָנטייל פון דער בולגארישער באפעלקערונג, דער־הויפט קאָמוניסטן און מיטגלידער פון דער יוגנט־אָרגאניזאציע רעמסיסטן. די דאָזיקע מאניפעסטאציע האָט זיך דעם 24 מײַ צונויפגעגאָסן מיט א סטודענטישער מאניפעסטאציע. די מאניפעסטאנטן האָבן דורכמארשירט פארבײַ דעם צארישן הויף, פראָטעסטירנדיק קעגן דעם איזדעקעווען זיך איבער דער ייִדישער באפעלקערונג. אין וועג איז די ייִדישע מאניפעסטאציע באפאלן געוואָרן מיצאד דער פאָליציי. די ייִדישע שלאכט־גרופעס האָבן ארויסגעוויזן אן ערנסטן ווידערשטאנד. בא אזא אומדערווארטן קער אין די געשעענישן האָט די פאָליציי טאקע די זעלבע נאכט דורכגעפירט ארעסטן. מע האָט געכאפט אפילע פרויען און קינדער — ווער נאָר ס'איז געקומען אין די הענט ארײַן.

די בולגארישע באפעלקערונג האָט אין אָט די געשעענישן דעמאָנסטרירט איר סאָלידאריטעט מיט דער ייִדישער באפעלקערונג. יעדעס מאָל, ווען מ'האָט געפרווט דעפאָרטירן ייִדישע בירגער, האָבן די בולגארן זיך פארזאמלט מאסנווײַז און אָפן אויסגעדריקט זייער אופגעבראכטקײַט. דאָס האָט געצוווּנגען די רעגירונג צוריקצוטרעטן און אָפצוזאָגן זיך פון דעפאָרטירן די בולגארישע ייִדן.

דער אטאשע בא דער דײַטשישער מיסיע אין סאָפיִע האָפמאן שרײַבט אין א ראפאָרט: „ס'וואָלט געווען ניט ריכטיק צו מיינען, אז די בולגארישע רעגירונג, באזונדערס דער פרעמיער־מיניסטער פילאָוו און דער אויסערן־מיניסטער גאבראָווסקי, האָבן ערנסט געפרווט סאבאָטירן דאָס דעפאָרטירן די ייִדן... אויב דאָס איז צוגעגאנגען פיל שווערער, איידער אין אנדערע לענדער, וואָס זײַנען אונטערגעוואָרפן דעם רײַך, דארף מען נעמען אין אכט, אז די בולגארישע רעגירונג האָט ניט געקאָנט אזוי פינקטלעך און אזוי פראָסט לייזן די דאָזיקע פראגע, ווי דאָס האָט מען געקאָנט פאָרויסזען, ווײַל מ'האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דער אינערלעך־פאָליטישער לאגע און אויך מיט די פאָליטישע פאָלגן אויסער די גרענעצן פונעם לאנד".

דעם קאמף פונעם בולגארישן פאָלק, אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמוניסטן, אף אָפצוראטעווען די ייִדן טאָר מען בעשום־אויפן ניט באטראכטן אָפגעריסן פונעם אלגעמיינעם קאמף, וואָס דאָס בולגארישע פאָלק האָט געפירט קעגן פאשיזם. דאָס איז געווען א טייל פון דער גרויסער שלאכט פאר אראָפשלײַדערן די מאָנארכיש־פאשיסטישע מאכט, אין וועלכער עס האָבן ארײַנגעטראָגן זייער באשיידענעם צושטײַער אויך די ארבעטנדיקע ייִדן.

דאָס אָפראטעווען די ייִדן אין בולגאריע איז א גרויסער פארדינסט פון דער בולגארישער קאָמוניסטישער פארטיי. די דערפארונג פון בולגאריע ווײַזט איצט די ארבעטנדיקע ייִדן פון די קאפיטאליסטישע לענדער דעם איינציק ריכטיקן וועג, וויאזוי פאָטער צו ווערן פונעם בארבארישן אנטיסעמיטיזם. בלויז דורך אן ענגן בונד מיט די פראָגרעסיווע און דעמאָקראטישע קויכעס אין דער וועלט, דורך אן אקטיוון אָנטייל אינעם קאמף פון די פעלקער קעגן דעם מיליטאריזם און נעאָנאציזם, וואָס הייבן ווידער אוף דעם קאָפ אין מײַרעוו־דײַטשלאנד און אין אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער, קאָן מען באוואָרענען, אז די טראגישע געשעענישן פון דער ניט ווײַטער פארגאנגענהײַט זאָלן זיך מער ניט איבערכאזערן.

די ייִדן זײַנען איצט אין בולגאריע גלײַכבארעכטיקטע בירגער פון זייער היימלאנד — פון דער בולגארישער פאָלקס־רעפובליק. זיי דריקן אויס זייער פעסטן ווילן צו קעמפן קעגן נעאָנאציזם, רעאקציע און אימפעריאַליסטישע מילכאָמעס, פאר שאָלעם, דעמאָקראטיע און סאָציאַליזם.

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

בינימין מאַכלין

וואַריִאַנטן פון מענדעלעס „די קליאַטשע"

אין אונדזער רײַכער מענדעלע־פאָרשונג זײַנען באַם אָפּשאַצן „די קליאַטשע" ניט באַהאַנדלט געוואָרן גענוי איר דרײַ וואַריִאַנטן.

דער קינסטלערישער וווּקס פון מענדעלען אין זײַנע ווערק איז געקומען מיט זײַער סאָציִאַל־אידייִשער פאַרטיפערונג. פאַר די יאָרצענדליקער, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען פון וואַריִאַנט צו וואַריִאַנט, איז פאָרגעקומען אַ וווּקס פון דער יִדישער ליטעראַטור און עס זײַנען אויסגעוואַקסן באַ די לייענער זײַער קינסטלערישער געשמאַק און זײַערע אידייִשע פאָדערונגען.

מענדעלע האָט איבערגעאַרבעט זײַנע ווערק, קעדיי מאַכן זיי אַקטועל. ער האָט געשליפן דעם זאַץ און דאָס וואָרט, זיי זאָלן זײַן אין אײַנקלאַנג מיט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן אין דער געגעבענער צײַט. די איבעראַרבעטונג האָט געמאַכט דאָס ווערק ה ײַ נ ט צ ײַ ט י ק ע ר.

„די קליאַטשע", אַ ביכעלע פון 16 קאַפּיטלען, איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן אין אַ בוך פון פיר און צוואַנציק קאַפּיטלען.

דאָס נײַע אין די וואַריִאַנטן איז געוואָרן אָנגעהויפּט דורך די געשעענישן פון דער צײַט. מע דאַרף דעריבער באַטראַכטן „די קליאַטשע" אַלס ווערק, וואָס שפּיגלט קינסטלעריש אָפּ אין זײַנע דרײַ וואַריִאַנטן דרײַ געשיכטלעכע פּעריִאָדן.

■

מענדעלע איז געווען סטירעסדיק. ער פלעגט זיך אָפּט אַליין אָפּפרעגן, אויף זײַן וועג מאַכן זיגזאַגן. נאָך „דער קליאַטשע" — אַ ווערק מיט שאַרפער געזעלשאַפטלעכער קריטיק — גייט ער אומגעריכט אַריבער צו „יודל", „זמירעס־יִיסראָעל", „פּיירעק שמירע", וועלכע יִיצכאָק־יויעל לינעצקי האָט שאַרף קריטיקירט פאַר זײַער נוצלאָזיקייט און געשמאַקלאָזיקייט.

מענדעלע שטײַגט ווידער אויף אין „מאַסאָעס בינימין האַשלישי", אין „פישקע דער קרומער", און גייט ווידער אַוועק צו דער פאַרגאַנגענהייט־ראָמאַנטיק אין צווייטן טייל פון „שלוימע רעב כאַיִמס". קימאַט אין דער זעלבער צײַט שרײַבט ער צו מ. ספּעקטאָרן: „איך קען מיך נישט יודלען, ווי די הײַנטיקע... ווי קום איך צו זיי, צו די הײַנטיקע כאַכאָמים, צו די גרויסע באַל־אייצעס, צו די פײַערדיקע פּאַטריִאָטן, צו די קאָפּשווינדיקע יִדן"...[1]

ריכטיק באַמערקט מ. ווינער: „באַ אַלע ווידערשפּרוכן איז אין מענדעלען ניט אַנשוויגן געוואָרן דער רעוואָליוציִאָנערער דעמאָקראַט"[2].

די „קליאַטשע"־וואַריִאַנטן (1889—1913), אָנגעפילט מיט נײַעם אינהאַלט פון צײַט־געשעענישן, געשילדערט מיט נײַע קרעפטיקע אויסדרוק־מיטלען און בילדער, באַווײַזן, אַז מיט דער ערשטער אויסגאַבע פון דעם דאָזיקן ווערק (1873) האָט זיך די פּובליציסטישקײַט באַ מענדעלען ניט פאַרענדיקט, אַז ער זעצט זי פאָר אויך שפּעטער, אַז די פּובליציסטישקײַט, די טענדענציִעזקײַט, דער אידייִשער אָנציל העלפן דער קינסטלערישער פאַרפולקומונג און מאַכן בוילעטער די אידייִ פון ווערק, אַז עס זאָל „אין יענע באַטראַכטונגען און רעפלעקסיעס, וואָס זײַנען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט זײַנע קינסטלערישע בילדער, זײַן גאָרניט געמעסיקט, אַז עס זאָל ריידן מיט דער שפּראַך פון אַ רעוואָליוציִאָנערן דעמאָקראַט"[3].

אַוואַדע קאָן די בירגערלעכע עסטעטן ניט געפעלן מענדעלעס טענדענץ, זײַן שטייגער „אַרויסצושטעלן פאַרבאָרגענע מאַקעס, אַ פּיק טאָן, טרעפן אין קאַרב, עס זאָל אויסרינען דער אייטער" (בריוו צו שאָלעם־אַלייכעם, 19 יאַנוואַר 1890)[4].

מענדעלע האָט פאַרשטאַנען די געזעלשאַפטלעכע פונקציע און די עסטעטישע אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור.

אין דעם ווייניק באַקאַנטן ווערק „מה נעשה" (וואָס דאַרף מען טאָן; דאָס קאַפּל רופט זיך, אַפּאָנעם, איבער מיט טשערנישעווסקיס «Что делать?») ווערט צוזאַמען מיטן עסטעטישן אַרויסגערוקט דאָס קאַמפערישע, דאָס עטישע, דאָס רעוואָליוציִאָנערע, פּראָגרעסיווע, וואָס פאַרבינדט די ליטעראַטור מיטן לעבן[5].

---

[1] בריוו צו מ. ספּעקטאָר, 29 דעקאַבער 1902. „מענדעלע־בוך", צונויפגעשטעלט און געקליבן פון נאַכמען מײַזיל. ניו־יאָרק, איקוף־פאַרלאַג, 1959, ז. 184.

[2] מ. ווינער. צו דער געשיכטע פון דער יִדישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט. ניו־יאָרק, איקוף־פאַרלאַג, 1946, ב. 2, ז. 162.

[3] דאָרט, ז. 70, 71.

[4] ציטירט לויטן „מענדעלע־בוך", ז. 245.

[5] זע „האַמייליץ", 1878, נום. 1—3.

מענדעלע איז געווען באַאײַנפלוסט פון די פּראָגרעסיווע אידייען פון זײַן צײַט. ער האָט שטודירט די ווערק פון די גרויסע רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראטן — בעלינסקי, טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו. עס איז פעסטגעשטעלט די ליטעראַרישע קרויוועשאפט פון מענדעלען מיט סאלטיקאָוו־שטשעדרינען. די מעטאָדן, וועלכע סאלטיקאָוו־שטשעדרין ווענדט אָן אין זײַן סאטירע, זײַנען אויך כאַראקטעריסטיש פאר מענדעלען, באזונדערס פאר „דער קליאטשע". די קליאטשע־אלעגאָריע איז, ווי בא סאלטיקאָוו־שטשעדרינען, א סאטירישע. אכוץ דעם, וואָס די אלעגאָריע איז פארשפרייט אלס ליטעראטור־פאָרם בא אלע פעלקער פון לאנגע צײַטן אָן, איז זי באזונדערס געווען צוגענגלעך פאר דעם יִדישן לייענער, וועלכן עס איז געווען באקאנט דער מאגידישער מאָשל מיטן מוסער־האסקלדיקן נימשל.

דער פארקישעפטער פרינץ, די קנעסעס־ייִסראָעל אין געשטאלט פון דער קליאטשע, האָט אויך געקאָנט זײַן און איז טאקע געוואָרן בא מענדעלען די אלעגאָריע פון אלע אונטערדריקטע און פארשקלאפטע „געמיינע פערד, וואָס אקערן די פעלדער, פירן וואסער און האָלץ, שלעפּן מאסע און טוען אלצדינג אין דער באלעבאטישקײַט".

דאָס טראגישע בא דעם קליאטשע־געשטאלט איז אין דעם „קישעף", וואָס לאָזט זי ניט אויסגלײַכן דעם רוקן, אין דעם פאטום, אין דעם גוירל פון „אייביקער קליאטשע".

מענדעלע האָט ניט געזען און דורך „דער קליאטשע" ניט באוויזן יענע אקטיווע קויכעס, וועלכע וואקסן אָן אין פאָלק און ארום אים אין יענע אָביעקטיווע באדינגונגען, וועלכע פירן צום אופרײַסן די אומגערעכטע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג און צוזאמען מיט איר דעם „קישעף" פון דער „אייביקער קליאטשע". מענדעלעס קליאטשע ווארט פאסיוו און האָפט אף דער גערעכטיקײַט, וואָס וועט קומען ווי א מין מאָשיִעך...

די „אייביקײַט" פון דער קליאטשע איז איר שוואכע זײַט. עס בלײַבט אָבער איר שטארקע זײַט — דער אופגערודערטער באוווסטזײַן פון דעם פאָלק.

די ערשטע אויסגאבע פון „דער קליאטשע" איז דערשינען אין 1873 אין ווילנע, אין דער באוווסטער דרוקערײַ פון דער אלמאָנע און ברידער ראָם. די צענזור־דאַטע איז אָנגעוויזן 15 דעקאבער 1872. דאָס ווערק האלט 119 זײַטן און איז, ווי געזאָגט, אײַנגעטיילט אין 16 קאפיטלען.

„די קליאטשע" פון 1873 געהערט צום זשיטאָמירער פעריִאָד פון מענדעלעס לעבן און שאפן (1869—1881).

קיין זשיטאָמיר איז דער שרײַבער אריבערגעפאָרן פון בערדיטשעוו, פונוואנען ער האָט געמוזט אויקער זײַן צוליב די רעדיפעס מיצאד די דאָרטיקע קאָהאָלשע רעדלפירער, וועלכע ער האָט מיט זײַן „טאקסע" געטראָפן אין דער זיבעטער ריפ. נאָר אויך אין זשיטאָמיר האָט מענדעלע קיין האָניק ניט געלעקט פון די דאָרטיקע קאָכלעפל. „די קליאטשע" ווערט געשאפן אלס צווייטער טייל פון דער „טאקסע", ווי מענדעלע שרײַבט אין דער האקדאָמע: „האכיילעק האשייני — דער צווייטער טייל מעהאטאקסע, בעכאָל פראטאָוו — מיט אלע פישטשעווקעס".

דער זשיטאָמירער פעריִאָד איז בא מענדעלען געווען א פעריִאָד פון פארשארפטן קאמף קעגן פאנאטיזם און קלעריקאליזם. „די קליאטשע" איז א ווערק פון א דיכטער מיט א פארביטערט הארץ. זי איז אָנגעשריבן מיט א פען, וואָס האָט געשפריצט מיט פײַער. מיר לייענען בא שאָלעם־אלייכעמען אין זײַן פארצייכענונג „פיר זײַנען מיר געזעסן":

„מענדעלע מויכער־ספאָרים דערציילט, אז ער האָט צום ערשטן מאָל געלייענט „די קליאטשע" פאר א געשלאָסענער פארזאמלונג פון אינטימע פרײַנט, וועלכע האָבן פריִער געלאכט פון אים, געמאכט כויזעק איבערן נאָמען פונעם ווערק: „נא דיר גאָר א פערד, א קליאטשע", נאָכדעם געוואָרן ערנסט. איינער פון זיי, יויסעף־בעצאלעל הארקאווי, האָט נאָכן איבערלייענען „די קליאטשע" צוגענומען באם מעכאבער דאָס העפטל, ארײַנגעלייגט אין זײַט־קעשענע, אָן ווערטער. אוועקגעפירט דאָס קיין פעטערבורג און צוגעשיקט אין א צײַט ארום דעם פארפאסער א פארטיקע, אָן אָפּגעדרוקטע „קליאטשע". נאָכדעם האָט דער צענזאָר געהאט א מיִעסע מאפּאָלע, וואָס מע האָט דורכגעלאָזט אזא טרייפע סכוירע"[1].

פאר דער מיִעסער מאפּאָלע האָט זיך שפּעטער די צאַרישע צענזור נויקעם געווען און פארמאכט דעם זשורנאל „וואָסכאָד" אף זעקס כאדאָשים דערפאר, וואָס דאָרט זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן (אין 1891) די ערשטע קאפּיטלען פון „דער קליאטשע", איבערגעזעצט אף רוסיש דורך מענדעלעס זון מיכאיִל (מייער) אבראמאָוויטש.

אפן שארבלאט פון „דער קליאטשע" שטעלט מענדעלע ווי א מאָטאָ „לססתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי", אויסגעטײַטשט מעלאמדיש און פון מענדעלען אונטערגעשטראָכן: צו מײַן „ק ל י א ט ש ע אין פארעס רײַטוואָגן פארגלײַך איך דיך, ק נ ע ס ע ס־י ִ ס ר אָ ע ל". די ווערטער „קליאטשע" און „קנעסעס־ייִסראָעל" זײַנען אויסגעטיילט מיט פעטן שריפט.

„די קליאטשע" איז דערשינען אין דער צײַט, ווען עס זײַנען פארשוווּנדן די האָפענונגען אף א „פּאָליטישן פרילינג", אף רעפאָרמען פון אויבן נאָכן אָפּשאפן דאָס לײַב־אייגנטום. עס האָט זיך אָנגעהויבן די באוועגונג פון דער אינטעליגענץ צו „גיין אין פאָלק".

עס איז קלאָר געוואָרן, אז בילדונג איז ניט דער וועג צו דער גלײַכבארעכטיקונג פונעם ייִדישן פאָלק. די רעפאָרמיסטישע פּראָגראם פון דער בורזשואזער האסקאָלע האָט געהאט א מאמאָשעס בלויז פאר פּריווילעגירטע יעכידים. די מאסע איז אָבער געבליבן הונגעריק, רעכטלאָז, בארויבט דורך די אייגענע, די ייִדישע גווירים און טאקיפים, באשווינדלט דורך די קלייקוידעש און פארפאָלגט דורכן צארישן רעזשים, דורך די זעלבע טשינאָווניקעס און פּריצים, „די איידעלע געלערנטע פערד", וועלכע האָבן אונטערדריקט דאָס פּויערטום און די האָרעפאשנע מאסן פון שטאָט.

נאָך אין „מכתב על דבר החינוך" (מיכטאָוו על דוואר האַכינוך — א בריוו וועגן דערציִונג) און אין „משפּט שלום" (שאָלעמס מישפּעט) איז מענדעלע ארויסגעטראָטן קעגן דעם בורזשואזן מאסקיליזם. נאָר אנטשיידן איז געווען זײַן ארויסטרעטונג אין „דער קליאטשע". דאָס איז שוין ניט געווען פּראָסט א רעוויזיע, נאָר אן אָנגריף אפן מאס־

[1] שאָלעם־אלייכעם. ייִדישע שרײַבער. ניו־יאָרק, 1919, ז. 153.

קליִשן רעפאָרמיזם — אן אָנגריף אין גייַסט פון רעוואָליוציאָנערן דעמאָקראַטיזם.

אין א פייַנער סאטירישער מאניר איז אויסגעלאכט די ווענדונג פון דער האסקאָלע (ייִסראָליקן) צום פאָלק (דער קליאטשע): „לערן זיך טאנצן", — און בייַסיק האָט דער האסקאָלע געענטפערט דאָס פאָלק: „קיין טאנץ גייט ניט פארן עסן".

דאָס פאָלק פאָדערט גלייַכע רעכט אף צו לעבן: „פלייש און בלוט זייַנען מיר אלע. אונדזערע באדערפענישן זייַנען גלייַך, און איין רעכט אף צו לעבן האָבן מיר אלע".

מענדעלע באגרענעצט זיך ניט מיט דער קריטיק אין די ראמען פון דער ייִדישער סוויווע, ער ווענדט זי אָן דירעקט קעגן דער גאנצער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, קעגן די „פּאנסקע צאפּעס", „וואָס פרעסן אויף אָרעם בלוט, אָרעם שווייס נעבעך"; מענדעלע האָט געלאָזט ריידן אליין דאָס פאָלק, וואָס דערזעט זיך צווישן נאָך אזעלכע אונטערדריקטע און רעכטלאָזע. דאָס אליין איז שוין געווען אן אקט פון מאָראלישער גלייַכבארעכטיקונג.

די צווייטע אויסגאבע פון „דער קליאטשע" איז דערשינען אין אָדעס אין דער דרוקערייַ פון א. ווארשעווער, 1889, 129 ז. די אויסגאבע איז איליוסטרירט. דאָ געפינען מיר די זעלבע זעכצן קאפּיטלען, ווי אין ערשטן וואריִאנט.

דאָס איז געווען, ווי עס איז אָנגעוויזן אפן שארבלאט, „דאָס צווייטע בוך פון אלע קסאָווים פון מענדעלע מוכער־ספאָרים"; אפן פאָדערבלאט איז אָנגעוויזן אין רוסיש — Издание автора (אויסגאבע פונעם אווטאָר). די אויסגאבע האָט טאקע געהערט מענדעלען, וועלכער האָט, כוץ דעם, זיך פארנומען אויך מיט איר פארשפרייטונג.

שאָלעם־אלייכעמס „ייִדישע פאָלקס־ביבליִאָטעק" האָט אָפּגעדרוקט א באגייַסטערטע רעצענזיע אף אָט דער אויסגאבע. „די קליאטשע" ווערט אָנגערופן — מענדעלעס „שיר־האשירים".

אין א רעדאקציִאָנעלער באמערקונג צו דער רעצענזיע באצייכנט שאָלעם־אלייכעם „די קליאטשע" ווי „אן אומשטערבלעך ווערק", מיט וועלכן „ס'איז אמאָל די וועלט אוף געווען". שאָלעם־אלייכעם שרייַבט: „עס איז ניט געווען יענע ייִדישע שטוב, ווו מע זאָל ניט זיצן און לייענען „די קליאטשע"... „פון יענער צייַט [פון דער ערשטער אויסגאבע פון 1873] איז איבערגעגאנגען היפּשע עטלעכע יאָר און „די קליאטשע" איז געוואָרן א זעלטנהייַט... אצינד, אף די עלטערע יאָרן, האָט זיך מענדעלע גענומען דורכלופטערן דאָס בייַדל מיט ספאָרים און אף דער בידנער „קליאטשע" איז געקומען א יעשוע. זי איז הייַנטיקס יאָר איבערגעדרוקט געוואָרן איבעראנייַס מיט אייניקע אויסבעסערונגען, מיט שיינע אויסיִעס און אף גוט פּאפּיר; דערבייַ האָט מענדעלע ניט געזשאלעוועט די וויסטע קליאטשע ארומפלעכטן מיט כיינעוודיקע קרענצלעך, באצירן זי מיט קארטינקעס, עפּעס גאָר ניט ייִדישלעך"[1].

אף א ספּעציִעלן פאָדערבלאט מיט דער אופשריפט „די קליאטשע ברענגט פאר א מאטאָנע דעם ווייַב", שרייַבט מענדעלע: „די מאטאָנע, וועלכע איך ברענג דיר דאָ, מייַן ווייַב, איז עפּעס ניט אזא אָנגענעמע, ווי דו פארדינסט פאר אזויפיל מי, וואָס דו ביסט געווען אויסגעשטאנען מיט מיר אף דעם שווערן וועג פון לעבן פון די יונגע ביז אין די עלטערע יאָרן אונדזערע. לייַט שענקען זייערע ווייַבער קארעטעס מיט פערד צום פארגעניגן; פון מייַן קליאטשע, מישטיינסגעזאָגט, קען מען קיין גרויס פארגעניגן נישט האָבן. זי איז א דארע, א שלאפּע, א דערשלאָגענע, נעבעך, און די צעריסענע פעל אירע, פול מיט ווונדן, איז עפּעס אויך ניט אזוי שיין. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? דו ווייסט זייער גוט מייַן ארט שטעלע בא אונדזער אָרעם פאָלק און די באשעפּטיקונג מייַנע בא אים. קיין נאכעס און גרויסע גליקן קען דאָס ייִדישע לעבן ניט געבן. הארצווייטעק נאָר, מאקעס און יעסורים איבערגעגעבן. אוי, קיין בעסערע מאטאָנעס, ווײ איז מיר, האָב איך ניט..."

דאָס, וואָס מענדעלע האלט זייַן ליטעראַרישע טעטיקייַט אלס „שטעלע בא אונדזער אָרעם פאָלק", פּונקט ווי א פאָלקס־מיסיע, באווייַזט טאקע זייַן ארבעט איבער „דער קליאטשע".

די צווייטע אויסגאבע פון „דער קליאטשע" געהערט צום אָדעסער פּעריִאָד פון מענדעלעס לעבן. צווישן דער ערשטער און צווייטער אויסגאבעס זייַנען דורכגעגאנגען זעכצן יאָר.

דער צווייטער וואריִאנט שיידט זיך אויסערלעך ניט אונטער פון דעם ערשטן: די זעלבע קאָמפּאָזיציע, די זעלבע קאפּיטלען, מיט די זעלבע נעמען. אָבער ווען מע לייענט אים אופמערקזאם, זעט מען, וויפל מי דער שרייַבער האָט אריינגעלייגט באם איבערארבעטן דאָס ווערק.

אין צווייטן וואריִאנט האָט מענדעלע גרינטלעך באארבעט די לעקסיק. דאָס פארבייַטן א סאך העברעיִזמען און סלאוויזמען אף אדעקוואטע ייִדישע אויסדרוקן איז ניט געווען ארויסגערופן פון א שטרעבונג צו פּוריסטישער שפּראך־ריינקייַט. מענדעלעס ציל איז געווען, אז דאָס פאָלק זאָל אים בעסער פארשטיין.

דעם צווייטן וואריִאנט האָט מענדעלע באַרייַכערט מיט נייַע בילדער, אנטפּלעקנדיק דערבייַ א ביז גאָר גרויסע דיכטערישע קראפט און מיט דעם צוזאמען די אשירעס פון ייִדישן שפּראך־אויצער.

אָט שילדערט ער דעם שיידים־טאנץ, וואָס דארף אלעגאָריש אָפּשפּיגלען די פּאָגראָם־וואקכאנאליע — די שווארצע סטיכיי פון די 80־ער יאָרן:

..."פלוצעם איז אופגעשטאנען א ווינט און אָט האָט פונדערווייַטנס זיך פארדרייט א רעדל און געדרייט, געדרייט, געדרייט, ווי א זייַל, גאנץ הויך אינדערלופטן. ס'איז א קאָכעניש, אן אויסמישעניש פון אלערליי געשטאלטן, וואָס טאנצן, שפּרינגען, פליִען מעשוגענערווייַז, ווי די רוכעס, אריינכאפּנדיק צו זיך אין קאָן אריַין אלצדינג, וואָס קומט זיי אפן וועג אנטקעגן. עס טראָגט זיך, דרייט זיך ראשיק, מיט אימפּעט, באגלייט פון א מעשוגענער קאפּעלע. עס קראקעט, קוואקעט, קוואָקעט, קרעכצט, הייַלט, זושעט, פּילדערט, גרילצט אין די אויערן. ביימער אין דעם וואלד ענטפערן אָפּ צום טאקט, בייגנדיק זיך אין אלע זייַטן, רוישן, צימבלען און פּאטשן, פּליעסקען מיט די צווייַגן. די לעוואָנע דערשרעקט זיך און לויפט זיך באהאלטן אין א שטיק וואָלקן, — עס איז אפּאָנעם א כאסענע. דאָס גוטע פּעקל מעכוטאָנים פירט עס אזוי טאראראמענדיק א מאכשייפעטע צו דער כופּע" (קאפּיטל 3).

[1] „די ייִדישע פאָלקס־ביבליִאָטעק", קיִעוו, 1889, בוך צוויי.

צום ערשטן מאָל האָט מענדעלע אריינגעפלאָכטן אין זײַן ווערק (אין קאַפּיטל „די קליאַטשע. א פּיירעש אף איִעוו") טאַלאַנטפולע איבערגעדיכטעטע צוועלף שורעס פון טילים[1].

נאָך אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע (1889) האָט דער גרויסער יידישער קלאַסיקער דערציילט, אז ער האָט איבערגעזעצט דעם סייפער טילים אין פערזן און אז ער געפינט זיך בא אים אין מאַנוסקריפּט[2]. מיר האָבן ביז איצט ניט די דאָזיקע איבערזעצונגען. מיר האָבן נאָר די צוועלף שורעס, צוערשט געדרוקט אין צווייטן וואַריאַנט פון „דער קליאַטשע" (1889).

דאָ קאָן מען ארויסזען מענדעלען אלס צווייִשפּראַכיקן קלאַסיקער, וועלכער האָט געשאַפן דעם סטיל זײַנעם פאַר העברעיִש און יידיש אין גײַסט פון ליבשאַפט צום פאָלק און צו זײַנע קולטור־ווערטן. וועגן דער דאָזיקער גײַסט־אייניקײַט פון מענדעלעס סטיל אין העברעיִש און אין יידיש שרײַבט נ. אויסלענדער אין זײַן באַוווסטער ארבעט „גרונט־שטריכן פון יידישן רעאַליזם".

מענדעלע אליין זאָגט וועגן זיך: „דער קריטיקער פון מענדעלע מויכער־ספאָרים דאַרף ניט פאַנאַנדערטיילן צווישן קוידעש און כויל (צווישן העברעיִש און יידיש). ער דאַרף זיי נעמען אינײנעם, ווײַל זיי שטאַמען פון איין מאָקער און איין גײַסט פאַרמאָגן זיי"[1].

מענדעלע האָט פאַרוואַנדלט לאָשן קוידעש אין לאָשן כויל (די הייליקע שפּראַך אין א וואָכעדיקער) ניט נאָר מיט זײַן יידישיזירטן העברעיִש, נאָר אויך דערמיט, וואָס ער האָט אין יידיש, אין דער פּראָסטער שפּראַך פון פאָלק, איבערגעדיכטעט ביבלישן סטיל און ביבלישע טעקסטן, באַווײַזנדיק דערמיט, אז אונטערן טערמין „לאָשן כויל" דאַרף מען פאַרשטיין פאָלקסטימלעכקײַט, וועלכע נידערט ניט אראָפּ, נאָר דערהייבט די שפּראַך אף א העכערער מאַדרייגע.

אלס איליוסטראַציע וועלן מיר דאָ פאַרגלײַכן די צען שורעס פון טילים מיט די צוועלף שורעס פון מענדעלעס איבערדיכטונג אין יידיש (גענומען פון צווייטן וואַריאַנט פון „דער קליאַטשע"):

דער טילים־טעקסט

ותגעש ותרעש הארץ
ומוסדי הרים ירגזו
ויתגעשו כי חרה לו:
עלה עשן באפו
ואש מפיו תאכל
גחלים בערו ממנו:
ויט שמים וירד
וערפל תחת רגליו:
וירכב על כרוב ויעף
וידא על כנפי רוח

מענדעלעס יידישער טעקסט

עס וויגט די ערד זיך, שטורעמט אונטן,
עס ציטערן פון בערג די גרונטן —
קראַך־קראַך! אָט וואַלגן זיי זיך אײַן,
וויבאַלד ער קומט אין קאַס ארײַן.
פונעם נאָז אים זעצט ארויס א רויך,
א פײַער פלאַמט פון מויל בא אים,
און גליִענדע קוילן פליִען הויך,
עס ברענט, עס סאַרפעט אומעטום!
ער נייגט דעם הימל, גייט ארונטער,
א וואָלקן שפּאַרט די פיס אים אונטער;
ער רײַט אפן קרווו[2], ער פליט געשווינד
און שוועבט אפן פליגל פון דעם ווינט.

אין ביבלישן טעקסט — „כי חרה לו" (ער ווערט דערצאָרנט). בא מענדעלען — „וויבאַלד ער קומט אין קאַס ארײַן". „עלה עשן באפו" — „פונעם נאָז אים זעצט ארויס א רויך". „עלה" (גייט אויף) ווערט בא מענדעלען פאַרוואַנדלט אין „זעצט ארויס", ווי עס וואָלט זיך ריידן וועגן א פּראָסטן באַסער־וועדאָם. דער ביבלישער טעקסט איז הימליש, געטלעך, מענדעלעס — ערדיש, מענטשלעך, און מיט דעם טאַקע קרעפטיק.

נאָך די צוועלף שורעס גייט אן איראָנישע שילדערונג, ווי פאַר יִיסראָליקס אויגן דערשײַנט גאָט מיט זײַן סוויטע. עס זעט אויס ווי א פּאַראָדיע אפן צענטן קאַפּיטל פונעם נאָווי יעכעזקל וועגן געטלעכן פּאַראַד.

די מענדעלע־קריטיק ווײַזט אָן אף דער קאָמפּאָזיציאָנעלער געבראָכנקײַט אין מענדעלעס ווערק. מענדעלע קײַטלט א מײַסע אין א מײַסע, א מײַסע איבער א מײַסע און גייט אָפּט אָפּ פונעם סוזשעט. ארום דעם הויפּט־סוזשעט קומען אויף בײַ־סוזשעטן, וועלכע וואַקסן אריבער אין פאַרנעם דעם הויפּט־סוזשעט.

אויב פאַר אַנדערע ווערק איז אזא באַהויפּטונג ניט אינגאַנצן ריכטיק, איז עס ביז גאָר ריכטיק פאַר „דער קליאַטשע". דאָ איז דאָך דער איקער ניט דער סיפער־האַמייסע — ניט דער יִיסראָליק־סוזשעט און ניט דער סוזשעט פון פּרינץ־קליאַטשע. דאָ איז דער איקער די אידיי פונעם ווערק, אין וועלכן ס'איז שטאַרק באַגרענעצט די פּרײַע האַנדלונג פון די העלדן. סוזשעטיש זײַנען יִיסראָליק מיט דער קליאַטשע צווישן זיך ניט פאַרבונדן. ס'איז ניטאָ קיין באַשטימטע פּסיכאָלאָגישע באַרעכטיקונג אָדער סאָציאַלע געזעצמעסיקײַט אין די פאַרבינדונגען צווישן זיי און צווישן זיי בײדע מיטן אשמעדײַ.

די קאָמפּאָזיציאָנעלע געבראָכנקײַט פון „דער קליאַטשע" איז אָבער בלויז אָן אויסערלעכע. אינערלעך פאַרמאָגט

[1] דאָס אָרט אין „תהילים", י״ח, פאַרנעמט צען שורעס; באַם איבערדיכטן איז פון זיי ארויסגעקומען צוועלף שורעס.

[2] „שטריכן צו מײַן ביִאָגראַפיע" (אויטאָביִאָגראַפיע פון מענדעלע מויכער־ספאָרים, דערשינען אין העברעיִשן זאַמלבוך „ספר־זכרון" פון נ. סאָקאָלאָוו, 1889).

[1] בריוו צו י.־כ. ראַווניצקי, 10 אווגוסט 1900. „דאָס מענדעלע־בוך", ז. 184.

[2] ק ר ו ו — א מאַלעך.

דאָס ווערק קאָמפּאָזיציאָנעלע גאנצקייַט. אלע געשעענישן ווערן געריכטעט צו איין ציל, וועלכן עס דינט די אלע־גאָריע.

„די קליאטשע“ איז געשריבן ווי „קסאָווים פון ייִסראָליק דעם מעשוגענעם“. די קליאטשע איז דאָך ייִסראָליקס „מעשוגאס“. אין נאָרמאלן טאָגטעגלעכן שטייגער פון ציפּעס בעניאָכיד ייִסראָליק עקזיסטירן נאָר יעכידישע דייַגעס (עקזאמענעס, דער מאמעס שידוכים). עס עקזיסטירן ייִדן מיט פּארנאָסע־זאָרגן. דאָס פאָלק אלס געזעלשאפט־לעכע קאטעגאָריע, דאָס פאָלק אלס גאנצעס, די פראגע וועגן זייַנע בירגער־רעכט, גלייַכבארעכטיקונג, די פראגע אלס א טייל פון א גרויסער וועלט־פּראָבלעם — דאָס אלץ קומט אין דער אלעגאָרישער פאראלגעמיינערונג פון „דער קליאטשע“ אין דער צייַט פון ייִסראָליקס „מעשו־גאס“; אזויארום ברעכט זיך די קאָמפּאָזיציע צווישן ייִס־ראָליקס „נאָרמאלן“ צושטאנד און זייַן „מעשוגאס“...

די אכציקער יאָרן, די צייַט, ווען מענדעלע האָט איבער־געארבעט זייַן „קליאטשע“, איז געווען א צייַט פון שווע־רער רעאקציע.

עס קראכן די פאָלקיסטישע אידייען. עס צערינען די איליוזיעס בא דער אינטעליגענץ. דאָס שאפט א יערידע־שטימונג. א סאך פון די מאסקילים אנטוישן זיך אין דער האסקאָלע אלס מיטל צו ווערן „מענטשן־גלייַך“. דאָס ליכטל פון דער האסקאָלע צאנקט. עס זייַנען אוועק די איליוזיעס וועגן דעם, אז די רעגירונג וועט העלפן פאר־שפּרייטן בילדונג אין פאָלק. ס׳איז געוואָרן קלאָר, אז פינצטערניש און אָפּגעשטאנענקייַט פון פאָלק איז די באזע, אף וועלכער עס האלט זיך דער צאריזם.

מענדעלע, וועלכער גייט פוסטריט מיט זייַן צייַט, האָט אין צווייטן ווארִיאנט פון „דער קליאטשע“ געגעבן איי־ניקע שטריכן, וועלכע כאראקטעריזירן דעם ייִעש און די פארלוירנקייַט פונעם מאסקיל; ייִסראָליק גלייבט שוין ניט אין האסקאָלע. ער שטרעבט צו דאָקטאָריע, ניט ווייַל ער האָט זי אזוי ליב. „אויב ניט די דאָקטאָריע, וועט ער בלייַבן א דערשלאָגן ייִדל“ און וועט „פארשווארצט ווערן און אויסשטיין אין דער וועלט פון איטלעכן גלייַך מיט אלע אנדערע ייִדלעך כארפּעס און ביזיוינעס“. די פראזע „גלייַך מיט אלע אנדערע ייִדלעך“ איז ניט געווען אין ערשטן ווארִיאנט.

די פארלוירנקייַט און דער ייִעש פון דער דעמלטיקער אינטעליגענץ כאפּט אויך ארום ייִסראָליקן. „עס האָט מיר זיך געדאכט, איך זינק אין א טיפן אָפּגרונט וואסער. איך זינק אלץ טיפער, טיפער, און ארום מיר רוישט זיך גאָר א שרעק, איך וויל עפּעס אָנטאפּן, אין וואָס עפּעס זיך אָנכאפּן, נאָר איך פיל אָבער ניט קיין הענט, קיין פיס. עפּעס בין איך ווי ארויסגעשפּרונגען פון דער הויט, ארויס פון די קיילים, בין גלאט אזוי א ייִסראָליק, א לופטיקס, אָן לייַב, אָן אייווורים. ניטאָ פון מיר גאָרניט. נאָר די בלויזע נאקעטע נעשאָמע“ (צווייטער ווארִיאנט, ז. 16, אין ערשטן ווארִיאנט — ניטאָ).

ייִסראָליק פון צווייטן ווארִיאנט איז שוין דער צווייטער דאָר פון די מאסקילים, ס׳איז א ייִסראָליק, וואָס זייַנע אינדיווידואליסטישע שטרעבונגען און געזעלשאפטלעך־באגרענעצטע אידייען ציִען אים אָפּ פון פאָלק און פון זייַנע אינטערעסן און ער בלייַבט אויסגעהוילט.

דער דריטער ווארִיאנט פון „דער קליאטשע“ איז צו־ערשט געשריבן געוואָרן אין העברעיִש און איבערגעאר־בעט געוואָרן אף ייִדיש. די איבערארבעטונג איז דערשי־נען אלס דריטער באנד אין „אלע ווערק פון מענדעלע מויכער־ספאָרים“, ווארשע, פארלאג „מענדעלע“, 1913.

אף די שארבלעטער פון דער ערשטער און צווייטער אויסגאבעס לייענען מיר „די קליאטשע אָדער צאר־בא־לעכאיִם. א מייַסע, וואָס האָט זיך פארלאָפן מיט ייִסראָליק דעם מעשוגענעם“. אין ערשטן ווארִיאנט באהאלט זיך דער מעכאבער הינטער די ווערטער „געדרוקט בעהישטאדלעס מענדעלע מויכער־ספאָרים“. אין דער דריטער אויסגאבע איז דאָס ניטאָ. ס׳איז אויך ניטאָ די מאָטאָ, דער פּאָסעק פון „שיר־האשירים“.

אין פארגלייַך מיטן צווייטן ווארִיאנט האָט מענדעלע דאָס מאָל ארייַנגעטראָגן גאנץ ווייניק שפּראך־ענדערונ־גען, דערפאר אָבער געגעבן נייַע קעפּלעך און נייַע שטעלן צו די אלטע קאפּיטלען, אָנגעשריבן אינגאנצן נייַע קא־פּיטלען, אין וועלכע ער האָט אייַנגעשלאָסן אייניקע שטעלן פון די אלטע. פון זעכצן קאפּיטלען איז „די קליאטשע“ אויסגעוואקסן ביז פיר און צוואנציק.

די ערשטע צוויי ווארִיאנטן זייַנען ווייניק באקאנט דעם הייַנטצייַטיקן לייענער. דערפאר אָבער איז דער דריטער ווארִיאנט ארויס אין פיל אופלאגעס — אין ייִדיש, העב־רעיִש, רוסיש און אנד. אין סאָוועטנפארבאנד איז „די קליאטשע“ אף ייִדיש דערשינען דאָס ערשטע מאָל אין 1918[1].

אין 1909 האָט מענדעלע געווינט אין פּאָדבאָראדזע, לעבן ווילנע, בא איינער פון זייַנע טעכטער. אין יענער צייַט האָט ער איבערגעארבעט „די קליאטשע“ פון העב־רעיִש אף ייִדיש.

דער פּאָעט דאָוויד איינהאָרן איז דעמלט געווען מענדע־לעס סעקרעטאר. ער דערמאָנט זיך, וויִאזוי דער זיידע האָט געארבעט: „אליין האָט ער זיך אוועקגעשטעלט מיטן בוך אין האנט און געהייסן: שרייַבט! און פון דער מינוט האָט זיך אָנגעהויבן א פאָרשטעלונג. מענדעלע האָט ניט דיקטירט, נאָר פאָרגעשטעלט, געשפּילט ווי אן ארטיסט אף דער סצענע. פון צייַט צו צייַט פלעגט ער בלייַבן שטיין פארגליווערט אין א פּאָזע מיט א גרימאסע און געזוכט, זוכנדיק דערבייַ דאָס וואָרט, וואָס זאָל עס אויס־דריקן. און ניט נאָר דאָס וואָרט, נאָר דאָס עמעס ייִדישע וואָרט. און ניט קיין מינוט, און ניט קיין צוויי מינוט פלעגט ער אָפּשטיין אין דער פּאָזע, נאָר אמאָל א האלבע שאָ נאָכאנאנד, ביז ער פלעגט דאָס וואָרט געפינען“[2].

ווען מע לייענט דעם דריטן ווארִיאנט, זעט מען אזעלכע ערטער, וועלכע גרייַפן אָן נאָך שארפער, ווי אין די

---

[1] מענדעלע מויכער־ספאָרים (ש.־י. אב־ראמאָוויטש). געזאמלטע שריפטן. באנד 5. די קליאטשע. פעטערבורג. פארלאג פון קולטור־ און בילדונגס־אָפּטיי־לונג באם קאָמיסאריאט פאר ייִדישע איניאָנים, 1918 (ייִדיש — סאָציִאליסטישע פאָלקס־ביבליִאָטעק. ייִדישע קלאסיקער).

[2] איינהאָרן. מענדעלע בא דער ארבעט. אין זאמל־בוך: „מענדעלע מויכער־ספאָרים“. צום 75־יאָריקן יו־בילייִ. ווארשע, 1910, ז. 45.

פריִערדיקע וואַריִאַנטן, די טוירע און אפילע דעם ריבוינעשעלוילעם.

אומזיסט זייַנען געווען די באַמיִונגען פון דער בירגערלעכער ליטעראַרישער וועלט אַפּצורוקן מענדעלען פון דער היינטצייטיקייט און געבן אים אַן אָרט אין מוזיי.

אין א יובילעי־בלעטל, ארויסגעגעבן אין קיִעוו לעקאָוועד מענדעלעס 75־טן געבורטסטאָג, זאָגט זיך: „אין מענדעלעס ווערק געפינט איר ניט קיין היינטוועלטיקע פּראָבלעמען, קיין שווערע פארוויקלטע טעאָריעס. זיי זייַנען אזוי איינפאך, דוכט זיך אפילע עפּיש רויִק"[1].

דאָס בלעטל האלט פיר זייַטלעך. קיין מעכאַברים זייַנען ניט אָנגעוויזן. נאָר דער מעכאַבער פון דעם ארטיקל האָט געוויס פארדינט אַן אָרט אין מוזיי.

מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט אין דעם פארגרעסערטן „קליאַטשע"־וואַריִאַנט זיך באמיט אָפּצושפּיגלען די דראַמאַטישע געשעענישן, וועלכע עס האָט געבראַכט מיט זיך דער שטורמישער אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. פון דעם ערשטן ביז דעם דריטן וואַריִאַנט זייַנען דורכגעגאַנגען קימאַט פערציק יאָר. שוין ניט געווען דער מאַסקיל, וואָס אין די 60—70־ער יאָרן, און ניט די קליאַטשע וואָס פריִער. אויף דער געזעלשאַפטלעכער ארענע איז ארויס א דריטער דאָר, בא וועלכן די האַסקאָלעאידעאַלן זייַנען א וויַיטער אָוואַר. פאראַן שוין ייִדישע ארבעטער־מאַסן און א דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ, באַוווסטזיניקע אָנטיילנעמער פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. שארפער און בולטער איז געוואָרן די קלאַסןדיפערענציאַציע אין ייִדישן פאָלק.

אין ארייַנפיר פון יאַנקעוו פיכמאַן צו דער העברעיִשער אויסגאַבע פון „אלע ווערק פון מענדעלע מויכער־ספאָרים" ווערט „די קליאַטשע" באַטראַכט דעריקער אלס א פּאָלעמיק צווישן דעם ייִדישן פאָלק און די אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. ווען מע לייענט אָבער דאָס ווערק, אפילע אויבערפלעכלעך, זעט מען, אז אומעטום, וווּ ס'רעדט זיך וועגן אוולעס, וועלכע ווערן באַגאַנגען קעגן דער קליאַטשע, ווערן דערמאָנט אוולעס אויך קעגן אַנדערע אזעלכע קליאַטשעס. „די קליאַטשע" איז אזויאַרום א קינסטלערישער פּאַמפלעט קעגן סאָציאַלן אומרעכט ביכלאַל.

ייִסראָליק זאָגט ארויס אין דריטן וואַריִאַנט גאַנץ אָפן זייַן „אידעאַל". די שטרעבונג צו בילדונג איז בא אים שוין ניט, ווי אין ערשטן וואַריִאַנט, א מין „גיין אין פאָלק", ווי ער אליין האָט דעמלט געזאָגט, „קעדיי צו זייַן נוצלעך, אי זיך, אי דער וועלט". אין דריטן וואַריִאַנט שטרעבט ייִסראָליק צו בילדונג, קעדיי אוועקצוגיין פון פאָלק: „דורך דעם, וואָס איך וועל ענדיקן דעם אוניווערסיטעט, וועל איך באַקומען באַזונדערע זכיִעס. צווישן זיי אויך דעם זכוס ארויס פון דער ענגשאַפט פון דעם טכום". דעריבער דערקלערט ער קאַטעגאָריש: „דעם דיפּלאָם מוז איך זען צו באַקומען מיט מייַן גאַנצן קויעך". ייִסראָליק שטרעבט דערהייבן זיך צו דעם הייפל דיפּלאָמירטע אינטעליגענטן, וועלכע געניסן פון די צארישע פּריווילעגיעס „פראַנק־און־פרייַ זיך באַוועגן אויף דער גאַנצער וועלט". ייִסראָליק האָט מוירע פאר א דורכפאַל אויף די עקזאַמענעס, ווייַל ער וועט דעמלט זייַן „גלייַך מיט אלע ייִדלעך" אין טכום.

ייִסראָליק איז געוואָרן א סקעפּטיקער, א פאָרשטייער פון דער אַנטוישטער אינטעליגענץ, וועלכע גריבלט זיך אין זיך אליין, איז מעסופּעק אין די אייגענע קויכעס.

מענדעלע פירט ייִסראָליקן דורך די געשעענישן פון דער צייַט. דאָס קאַפּיטל הייסט „ייִסראָליק באַקלערט די וועלט". דאָ באַקלערט אָבער די וועלט ניט ייִסראָליק, נאָר מענדעלע אליין. דער סאָלאָוויי שפּילט דאָס „טרויעריקע שטיקל" אין זייַן „זיסן שטייגער" וועגן ציפּעטשקעס מאַן און „עלטערן זון, וואָס איז שוין געוואָרן א באַרמיצווע, א באַר־קרייער". ציפּעטשקע האָט געהאָפט, אז ער וועט, ווי איר מאַן, „פארשטיין קרייען אויף טאָג"... אלעגאָריש רעדט זיך דאָ וועגן צוויי דורעס רעוואָליוציאָנערן, וועלכע די צארישע סאַטראַפּן שמידן אין קייטן דערפאר, וואָס זיי „קרייען אויף טאָג" (רופן צו רעוואָליוציע).

דאָס סאָלאָווייטשיקל „צעגיסט זיך אין שטייגער", און מענדעלע דערזעט „אַן אַנדער בילד, א פינצטערס, א טרויערדיקס". ער דערזעט הינדע די אלמאָנע מיט אירע פינף זין, „פון וועלכע צוויי גייען אוועק אויף מילכאָמע צו הארגענען אָדער געהארגעט צו ווערן, אַנידערלייגן דעם קאָפּ ערגעץ אין עק וועלט", איינער שטאַרבט אין הונגער און נויט, איינער ווערט דערהארגעט אין פּאָגראָם דורך דער שוואַרצער מייע — דורך „מענטשן מיט פארשטאָפּטע הערצער, וועלכע וואַרפן זיך ווי כייַעס־ראָעס אויף ברידער, ברעכן, שטעכן". צי קלינגט ניט הייַנט אויף דער וועלט בא מיליאָנען מאַמעס, וואָס קעמפן פאר שאָלעם, די שטים פון הינדע דער אלמאָנע, איר טייַנע: „ניט קיין מאַמע איז זי, ניט קיין רעכט אויף אירע קינדער האָט זי, נאָר א דינסט איז זי דעם מאַלעכהאַמאָוועס".

אין קאַפּיטל „ייִסראָליק באַקלערט די וועלט" ווערט שארף אָנגעגריפן די היינטצייטיקע בורזשואַזע אָרדענונג, וועלכע איז מעסוגל „ארויסצוררייַסן בא מיר פון די הענט ארבעט; פונעם מויל דאָס שטיקל ברויט, צו האלטן דיך אין קלעם און צו פארקירצן דייַנע יאָרן. די קאָנקורענץ, וואָס דורך דעם קומט ארויס פייַנטשאַפט, האַס, געשלעג, גזיילע און רעציכע"...

מענדעלע איז אין דעם דריטן וואַריִאַנט פון זייַן ווערק גרויס און היינטצייטיק מיט זייַן שארפער קריטיק פונעם קאַפּיטאַליזם. זייַנע ארויסגעלאָזענע פייַלן טרעפן נאָך איצט אין ציל. דאַקעגן, מענדעלעס פּאָזיטיווע פּראָגראַם איז אַן אַבסטראַקטע און פארנעפּלטע.

אין דריטן וואַריִאַנט זייַנען פינף קאַפּיטלען (אָנשטאָט צוויי אין די פריִערדיקע וואַריִאַנטן) געווידמעט דער לופטרייַזע פון ייִסראָליקן מיטן אשמעדייַ.

אין קאַפּיטל „וואָס אַן אשמעדייַ קען" מאָלט מענדעלע סדוים און אמוירע, וואָס רופן זיך איבער מיט גאָרקיס „שטאָט פון געלן טייַוול". דער אשמעדייַ באַווייַזט ייִסראָליקן, ווי „עס רייכערן דאָרט גרויסע הויכע קוימענס פון מייַנע טויזנטערליי פאַבריקעס. פאַבריקעס פון הארמאַטן, ביקסן און קאָל־האַמינים אַנדערע קלייניקייטן אויף צו מאַכן דעם טויט"... „פאַבריקעס צו דרוקן און פארשפּרייטן גיך און געשווינד זייער פיל נארישקייטן, ליגנס, רעכילעס, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, סינע, קינע און נאָך און נאָך אזעלכע מיִעסע זאַכענישן און אַלדאָסבייז איינע קעגן די אַנדערע... קורץ און גוט, דאָס איז דער רויך פון ציוויליזאַציע".

מענדעלע פירט ארייַן אין דריטן וואַריִאַנט די שוואַרצע מייע; אין די פריִערדיקע וואַריִאַנטן רופט ער אָן יענע,

[1] מענדעלע מויכער־ספאָרים (ש.־י. אַבראַמאָוויטש). לעקאָוועד זייַן 75־יאָריקן געבורטסטאָג. קיִעוו, דרוקערייַ „ראַבאָטניק", 1910, 4 זייַטן.

וואָס פײַניקן די קליאטשע, — „די ווײַסע כעוורע“, אין דריטן וואריִאַנט — „די שווארצע כעוורע“; ער באווײַזט א פאָרשטייער פון דער שווארצער מייע אין געשטאלט פון קאשטשיי דעם מעכאשעף, וואָס איז א „כײַעראָע“, בא וועמען „א ייִדן אופצועסן איז דער געשמאקסטער ביסן“ און פאר וועלכן ייִסראָליק זינגט „מאיאָפעס“ מיט א בייג און מיט א דרייעלע“... (קאפיטל 10).

קעגן אָט דעם „מאיאָפעס“ איז געווענדט א שארפע שטעל אין קאפיטל „וואָס אן אשמעדײַ קען“. נאָך דעם פּאָעטיש רירנדיקן בילד, ווי „דאָס גאנצע הימלישע כאיל שטייט מיט גרויס דערעכערעץ אויבן דאָרט, רופן איינער צום אנדערן און זאָגן: „קאָדויש, קאָדויש, קאָדויש, הייליק איז צוואָויס, גאָט דער הערשער“, און פון כאָרן מאלאָכים לאָזט זיך הערן א האלעלויאָ, קומט דאָס שנײַדנדיקע וואָרט פונעם אשמעדײַ: „קנעכט זײַט איר, מעשאָרסים, אָן א פּיצל אייגענעם ווילן, נאראָנים, באטלאָנים... דעם באלעבאָס אײַערן, דעם גרויסן פּאָרעץ, איז ליב כניפע... בענטש, דאוון, דאוון, דאנק און לויב אָן אופהער, כוינפים, באָסאקעס, קריכערס, אונטערלעקער זײַט איר!“

אָט די ווערטער זײַנען געווענדט קעגן די ייִדישע בורזשואזע פּאָליטיקער, וואָס זײַנען געקראָכן אף די קני צו קושן דעם קאנטשיק, די נאהײַקע באם גרויסן פּאָרעץ, געקראָכן מיט אונטערלעקערישע פּעטיציעס, אפילע אונטערגעטראָגן דעם געזאלבטן מאָנארך א סייפער־טוירע...

■

איינער פון די העברעיִשע שרײַבער אין ייִסראָעל, אווראָם קרים איז ארויסגעטראָטן מיט א רעוויזיע פון מענדעלע מויכער־ספאָרים. אין זײַן ביכל „אדברה וירוח לי“ (כ׳וועלריידן, ס׳זאָל מיר גרינגער ווערן. אף ייִדיש הייסט עס „אראָפּריידן זיך פון הארצן“), וואָס איז דערשינען אין 1950, האָט ער געשריבן: „מענדעלע האָט געזען און באוויזן בלויז איניקע ווינקלען פון ייִדישן לעבן און האָט פארזען דאָס שיינע, דערהויבענע, דאָס הערלעכע, דאָס נעשאָמעדיקע אינעם ייִדישן פאָלק... וואָס מער ער, מענדעלע, מאָלט די האווײַעס, די פירעכצן פון ייִדן, אלץ ווייניקער ברענגט ער ארויס די ייִדישע נעשאָמע, דעם ייִדישן גײַסט... אין פלוג האָט מענדעלע ארומגענומען אין זײַן שילדערונג־וועלט א סאך א גרעסערן און ברייטערן שטיק, ווי פּערעץ. אָבער אונטער זײַן האנט איז ארויסגעפלויגן די נעשאָמע, און וואָס קומט ארויס פון אלץ, וואָס איז פארבליבן, ווען די נעשאָמע האָט אויסגעפעלט?“[1]

דעם שרײַבער געפעלט, אפּאָנעם, ניט, וואָס מענדעלע שילדערט די טאָרבע, די אָרעמקײַט, דעמאסקירט די טאקיפים און קלייקוידעש און וואָס ער געפינט ניט אין זיי די איליוזאָרישע „ייִדישע נעשאָמע“...

---

[1] ציטירט לויטן „מענדעלע־בוך“, ז. 354.

אליין די הײַנטצײַטיקע רעוויזיע פון מענדעלען באווײַזט, אז מענדעלעס סאטירע איז נאָך הײַנט מעסוגל צו בײַסן און אז זי שטייט נאָך ביז הײַנט בא געוויסע קרײַזן פון דער בירגערלעכער וועלט ווי א ביין אין האלדז...

„די קליאטשע“ איז ניט נאָר א ווערק פון אָוואר, א בלעטל ביִאָגראפיע פון אונדזער פאָלק. ניט נאָר וועגן לעבן, וואָס עס האָבן אויסגעלעבט אונדזערע זיידעס און טאטעס, קאָן אונדז דערציילן דאָס ווערק. עס וועט אויך אופדעקן, בא דעם פארגלײַך מיטן אמאָל, דעם גרויסן יאָמטעוו פון דעם נײַעם לעבן בא די אייניקלעך און אורייניקלעך פון די העלדן פון „דער קליאטשע“ אין געוועזענעם טכום.

„די קליאטשע“ איז א מאָנומענטאל ווערק, נאָר ניט קיין פארשטיינערטע סטאטוע. דורך דער פארגאנגענהײַט רײַסט עס זיך דורך צו דער קעגנווארט, אין וועלכער מיר לעבן. עס דערמאָנט, עס מאָנט, עס וואָרנט.

ניט קיין פּרינץ, ניט קיין קליאטשע, ניט קיין איִעוו, ניט קיין קישעף, — אלץ איז דאָ רעאליסטיש, פּריש פאר אונדזער דאָר.

דער קאפּיטאליסטישער סדוים שטייט נאָך פאר אונדזערע אויגן. מיר זעען נאָך „די מיזבייכעס, ווו עס רייכערט זיך... לעקאָוועד דער גאָלדענער קאלב, דעם גאָט פון ספּעקוליאציעס און שווינדל... דער דאָזיקער רויך טריקנט אויס די הערצער, רייכערט אויס פון דאָרט די געפילן און פארוואנדלט אלץ אין סכוירע — ליבע, פרײַנטשאפט, גלויבן...“ (דריטער וואריִאנט, קאפּיטל 20).

צי איז „די קליאטשע“ אן אלעגאָריע בלויז פאר דער פארגאנגענהײַט? ניין! זי איז געווענדט מיט איר שארף קעגן דעם שוידער און ווילקיר פון דער קאפּיטאליסטישער וועלט אויך הײַנט — זי איז א ווערק פאר דער הײַנטצײַטיקײַט!

דער ראסיזם האָט פּראָקלאמירט, אז „ס׳איז א גרויסער כילעק צווישן בלוט און בלוט. איידל בלוט איז פּאָרט עפּעס אנדערש“ (דריטער וואריִאנט, קאפּיטל 15).

די וועלט וועט נאָך לאנג געדענקען „די דײַטשלעך מיט זייערע הינט, די גרויסע געלערנטע, וואָס סייכל האָבן זיי געהאט קימאט ווי מענטשן, אָבער א הארץ און א מויל עכט הינטישע. זייער ביס איז געווען שרעקלעך. אדהײַעם שטייען נאָך צייכנס פון זייערע ציין“ (קאפּיטל 4).

אדהײַעם טריפן נאָך די וווּנדן אין די הערצער פון אונדזער דאָר, בא וועלכן דער פאשיזם האָט אָפּגעשניטן לעבעדיקע שטיקער פון לײַב. צי קאָן מען דען פארגעסן די גאז־קאמערן און די טעכניק פאר מאסן־מאָרד, וועלכע ס׳איז דערפונדן און קולטיווירט געוואָרן אין הארצן פון דער ציוויליזירטער קאפּיטאליסטישער אייראָפּע — אין ציוויליזירטן פאשיסטישן דײַטשלאנד? דאָס קאָן ניט און טאָר ניט פארגעסן ווערן. עס הענגט נאָך הײַנט איבער דער וועלט די דאמאָקל־שווערד פון רעוואנשיזם און נעאָנאציזם...

„די קליאטשע“ דערמאָנט! „די קליאטשע“ וואָרנט!

יאַנקעוו שטערנבערג

צו דער טעמע: איציק מאַנגער

די טעמע „איציק מאַנגער“ איז פונסנייַ אַקטועל געוואָרן. אָנגעהויבן האָט זיך עס פונעם רוישיקן דערפאָלג, וואָס מאַנגערס אינסצעניזירטע „מעגילע־לידער“ האָבן געהאַט אין טעל־אוויוו, האגאם זיי זייַנען אופגעפירט געוואָרן אַף ייִדיש אין אַן איוורית־שעבעיִווריט־טעאַטער.

נאָר עפשער דאַרף מען אונדזער לייענער פריִער כאָטש עפעס זאָגן וועגן די זעלבע „מעגילע־לידער“. אין זיי, ווי אין די „כומעש־לידער“, האָט מאַנגער זיך פאַרמאָסטן „אַ שפּיל טאָן זיך מיט די בערד“ פון די ביבל־פּערסאָנאזשן. „אַ שפּיל טאָן זיך מיט די בערד פון די אָוועס“ איז טאַקע מאַנגערס אַן אויסדרוק (פון זייַן פאָרוואָרט צו די „כומעש־לידער“). ניט טאָמיד אָבער דאַרף מען זיך האַלטן אין דעם, וויִאַזוי שרייַבער אַליין דערקלערן אָדער כאַראַקטעריזירן זייערע ווערק. באַ עכטע קינסטלער פּאַסירט גראָד אָפט, אַז די רעאַליזירונג שטייַגט איבער די קאַוואָנע.

געוויס, אויך מאַנגער, נעמענדיק פאַר אַ מאָדעל די פרייַע, לויט איר גייַסט, פאָלקס־שאַפונג, ווען זי דיכטעט איבער ביבל־מאָטיוון, האָט אָנגעווענדט גענוג „שפּיל“ אין זייַן צוגאַנג צו די קאַנאָניזירטע טעקסטן פונעם כומעש און פון מעגילאַס־עסטער. אָבער ער האָט אויך, ווי זייַן גרויסער לערער — דאָס פאָלק, ניט פאַרפאָלגט מיט דעם סטאַם אַפּיקאָרסעס, ווי עס קאָן זיך דאַכטן, נאָר געגעבן אויסדרוק דעם דראַנג צו לוסט, צו פאַרשטעלערייַ — איבערקערן דעם פעלץ אַף דער צווייטער זייַט, — צו טעאַטער צוליב טעאַטער, וואָס איז אַ טיף מענטשלעך געפיל און דעריבער אויך אַ טיף פאָלקס־געפיל. נאָר פאַראַלעל מיט „שפּיל“ קומט שוין אַרויס בוילעט באַ מאַנגערן אויך די טענדענץ אַרייַנצווועבן אין איידעלן געוועב פון פּאָעזיע אויך קאָנקרעטקייַט, לעבנס־פּראָזע, וואָס ווערט דערהויבן צו פּ אָ ע ט י ש ן ר ע אַ ל י ז ם. אַזאַ פונקציע, דאַכט זיך, פּילט אויס אין מאַנגערס „מעגילע־לידער“ דאָס פון אים באַשאַפענע פאַסטריגוסע־געשטאַלט.

ווער איז פאַסטריגוסע, פרעגט איר? דאָס איז, לויט דער פון מאַנגערן עטוואָס מאָדיפיצירטער מעגילע־פאַבולע, אַ שנייַדער־געזעל, וועלכער איז נעבעך פאַרליבט אין דעם „מיידל עסטער“, וואָס אויך זי איז צווישן די פּרעטענדענטקעס אַף יאַרשענען דעם טראָן פון דער דעטראָנירטער וואַשטי־האַמאַלקע. אַלס שנייַדער־געזעל קומט ער אין קיניגלעכן הויף מעסטן עסטערן די טואַלעטן, אין וועלכע זי דאַרף געפינען כיין און לייַטזעליקייַט אין די אויגן פונעם מיילעך אַכאַשווייראָש, און איינצייַטיק אויסזינגען איר זייַן פלאַמיקע שנייַדעריונג־ליבע. דער דאָזיקער פּערסאָנאַזש און זייַן צונאָמען „פאַסטריגוסע“ איז פון די דערפינדערישסטע כיינעוודיקסטע אייַנפאַלן אין מאַנגערס איבערגעדיכטעטער מעגילאַס־עסטער. מאַנגער, וואָס שטאַמט אַליין פון שנייַדערס, האָט, נאָך שאָלעם־אַלייכעמען, וועל איך מיר דערלויבן צו זאָגן, אַמלירישסטן באַזונגען אַמכאָ־צעך שער־און־אייַזן מיט אָט דער פאַסטריגוסע־פיגור. און נאָך עפּעס: אַרייַנטראָגנדיק נייַעם, הייַנטצייַטיקן מאַטעריאַל, נייַע, הייַנטצייַטיקע סימפּאַטיעס (צום באַלמעלאָכעס־שיכט אין געגעבענעם פאַל), האָט ער דעם אַלטן ביבל־טעקסט אויך דערנענטערט צו אונדזערע טעג. עס איז געקומען אַ ייִדיש־זינגער און האָט אָפּגעפרישט אַ טאַנאַך־דערציילונג. דאָס אייַנגעלערנטע אַף דער שול־באַנק, וואָס האָט עפשער דערפאַר שוין פאַרלוירן דעם פּאָעטישן כיין, איז פּלוצעם געוואָרן עקזאָטיק...

מיר פּערזענלעך האָט דער זיג פון מאַנגערס „מעגילע־לידער“ פאַרשאַפט אַ באַזונדערס גרויסע באַפרידיקונג. עס וויסן מייַנע נאָענטע פרייַנט, אַז פאַר מייַן פאַרלאָזן רומעניע, דאָס הייסט נאָך אין 1940, האָב איך זיך געגרייט אַרופצוברענגען אַף דער בינע די זעלבע „מעגילע־לידער“. עמעס, איך האָב געהאַט בעדייע צו פאָרן זיי סייַ מיט גאָלדפאַדענס „אַכאַשווייראָש“־טעקסט, סייַ מיט ראַסינס „עסטער“, ווען אין דער טעל־אוויווער אופפירונג איז מען זיך באַגאַנגען אָן שוטפים צום מאַנגערישן טעקסט. אָבער גאָט איז מייַן איידעס, אַז אין מעשעך פון די אַלע יאָרן, וואָס זייַנען פון דעמלט פאַרלאָפן, האָב איך זיך ניט איין מאָל געפרעגט: פאַרוואָס נוצט ניט אויס די ייִדישע סצענע אָט דעם גאָלדענעם מאַטעריאַל — אי צוליב זייַן אַמכאָ־טעאַטראַליק, אי צוליב דעם אייביקן מאָרדכע־ און (לעהאַוודל!) האַמאָן־מאָטיוו?..

אַזוי צי אַנדערש, נאָר די ענדלעך אינסצעניזירטע „מעגילע־לידער“ האָבן געגעבן אַ גוטע מעגלעכקייַט אַף צו אַקטואַליזירן די טעמע „איציק מאַנגער“. עס האָט זיך באַקומען ווי אַן אומדערוואַרטע רעפּליק פאַר די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט טייַנעס צום באַלאַדן־זינגער, האַלעמייַ ער האָט מיט געציילטע לידער בלויז רעאַגירט אַף דער לעצטער פאָלקס־טראַגעדיע. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַזאַ דיכטער, ווי איציק מאַנגער, וואָס האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין פאָלק, וואָס דריקט אויס פאָלק אין זייַן גאַנצער שאַפונג, — אַזאַ דיכטער לעבט אין פאָלק, אומאָפּהענגיק אַפילע פון דעם, צי האָט ער צוליב וואָס פאַרא ניט איז סיבעס יאָ אָדער ניט אָפּגערופן זיך מיט זייַן גאַנצער פּאָעטישער קראַפט אַף דער כורבן־טעמע.

נאָר דאָ האָט זיך אַרייַנגעמישט דער סאָטן־האַמאַשכיס: דער גרויסער שמועס, וואָס האָט באַדאַרפט פאָרקומען אַף דער טעמע „מאַנגער“, איז פאַרביטן געוואָרן בלויז אַף צייַטונגס־יעדיִעס וועגן מאַנגערס שווער קראַנק ווערן — יעדיִעס, וועלכע האָבן מיט זייערע אייניקע דע־

טאלן טיף שאָקירט און באַנאַנד מיט ווייטעק אַרויסגע־
רופן אויך גרויס פאַרדראָס.

דאַרף מען בעפייערעש באַגריסן די נייַע פּאַרטיפּטע אָפּ־
האַנדלונג „דער יונגער מאַנגער" פונעם באַקאַנטן אַמע־
ריקאַנער יידישן קריטיקער י. טאַבאַטשניק, וואָס איז דער־
שינען אין לעצטן נומער פון זשורנאַל „די גאָלדענע
קייט". דאָס לינדערט אין א געוויסער מאָס די האַרבקייט
פון די זיך איבערכאַזערנדיקע ידיעות פון דער יידישער
פּרעסע וועגן „בראָדיאַגע און פּאָעט", ווי מאַנגער אַליין
טיטולירט זיך אין זיינע לידער, וואָס אַפילע א שווער־
קראַנקער, א צוגעשמידטער צום בעט, וואָגלט און וואַנ־
דערט ער אַרום פון שפּיטאָל צו שפּיטאָל.

נאָר צו דער דאָזיקער פראַגע וועלן מיר זיך נאָך אומ־
קערן. אַזיווי מיינע נאָענטע באַציִונגען מיט מאַנגערן
האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך צוריק מיט אַריבער 45 יאָר,
וועל איך אַרויסציִען פון מיין זיקאָרן איינציקע מאַנגער־
עפּיזאָדן, ווי זיי לעבן אין מיר.

ערשטער עפּיזאָד.

עס איז געווען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מיל־
כאָמע. רומעניע, וואָס איז אַרויס א זיגערן אָף דער זייט
פון דער אַנטאַנטע־קאָאַליציע, האָט זיך שטורמיש גע־
גרייט צו די פּאַרלאַמענט־וואַלן, וועלכע זיינען לויט זייער
כאַראַקטער ניט געווען ענלעך צו די פריִערדיקע. ווייל
אַכוץ די צווי אַלטע רעגירונגס־פּאַרטייען, די קאָנסער־
וואַטיווע און די ליבעראַלע, זיינען אופגעקומען נייע —
די דעמאָקראַטיש־פויערישע אין אַלטרומעניע, נאַציאָנאַל־
בירגערלעכע אין טראַנסילוואַניע און א מעכטיקע אַרבע־
טער־פּאַרטיי — די געוועזענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע,
וואָס האָט זיך שוין גערופן סאָציאַליסטישע און האָט מיט
איר גרעסטער מערהייט געשטרעבט צו ווערן א קאָמו־
ניסטישע. אַלס אירן א מיטגליד, האָט מען מיך מיטגע־
נומען אין א פּראָפּאַגאַנדע־טורנע איבערן לאַנד אָף צו
געווינען מיט מיין יידיש־ריידן וואָס מער יידישע שטי־
מען. דער זכות פון מאַמעלאָשן און פון עליִעזער שטיינ־
באַרגס מעשאָלים, מיט וועלכע איך האָב צוגעפּעפערט
מיינע רעדעס, איז מיר בייגעשטאַנען צו באַרעכטיקן מיין
מיטפאָרן מיט די גרעסטע רעדנערס, וואָס די רומענישע
סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט צו יענער צייט פאַרמאָגט.
דערמאָן איך זיך, ווי נאָך אַזא געלונגענעם מיטינג אין
יאַסי איז מען אַרויס פון זאַל און געלאָזט זיך מאַני־
פעסטירן פאַר אונדזער וואַל־צעטל מיט רויטע פאָנען,
אַגיטאַציע־טראַנספּאַראַנטן און געזאַנג איבער די הויפּט־
גאַסן פון שטאָט. דער אומגעהייער גרויסער מענטשן־
שטראָם, מענטשן־דאַכקעס, האָט אָבער ניט געשטערט א
יונג, שלאַנק, מאָגער, שוואַרצהויטיק באָכערל מיט א
קיינעווודיק־אַזעסדיקער טשופּרינע צוצושלאָגן זיך ביז צו
מיר, און באַלד ווי ער האָט געזען, אַז איך האָב אים
באַמערקט, מיר זאָגן, אַז ער שרייבט לידער און אַז ער
איז אויסן כאָטש איינע פון זיי מיר פאַרלייענען. אַוודע
האָב איך דעמלט נאָך ניט געוווּסט, אַז... „ער אַמאָל
וועט הייסן איציק מאַנגער"[1], און:

— אָט דאָ, אין דעם טומל, ווילט איר מיר לייענען
לידער? — בעט איך זיך ראַכמים באַ אים.

— ווו דען? — ענטפערט ער מיר זייער געלאַסן, אַפּע־
לירנדיק צו מיין לאָגיק אָדער יושער. — איך האָב גע־
הערט, אַז באַלד נאָכן מיטינג פאָרט איר שוין אַוועק.

— נו, אַז איר זייט אַזוי גוט אינפאָרמירט און עס
שטערט אייך ניט דער אַרומיקער ראַש, טאָ לייענט, —
שטים איך צו אָף ניט צו דינגען זיך מער מיט אָט דעם
רויק־פאַראַקשנטן באָכערל מיט א ניט־דאָיִקן בליק אין
זיינע עטוואָס שיפע, נאָר אייַנדרוקספולע אויגן.

ער לייענט:

דורך דער טונקלער אָסיען־נאַכט
בלאָנדזעט אום א מיידל שטום.
צו א שאָטן פון דער ערד
ווינקט זי: „קום!"

און ווי ווילד די ציטערט אוף!
האָט דער שאָטן זי דערהערט?
לאַנגזאַם, לאַנגזאַם הייבט ער זיך
פון דער ערד.

און ער שטרעקט די שאָטן־הענט:
— מיידל, קום!
און ער נעמט מיט הענט — צוויי שלענג —
זי אַרום.

און די נאַכט פאַרשלינגט איר ווי
און איר קלאָג.
ווייט אין מיזרעך ציטערט אוף
שטיל דער טאָג.

— איר זייט דאָך א פּאָעט! א רייפער פּאָעט! — זאָג
איך צו אים, ניט קאָנענדיק פאַרמאַסקירן מיין איבע־
ראַשונג.

— און יאַנקעווו גראָפּער[1] זאָגט, אַז ניין, — ענטפערט
ער מיר מיט דער זעלבער רויִקייט, וואָס מאַכט אָף מיר,
פיל איך, א געוואַלדיקן רושעם.

— איר טרייבט געוויס שפּאַס... גראָפּער איז א מענטש
מיט גרויסער קולטור.

דאָס באָכערל, זע איך, באַשטייט ניט מער אָף דעם,
וואָס ער האָט אָקאָרשט געזאָגט, און טוט אַפילע, ווי מיר
דאַכט זיך, א צופרידענעם, לייכטן, קוים באַמערקבאַרן
שמייכל. עס וויל, אַפּאָנעם, הייסן, אַז ער האָט געפּרווווט
מיך אָנציִען, „נעמען אַפן זיכער", נאָר איך האָב אויס־
געהאַלטן באַ אים דעם עקזאַמען. און איך האָב דעם איינ־
דרוק, אַז ניט איך אים, נאָר ער מיר האָט געגעבן סמי־
כעס...

ער שטרעקט מיר אויס א גרויסע, שטאַרקע האַנט און
פאַרשווינדט פּונקט אַזוי אומגעריכט, ווי ער איז אומ־
דערוואַרט דערשינען.

צווייטער עפּיזאָד.

אין א כוידעש אַרום נאָך מאַנגערס ניסגאַלע ווערן פאַר
מיר אין אַזעלכע ווייט ניט־נאָרמאַלע באַדינגונגען וואַקסט
ער אויס אין א שיינעם האַרבסטיקן פרימאָרגן באַ מיר
אין שטוב, אין בוקאַרעשט. איך האָב זיך גראָד געלאָזט
גיין צו א רעפּעטיציע, וואָס האָט אָף מיר צו יענער שאָ
געוואַרט אין טעאַטער. אַפן וועג אַהין לייענט מיר מאַנ־

[1] א שורע פון י. שטערנבערגס ליד „איציק מאַנגער",
1920 (רעד.).

[1] יידישער דיכטער אין רומעניע.

גער — אויך אף אויסווייניק, ווי דאָס ערשטע מאָל — א צוויי־דרייַ לידער. איך הער, און מיר איז אָנגענעם צו קאָנסטאטירן, אז ס'איז דאָ א נאָענטע, דינע שייַכעס צווישן דער ארומיקער גאָלדענער שייַן פון פריִען הארבסט און זייַן, מאנגערס, פריִער דיכטערישער רייַפקייַט. אָפּגעלייענט, זאָגט ער צו מיר, אז ער וויל מיך אויך באקענען מיט אן עסיי, וואָס ער האָט אָנגעשריבן וועגן טראגעדיע־זשאנער. געזאָגט און געטאָן: ער נעמט ארויס פון זייַן גרויסער הויזן־קעשענע א דיק העפטל און לאָזט עס איבער בא מיר אף איבערצולייענען. איך כאַפּ ווידער א פארוווּנדערטן בליק אפן לאנגן, דארן באָכערל, אין צוויי גרויסע, ווער ווייסט פון וויפל טעג און כאדאָשים ניט געפּוצטע קאמאשן. אף מייַן פראגע, צי ער האָט עמעצן אין בוקארעשט, א שטיקל אכסאניע, אוכעדוימע, ענטפערט ער מיר ניט וויליק, בלויז מיט א זשעסט, וואָס קאָן הייסן אי יאָ, אי ניין. זאָל עס באטייַטן, אז איך שלעפּ אים אראָפּ פון הימל אף דער ערד? טאָך־קעדיי־דיבער אָבער, שלאָג איך אים פאָר, אז ער זאָל דערווייַל, ביז ער וועט זיך אייַנאָרדענען, נעמען בא מיר א גמילעס־כעסעד. ווערנדיק פון דעם גאנץ קנאַפּ ניספּאָעל, ענטפערט ער מיר מיט דעם זעלבן אפּאטישן, קילבלעכן זשעסט, וואָס קאָן הייסן אי ניין, אי יאָ. דערפאר ווערט ער באלד אויס ניט־דאַיִקער באם איבערגעבן מיר א צווייט העפטל — שוין ניט פּראָזע, נאָר לידער. עס בלייַבט דעמלט צווישן אונדז אָפּגערעדט, אז ער זאָל אין דרייַ טעג ארום אריַינקומען אין טיפּאָגראפיע, אין וועלכער די וואָכנשריפט, וואָס איך בין געווען איר רעדאקטאָר, האָט אויך געהאט איר ווינקעלע, איר רעדאקציע־טישל. מיר געזעגענען זיך, און ווידעראמאָל דערפיל איך זייַן פעסטן האנט־דרוק.

איך געדענק, אז די רעפּעטיציע אין יענעם טאָג האָט ניט נאָרמאל געקלאַפּט, איז עפּעס פון מיר זייער שלאָבעריק געפירט געוואָרן. עס איז מיך פּלוצעם באפאלן א גרויסער ווייפולער צווייפל אין מייַן אייגענעם דיכטערישן בארוף. א דיכטער, האָב איך זיך געזאָגט, דארף זייַן נאָר א דיכטער, ווי אָט דאָס באָכערל, לעמאָשל. אן עכטער דיכטער דארף אפילע ניט קענען פארטראָגן די גאנצע „שווארצקינצלערייַ“, אָן וועלכער אויך גוטער, קינסטלערישער טעאטער קאָן זיך ניט באגיין. דאָס דיכטערישע וואָרט טאנצט באָרוועס, ווי די אנטישע גריכישע טעמפּל־טענצערנס און ווי איזידאָרא דונקאן האָט געפּרוווט זיי נאָכטאָן, און נייטיקט זיך נישט אין קיין שום אנדערע, אויסער זייַנע אייגענע, הילף־מיטלען.

נאָכן פארענדיקן די רעפּעטיציע גיי איך אן אויסגעשעפּטער צופוס און קום אָן אין איינער פון די צענטראַלע גאסן. מיטאמאָל דערזע איך: אין אן עלעגאנטן, שווארץ־לאקירטן עקיפּאַזש מיט צוויי שיינע, הויכע ווייַסע סוסים, אָנגעטריבענע פון א ברייטפּלייציקן בירזשאר (איזוואָזשטשיק), וואָס איז פארפּוצט אין א לאנגן טונקלבלויען סאמעטענעם מאנטל, — זיצט א פוס איבער א פוס, מיט א פּאַפּיראָס אין מויל — ווער מיינט איר? טאקע דאָס זעלבע שלאנקע, דארע באָכערל אין צוויי גרויסע, ווער ווייסט פון וויפל טעג און כאדאָשים ניט געפּוצטע, קאמאשן... א געפּלעפּטער, קוק איך אים נאָך און טראכט: אוי, ווען מייַנע אקטיאָרן פארמאָגן זייַן קלוגשאפט, זייַן שווּנג, זייַן פאנטאזיע!

האגאם איך האָב באדארפט דערשרייַבן אין מייַן רעזשי־העפט א סצענע פאר דער נאָענטסטער רעפּעטיציע, בין איך, אהיים קומענדיק, געזעסן און געלייענט פון ערשטן ביז לעצטן זייַטל דעם איבערגעלאָזענעם עסיי וועגן טראגעדיע. דערקענענדיק די קוואלן, פון וועלכע דער אכצניאָריקער עסייִסט איז געווען באייַנפלוסט, האָב איך אָבער ניט געקאָנט ניט זען, ווי דער מאטעריאל איז פון אים אסימילירט געוואָרן און ווי דאָ און דאָרטן האָט א בליץ געטאָן אייגנס. און דערצו שוין אזא קלאָרער, לייַכט־פליסנדיקער פּובליציסטישער סטיל מיט ערטערווייַז אפאָריסטיש פאָרמולירטע דעפיניציעס. ווען, האָב איך זיך געפרעגט, האָט אָט־דער שנייַדער־געזעל, וואָס האָט אָקאָרשט אוועקגעוואָרפן דעם פינגערהוט, באוויזן צו פארייגענען די שוין גענוג סאָלידע קולטור?

דעם דריטן טאָג, צו דער באשטימטער שאָ, קומט מאנגער צו מיר אין דרוקערייַ. דערקענענדיק, אז איך פּראוועו עפּעס אין זייַנע לידער, פרעגט ער מיך (דאָס ערשטע מאָל מיט אומרו אין קאָל), וואָס פאר א ענדערונגען טראָג איך עס ארייַן. איך דערקלער אים, אז דאָס זייַנען ניט קיין ענדערונגען, נאָר אז דאָ און דאָרט הינקט דער ריטם בא אים. ער קוקט אריַין אין זייַנע לידער, שאָקלט צו מיטן קאָפּ, אז ער איז מאסקים מיט מיר, נאָר טאקע באלד — און ווידער מיט דער צוריק דערוואָרבענער רו אין זייַן שטים — הער איך, ווי ער ענטפערט מיר: „איך בעט אייַך, כאווער שטערנבערג, לאָזט מ י ך הינקען...“

איך האָב אף אים א קוק געטאָן פונעם קאָפּ ביז די פיס און טייקעף באשלאָסן, אז אים דארף מען לאָזן הינקען, אויב אים געפעלט אזוי...

דריטער עפּיזאָד.

מאנגער איז שוין א בוקארעשטער, שרייַבט זייער א סאך, האלט לעקציעס אין דער „קולטור־ליגע“ און באטייליקט זיך אויך פּובליציסטיש אין אלע אונדזערע אויסגאבעס. מיר — זייַנע עלטערע כאווירים — עליִעזער שטיינבארג, מוישע אלטמאן און איך — בענטשן אפּאָלאָגען פארן צושיקן אונדז אזא פערטן. מאנגער, זעט אויס, איז אויך צופרידן מיטן „שידעך“. געפעלט אונדז אין יענער צייַט פאראפראזירן שאָלעם־אליינכעמס „פיר זייַנען מיר געזעסן...“ און פונדעסטוועגן היט מאנגער אָפּ זייער דעליקאט לעגאבע אונדז די דיסטאנץ פון א ייִנגערן. ער צאָלט אָפּ ערלעך מיט באציִונג פאר באציִונג. נאָך מער, ער געפינט אין יעדן פון אונדז דאָס, וואָס איז פאר אים קרויוויש אָדער סטאם צוציִענדיק, און קולטיווירט עס אף זייַן אויפן. א דערצויגענער אף דער דייַטשישער דיכטונג, באמיט ער זיך שוין דעמלט איבערטראָגן זייַנע וואָרצלען אין דער ייִדישער ליטעראטור און קולטור — אלטער און נייַער. דאָ דינט אים זייער גוט זייַן שארפער ליטעראַרישער קאָפּ. ער האָט זיך שוין אָפּגעזאָגט פון „ייִצכאָק מאנגער“, ווי ער האָט אונטערגעשריבן זייַנע ערשטע לידער, לעטויוועס „איציק מאנגער“. ניט אזוי גרינג האָט מאנגער געביטן י יִ צ כ אָ ק אף א י צ י ק. דער העברעיִשער נאָמען האָט אים, ווייַזט אויס, אימפּאָנירט פיל מער פון ייִדישן, כאָטש קיין העברעיִש האָט ער קיינמאָל ניט געלערנט. ס'האָט גענומען גענוג צייַט, ביז מיר, צוזאמען מיט שלוימע ביקלען (צו יענער צייַט — אויך איינער פון די מיטל־זייַלן פון דער ייִדישער קולטור־באוועגונג אין רומעניע), איז געלונגען צו איבערצייַגן אים, אז פאר זייַן דערעך און נוסעך פּאסט מער א י צ י ק, ווי י יִ צ כ אָ ק. מאנגער אָבער, האגאם ער האָט אזוי אופריכטיק באזונגען זייַן טאטן — „זייַן עקסעלענץ דעם שנייַדער־מייַסטער הילעל מאנגער“

און זײַן גאָר איידעלן ברודער — „דעם שנײַדער־געזעל נאָטע מאנגער“, האָט מוירע געהאט, אז מע זאָל אים ניט אידענטיפיצירן מיט יענע פאָלקסמענטשן, וועלכע קומען מיט באגאבונג אפילע, אָבער מיט אָרעמען קולטור־באגאזש. בלויז דערפאר, פארטײַטש איך מיר, האָט ער זיך אין אָנהייב אזוי פעסט געקלאמערט אין נאָמען ייִצכאָק, וואָס האָט פאר זײַן אויער געקלונגען — אויב ניט אריסטאָקראטישער, איז ערנסטער, אכרײַעספולער.

בא זײַן גאנצער, פּרינציפּיעל אף זיך גענומענער און פאר אים אָרגאנישער פּאשטעס, צוגענגלעכקײַט, סוזשעטישקײַט און פאָלקסטימלעכער אינטאָנאציע, האָט מאנגער אלס דיכטער פון לעכאטכילע אָן געצילט צו די העכסטע שפּיצן פונעם פּאָעטישן אָלימפּ. זײַן קולטור, זײַן אינטעלעקט, זײַן גוט דורכגעטראכטע פּאָעטישע קאָנצעפּציע האָט ער נאָך אין דער יוגנט אזוי בעריִיש געקאָנט באהאלטן אין די פאלדן פון זײַן שאפונג, אז עס זאָל זיך ניט ווארפן אין אלעמענס אויגן. דאָס ראציִאָנעלע, הייסט עס, זאָל ניט צעשטערן דאָס וויזיִאָנערישע. און אויב שוין יאָ לאָזן עס קומען צום אויסדרוק, זאָל עס איבערגיין אין א העכערער בכינע — אין דער קאַטעגאָריע פון געדאנקלעכקײַט, וואָס באהעפט זיך הארמאָניש מיט דער פּאָעטישער אָרגאניק. און דעריבער: ניט געקוקט אף דעם הוילע זעונגען־געוועב פון זײַן פּאָעטישן מאטעריאל, איז פאר מיר, וועלכער באָבאכטעט מאנגערן נאָך פון דעמלט, ווען איך האָב געהאט די זכיִע צו דרוקן זײַנע ערשטע לידער, פון צײַט צו צײַט אופגעשווומען די פראגע, צי קאָמפּאָנירט ניט מאנגער אפילע דאָס, וואָס געוויינלעך לאָזט זיך ניט קאָמפּאָנירן: די אינספּיראציע גופע?.. איך וויל אייגנטלעך דערמיט זאָגן, אז, גלייבנדיק בעעמונע־שליימע אין זײַן ב ל ו ט־ו י ז י ע, ווי ער האָט באצייכנט דעם באלאדע־זשאנער, זע איך אָבער בא אים איינצײַטיק אויך דאָס ליכט פון זײַן כאָכמע, צו וואָס ער אליין האָט עפשער מעכאַוון געווען, בייס ער האָט אָנגערופן איינע פון זײַנע לידערביכער „לאמטערן אין ווינט“... „ווינט“ מיינט דאָ — די סטיכיִע פון טונקעלער מעטאפיזיק, וואָס דער דיכטער רופט ארויס אין זיך מיט זײַן פּאָעטישן שעם־האמפוירעש. די נעטיִע צו דער געדיכטער מעטאפיזיק האָט אין מאנגערן פארפלאנצט די דײַטשישע דיכטונג. אויך באפרײַענדיק זיך פון איר, איז ער, נאָך אלע זײַנע וואונדערלעכע ייִדישע מאָטיוון און געזאנגען, געבליבן איר געפאנגענער.

דאָ איז דאָס אָרט צו דערציילן, אז מאנגער האָט קעסיידער מיט דער זעלבער גלײַכער באגײַסטערונג פאָרגעלייענט אף אויסווייניק סײַ געטען, סײַ העלדערלינגען, סײַ רילקען. פונדאנען שטאמט זײַן סינטעז פון קלאסיציזם און מאָדערניזם. איז ער אדאנק דעם סײַ קלאסיש, סײַ נײַ. אָן ענלעכן „פּאָקוס“ האָט, ווי מיר שײַנט, באוויזן אין דער דײַטשישער ליריק היינריך היינע בעשאטוי. און מערקווירדיק, גראָד זײַן גרויסן ברודער היינען האָט דער יונגער איציק מאנגער העפטיק אָפּגעפרעגט, לאכלוטן נעגירט. דאָס איז געווען דער איינציקער מאָמענט, ווען מאנגער, ריידנדיק וועגן פּאָעזיע, איז געווען ניט קיין אָריגינעלער זאָגער, נאָר א נאָכזאָגער, א נאָכזאָגער פון יענער דײַטשישער רעאקציִאָנערער ליטעראטורפאָרשונג, וועלכע האָט געהאלטן, אז היינע איז אין געביט פון פּאָעזיע געווען א שעדיקער — אליין געזינדיקט קעגן איר נאטור און אירע געזעצן און א גאנצן ראבים פון דיכטער געמאכט זינדיקן מיט זײַן קאָלאָסאלן אײַנפלוס אף דער אוניווערסאלער דיכטונג. היינע איז געווען א שטרײַט־פּונקט צווישן מיר און מאנגערן. אָבער אויסער דעם זײַנען צווישן אונדז קיין וועזנטלעכע שטרײַטן ניט געווען. בא אונדזער גאנצער אנדערשדיקײַט איז אָנגעגאנגען צווישן אונדז — א באוווּסטזיניקער צי אומבאוווּסטזיניקער — מאגנעטישער שטראָם. מעגלעך, ווײַל צווישן די, וואָס „פיר זײַנען מיר געזעסן“, זײַנען מיר ביידע געווען די מער „אלט־רומעניש“. און עפשער האָט דאָס בעשוטפעסדיקע שפּילמאניש־טעאטראלישע אזוי דערנעענטערט אונדז?

פלעג איך ליב האָבן צומאָל זען, ווי מאנגער קומט קוקן מײַנע רעפּעטיציעס, און נאָך מער: באפרײַען זיך פון זיי אדאנק טאקע אים, דעם פּאָעט פאנאטיקער, וואָס פלעגט קעסיידער מיט זײַנע שמועסן אומקערן מיך צו ליטעראטור, צו פּאָעזיע. טשיקאווע איז פאר מיר געווען זײַן ניט נאָר קענען שארף קאָמענטירן, נאָר אויך קענען לויטן זיקאָרן ציטירן גאנצע סטראָפעס צי איינציקע מעטאפאָרן פון מײַנע לידער — עמעס, טאָמיד אזוינע, וואָס האָבן זיך אָנגעקערט אָדער מיט באלאדע, אָדער מיט גראָטעסק. איך פלעג הערן און דערבײַ טראכטן: וואָס פארא געזאנגען וואָלט ער אויסגעהעפּט פון די פערזן, ווען אָנשטאָט מ י ר וואָלטן זיי געקומען גראָד א י ם אין קאָפּ ארײַן! ווײַל איך זע דאָך, אז זיי האָבן אים פארטשעפּעט, אז זיי רעגן זײַן קויעך־האדימיען, ריידן צו זײַן פּאָעטיש געפיל. קאָן איך אף דעם סמאך הײַנט זאָגן, אז מאנגער האָט צו יענער צײַט פארפירט אפילע א שטיקל פלירט מיט מײַן דיכטונג. און דער דאָזיקער פלירט, געדענק איך, האָט געדויערט ביז... יאָ, איך געדענק גענוי, ווען מאנגער האָט זיך אימפּעטפול א קער געטאָן אין א גאנץ נײַער ריכטונג.

איך באגעגן אים אין יענעם טאָג א באזונדערס האָפערדיקן. אונטערן אָרעם טראָגט ער א בוך פון א מישנײַעס־פאָרמאט, און ער האלט אים אזוי, ווי מע האלט א געליבטע. נאָר זײַן גאנצע אופירונג זעט מיר אויס עפּעס מאָדנע, אפילע עטוואָס שקאָציש. אי ער ציט מײַן אופמערקזאמקײַט אף דעם דאָזיקן סייפער, אי ער וויל אים פון מיר פארשטעלן. אין די אויגן זײַנע — לאכנדיקע פײַערלעך, עמעס גוטמוטיק פריילעכע, אָבער אויך מיט א צומיש פון דעמאָנישעס. עפּעס רייצט ער זיך מיט מיר, טו איך א טראכט, נאָר איך פארשטיי נאָך ניט די סיבע, איך בין נאָך נישט מאסיג, וואָס אייגנטלעך האָט דערצו גוירעם געווען. ענדלעך, ווי מע אנטהילט א מאָנומענט, אנטפּלעקט ער פאר מיר דעם שארבלאט פונעם בוך, און איך לייען: מוישע־לייב האלפּערן — „ניו־יאָרק“.

קלאָר: אויך אין דער באגעגעניש פון יויסעף־האצאדיק מיט זײַנע ברידער האָט געפעלט אָט די גרויסע, עכטע ברידערלעכע פרייד, וואָס בא מאנגערן האָט ארויסגערופן זײַן באגעגעניש מיט „ניו־יאָרק“ און מיט דער „גאָלדענער פּאווע“ פון מוישע־לייב דעם פּאָעט. און דעמלט איז געשען דאָס, צו וואָס עס איז שוין געווען אינערלעך צוגעגרייט דער דיכטער פון „זבארזשעריאדע“ און „גאָלדפאדעניאדע“. מאנגער איז „ארופגעשפּרונגען אפן וואָגן פון די בראָדער זינגער“ און איז געוואָרן „דאָס אייניקל פון אנדערע „אלטע נארן“, ווי „ר׳ אײַזיק וואליך ווירמייסן און ר׳ שלוימע פון פּראָגן“.

צי האָט ניט מוישע־לייב איבערגעבעטן מאנגערן אויך מיטן אלטן און אייביק יונגן היינריך היינען?

פון מאנגערס רײַפערן דיכטערישן פעריִאָד זע איך, אז יאָ, ער האָט זיך איבערגעבעטן, און האגאם ער האָט

דאפקע ליב אופצורופן נעמען אַף זיי מעכאבעד צו זייַן מיט אַן אליִע, זעצט ער פאַר אַלץ צו פארשווייַגן גראָד היינעס נאָמען!

אָבער לאָמיר ניט ארויסגיין פון מייַנע זיכרוינעס־ראַמען. דאָס ביז אהער געזאָגטע פּרעטענדירט אבסאָליוט ניט אַף א ליטעראריש־קינסטלערישן אנאליז פון מאנגערס דיכטונג. וועגן איר דארף מען שרייַבן באזונדער און אויספירלעכער, גרינטלעכער. עס וועט דעמלט געוויס זייַן אינטערעסאנט אויך אָנצווייַזן אַף די בארירונגס־פּונקטן פון מאנגערס פאָלקסטימלעכקייַט מיט אונדזער אייגענער, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע. איציק מאנגער האָט דאָך צווישן אונדזערע דיכטער ביז גאָר נאָענטע קרויווים! איך רוף איצט ניט אָן זייערע נעמען, ווייַל דאָס פאָדערט א ברייטן און ארגומענטירטן שמועס. מייַן הייַנטיקע אופגאבע איז א פיל באשיידענערע: מיט מעמואריסטישע מיטלען צו צייכענען דאָס מאנגער־געשטאלט, ווי עס האָט זיך אין מיר פארפיקסירט אין די יאָרן פון צווישן ביידע וועלט־מילכאָמעס. זאָל דאָס זייַן מייַן דערווייַליקער צושטייַער צו דער לעצטנס פונסנייַ אקטועל געוואָרענער טעמע „איציק מאנגער“. איך זאָג „פונסנייַ“, ווייַל מאנגער איז פון זייַנע ערשטע שריט אָן געוואָרן א צוציִענדיקע טעמע ניט נאָר פארן אויסדערוויילטן פּאָעזיע־געניסער, נאָר פאר די ברייטסטע ייִדישע לייענער־שיכטן. לאָמיר נאָר דערבייַ ניט פארגעסן, אז איציק מאנגער, וואָס פארמאָגט אויך גוטע, גייַסטרייַכע פּראָזע, איז אָבער אין גרונט א דיכטער און ניט קיין פּראָזאיִקער.

נאָר דאָ שנייַד איך שוין איבער דעם פאָדעם פון מייַנע זיכרוינעס און קער זיך אום צו דער אין סאמע אָנהייב פון מיר געשטעלטער פראגע: ווי זשע קומט עס, וואָס גראָד אפן באָדן פונעם אמעריקאנער זעקסמיליאָניקן ייִדישן יישעוו האָט זיך מאנגער דערפילט אויסגעוואָרצלטער, ווי אומעטום אַף אלע זייַנע וואנדער־וועגן? וואָס זאָג איך „אויסגעוואָרצלטער“? אין רומעניע, ווי שפּעטער אין פּוילן, האָט זיך דאָך מאנגער געפילט א טיף־באָדנדיקער, אַן אייגענער, ניט געקוקט אַף אלע זייַנע צייַטווייַליקע „רוגזעס“. וועגן דעםריידן אויך זייַנע ערשטע ביכער, וואָס ער האָט אין יענע פעריִאָדן געשאפן. מע זעט אין זיי די בראָכע סייַ פונעם רומענישן, סייַ פונעם פּוילישן באָדן.

מיט וואָס זשע, פרעג איך, דערקלערט זיך די טראגעדיע „מאנגער“ גראָד אַף דער אמעריקאנער ייִדיש־טעריטאָריע?

אַן ענטפער אַף דעם אין א געוויסער מאָס טרעפן מיר אין א ווייניק באוווּסטן בריוו פון מוישע נאדירן צו איציק מאנגערן, געשריבן אין 1942, ווען דער באלאדן־דיכטער האָט אין אַן אָפענעם בריוו, אדרעסירטן צו ה. לייוויקן, געמאָלדן, אז ער רייַסט איבער מיט דער „זשארגאָנאליע“, דאָס הייסט, אז ער הערט אוף צו שרייַבן ייִדיש. דאָס איז געווען, זעלבסטפארשטענדלעך, א פארצווייפלטער אקט מיצאד מאנגערן. ווייַל, ווי ס'איז באוווּסט, איז ער אויך נאָכן ווארפן דעם געט דער אָרעמער גאָלדענער פּאווע — דער ייִדישער דיכטונג — געבליבן איינער פון אירע איבערגעגעבנסטע ריטער. און דאָך פארדינט מוישע נאדירס בריוו איבערגעדרוקט צו ווערן איצט, ווען דער שמועס ארום מאנגערן אין די ייִדישע פּעריִאָדישע אויסגאבעס אנטוויקלט זיך צו א באנייַטער מאנגעריאדע.

דער דאָזיקער בריוו שטעלט פאָר אַן אינטערעס שוין מיט דעם אליין, וואָס פון אים שרייַט ארויס דער גרויסער ייִעש, וואָס האָט אין 1942 געפאנגען אויך נאדירס ליכטיקן גייַסט. דערמאָנט טאקע אָט דער נייַ־אנטפלעקטער פאר אונדז מוישע נאדיר אין יענעם העלדישן פייַערלעשער, וואָס אליין שוין אַן ארומגעכאפּטער פון די סרייפעפלאמען, באמיט ער זיך דאָך ארויסצוטראָגן אַף זייַנע פּלייצעס א פון קאָפּ ביז די פיס ברענענדיקן מענטשן... נאדירס געדיכטער פּעסימיזם, די איימעדיקע מאָרעשכוירע, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זייַן בריוו, איז ענג געבונדן מיט דער טראגעדיע, וואָס נאדיר האָט איבערגעלעבט נאָכן אוועקגיין פון דער „מאָרגן־פרייַהייַט“. אָבער ניט געקוקט אַף די סוביעקטיווע אקצענטן, באקומט זיך אויך א געוויסע אָביעקטיווע פאָרשטעלונג וועגן דער ייִדישער ליטערארישער סוויווע אין אזא גרויסן ייִדישן קולטור־צענטער, ווי ניו־יאָרק.

פאר אונדזער לייענער, וואָס האָט אין נאדירן געזען איינעם פון די אָריגינעלסטע און גייַסטרייַכסטע ייִדישע קינסטלער, וועט זייַן, בין איך זיכער, ביז גאָר אינטערעסאנט אויך נאדירס ריין־ליטערארישע אָפּשאצונג, זייַן ברייטער קוק אַף איציק מאנגערס באדייַטונג און אָרט אין דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג.

א בריוו צו איציק מאנגערן פון מוישע נאדיר[1]

מייַן ליבער איציק מאנגער!

דייַן בריוול צו לייוויקן איז — דורכן „טאָג“ — אָנגעקומען אויך צו מיר. עס האָט מיר געדויערט א שטיקל צייַט, ביז איך האָב געפונען א פּאָסט־קעסטל פאר מייַן ענטפער. פארגיב!

איך ווייס ניט, צי דו ווייסט (דו ווייסט מיסטאם ניט!), אז מייַנע פערזענלעכע בריוולעך צו ייִדישע שרייַבער זייַנען קימאט אַף די פינגער צו ציילן. דעריבער עפשער טאָקע אויך... (איך האָב געוואָלט זאָגן: „מייַן ביטער מאזל“, נאָר ווי קאָן איך אין אָנגעזיכט פון דייַן מאזל זיך באַקלאָגן אַף מייַנעם?)

אליין, אַן עלנטער ווי דו, אין שטענדיקער מילכאָמע מיט דער פארשווערונג, וואָס הייסט „געזעלשאפט“, מיט דער קאָנספּיראציע, וואָס הייסט „עפנטלעכע מיינונג“, האָב איך — אין מייַנע גליקלעכסטע מינוטן — געהאט צוויי מיטלען, וויִאזוי צו טרייסטן די אלע נאקעט־באָרוועסע „סקאנדאליסטן“ פון דער וועלט: 1) איך האָב געקענט אויסטאָן דאָס אייגענע העמד, די אייגענע שיך און דאָס אוועקגעבן איינעם (בלויז איינעם) פון די מיליאָנען נאקעט־באָרוועסע לייַבער פון דער וועלט; אָדער 2) איך האָב געקענט קלוימערשט אויסטאָן מייַן רעקל און שיך, און אליין ווי א באָרוועס־נאקעטער ברענגען טרייסט צו דער גאנצער „באָרוועסאליע“, „נאקעטאליע“ פון דער הינטערגאס, און פון יענער זייַט בארג, און פון איבער די רעלסן.

איך האָב אויסגעקליבן דאָס אנדערע, איציק מאנגער טייַערער! דו ווייסט פארוואָס? ווייַל עס איז מענטשלעך א מענטש צו זייַן.

..עס איז אָבער איין זאך צו רייַסן זיך איבער א בייַן, ווען

---

[1] מיר ברענגען דעם בריוו מיט אייניקע קירצונגען.

מ׳איז הונגעריק, און א צווייטע זאך צו באהאלטן די איבערגעבליבענע מארכבײנער טיף אין דער ערד — אף איבעראיאָר, אף איבער צען יאָר.

בא די שוועלן פון די ליטערארישע קאריערעס, מאַנגער טײַערער, ליגן הויפנס מיט מענטשלעכע שארבנס.

עס זײַנען דאָ אין דער וועלט, טײַערער מאנגער, א סאך קיניגרײַכן. אָבער די ניידהאפסטע, ניט פארגינערישסטע איז דאָס קיניגרײַך פון קונסט.

דאָס איז דאָס קיניגרײַך, ווו די ארײַנגאנג־טויערן זײַנען פון נאָדלען און ווו יעדער, וואָס וויל ארײַנדרינגען — יאָ, ארײַנדרינגען, — מוז זיך דורכשטופן דורך א לעכל פון א נאָדל.

די ארײַנדרינגענדיקע („אָקופאנטן״ וואָלט מען זיי גערופן אף האיאָר־לאָשן) זײַנען דעריבער מייסטנס אויסגעהונגערטע לײַט — מענטשן הונגעריקע נאָך ברויט, נאָך קאָוועד, נאָך אייביקײַט — לאָז זײַן כאָטש אף די עטלעכע יאָר, וואָס מ׳לעבט.

איין מאָל האָסטו זיך אָבער ארײַנגעשפאנט, ארײַנגעקוועטשט אהינצו — אין בלאָען לאנד פון דערפאָלג, — איז שוין קימאט ניט מעגלעך, מע זאָל דיך קאָנען ארויסשטופן, ווײַל, זײַענדיק אינוויינין, ביסטו דערווײַל געוואָרן אזוי פעט מיט זעלבסטצופרידנקײַט, אז דו קאָנסט שוין דורך דעם נאָדל־לאָך ניט אדורך.

און וועלכער זאטער גלייבט דען דעם הונגעריקן?

איך וויס, אז ניט דו, ניט מוישע־לייב (זאָל זײַן אָפּגעשיידט) און ניט אנדערע ווי איר — ליכטיקע פאָנען פון אונדזער ליטעראטור — זײַט ווען־עס־איז געווען „גערעכט״ אין אײַערע טײַנעס. און האָבן דען די הונגעריקע (וואָס ווילן ארבעט!) ניט קיין רעכט צו זײַן אומגערעכט? און האָט דער איינזאמער און פארלאָזענער ניט קיין רעכט צו פלוכן זײַן גורל? און האָט דער, וואָס איז פארליבט אין יִדיש ביז צום שטארבן, ביז אף קידעש־האשעם, ניט קיין „רעכט״ אין א פארביטערטער מינוט ארויסצושפײַען דורכן פארסאמטן הארץ די ווערטער: איך האָב דיך פײַנט, „זשארגאָנאליע״! איך אנוליר מײַנע פריִערדיקע ווערק... איך נעם דעם פוס אין מויל ארײַן, הייסט דאָס, און איך הייב זיך אליין אָן אופצועסן ביז דער שפענט!

אָ, ווי ביטער־גראָטעסק דאָס איז! ווי טויט־ביטער גאָר אינגאנצן, אז א יִדישע וועלט (א פאפירענע) קאָן אופהאלטן אלערליי ארט מענטשן, און פאר דיר, איציק מאנגער, וואָס דו ביסט מיט טאלאנט פארשאָלטן פון קאָפּ ביז די פיס, איז קיין בעט ניטאָ דײַן צויבערלעך כאָלעמקעסטל, דײַן קאָפּ, אוועקצולייגן?!

אין אָט אזא צײַט לעבן מיר, איציק מאנגער.

יעדער מענטש — פאר זיך.

אליין.

שטאָק־אליין.

און יעדער קעגן יעדן.

און אלע אינײנעם קעגן אלע אינײנעם.

דער מענטש — קעגן דער מענטשהײַט.

די מענטשהײַט — קעגן זיך אליין און קעגן גאָט.

און גאָט — קעגן דער מענטשהײַט.

צווישן מענטש און מענטש — שטייט דאָס שטיק ברויט, דאָס שטיק ווײַב, דאָס שטיק מאן, דאָס שטיק קאָוועד, דאָס שטיק ווילן צו מאכט.

צווישן מענטש און גאָט שטייט דער גאלעך, שטייט דער ראָוו (לעהאוודל!). ביז דו גייסט דורך די פראָצעדורע פון באפרידיקן און פארגיטיקן דעם גאלעך, האָסטו שוין פארגעסן, אז דײַן קאוואָנע איז געווען א געטלעכע.

איך וואָלט דיר געוואָלט עפּעס א טרייסט שיקן, איציק מאנגער.

די, וואָס באהערשן דעם טאלאנט, וואָס זײַנען דעם טאלאנטס מײַסטערס, זײַנען ניט פון דײַן שול — איציק מאנגער.

דו ביסט שיקער מיט טאלאנט, איציק מאנגער. דו ווערסט אינגאנצן פון אים באהערשט, זײַן קנעכט ביסטו, און דו האָסט איבער אים קיין שום דייע ניט.

פירט ער דיך צו היימלאָזיקײַט, צו צאנקערײַ מיט גאָט און מענטש, צו אָרעמקײַט און עלנט.

בלויז אין דײַן „ווידזיע״, אין דײַן „טראנס״ — ביסטו וואך, ביסטו א צום לעבן געקומענער.

ניכטערערהייט ביסטו טאקע א לוי־יוצלעך, וואָס קען קײן קאץ אן עק ניט פארבינדן.

די פײַיִקע, די פיפיקע, די גערעאָטענע, די דערפאָלגרײַכע — זיי קענען קעצישע עקן פארבינדן, קעצישע קאָנטאקטן מאכן, קעצישן יאָמער אופהייבן קעגן דער לעוואָנע איבערן „פענט־הויז״[1] (זע ענגלישן ווערטערבוך, איציק!).

איך זאָג דיר, ווי אונדזער כאָשעווער קאָלעגע לייוויק: די „זשארגאָנאליע״ איז אין אונדזער ביטערן לעבן ניט שולדיק.

דו, און איך, און ער, און מיר אלע, איציק מאנגער, זײַנען עס די „זשארגאָנאליע״, וואָס מיר האָבן געקרוינט מיט לאָרבער און מיט קראָפּעווע.

יאָ, דו האָסט א בעסערן גורל פארדינט, איציק מאנגער, אָבער בא וועמען זאָל מען מאָנען? מיר האָבן א מוטערשפראך, א זיס־טערפקע מאמעלאָשן, אָבער א מאמע, אף וועמענס אקסל זיך אויסצוּוויינען, איז ניטאָ. מיר האָבן ניט בא וועמען זיך איבערצונעמען, איציק מאנגער!

און דאָס, וואָס דו זאָגסט זיך אָפּ פון דער יִדישער ליטעראטור, איציק מאנגער, איז עס שוין צו שפעט!

גאָט קען זיך אָפּזאָגן פון דער וועלט, אָבער די וועלט, מײַן ליבער, קען זיך ניט אָפּזאָגן פון דעם גאָט, וואָס זי האָט באשאפן און וועלכע האָט אים (אלס באלוינונג אָדער שטראָף) געפורעמט אין איר פורעם.

דעם פאָלקסטימלעכן, קרישטאָל־גאָלדענעם שלאָס, וואָס דו האָסט אופגעבויט אין אונדזער ליטעראטור, איציק מאנגער, איז פון ליכט און כאָלעם, פון אויסדאכט און אָפּשײַן. מיט וועלכן האמער וועסטו אים צעשטערן, איציק מאנגער?

נ י ו ־ י אָ ר ק 1942

[1] פענט־הויז — א פעשענעבעלע קווארטיר אף א פלאכן דאך פון א פילשטאָקיק הויז.

מאַטעריאַלן פון דער שפּראַך-באַראַטונג

כאַים לויצקער

וועגן דער לעקסיק אין די ווערק פון אייניקע שרייַבער

אַלס טראַמפּלין פאַר אַ שמועס וועגן די קריטעריען אין אונדזער איצטיקער שפּראַך־בויונג שאַדט דאָ ניט צו דערמאָנען וועגן דעם וואָרט־באַשטאַנד פון ייִדיש.

דער ערשטער פון די ייִדישע סאָוועטישע לינגוויסטן, וואָס האָט ערנסט זיך פאַרנומען מיט דער דאָזיקער פּראָבלעם, איז געווען עליע ספּיוואַק. די רעזולטאַטן פון זייַנע אויסזוכונגען אין געביט פונעם סאָוועטישן ייִדיש, מיט רייַכע עקסקורסן אין דער געשיכטע פון ייִדיש, זייַנען פאַרפיקסירט אין זייַן בוך „נייַע וואָרטשאַפונג“.

די פאַרהעלטעניש צווישן די באַשטאַנדטיילן פון ייִדיש האָט ספּיוואַק פאָרגעשטעלט אין אַ ספּעציעלער טאַבעלע אַפן סמאַך פון אַ קלאַסיפיקאַציע פון דער לעקסיק (אין צוויי נומערן פון דער צייַטונג „עמעס“ אין די יאָרן 1921 און 1931). דאָס פּרינציפּיעל נייַע, וואָס ער האָט אַרייַנגעבראַכט אין זייַן קלאַסיפיקאַציע, איז דאָס אַרייַנפירן אין דער צאָל לעקסישע עלעמענטן אויך אינטערנאַציאָנאַליזמען — אַן עלעמענט, וואָס פאַרנעמט אַלץ אַ גרעסער און גרעסער אָרט צווישן די באַשטאַנדטיילן פון ייִדיש, אויך דאָס דיסקאָנטירן ספּעציעל די אַזוי־גערופענע „היברידן“: דעם סלאַוויש־גערמאַנישן (סאָוועטן־מאַכט אאַג.), גערמאַניש־העברעיִשן (וועלט־מילכאָמע אאַג.); העברעיִש־סלאַווישן (קעשענע־גאַנעוו אאַג.); גערמאַניש־אינטערנאַציאָנאַלן (אַרבעטער־קלאַס אאַג); אינטערנאַציאָנאַל־סלאַווישן (טראַקטאָר־זאַוואָד אאַג.); אינטערנאַציאָנאַל־העברעיִשן (קלאַסן־סוינע אאַג.).

סלאַוויזמען

ס'איז געווען אַ צייַט, ווען מע האָט זייער אומטאָלעראַנט, אַפילו „פייַנטלעך“ זיך באַציגן צום סלאַווישן עלעמענט פון ייִדיש. אַזאַ שטעלונג האָט אַמאָל געהאַט, אַשטייגער, כאַים זשיטלאָווסקי. אויך נאָכעם שטיף אין זייַן פאַרסאָוועטישן פּעריִאָד האָט געהאַלטן, אַז די סלאַוויזמען זייַנען ניט קיין „עלעמענט“, נאָר אַ „רודימענט“, און זיי „זייַנען ניט קיין טוישעוו אין ייִדיש“.

נאָר מיט דער צייַט האָבן זיך געלאָזט הערן קעגנזעצלעכע שטימען: אונטערן דרוק פון לעבעדיקע פּראָצעסן אין דער אומגאַנג־שפּראַך האָט נ. שטיף ראַדיקאַל געביטן זייַן באַציִונג צום סלאַווישן עלעמענט.

אויך ע. ספּיוואַק האָט פעסטגעשטעלט, אַז „דער הייַנטצייַטיקער ייִדיש פאַרדייַעט אויסגעצייכנט און וועט ווייַטער פאַרדייַען סלאַווישן וואָרטשטאָף“.

די סטיכיי פון רוסיש, ביכלאַל פון סלאַוויש, איז זייער אַ שטאַרקע. זייַן אַרייַנדרינגען אינעם ליטעראַרישן ייִדיש איז נייטיק, קעדיי צו מאַכן פאַרשטענדלעכער דאָס געדרוקטע וואָרט פאַרן מאַסן־לייענער. אָט פאַרוואָס דער סלאַווישער לעקסישער עלעמענט פאַרנעמט באַ אונדזערע פּראָזאיִקער אַלץ אַ גרעסער אָרט.

דאָס סלאַווישע וואָרט ווערט ברייט אויסגענוצט, קוידעם־קאָל, אַף צו איבערגעבן אין ייִדיש פּראָדוצירישע טערמינאָלאָגיע און ביכלאַל נאָמינאַציעס: ראַגאַטקעס, פּראָכאַדטשיק, קראַווליע, ראַזוועדטשיק (אַלץ פון שאַכטיאָרישער טערמינאָלאָגיע), קאַליטקע, פּעכאָטינעץ, אושאַנקע, טאָפּטשאַן אאַ. (שמועל גאָרדאָן); לאַדאָטשניק, קאַנאַהאָן (שירע גאָרשמאַן); זאַהאָן, קאָלאָוואָראָט, האָנעס, נאַפּאַרניק, אידאַלניע, צירקון, פּופּייַקע אאַ. (נאָטע לוריע); וואָזקע, קאָמאָרניקעס, ראָגאַטינע, לעסניק, קיסעט, פּלאַשטש אאַ. (נויעך לוריע); קאָניעק, פּערעלאַז, אָברעז, אָראַווע, טשוטשעלע, סקאַלעס, קאָסאָוואָראָטקע, זאַוויטש אאַ. (יעכיִעל פאַליקמאַן); סאַמאָוואַר, בערעזניאַק, קאָטשקעס, טרוכליאַווע, ריטשקע אאַ. (יויסעף ראַבין); וויהאָן, דראַבינע, וויסטאַווקע, טשמעל, צוויט, דורען (дурень), קאַרטינע, יאַזווע, הני אאַ. (עלי שעכטמאַן); זערנע, טשייַניק, טשעכאָטקע, שעפּטש אאַ. (יעכיִעל שרייַבמאַן).

ניט ווייניק סלאַוויזמען טרעפן מיר אין אונדזער פּראָזע אַף צו באַצייכענען טווּנג, אַקציע, פּראָצעס: אָנגעוואַליעט, זאַסעדאַיען אאַ. (שמועל גאָרדאָן); גערעוועט, געדושעט זיך (פאַר געלעכטער) אאַ. (שירע גאָרשמאַן); אָפּגעפּאָראָסיעט זיך, געסטאַרעט זיך, פאַרשטשעמען, געצוויטעט אאַ. (נאָטע לוריע); טרוכען, האַווקען אאַ. (נויעך לוריע).

די מערהייַט סלאַוויזמען באַ אַלע אונדזערע הייַנטצייַטיקע שרייַבער זייַנען אייַנגעבירגערט אין ייִדיש.

מע דאַרף, רעכן איך, אויך דרייסט און ברייט אַרייַנלאָזן אין דער ליטעראַרישער שפּראַך אַזעלכע נייַע סלאַוויזמען, וואָס קענען קאָנקורירן מיט די אייַנגעבירגערטע ווערטער אין פּראַט פון גרעסערער פאַרשטענדלעכקייַט, אויסדריקלעכקייַט, עמאָציִאָנעלקייַט, אויך — טערמינאַרטיקע סלאַוויזמען, אַפילע אייניקע געוויינלעכע שטייגערידמען, וואָס האָבן, זאָל זייַן, גאַנץ נאַטירלעכע עקוויוואַלענטן אין ליטעראַרישן געברויך, אַשטייגער: „האָבן געדיכט געצוויטעט... געאָרגינעס“ (נאָטע לוריע).

דאָס זעלבע — מיט די סלאַוויזמען וועסנע, אָסיען, כאָטש אין דער ליטעראַרישער שפּראַך גילטן פון לאַנג אָן די ווערטער פרילינג, האַרבסט. און אַזוי איז דאָס אָפּגעשפּיגלט אין דער פּובליציסטיק, צום טייל אויך אין דער בעלעטריסטיק. די דאָזיקע סלאַוויזמען טרעפן מיר ניט בלויז אין פּערסאָנאַזשן־רייד, נאָר אויך אין דער אווטאָר־שפּראַך. אַזוי איז באַ מענדעלען, אַזוי איז באַ שאָלעם־אַלייכעמען.

אָט די טראַדיציע האָבן פאַרהיט אַ סך אונדזערע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. בײַ עלי שעכטמאַנען, אַשטייגער, איז באַנאַנד מיט פריִלינג פאַראַן אויך ווען־נאָר סײַ אין די רייד פון זײַן טיפּאַזש, סײַ אין זײַן אַוטאָר־שפּראַך. דאָס איז זייער ריכטיק, וואָרעם דער סלאַוויזם גייט פון פאָלקס־מויל און לאָזט זיך זייער גרינג אײַנפּאַסן אין דער סטרוקטור פון ייִדיש.

ווען דער באַגריף קאָן איבערגעגעבן ווערן אין ייִדיש דורך אַ צאָל דובלעטן, שאַפט עס פאַרן שרײַבער געוויסע שוועריקייטן אינעם אויסקלײַבן דעם פּאַסיקערן דובלעט. אָט, אַשטייגער, טרעפן מיר בײַ ש. גאָרדאָנען („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 7, 1963) אין איין אַבזאַץ גראָב־אײַזן און לאָם — נעמען פון צוויי געגנשטאַנדן, וואָס געהערן צו איין קאַטעגאָריע מאַכשירים. יעדעס פון אָט די צוויי ווערטער האָט צו זיך אַ דובלעט פון אַן אַנדער לעקסישן עלעמענט: דער גערמאַניזם גראָב־אײַזן האָט צו זיך דעם סלאַווישן דובלעט זאַסטעפּ און דער סלאַוויזם לאָם — דעם גערמאַניזם ברעך־אײַזן. יעדער פון די דובלעטן־פּאָר איז פולשטענדיק געזעצלעך, אָבער אַ ראַפינירטער סטיליסטישער געשמאַק וואָלט דעם שרײַבער געדאַרפט אונטערזאָגן, אַז פאַר נעמען פון שכייניש באַגריפן איז פּאַסיקער צו ניצן ווערטער פון איין לעקסישן קוואַל, בפרט נאָך ווען זיי שטייען בישכיינעס אויך אינעם ווערק: אויב גראָב־אײַזן, איז אויך — ברעך־אײַזן; אויב לאָם, איז אויך — זאַסטעפּ...

ס'טרעפט בײַ אַ שרײַבער, אַז אין איינעם און דעם זעלבן ווערק ניצט ער אין איי־ניקע ערטער ניט־אײַנגעבירגערטע סלאַוויזמען און אין אַנדערע ערטער ווײַזט ער אַרויס אומדרייסטקײַט אינעם ניצן ווערטער פון דעם דאָזיקן לעקסישן עלעמענט. צום בײַשפּיל, נאָטע לוריע אָפּערירט אין זײַן ראָמאַן „הימל און ערד" מיט אייניקע מיליטערישע טערמינען: שוצגראָבן, הינטערלאַנד, קוילנוואַרפער אאַ. (עמעס, די אַלע — אין דער אַוטאָר־שפּראַך). די געזעצמעסיקײַט פון ניצן אָט די און ענלעכע ווערטער ווערט, פאַרשטייט זיך, קיינער ניט שטעלן אונטער אַ ספק. ציִ וואָלט אָבער ניט געווען מער פאָלקסטימלעך און אין אײַנקלאַנג מיט דער היפּשער צאָל סלאַוויזמען אינעם ווערק, ווען ער זאָל ניצן אָקאָפּעס, טיל, פּולעמיאָט אאַוו. נאָר אויב ער גייט שוין אָפּן וועג פון מער אָפּיציעלע דובלעטן־גערמאַניזמען אָדער אינטערנאַציאָנאַליזמען, פאַרוואָס זאָל ער שוין אײַנײַנוועגס ניט שרײַבן אויך סטאַטוט אָנשטאָט דעם ניט־אײַנגעבירגערטן דובלעט אוסטאַוו?

די סלאַוויזמען פאַרמאָגן אין זיך בעדערעך־כּלל מער היימישקײַט, אינטימקײַט אין פאַרגלײַך מיט זייערע „קאָנקורענטן" פון אַנדערע לעקסישע קוואַלן, און ניט צופעליק איז אין דער בעלעטריסטיק אַ סך מער סלאַוויזמען, איידער אין דער פּובליציסטיק. דאָס קאָנען מיר זען אַפילע אין די עטלעכע ווערק פונעם „סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס כ'האָב וועגן זיי געמאַכט אַ שטיקל סטאַטיסטיק: אַזוי, לעמאָשל, האָב איך אינעם אָנהייב פון נויעך לוריעס ראָמאַן „אין וואַלד" אָנגעציילט בײַ 5% סלאַוויזמען, און אין מוישע אַלטמאַנס דערציילונג „די שפּיל אַרום אַ שטעקן" (אַ ווערק מיט אַן אייגנאַרטיקן, גאָר שטאַרקן פּובליציסטישן שפּראַך־שטראָם) אינגאַנצן 1%. און אין דער פּובליציסטיק פונעם זשורנאַל — נאָך ווייניקער, סך־הכּל 0,48%.

ניט שטענדיק איז דער שרײַבער געניט שטרענג בײַם ניצן ניט־אײַנגעבירגערטע סלאַוויזמען. אַשטייגער: ס'איז סטיליסטיש באַרעכטיקט צו ברויכן אַ סלאַוויזם אינעם זאַץ „קאַטערינע כאָמע טראַסקונס האָט פאַרזשאַרעט אין אויוון אַ יונג כאַזערל": פאַר קאַטערינען און פאַרן כאַזערל איז מער אָנגעמאָסטן דאָס סלאַווישע זשאַרען, איידער, לאָמיר זאָגן, פּרעגלען ציִ בראָטן; דערצו נאָך איז אָט דער סלאַוויזם פאַראַן אינעם ליטעראַרישן ייִדיש.

ניט באַרעכטיקט אָבער איז דער ניט־אײַנגעבירגערטער סלאַוויזם, באַזונדערס אין דער אַוטאָר־שפּראַך, אין פאָלגנדיקער פראַזע: „מע פלעגט אין די זאַווייענדיקע ווינטעראָוונטן סמאַזשען קאַרלעך" („הימל און ערד"), און אָט פאַרוואָס: דער אוקראַיִניזם סמאַזשען גיט גאָרניט צו אין באַטײַט אָדער אין די ניואַנסן פונעם באַטײַט צום אין ייִדיש אײַנגעבירגערטן פּראַזשען (מיר טרעפן אים כּמעט אין אַלע ייִדישע ווערטערביכער), און אין באַהעפט מיט קאַרלעך איז פּראַזשען דער פּאַסיקסטער ווערב.

אַן אונטערשייד אינעם ניצן נאָך ניט־אײַנגעבירגערטע סלאַוויזמען איז פאַראַן צווישן דער אַוטאָר־שפּראַך און דער סטיליזירטער שפּראַך פון די פּערסאָנאַזשן. אַשטייגער, אַזאַ מין פראַזע: „...האַלבע נאַכט, ווען זיי זעצן זיך זאַסיעדאַיען" (ש. גאָרדאָן). ווען דער אַוטאָר זאָל עס זאָגן פון זיך, וואָלט עס געווען ניט באַרעכטיקט (אַגעוו, פרעמדווערטער־ווערבן לאָזן זיך בכלל שווערער אַסימילירן אין דער ליטעראַרישער שפּראַך). ווען ער לייגט עס אָבער אַרײַן אין מויל פון זײַן העלד, דערצו נאָך ווען ער וויל אויסדריקן איראָניע, — איז דאַפקע אָט דער סלאַוויזם דאָס פּאַסיקסטע אין דעם קאָנטעקסט.

אויך בײַ עלי שעכטמאַנען אין ראָמאַן „ערעוו" איז אין דער שפּראַך פון די פּערסאָנאַזשן פאַראַן, ווי מיר האָבן געזען, אַ צאָל ניט־אײַנגעבירגערטע סלאַוויזמען: געפּוכנעט, דורען אאַז"וו.; כּוץ דעם אינדיווידועלן קאָלאָריט, וואָס אַזעלכע ווערטער גיבן צו די רייד פון די העלדן, פאַרשטאַרקן זיי נאָך דעם אוקראַיִנישן אָרט־קאָלאָריט.

ס'זײַנען אָבער פאַראַן ניט־אײַנגעבירגערטע סלאַוויזמען, וואָס אַפילע אין דער אַוטאָר־שפּראַך קלינגען זיי נאַטירלעכער און אומיטלבאַרער, איידער די „ריין ייִדישע", נאָר שטאַרק קינסטלעכע און שווער־האַמעטנע אַדעקוואַטן זייערע. ע. שעכטמאַן ניצט פּילמאָליק אין דער אַוטאָר־שפּראַך דאָס וואָרט הויכווילגעבורט אָנשטאָט וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, וועלכעס ער לייגט אַרײַן אין מויל פון זײַן פּערסאָנאַזש. אָט דאָ פּאַסט גראָד ניט, מיין איך, די דיפערענציאַציע צווישן דער אַוטאָר־שפּראַך און די רייד פון זײַנע העלדן.

מע דאַרף באַזונדערס דרייסט אַרײַנלאָזן אין אונדזער ליטעראַרישן שפּראַך־געברויך אַברעוויִאַציעס, צונויפגעשטעלטע אויף דער באַזע פון סלאַוויזמען, אַזוינע, ווי וואָיענקאָמאַט, לעספּראָמכאָז אאַז"וו.

האַקלאַל, מע דאַרף ווייניקער האַמעווען דעם געזונטן סטיכייִשן פּראָצעס, וואָס קומט בײַ אונדז פאָר מיט סלאַוויזמען. אָבער צוריק שמועסנדיק, וואָלט אַ קינסטלעכע, שטאַרק פאָרסירטע סלאַוויזאַציע אָפּגעריסן דעם סאָוועטישן ייִדיש פון דעם ייִדיש, וואָס ווערט געברויכט אין אַנדערע לענדער. מע טאָר אויך ניט פאַרווישן דעם אייגנאַרט פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די ייִדישע ליטעראַרישע שפּראַך.

העברעיִזמען

דאָס אָרט פון די העברעיִזמען אין פאַרשיידענע צײַטן איז געווען ניט קיין אַלצײַנס בא פאַרשיידענע שיכטן ייִדיש־ריידנדיקע: גאָר־גאָר אמאָל — א גרויס, נעענטער צו אונדזער צײַט — א קלענערס; באם באַלטוירע — א גרעסערס, באם ייִדן פון א גאַנץ יאָר — א קלענערס, און די אָרעמסטע שיכטן האָבן גאָרנישט ניט געוווּסט אין די „קליינע אויסיִעלעך״. וואָס שײַעך דעם „פּרעסטיזש״ פון העברעיִש, איז ער בא „אמכאָ״ געווען, פון איין זײַט, א גאַנץ הויכער, און פון דער אַנדערער זײַט — האָט דאָס פּראָסטע פאָלק זיך באַצויגן צו העברעיִש מיט א געוויסער איראָניע. וועגן דעם זאָגן איידעס אַזעלכע פּאַראַדירנדיקע פאָלקס־פּראַזעאָלאָגיזמען, ווי לאַשנקוילעטעש, לאַקשנקוידעש אדג. דאָס געמישטע געפיל באם פאָלקסמענטשן צום העברעיִשן וואָרט איז, ווי באַוווּסט, אָפּגעשפּיגלט אין טעוויע דעם מילכיקערס און שימען־עליעס („פּאַרקישעפטער שנײַדער״) שיטן מיט פּסוקים און זייערע „טײַטשן״... שאָלעם־אליכעם ווײַזט אויך דאָס בראווירן מיט העברעיִשע אויסדרוקן אַלס קינסטלערישע איליוסטראַציע פון גאָטספאָרכטיקער צוויִעס. דער שרײַבער לאַכט אויס, אַשטייגער, די רייד פון סאָרע־כאַנציע אינעם „געט״ מיט אירע „איך קען דאָס אײַך אזויפיל ניט לאַמנאַצייעך זײַן״, „עס איז אַף מיר א מאַכזיר־נעשאָמעס״ אדג.

די ספּעציפישע וואָג פונעם העברעיִשן, ווי אויך פונעם סלאַווישן, עלעמענט אין הײַנטיקן ייִדיש איז א סאַך גרעסערע, ווי זייער פּראָצענט לעגאַבע די גערמאַניזמען, וואָרעם גראָד אָט די מינדערצאָליקע עלעמענטן שאַפן די ספּעציפיק פון ייִדיש. אָבער דעם צאָליקן פאַקטאָר קאָן מען אויך ניט איגנאָרירן.

ביז דער צווייטער וועלט־מילכאָמע איז אינעם סאָוועטישן ליטעראַרישן ייִדיש פּאָרגעקומען א פּראָצעס פון בעהאדראָגעדיקער דעהעברעיִזאַציע. מיר ווייסן ניט, וואָס פאַר א ווײַטערדיקע עוואָליוציע ס'האָבן דורכגעמאַכט די העברעיִזמען אין ייִדיש פאַרן יאָרצענדליק צווישן דעם יאָר 1931 ביז אָנהייב פון דער מילכאָמע. אָבער אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן איז צו באמערקן (מיר ריידן דאָ בלויז וועגן דער ליטעראַרישער שפּראַך) א פאַרקערטער פּראָצעס — א פּראָצעס פון פאַרשטאַרקונג פונעם העברעיִשן עלעמענט אין דער שפּראַך.

דאָס קאָן מען דערקלערן מיט א ריי סיבעס: דערנעענטערונג מיט דער פּראָגרעסיווער ייִדישער ליטעראַטור פון אויסלאַנד; דאָס ארײַנגיסן זיך אין דער סאָוועטישער שרײַבער־מישפּאָכע פון א היפּשער גרופּע ייִדישע שרײַבער פון די באַלטישע מעלוכעס, בוקאָווינע און בעסאַראַביע — שרײַבער מיט א געדיכטער העברעיִזירטער לעקסיק. כוץ דעם, וואָס זייערע טאַלאַנטפולע ווערק האָבן געהעכערט די ספּעציפישע וואָג פונעם העברעיִשן עלעמענט אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור אינגאַנצן גענומען, האָבן זיי אין א היפּשער מאָס אין פּראַט פון העברעיִזמען באווירקט די ווערק פון אונדזערע „אַלט־געזעסענע״ ייִדישע שרײַבער.

דעם אײַנדרוק וועגן א פאַרשטאַרקונג פונעם העברעיִשן עלעמענט אין דער שפּראַך פון אונדזער ליטעראַטור קאָן מען פאַרפעסטיקן מיט אינטערעסאַנטע סטאַטיסטישע אָנגאַבן וועגן דעם פּראָצענט העברעיִזמען אין איין נומער „סאָוועטיש היימלאַנד״: אין דער פּובליציסטיק — 4,21, אין דער בעלעטריסטיק — 5,23. אויב אָט די צאָלן פאַרגלײַכן מיט די אָנגאַבן פון 1931 יאָר (1,82%), האָבן מיר א פאַרגרעסערונג פון דער צאָל העברעיִזמען אין 2,6 מאָל!

דאָס זײַנען סומאַרע אָנגאַבן וועגן פאַרשיידנאַרטיקסטע העברעיִזמען.

אָבער ניט בלויז אין דער קאַמעס גייט עס: א סאַך וויכטיקער איז פּעסטצושטעלן, אזוי צו זאָגן, די אייכעס פון אָט די ווערטער, די פאַרשיידנסטע טיפּן העברעיִזמען לויט דער מאָס פון זייער צוגענגלעכקײַט פאַרן לייענער און לויט זייער קינסטלערישער פונקציע.

ס'פאַלן אינגאַנצן ארויס פון אונדזער אַנאַליז אַזעלכע העברעיִזמען, ווי סאַכאַקל, עמעס, שאַבעס, יאָמטעוו, מײַסע, קימאַט, פּאָנעם, מילכאָמע, לעווײַע, יאָסעם, יעסורים, דאַפקע אדג., וואָס א מענטש, וועלכער קען ניט קיין העברעיִש, פּאַסט זיי ניט אוף אַלס העברעיִזמען; אויך העברעיִזמען מיט עטוואָס מער אָנזיכטיקע „געבורט״־סימאָנים, מיט גענוגנדיקער צוגענגלעכקײַט און נאַטירלעכער באַהעפטקײַט מיט ייִדיש.

פאַראַן א סאַך העברעיִזמען, וואָס לויט זייער באַטײַט האָבן זיי צו זיך אַדעקוואַטע דובלעטן אין דער פאָלקס־שפּראַך, וועלכע מע קאָן ניצן פּאַראַלעל מיט די דאָזיקע דובלעטן: לעמאַשל — צום בײַשפּיל, אָפּאָנעם — ווײַזט אויס, טאָמיד — שטענדיק, פּאָשעט — פּראָסט, טאַלמיד — שילער, מוידיִע זײַן — מעלדן אדג.

אַזעלכע העברעיִזמען זײַנען, פּונקט ווי זייערע דובלעטן, פאַרשטענדלעך דעם מאַסן־מענטשן און האָבן די זעלבע רעכט אַף עקזיסטענץ און פונקציאָנירונג אין א באַליביקן קאָנטעקסט.

פאַראַן אָבער ניט ווייניק העברעיִזמען, וואָס זײַנען פאַרשטענדלעך ווײַט ניט אַלעמען און פאַרמאָגן אין דער שפּראַך אַדעקוואַטע דובלעטן, וועלכע זײַנען צוגענגלעך יעדן מאַסן־מענטשן. צום בײַשפּיל: אזוי־ווי אָנשטאָט העיויס; גענײַאל אָנשטאָט גרויניש; שרעקפּול אָנשטאָט פּכאָדימדיק. אַזעלכע העברעיִזמען קאָנען גענוצט ווערן צוליב רייד־קאָלאָריט פון געשילדערטע געהעריקע פּערסאָנאַזשן, צומאָל אַפילע אין דער אווטאָר־שפּראַך אין א געוויסער שפּראַך־אַטמאָספער.

ס'זײַנען דאָ העברעיִזמען, וואָס האָבן צו זיך סינאָנימען פון אַנדערע לעקסישע עלעמענטן, דה. ווערטער מיט קימאַט דעם זעלבן באַטײַט, אָבער דאָך מיט אַן אַנדער שאַטירונג און ניואַנס, צום בײַשפּיל קויעך — קראַפט. ס'מאַכן זיך פּראַזעס, ווו מע קאָן ניצן בלויז איינעם פון די צוויי סינאָנימען. מע קאָן, אַשטייגער, ניט זאָגן: „איך האָב קיין קראַפט ניט״, נאָר „איך האָב קיין קויעך ניט״. טאָעס — כיסאָרן — פעלער. מע קאָן ניט זאָגן „ער האָט אין כאַראַקטער א גרויסן פעלער (אָדער טאָעס), נאָר — כיסאָרן; ניט „ער איז באַגאַנגען א כיסאָרן״, נאָר —... א פעלער; ניט „ער האָט אינעם כעזשבן געהאַט א פעלער (אָדער — כיסאָרן)״, נאָר — א טאָעס. דערעך — וועג. מע זאָגט „ער איז שוין אַף א דערעך״ (אין זין פון דער ריכטיקײַט פון יענעמס האַנדלונג און אויפירונג), אָבער — „דער וועג פון קיִעוו ביז מאָסקווע איז אינגאַנצן אַספאַלטירט״; „איך גיי אין א ווײַטן וועג״. און ס'איז ניט נאַטירלעך צו זאָגן: „דער דערעך איז אַספאַלטירט״ אָדער: „איך גיי אין ווײַטן דערעך״, אדג.

מיט אַנדערע ווערטער: מע דאַרף טראַכטן, אין וועלכן קאָנטעקסט פּאַסט דער העברעיִזם פון דער אָדער יענער קאַטעגאָריע און אין וועלכן — ניט.

בא אונדזערע הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער איז צו באמערקן א געוויסן דראַנג צום העברעיִשן

וואָרט און וואָרטבאַהעפט. דאָס האָט געשאַפן פאַר די שרײַבער ברייטערע מעגלעכקײַטן פאַר דער סטיליזאַציע פון דער פּערסאָנאַזשן־שפּראַך. זיי האָבן ביכלאַל באַקומען א רײַכערן אויסוואַל פון וואָרטשטאָף. אָפט איז די אָנגעזעטיקטקײַט מיט העברעיִזמען א צו גרויסע.

מיקאָלשקיין... קעמינהעג־האָרעץ... — אַזוי רעדט איינער א פאַרשוין אין י. יאַקירס דערציילונג „מעכוטאָנים גייען“, כאָטש פונעם קאָנטעקסט איז ניט צו זען, אַז דאַפקע אַזאַ לעקסיק פּאַסט פאַר אים. נאָר אויך די אָווטאָר־שפּראַך אין אָט דעם ווערק איז אָנגעשפּיקעוועט מיט העברעיִשע ווערטער און וואָרט־באַהעפטן, וואָס זײַנען פאַר דעם ברייטערן לייענער ניט־צוטריטלעך (באַכצויצרעס, שאָליעך־מעיוכעד, מאָמען און דאָמים אאַז״וו.). מיר מוזן אָבער האָבן אין זינען, אַז דאָס איז דער אָרגאַנישער נוסעך פון דעם דאָזיקן שרײַבער, א נוסעך, וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט אין פאַרלויף פון זײַן גאָרן שרײַבערישן וועג. ס׳וואָלט געווען ניט גאָר באַרעכטיקט, ווען די רעדאַקטור זאָל אופצווינגען אף אַזאַ שרײַבער דאַפקע אונדזער געוווינטן שפּראַך־סטיל. און ס׳איז גאָר ניט קעדײַ. ניט מער, אַזעלכע ניט־פאַרשטענדלעכע אויסדרוקן דאַרף מען פאַרטײַטשן.

אַוואַדע און אַוואַדע מוז מען זיך אַזוי באַציִען צו די טיף־לאָמדישע העברעיִזמען בא א נאָך עלטערן שרײַבער אונדזערן, יאַנקעוו שטערנבערג, וואָס האָט זיך אויסגעפאָרמירט אַלס שרײַבער פון א ברייטן דיִאַפּאַזאָן עטלעכע צענדליק יאָר ביז זײַן באַזעצן זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ווען אַזעלכע העברעיִזמען בא שטערנבערגן, ווי קוילעל זײַן, אַד קאַן, בימקוים, מעוואַטל, לעגאַמרע, יויצע־מין־האַקלאַל, עוווען־נעגעף, ווערן אַרויסגעבראַכט אפילע דורכן פּערסאָנאַזש צוליב רייד־קאָלאָריט, דאַרף מען זיי אומבאַדינגט פאַרטײַטשן אַף פּראָסטן מאַמעלאָשן אין א פּוסנאָטע. נאָר גלײַכער איז געבן נאָכן העברעיִשן אויסדרוק, ווי א מין פּאַראַלעליזם, דעם פּראָסטן ייִדישן אַדעקוואַט. אַזוי טוט, אַשטייגער, גאַנץ ריכטיק ש. גאָרדאָן. ווען ער ברענגט אַרויס אין די רייד פון זײַנעם א פּערסאָנאַזש דעם אויסדרוק „אין בית אשר אין שם מת“, שרײַבט ער גלײַך: „ניטאָ בא אונדז קיין שטוב...“ אאַז״וו.

בא ש. גאָרדאָנען איז עס אַן איינצל־פאַל. בא עלי שעכטמאַנען איז עס ברייט פאַרשפּרייט אין די רייד פון זײַנע פּערסאָנאַזשן — באַם אַלטן לאַמדן נאָסן לאַנדע, בא ייִצכאָקן. כ׳וועל ברענגען עטלעכע בײַשפּילן.

1) „ס׳איז טאַקע כוץ לעדערעך האַטעווע, מעשונע ווילד, ס׳איז טאַקע מוקשע — שווער צו פאַרשטיין. נאָר פאַרגעסט ניט, אַז זי איז א מאַר־נעפעש, א פאַרביטערטע נעשאָמע, זי האָט איבערגעטראָגן דאָרטן אינויִם־קאָשים, שווערע ליידן... יענער איז שוין א שויכן־אָפאָר, אַף דער עמעסער וועלט... אויב זי האָט זיך דערנסטמאָל פון אים ניט מיסבוידעד געווען, זיך פון אים ניט אָפּגעזונדערט... פּאַסאַך בעכאַד וועסיִעם בעכאָוויס — מ׳הייבט אָן פון א קריגל און מ׳פאַרענדיקט מיט א פּאַס...“ די דאָזיקע וואָרט־באַהעפטן, קאָנצענטרירט דערצו אין איין רעפּליק, שאַפן די סטיליזאַציע פון נאָסן לאַנדעס רייד־נוסעך.

2) אַנאַלאָגישעס, נאָר ווייניקער לאָמדישעס טרעפן מיר אין די רייד פון ייִצכאָק באָיאַר: א) „די באָיאַרס זײַנען טאַקע מוכסאָנים, ייִשוווניקעס, דאָרפסלײַט“... ב) ניט פאַרגעבן, ניט מויכל זײַן“... ג) „אין אַזאַ שווערער צײַט, אין אַזאַ אייס־צאָרע“...

3) אין דער אַווטאָר־שפּראַך ווערן די פּאַראַלעליזמען געוויינלעך געגעבן אין א פאַרקערטן סיידער (דאָס איז שוין איינגאַנצן צוליב וואָרט־וואַריִרונג, אויס שעכטמאַנס אומגעהייערער שפּראַך־שעפע) — פריִער גייט דער געוויינלעכער גערמאַניזם, דערנאָך — זײַן העברעיִשער סינאָנימישער (אָדער דובלעטישער) אַדעקוואַט: א) „מיט וואָס זאָל זי אים טרייסטן, מיט וואָס קאָן זי אים מענאַכעם זײַן“... ב) „וואָס ווייען מיט קריג און מאַכלויקעס“... ג) „צוליב דעם מיזיניק, צוליב דעם בען־זקונים“...

4) דאָס זעלבע — איבער שפּראַך־שעפע — בא איינעם פּערסאָנאַזשן: א) „מיט דער פאַרגאַנגענהײַט קאָנען מיר מער ניט לעבן... ניין, נאָר מיטן אָוואַר“ (דאַניִעל); ב) „זיי האָבן אַלע מיט צעפּלאַמטע נאַרישע, טיפּשעוואַטע פּענעמער געטרונקען שאַמפּאַניער“ (איווע).

און אָט איז גאָר א טשיקאַווע שפּיל מיט סינאָנימען־דובלעטן אין א דיִאַלאָג צווישן ייִצכאָקן און אַקיוון:
„— זיי זײַנען ווילדע אַקשאָנים, גרויסע אָפּטימיסטן. —
וו־וואָ־אָס, וואָ־וואָס זײַנען זיי? — גרויסע באַלביטאָכנס“.

די פאַראַנענקײַט פון פאַרשיידענע לעקסישע עלעמענטן פאַר איינעם און דעם זעלבן באַגריף העלפט דעם שרײַבער צו ווײַזן בולעט די שפּראַך־אייגנשאַפטן פון פאַרשיידענעם ניוואָ ייִדיש־ריידער: דער אַלטמאָדישער פּראָסטער ייִד ייִצכאָק פאַרשטייט ניט דעם אינטערנאַציִאָנאַליזם אָפּטימיסטן, וואָס שטייגערט אין דער שפּראַך פונעם אינטעליגענט אַקיווע, — קומט אַקיווע אָן צו אַן אַנדער אַדעקוואַט פון דעם דאָזיקן באַגריף, וואָס איז ייִצכאָקן פאַרשטענדלעך, — דעם העברעיִזם באַלביטאָכן.

אינטערנאַציִאָנאַליזמען

אינטערנאַציִאָנאַליזמען איז א גאַנץ היפּשער פּלאַסט אין הײַנטצײַטיקן ייִדיש. אינעם באַנוץ פון אינטערנאַציִאָנאַליזמען איז פאַראַן, פאַרשטייט זיך, א קאָלאָסאַלער כילעק צווישן בעלעטריסטיק און פּובליציסטיק. אין פּראַט פון ניצן אינטערנאַציִאָנאַליזמען דאַרפן מיר זיך האַלטן בא וו. אי. לענינס אָנווײַזונגען וועגן ניט אָנהויפּן זיי דאָרט, ווו ס׳גילט א וואָרט פון דער אייגענער שפּראַך. דאָס הייסט אָבער קלאָל ניט, אַז מע דאַרף קריכן פון דער הויט אומבאַדינגט צו געפינען פאַר יעדן נײַעם טעכנישן באַגריף אַן אײַנגעפונדעוועט ייִדיש וואָרט: באַם ראַשן וווּקס פון דער טעכניק, וואָס האָט א צווישנפעלקערלעכן פאַרנעם, קאָן דאָס גאָר ניט געמאָלט זײַן.

קיין אומנאָרמאַלקײַטן און פאַרקריפּלונגען אינעם ניצן אינטערנאַציִאָנאַליזמען האָב איך אין אונדזער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור ניט באַמערקט.

איך האָב דאָ געפּרוּווט געבן א בילד פון דעם, וויִאַזוי אונדזערע שרײַבער באַגייען זיך מיט פאַרשיידענע לעקסישע עלעמענטן פון ייִדיש, און אַרויסזאָגן איינִיקע האַשאָרעס וועגן די קריטעריען פון ניצן זיי: אַדעקוואַטקײַט צום באַגריף, אויסדריקלעכקײַט, עמאָציִאָנעלקײַט, סטיליסטישע אַנטשפּרעכונג אאַז״וו.

די שאַפונג פון אונדזערע הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבער איז א רײַכער קוואַל פון לעקסיק. קעדיי אופקלײַבן די דאָזיקע אויצרעס, וואָלט מען געדאַרפט אין אונדזער זשורנאַל אײַנפירן א שטענדיק ווינקעלע, ווּהין אונדזערע שרײַבער, אונדזערע קולטור־טוער און לייענער זאָלן צונויפטראָגן דאָס געפונענע פון אונדזער שעפעריש און קוועלנדיק ייִדיש לאָשן.

דער פּראָצעס פון זאַמלען און באַרײַכערן די שפּראַך דאַרף ווערן א פּערמאַנענטער.

כראָניק

פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

1929

זשורנאַל „פּראָלעטאַרישע פּאָן“, קיִעוו, נום. 15.

א גרויסער טייל פונעם נומער איז געווידמעט אווראָם רייזענס וויזיט קיין קיִעוו.

פונעם אינהאַלט פון זשורנאַל „די רויטע וועלט“:

נ ו מ. 1. ל. קוויטקאָ — **ליאם און פּעטריק** (צווייטער טייל); כאַיִם זילבערמאַן — **ייִשוּווניקעס** (סאָף אין נומ. 4); ש. עפּשטיין — **אווראָם רייזען** (צו זײַן קומען קיין ראַטנפאַרבאַנד); י. דאָברושין — **פּעפּער דער דיכטער: „פּעפּער איז פּראָסט אין טאָך זײַנעם, אפילו ניט טעמאַטיש, נאָר, אויב מע קאָן אַזוי זאָגן, — וועלט־אָנשוילעך... „וועגן זיך און אַזוינע, ווי איך“, — אין אָט דעם פּראָגראַמאַטישן... נאָמען, ליגט דער פּעפּער־רייץ, די פּעפּער־קראַפט און דער פּעפּער־זיג“.**

נ ו מ. 2—3. פּערעץ מאַרקיש — **די כאָכמע פונעם לאַנד** (פון א פּאָעמע); מ. אַלבערטאָן — **אָף די נאַכטיקע וואַכטעס** (סאָף אין נומ. 4); א. רייזען — **צווישן אַרבעטער; די דערלעבטע פרײַהײַט** (נאָוועלן); י. בראָנשטיין — **אין ברויזיקער רו** (וועגן א. קושניראָוון); י. ווינער — **וועגן ל. קוויטקאָס „רינג אין רינג“**; א. פינקל — **וויִאַזוי דאַרף מען איבערזעצן לידער.**

נ ו מ. 4. כאַיִם גילדין — **א כאַסענע.** א. גאָנטאַר — **אין וואַלד** (ליד); מ. אָלגין — **נאַציע, קלאַס, קולטור** (דאָס איז דער פּאָרטראָג, וואָס מ. אָלגין האָט געהאַלטן דעם 30 דעקאַבער 1928 אין ניו־יאָרק בײַם דער דיסקוסיע מיטן דר. זשיטלאָווסקי אָף דער דאָזיקער טעמע. מ. אָלגין איז איינער פון די אָנגעזעענסטע טוער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, רעדאַקטאָר פונעם ייִדישן קאָמוניסטישן כוידעש־זשורנאַל „דער האַמער“ און איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער טעגלעכער ייִדישער קאָמוניסטישער צײַטונג „פרײַהײַט“); מ. דאַניִעל — **די יונגע פּאַלאַנגע** (וועגן עליע גאָרדאָן, סיטאָ, דאָבין, עליע קאַהאַן, עליע שעכטמאַן, עמאַ קאַזאַקעוויטש): **„ס׳איז שטאַרק כאַראַקטעריסטיש דער וועג, מיט וועלכן אונדזערע יונגע פּראָזאַיִקער און דיכטער זײַנען געקומען אין דער ייִדישער נאָכאָקטיאַבערדיקער ליטעראַטור. דער וועג זייערער איז געלעגן ניט דורך ליטעראַרישע זאַמלביכער און צײַטשריפטן. שטיל און ניט באַמערקט האָבן זיי זיך אָנגעהויבן גרופּירן אַרום די קאָמיוגישע צײַטונגען און זשורנאַלן. דאָרט האָבן זיי די ערשטע ניט געוואַגטע טריט געשטעלט, דאָרט האָבן זיי דורכגעמאַכט די ערשטע געבורט־ווייען, און שוין שפּעטער האָבן זיי זיך גענומען באַווײַזן אָף די שפּאַלטן פון אונדזערע גראָבע זשורנאַלן („רויטע וועלט“, „שטערן“, „פּראָליט“) און צענטראַלע אָרגאַנען („עמעס“, „שטערן“, „אָקטיאַבער“)...**

אין א קורצער צײַט פורעמט זיך אויס א ליטעראַרישע גרופּע באַם „יונגן אַרבעטער“ אין מינסק, באַ דער „יונגער גוואַרדיע“ — אין כאַרקאָוו, באַם „יונגוואַלד“ — אין מאָסקווע און א ריי ליטעראַרישע גרופּעס אין דער פּראָווינץ.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צווישן די צענדליקער דיכטער און פּראָזאַיִקער, וואָס האָבן זיך פּלוצעם באַוויזן אָף די שפּאַלטן פון דער יוגנט־פּרעסע, איז דאָ א סאַך צופעליקע מענטשן, וועלכע דאַרפן און וועלן זייער יוגנט־ענערגיע פאַרברויכן אין אַנדערע געביטן.

ס׳איז געגאַנגען א גרויסער שטראָם, וואָס האָט אָף זײַנע כוואַליעס געטראָגן עמעסע דיכטער און פּראָזאַיִקער, געאַרעמט מיט גראַפאָמאַנען און ליטעראַרישע פּלאַפּלערס. באַ הײַנטיקן טאָג קאָן מען שוין ריידן וועגן א גרופּע יונגע דיכטער און פּראָזאַיִקער, וואָס וועלן אָן צווייפל אַרײַנגיין אין דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער און סאָוועטישער ליטעראַטור, בלײַבן ווי אירע שטענדיקע בויער און שעפער“.

נ ו מ. 5—6. ע. פינינבערג — **ערמיטאַזש** (פּאָעמע); פ. סיטאָ — **כניאָקינס טרוימען** (הומאָרעסקע); אָ. סטרעליץ — **אינעם האַרץ פון דאָנבאַס**; פּערעץ הירשביין — **אין די קרימער סטעפּעס** (מאָנאָלאָגן פון איבערוואַנדערער); שאַכנע עפּשטיין — **אָפן שיידוועג פון צוויי טקופעס** (עטאַפּן, פּראָבלעמען און פּערספּעקטיוון פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור) (סאָף אין נומ. 7); כ. דונעץ — **פּרעליודיעס פון סאָציִאַליסטישן אופבוי** (וועגן אי. כאַריקס פּאָעמע „מיט לײַב און לעבן“); י. בערסאָן — **א ווערק מיט א גרויסן פאַרנעם** (וועגן מאַרקישעס „ברידער“); א. וועוויאָרקע — **איבערזיכט פון די ייִדישע זשורנאַלן אין ראַטנפאַרבאַנד און אויסלאַנד** (סאָף אין נומ. 7); ה. קאַזאַקעוויטש — **וועגן ד. בערגעלסאָנס „מידאַס־האַדין“**; ד. איסאַקאָוויטש — **וועגן כאַנע לעווינס „צושטײַער“**; ס. רייף — **וועגן קיפּניסעס „מײַסעס און דערציילונגען“**; ש. באָראָוואָי — **וועגן קירזשניצעס „די ייִדישע פּרעסע אין ראַטנפאַרבאַנד (1917—1927)“.**

נ ו מ. 7. ה. לייוויק — **א בריוו פון אַמעריקע צו מײַן ווײַטן פרײַנט** (פּאָעמע); דער ניסטער — **אונטער א פּלויט**

פאָרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נום. 11 און 12 פון 1966 און 4 און 5 פון הײַנטיקס יאָר.

(רעוויו); י. גאָלדמאַן — אָפּשייד (לידער). וועגן דעם זעלבסטמאָרד פון מינסקער דיכטער י. גאָלדמאַן און זײַנע לידער.

נומ. 8. פערעץ מארקיש — ניט געדיײַגעט (פּאָעמע, צווייטער טייל); עליע שעכטמאַן — פארן זוניקן טאָג; כאנע לעווין — קרימער מאָטיוון (לידער); י. נוסינאָוו — פון נאציאָנאלן טרויער צו סאָציאַלן מוט (וועגן פערעץ מארקישעס „דאָר־אויס, דאָר־אײַן"); א. וועוויאָרקע — שאָמער און שאָמעריזם (פון א גרעסערער ארבעט); ש. עפשטיין — קוויטקאָס „ריאַגראַנדער פעל".

נומ. 9. מ. אלבערטאָן — אין קוילן־גרוב (סאָף אין נומ. 10); ל. קוויטקאָ — דער געפּרוּווטער (פּאָעמע); א. קאהאַן — דער ווילנער גאָען האָט געזען (נאָוועלע); שאכנע עפשטיין — אָשער שווארצמאַן (מאָנאָגראַפיע צו זײַן 10־טן יאָרצײַט); א. וועוויאָרקע — „פּראָסטע רייד", ליטעראַרישע מידעס אינעם לאַנד „ייִדיש"; א. דאמעסעק — „פּאַלעקס אונטערגאַנג" פון מ. ווינער.

נומ. 10. מ. שטורמאַן — דאָס געזאַנג פון סאָוועטישער היים (פון א פּאָעמע); א. וועוויאָרקע — שאָמער און שאָלעם־אַלייכעם; כ. דונעץ — מ. דאניעלס „אין א צײַט אזא"; אי. מאקאָגאָן — ש. האלקינס „ווי און מוט"; א וואָרט פון רעדאקציע (וועגן קוויטקאָס שארזשן און אנד. איניאָנים).

נומ. 11—12. מ. דאניעל — יוליס שימעליעוויטש (דערציילונג); נ. אויסלענדער — מייטע פּאַק (דערצ.); ל. זינגער — דער ייִדישער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט אין פססר; א. דאמעסעק — דאָוויד בערגעלסאָן, דער נײַער עטאַפּ אין זײַן שאַפן; א. פינטשוק — א. וועוויאָרקעס „נאפּטאָלע באָטווין"; ש. עפשטיין — א וואָרט פון רעדאקציע.

עס איז דערשינען די בראָשור: „די ייִדישע קינסטלערישע ליטעראַטור און די פּאַרטיי־אָנפירונג", אונטער דער רעדאקציע פון שאכנע עפשטיין.

פון דער כראָניק פון זשורנאַל „שטערן", מינסק.

נומ. 2. אין כארקאָוו האָט זיך געעפנט אן אויסשטעלונג — די ייִדישע פּרעסע אין ראטנפארבאנד. דעם 21 יאנוואר איז אין כארקאָוו פאָרגעקומען א זיצונג פון דער אָרטאָגראפישער קאָמיסיע, וועלכע איז אויסגעוויילט געוואָרן אפן צווייטן אלפארבאנדישן קולטור־צוזאמענפאָר. אין דער זיצונג האָבן אָנטיילגענומען די ככ' ליטוואקאָוו (פאָרזיצער), זארעצקי (סעקרעטאר), שטיף, פארבער, לעוויטאַן און וויינגער.

די קאטעדרע פון ייִדישער ליטעראַטור בא דער אוקראַינישער וויסנשאפט־אקאדעמיע אין קיעוו האָט באשלאָסן צוגרייטן צום דרוק א פולע אויסגאבע פון אקסענפעלדס געזאמלטע ווערק; עס איז דערשינען דער ערשטער נומער „שריפטן" (פון דער ליטעראַרישער און פילאָלאָגישער סעקציע פון דער קאטעדרע). מיט א ריי ארבעטן וועגן ייִדישער ליטעראַטור, פאָלקלאָר און שפּראַך טרעטן אין אים ארויס נ. אויסלענדער, מ. ווינער, א. זארעצקי, נ. שטיף, א. גורשטיין, י. נוסינאָוו, מ. וויינגער. אינעם נומער גייען ארײַן פובליקאציעס פון מענדעלעס בריוו, ארטיקלען פון י. קוויטני, ש. ביילין, א. יודיצקי און י. רימיניק.

אין ווײַסרוסלאַנד האָט זיך אָרגאניזירט א ייִדישער מעלוכישער וואנדער־טעאטער, וועלכער וועט באדינען די שטעטלעך און ארבעטער־קלובן אין די שטעט. דער טעאטער וועט ארבעטן ווי א סטודיע באם ייִדישן מעלוכעטעאטער פון ווײַסרוסלאַנד. הויפּט־אָנפירער פון וואנדער־טעאטער — דער קינסטלערישער לייטער פון בעלגאָסעט ראפאלסקי, דירעקטאָר — רעזשיסער ליטווינאָוו. דער רעפּערטואר באשטייט פון וועוויאָרקעס פּיעסן „באָטווין" (רעזשי — אײַזנבערג), „137 קינדער־הײַזער" (רעזשי — גאָלאָוושינער), שאָלעם־אַלייכעמס „בערדיטשעווער טראַמוויי" און „מענטשן" (רעזשי — נאָרד), נ. גאָרדאָנס „צעבראָכענע צאמען" (רעזשי — ליטווינאָוו) און פון א ליטעראַריש־מוזיקאלישן אָוונט.

דער ייִדישער מעלוכע־טעאטער פון אוקראַינע גרייט איצט קושניראָווס פּיעסע „הירש לעקערט". רעזשיסער — נאָרוויד, מוזיק — מילנער. דער בעלגאָסעט האָט אופגעפירט דעם 19 יאנוואר אין וויטעבסקער מעלוכע־טעאטער די פּיעסע „האָפליא".

די שרײַבער ד. האָפשטיין און י. מאריאנאָוו האָבן פארענדיקט א פּיעסע פונעם הײַנטצײַטיקן ייִדישן לעבן אונטערן נאָמען „די מישפּאָכע קאפּניק".

אין קיעוו איז דערשינען א „ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע פון דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור", צונויפגעשטעלט פון נ. שטיף. זי איז באזאָרגט מיט אן אַלגעמיינעם ארײַנפיר און ביבליאָגראפישע באמערקונגען צו יעדן שרײַבער. אין דער כרעסטאָמאטיע גייען ארײַן די שרײַבער ייִצכאָק־בער לעווינזאָן, דר. שלוימע עטינגער, ייִסראָעל אקסענפעלד, אײַזיק־מייער דיק, אווראָם־בער גאָטלאָבער, מיכל גאָרדאָן, שמועל בערנשטיין, יעהודע־לייב גאָרדאָן, י. וו. ש. (אומבאוווּסטער אווטאָר), בערל בראָדער (מארגוליס), וואָלף ערנקראַנץ (וועלוול זבארזשער), ייִצכאָק־יויעל לינעצקי, אווראָם גאָלדפאדן.

נומ. 3. א מאטראָס פון סאָוועטישן שווארציאמישן פלאָט האָט, געפינענדיק זיך אין יאפע, זיך דערוווּסט, אז בא איינעם א יאפער ייִדן ווערט געהיט א פּעקל שאָלעם־אַלייכעמס בריוו. דער מאטראָס האָט באצאָלט דעם ייִדן די געפאָדערטע סומע און די בריוו געבראַכט קיין אָדעס און איבערגעגעבן זיי דער רעדאקציע פון אָדעסער „איזוועסטיא"...

די בריוו זײַנען פובליקירט געוואָרן דעם זעלבן יאָר אין די וויסנשאפטלעכע יאָרביכער I, אויסגאבע פון דער אַלרוסלענדישער וויסנשאפטלעכער געזעלשאפט צו שטודירן די ייִדישע שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע, אָפּטייל פאר ייִדישער שפּראַך און קולטור באם פּעדאגאָגישן פאקולטעט פונעם צווייטן מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט (ז. 164—213). זיי זײַנען באגלייט געוואָרן מיט אן ארײַנפיר פון י. נוסינאָוו און באמערקונגען פון ש. נעפּאָמניאשטשי. שאָלעם־אַלייכעמס בריוו זײַנען אדרעסירט דער רעדאקציע פון דער צײַטונג „דער פרײַנד" (פּעטערבורג — ווארשע). י. נוסינאָווס ארײַנפיר הייסט: „א בלעטל שאָלעם־אַלייכעם און א קאפּיטל פּייטערבארגער ליטעראַרישער האנדל".

זונטיק, דעם 10 מארט, איז אין לענין־קלוב פאָרגעקומען די פײַערלעכע דערעפענונג פון דער ייִדישער מעלוכישער כאָר־סטודיע אין ווײַסרוסלאַנד.

דעם 10 מארט איז פאָרגעקומען דער ערשטער פּלענום פון „בעלאפּפּ" (ווײַסרוסישע אסאָציאַציע פון פּראָלעטארישע שרײַבער). אין טאָג־אָרדענונג — באריכט וועגן

דעם צושטאַנד פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד. פאָרטרעגער — ב. אָרשאַנסקי.

נ ײַ ע ב י כ ע ר: אין ווײַסרוסישן מעלוכע־פאַרלאַג איז דערשינען א זאַמלונג לידער און דערציילונגען פון אוורָאָם רייזען; דער פאַרלאַג „קינסטלערישע ליטעראַטור פאַר די פעלקער פון פססר" האָט ארויסגעגעבן ש. פערסאָווס „קאָרן־ברויט" (פאָרוואָרט פון י. בראָנשטיין) און ש. גאָדינערס „דער מענטש מיטן ביקס".

אין ווײַסרוסישן מעלוכע־פאַרלאַג דערשײַנט א באַנד געקליבענע לידער און פאָעמעס פונעם דיכטער מ. קולבאַק.

דער „צענטערפאַרלאַג" גיט ארויס ש. האַלקינס א בוך לידער און פאָעמעס „וויי און מוט" און מ. כאַשטשעוואַצקיס א בוך לידער און פאָעמעס אונטערן נאָמען „היים". די מיטגלידער פון דער ייִדסעקציע בא דער ווײַסרוסלענדישער אסאָציִאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער (בעלאַפּפּ) האָבן אף אן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אָנגענומען א באַשלוס וועגן דער נויטווענדיקײַט צו צונויפרופן אין די נאָענטסטע כאָדאָשים אן אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער פון פססר.

עס האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען די ביבליִאָטעק „ייִדישע שרײַבער". עס זײַנען שוין ארויס פון דרוק „הירש לעקערט" פון קושניראָוו און „מידאַס־האַדין" פון בערגעלסאָן.

אוקרווּיסנשאַפט באַם פאָלקאָמבילד פון אוקראַיִנע האָט אײַנגעשטעלט א יערלעכע 1000־רובלדיקע פּרעמיע פאַרן בעסטן קינסטלערישן אָדער וויסנשאַפטלעכן ווערק אין ייִדיש.

צ. דאָלגאָפּאָלסקי האָט פאַרענדיקט א דראַמע אין 4 אַקטן אונטערן נאָמען „לײַטערונג". די פּיעסע שילדערט דאָס פאַבריק־לעבן.

פון דער כראָניק פון זשורנאַל „פּראָליט" (ליטעראַריש־קינסטלערישער, קריטיש־ביבליִאָגראַפישער כוידעש־זשורנאַל פון דער אַלוקראַיִנישער אסאָציִאַציע פּראָלעטאַרישע שרײַבער), כאַרקאָוו:

נ ו מ. 1. דעם 20 און 21 יאַנוואַר איז אין כאַרקאָוו פאָרגעקומען די ערשטע סעסיע פונעם רעדאַקציע־ראַט פון דער ביבליִאָטעק „ייִדישע שרײַבער". דער ראַט באַשטייט פון פאָלגנדיקע כאַווערים: מ. ליטוואַקאָוו, י. נוסינאָוו, מ. לעוויטאַן, ה. קאַזאַקעוויטש, ד. פעלדמאַן, ל. מישקאָווסקי, ב. אָרשאַנסקי, ד. האָפשטיין, איציק פעפער, נ. אויסלענדער, ע. פינינבערג, שאַכנע עפשטיין, ע. פאַלקאָוויטש, ש. דאָבין און לעכט.

דער ראַט האָט אָנגעמערקט א רעדאַקציע־קאָלעגיע אין באַשטאַנד פון זיבן כאַווערים: ל. מישקאָווסקי, מ. לעוויטאַן, ש. עפשטיין (כאַרקאָוו), מ. ליטוואַקאָוו, י. נוסינאָוו (מאָסקווע), ב. אָרשאַנסקי (מינסק) און דער רעדאַקטאָר פון פאַרלאַג „קולטור־ליגע". אַלס פאָרזיצער פון ראַט איז אויסגעקליבן שאַכנע עפשטיין.

דער ראַט האָט באַשלאָסן זיך ווענדן אין „געזקולט" וועגן קאָאָפּטירן דעם כ׳ ווינער (קיִעוו) און איין שרײַבער — לויט דער אָנווײַזונג פון דער ייִדסעקציע מאַפּפּ (מאָסקווע).

מיר ברענגען די רעשימע ביכער, וועלכע וועלן דערשײַנען אין מעשעך פון 1929:

י אַ נ וו אַ ר. אויסער א. קושניראָווס „הירש לעקערט" און ד. בערגעלסאָנס „מידאַס־האַדין" וועלן דערשײַנען אויך שאָלעם־אַלייכעמס „סענדער בלאַנק" און „סטעמפעניו".

פ ע וו ר אַ ל. מאַרקיש — **ברידער**; אבטשוק — **דערציילונגען**; אָפּאַטאָשו — **1863**.

מ אַ ר ט. רייזען — **א זאַמלונג נאָוועלן**; רעזניק — **געקליבענע לידער**; מענדעלע — **פישקע דער קרומער**.

א פּ ר ע ל. דער ניסטער — **געקליבענע ווערק**; אָרלאַנד — **הרעבליעס**; פּערעץ — **ערשטער באַנד**.

מ ײַ. עדעלשטאַט, ווינטשעווסקי, באָווּשאָווער — **געקליבענע לידער**; יודל יאָפע — **א נײַער ראָמאַן**; ווײַסענבערג — **געקליבענע ווערק**.

י ו נ י. גאָדינער — **מאָסקווע אין דרויסן און אַנדערע**; האַלקין — **געקליבענע לידער**; נוסינאָוו — **א באַנד קריטיק**; פינסקי — **געקליבענע נאָוועלן**.

י ו ל י. נויעך לוריע — **דערציילונגען**; דינעזאָן — **יאָסעלע**; לייוויק — **דראַמען**.

א וו ג ו ס ט. אלבערטאָן — **פיאָדער זובקאָוו**; קוויטקאָ — **יוינגע לייעס**; שאָלעם־אַלייכעם — **נאָוועלן**.

ס ע נ ט י אַ ב ע ר. בערגעלסאָן — **אף ביידע זײַטן** (**ראָמאַן**); ליטוואַקאָוו — **א באַנד קריטיק**; קאַברין, ליבין — **געקליבענע דערציילונגען**.

אָ ק ט י אַ ב ע ר. וואָלקענשטיין — **ראָמאַן „בלוט"**; ראַבאָי — **דערציילונגען**; לינעצקי — **דאָס פּוילישע ייִנגל**.

נ אָ י אַ ב ע ר. קיפּניס — **אפן וויהאָן**; אויזער וואַרשאַווסקי — **שמוגליאַרעס**; מענדעלע — **די קליאַטשע**.

ד ע ק אַ ב ע ר. אָפּאַטאָשו — **פּוילישע וועלדער**; גילדין — **ראָמאַן**; **אַנטאָלאָגיע פון ייִדישער פּאָעזיע, ערשטער באַנד**.

דעם 7 יאַנוואַר איז קיין כאַרקאָוו געקומען דער דיכטער אוורָאָם רייזען. אף מאָרגן נאָך זײַן קומען איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן לעקאָוועד אים א גרויסער פײַערלעכער אָוונט. צווישן אַנדערע איז ארויסגעטראָטן דער פאָלקסקאָמיסאַר פאַר בילדונגס־איניאָנים אין אוקראַיִנע כ׳ סקריפּניק. א. רייזען האָט באַזוכט א ריי כאַרקאָווער פאַבריקן און זאַוואָדן און קולטור־אַנשטאַלטן, דורך ראַדיִאָ איז איבערגעגעבן געוואָרן אייניקע רייזענס פּאָפּולערע לידער אין דער אויספירונג פון כאַרקאָווער געזקולט־קוואַרטעט. דעם 5 פעוורואַל איז רייזען אָפּגעפאָרן קיין דניעפּראָפּעטראָווסק.

דער דיכטער איציק פעפער האָט זיך די טעג אומגעקערט פון אויסלאַנד, ווו ער האָט צוזאַמען מיטן אוקראַיִנישן דיכטער טערעשטשענקאָ פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן. אין בערלין איז דער כ׳ פעפער ארויסגעטראָטן מיט גרויס דערפאָלג פאַר די ברייטע ייִדישע אַרבעטער־מאַסן. די ייִדישע אַרבעטער האָבן דאָס ערשטע מאָל געזען און געהערט א סאָוועטישן ייִדישן שרײַבער פון ראַטנפאַרבאַנד.

נ ו מ. 11—12. י. בראָנשטיין — **דער סטילן־קאַמף** אינעם פּעריִאָד פון מיליטערישן קאָמוניזם (סאָף אין נומ. 2 פון 1930); מ. מיזשיריצקי — **קאַסרילעווקעס לעצטער ארויספאָר** (וועגן „ביראָבידזשאַן" פון מ. אַלבערטאָן); א. האַלדעס — **א קרעפּטיקער אָנהייב** (וועגן אָרלאַנדס „הרעבליעס"); א. דאַמעסעק — **מוישע קולבאַק — „לידער און פּאָעמען"**, ווײַסרוסישער מעלוכע־פאַרלאַג, מינסק, 1929; **רעזאָליוציע וועגן דעם צושטאַנד און די פּערספּעקטיוון פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטע־**

ראַטור (לויט ליטוואַקאָווס פאַרטראַג); וווספּפ־אָוונטן אין קיִעוו (אבטשוק־אָוונט, גילדין־אָוונט).

א שוואַרצמאַן־אָוונט, געווידמעט זיַין צענטן יאָרציַיט, איז פאָרגעקומען אין קיִעווער קולטור־הויז. מיט פאַרטראָגן זיַינען ארויסגעטראָטן די ככ׳ אויסלענדער, זשוקאָווסקי און האָפשטיין.

נ ײַ ע ב י כ ע ר: א. וועלעדניצקי — אופקום (לידער); מ. שאפיראָ — לידער. פארלאג „קולטור־ליגע“.

עס איז דערשינען א „לעקסיקאָן פון פּאָליטישע און פרעמדווערטער“, צונויפגעשטעלט פון ב. סלוצקי. רעד. י. ליבערבערג — ה. קאַזאַקעוויטש, א פאָרוואָרט פון י. ליבערבערג. פארלאג „קולטור־ליגע“, קיִעוו.

1930

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „די רויטע וועלט“:

נ ו מ. 1—2. מ. דאניִעל — יוליס שימעליעוויטש (דער צווייטער טאָג); ב. אָלעווסקי — מאָסקווער מאָטיוון (לידער); פּ. סיטאָ — אין קלויסטער־הויף; י. בוכבינדער — אטאמאן באָזשענקאָ (לירישע פּאָעמע).

ש. פּאלאטניק — לענין וועגן דער קולטור־פּראָבלעם (סאָף אין נומ. 3); וו. קאָריאַק — די גרינדער פון דער אוקראַיִנישער פּראָלעטארישער ליטעראטור. עפּיגראַף פון פּריטשעס בוך „פּראָלעטארישע פּאָעזיע“ (אין וועלכן עס איז דאָ, אגעוו, א קאפּיטל וועגן מאָריס ראָזענפעלדן): „אף אָט די זיַיטלעך רעדט זיך וועגן פּאָעטן־אינטעליגענטן, וועגן פּאָעטן, וואָס זיַינען געקומען צום פּראָלעטאריאַט פון דער בורזשואזיע (גרויסער און קליינער). דאָס האָבן מיר געטאָן בלויז צוליב דעם, קעדיי צו באוויַיזן, אז אונטער דער ווירקונג פון דער וואקסנדיקער סאָציִאַליסטישער ארבעטער־באוועגונג האָבן אונטער איר פאָן זיך געשטעלט זייער גרויסע טאלאנטן. געטראָפן האָט זיך עס בלויז אין די פאלן, ווען די דאָזיקע עמעסע פּאָעטן פון ניט־פּראָלעטארישן אָפּשטאם זיַינען טאקע אין א גרויסער מאָס געווען דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פון פּראָלעטארישן קאמף“; יויסעף בערסאָן — אונטערן צייכן פון אופבוי (וועגן ה. אָרלאנדס „הרעבליעס“); א. ל. פינקעל — איציק פעפער (זיַין טעמאטיק, קאָמפּאָזיציע און סטיל); ש. ניעפּאָמניאשטשי — נײַע מאטעריאלן וועגן שאָלעם־אלייכעמען (1908—1909); א.פּ.ל. — ש. גאָדינערס „פיגורן אפן ראנד“. דערציילונגען, קולטור־ליגע, 1929 (ביבליִאָטעק „יִידישע שרײַבער“); אלפין — ד. האָפשטיינס „פון אלע מיַינע וועלטן“, דריטע זאמלונג, מעלוכע־פארלאג פון אוקראַיִנע, 1929; מ. קיפער — א רעצענזיע אף א רעצענזיע (וועגן מאצס רעצענזיע אף קיפערס בראָשור „דאָס יִידישע שטעטל אין אוקראַיִנע“); „די רויטע וועלט“ אין 1930.

נ ו מ. 3. ע. פינינבערג — אין אבכאזיע (פּאָעמע); ה. אָרלאנד — גרעבערס (עפּיזאָדן פון א פּיעסע); ע. גאָרדאָן — אין א צווייטער הויט (דערציילונג); ש. עפּשטיין — די יִידישע פּראָלעטארישע ליטעראטור און די פּראָלעטארישע שרײַבער־אָרגאניזאציעס (צו דער אלפארבאנדישער באראטונג פון די יִידישע פּראָלעטארישע שרײַבער); ב. אָרשאנסקי — יודל יאָפּעס עוואָליוציע; ש. אגורסקי — יויסעף באָוושאָווער און זיַין ציַיט; א. האָלדעס — ש. ראָסינס בוך „צו אלע אונדז“; אלעף — מ. כאשטשעוואצקיס „אין שווערן גאנג“; א. פינקעל — ד. וואָלקענשטיינס „רוי־געשריי“. דער טיראזש פון דער „רויטער וועלט“, דער וווּקס פון דער אָרטיקער יִידישער קאָמפּרעסע, יִידישע שרײַבער־בריגאדעס.

נ ו מ. 4. כ. גילדין — נײַע ערד (פּאָעמע); מ. ברייטער — אין ווייצנלאנד; כ. דושאצקי — דאָס אלטע דאָרף מײַנס (לידער); א. האָלדעס — יִידישע ערד־איַינאָרדענונג אין דער יִידישער סאָוועטישער ליטעראטור.

אין מײַ פײַערן זייערע פינפיאָריקע יוביליייען דער כארקאָווער טעגלעכער „שטערן“ און דער מינסקער כוידעש־זשורנאל „שטערן“. ביידע יוביליייען זיַינען וויכטיקע דאטעס אין דער אנטוויקלונג פון דער יִידישער קאָמוניסטישער פּרעסע און פון דער יִידישער סאָוועטישער ליטעראטור.

נ ו מ. 5. איציק פעפער — גרוזיע (פּאָעמע) (פאָרזעצונג אין די נומערן 5, 6, 7—8); ב. אָרשאנסקי — די ערשטע ריטשקעלעך. קאפּיטלען פונעם ראָמאן „שטורעמווינטן“ (וועגן דער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג אין 1905 יאָר); נויעך לוריע — 68-a; י. נוסינאָוו — ווּהין גייט אונדזער ליטעראטור?; א. זארעצקי — זשורנאל „די יִידישע שפּראך“; א. פינקעל — נויעך לוריעס „בריקן ברענען“.

נ ו מ. 6. ה. מיַיזל — וואלד־מעשאָרעס; בלומע ראפּאָפּאָרט — פון ערגעץ־ווּ אנטקעגן (ליד); צ. דאָלגאָפּאָלסקי — שפּעט; מ. קיפער — א וואָרט צו דער אָרדענונג (וועגן דער ליטערארישער דיסקוסיע); פּ. שאמעס — דער ווילקלאנג אין דאָוויד האָפשטיינס ליד; א. מאקאָגאָן — „אין באהעפטונג“ פון כ. וויַינערמאן; א. האָלדעס — פּ. סיטאָס „קינדערהויז נומ. 40“.

נ ו מ. 7—8. ד. האָפשטיין — אין ליכטיקן וואנדער (פּאָעמע; פאָרזעצונג אין נומ. 9, 11—12); ש. פערסאָוו — קאָנטראקטאציע (ראָמאן; פאָרזעצונג אין די נומערן 9, 10, 11—12); מ. דאניִעל — שטיינערנער באָדן; י. נוסינאָוו — פּראָבלעמען פון מארקסיסטישער ליטעראטורקענטעניש (סאָף אין נומ. 11—12); ה. קאזאקעוויטש — דער סעזאָן פון 1929—1930 אין אלוקראַיִנישן יִידישן מעלוכע־טעאטער; ב. בלאנק און מ. פראדקין — דער קינסטלער ב. קראטקא; אלפין — א. קאהאנס „בראָכשטיקער“; א.פּ.ל. — ב. ערקעסעס בוך „פיַינט“.

נ ו מ. 9. ל. קוויטקאָ — טורקסיב (לידער; פאָרזעצונג אין די נומ. 10, 11—12); ש. דאָנגאר — עלקא גילגל (סאָף אין נומ. 10); י. דאָברושין — מיטן אייגענעם גאנג (וועגן מ. כאשטשעוואצקיס לידער); מ. כאשטשעוואצקי — פאר פּרינציפּיעלער קאָנסאָלידאציע (אן ענטפער דעם כ׳ נוסינאָוו); א. מאקאָגאָן — „יוליס“ פון מ. דאניִעל; א. האָלדעס — מ. אראָנסקיס „נינע און מאיאָרטשיק“; ס. זשוקאָווסקי — ע. שעכטמאנס „אפן שיידוועג“.

נ ו מ. 10. איציק פעפער — א לויבגעזאנג דעם כיריק (לידער); כ. טאבאטשניקאָוו — מ׳פּאָרט אפן פראָנט; א. גורשטיין — די פּראָבלעם פון פּראָלעטארישער ליטעראטור; ב. אָרשאנסקי — די יִידישע פּראָזע אין וויַיסרוסלאנד נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע; א. ר. צווייג — וועגן ראבינס „שוועסטערקינדער“; א. האָלדעס — וועגן טאלאלאיעווסקיס „גאסן און געסעלעך“.

נ ו מ. 11—12. א. קאהאן — פון גוסטע פאלאנטס ביִאָגראפיע (א קאפּיטל פון א ראָמאן); א. האָלדעס — צו א העכערן עטאפּ (וועגן אי. פעפערס „געוועטן“); א. קירי־

לענקאָ — **אונטערן צייכן פון קאמפס־אייניקייט (סאכאקלען פון דער צווייטער צווישנפעלקערלעכער קאָנפערענץ פון רעוואָליוציאָנערע פּראָלעטארישע שרײַבער וועגן דער יידישער ליטעראטור)**; מ. הארט — **ש. דריזס „ליכטיקע וואָר“; „די רויטע וועלט“ פאר 1930.**

אין כארקאָוו איז ארויס אן אנטאָלאָגיע פון אוקראַיִנישער פּראָזע (נאָכאָקטיאבערישע ליטעראטור, 1921—1928), צונויפגעשטעלט און איבערגעזעצט — ד. פעלדמאן, ל. קוויטקאָ, מ־פ פון אוקראַיִנע, כארקאָוו 1930, מיט „עטלעכע ווערטער“ פון די צונויפשטעלער און איבערזעצער.

אין דער אנטאָלאָגיע זײַנען פאָרגעשטעלט: אנטאָנענקאָ־דאווידאָוויטש, אָלעס דאָסוויטני, איוואן דניפּראָווסקי, אנדריי האָלאָוואָ, אָסטאפּ ווישניא, וואסיל ווראזשליווי, יורי יאנאָווסקי, מיכײַלאָ איווטשענקאָ, מיקאָלא כווילאָווי, איוואן מיקיטענקאָ, אָלעקסי סליסארענקאָ, איוואן סענטשענקאָ, גריגאָרי עפּיק, וואלעריאן פּידמאָגילני, סערגיי פּיליפּענקאָ, פּעטראָ פּאנטש, אלעקסאנדער קאָפּילענקאָ, גאָרדיי קאָציובא, מיכײַלאָ מײַסקי, איוואן לע.

„צונויפשטעלנדיק די זאמלונג, האָבן מיר בעקיוון — אין די אינטערעסן פונעם לייענער צו באקומען פארענדיקטע זאכן — גענומען קלענערע דערציילונגען און נאָוועלן, כאָטש דער גרעסטער טייל שרײַבער, וואָס זײַנען דאָ פאָרגעשטעלט, האָבן אויך ראָמאנען און גרעסערע ווערק...“

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „פּראָליט“:

נ ו מ. 1. כ. נאדעל — **ביבליאָגראפישע רעשימע פון דער קינסטלערישער ליטעראטור פון יונגע יידישע סאָוועטישע שרײַבער, וואָס איז געווען געדרוקט פאר די לעצטע 5 יאָר (סאָף אין נומ. 2).**

נ ו מ. 2. א. דאמעסעק — **כאנע לעווינס בוך „צושטײַער“. מעלוכע־פארלאג פון אוקראַיִנע, 1929**; א היימישער — **ב. אָרשאנסקיס „בלוט“ (פּיעסע אין 4 אקטן).**

אין קיִעוו איז אָרגאניזירט א יידישע אָפּטיילונג פון דער אלוקראַיִנישער ליטקאָנסולטאציע באם וווספּפּ. אין איר גייען ארײַן: א. אבטשוק, ע. פינינבערג און מ. מיזשיריצקי; דעם 26 יאנוואר איז אין קיִעוו פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון פּראָלעטארישע שרײַבער־אָנפאנגער.

נ ו מ. 3—4. צו דער אלפארבאנדישער באראטונג. איציק פעפער — **די ליטעראַרישע סיטואציע און אונדזערע אופגאבן**; ש. שקאראָווסקי — **די אופגאבן פון דער קריטיק**; י. ראבין — **צו דער באראטונג**; ב. אָרשאנסקי — **מאסן־ארבעט פון די ליטעראַרישע אָרגאניזאציעס**; מ. כאשטשעוואצקי — **פון מײַן בלאָקנאָט**; מ. שטורמאן — **פאר נײַע שרײַבער־קאדרען**; ש. הירש — **וועגן יודל יאָפע (צום באהאנדלען)**; מ. מיזשיריצקי — **אן ענטפער כ׳ גורשטיינען (וועגן גורשטיינס ארטיקל אין מאָסקווער „וויסנשאפטלעכע יאָרביכער“ נומ. 1 „א נײַער ווענדפּונקט אין דער מענדעלע־פאָרשונג“, ווו עס ווערן קריטיקירט מ. מיזשיריצקיס צוויי ארבעטן וועגן מענדעלען)**; א. האָלדעס — **וועגן א. וועלעדניצקיס „אָנקום“ (לידער־זאמלונג)**; ש.ש. — **וועגן א. וועוויאָרקעס דראמע אין פיר אקטן „נאפּטאָלע באָטווין“.**

ליטעראַרישע באגעגענישן

דעם 10—15 פעברואר האָבן אין קיִעוו געווײַלט די מאָסקווער יידישע שרײַבער די ככ׳ בראָנשטיין, י. ראבין, ב. אָלעווסקי און יאשע זעלדין. די מאָסקווער כאוויירים האָבן אין קיִעוו דורכגעפירט א ריי גרויסע ליטעראַרישע אָוונטן.

אין דער יידסעקציע בעלאפּפּ איז די טעג פאָרגעקומען אן אלגעמיינע פארזאמלונג, אף וועלכער עס איז באהאנדלט געוואָרן דער ארבעט־פּלאן פון דער סעקציע. דער כ׳ ראָסין — סעקרעטאר פון דער יידסעקציע בעלאפּפּ האָט באקאנט די מיטגלידער מיטן קאלענדאר־פּלאן, וועלכער איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן... בא דער יידסעקציע בעלאפּפּ אָרגאניזירט זיך א מארקסיסטישער קרײַז אונטערן אָנפיר פון כ׳ וואָלאָברינסקי און א סעמינאר פאר ליטשאפונג און ליטטעאָריע, מיט וועלכער ס׳וועלן אָנפירן די ככ׳ דונעץ און כאריק. צו דער ארבעט זײַנען אויך צוגעצויגן געוואָרן א ריי פּראָפעסאָרן.

אין דער קיִעווער יידסעקציע וווספּפּ: א באריכט וועגן צושטאנד אין דער קאפּעלע פון יידוואָקאנס, אָנפירער י. שיינין. געגרינדעט א קאָמיסיע אף מיטהעלפן דעם יידוואָקאנס (ככ׳ פינינבערג, פּיאטיגאָרסקי און מ. שאפּיראָ).

נײַע ביכער: אין אוקראַיִנישן מעלוכע־פארלאג זײַנען דערשינען: מ. אראָנסקי — נינא און מאיאָרטשיק; ש. עפּשטיין — אָשער שווארצמאן.

נ ו מ. 6. מ. ראוויטש־טשערקאסקי — **די יידישע ליטעראטור אין רוסיש**; ס.זש. — **פײַוול סיטאָס „קינדערהויז נומ. 40“, צענטערפארלאג.** פּאראָדיעס **(צונויפגעשטעלט פון קאפּסי).**

נ ו מ. 7. א. אבטשוק — **אָפּאָרטוניסטישער פּלאָנטער (וועגן י. נוסינאָווס ארטיקל אין „רויטע וועלט“ נומ. 5 — „וווהין גייט אונדזער ליטעראטור“)**; ס. זשוקאָווסקי — **נאָכאמאָל וועגן „הרעבליעס“**; ב. אָרשאנסקי — **יאשע גאָלדמאן (צום ערשטן יאָרצײַט).**

נ ו מ. 12. איוואן מיקיטענקאָ — **סאכאקלען פון דער אלוועלטלעכער קאָנפערענץ פון פּראָלעטארישער ליטעראטור (פאָרגעקומען פון 6 ביזן 15 נאָיאבער 1930 אין כארקאָוו)**; ס. זשוקאָווסקי — **וועגן דאניעלס „יוליס“; פאר העגעמאָניע פון דער פּראָלעטארישער ליטעראטור (רעזאָליוציע פון דער קאָמפראקציע וווספּפּ); רעזאָליוציע וועגן דער יידישער ליטעראטור, אָנגענומען אף דער צווישנפעלקערלעכער קאָנפערענץ פון רעוואָליוציאָנערער ליטעראטור; דער פּריזיוו פון ארבעטער־שלאָגלער אין דער ליטעראטור. ארבעטער־שלאָגלער — אין די אָנפירנדיקע ליטעראַרישע אָרגאנען; 10־יאָריקער יובילײ פון מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאטער. צו פארצייכענען דעם 10־יאָריקן יובילײ פון טעאטער איז לויט דער איניציאַטיוו פונעם נאצמינדסעקטאָר פונעם אלפארבאנדישן קאָמיוג אויסגעטיילט געוואָרן א יובילײ־קאָמיטעט פון 84 מענטשן; וואָך פון סאָוועטישן ווײַסרוסלאנד אין מאָסקווע. אין דער ווײַסרוסישער דעלעגאציע גייען ארײַן אויך די שרײַבער כאריק, דונעץ און יודלסאָן. נײַע אויסגאבעס פונעם אינסטיטוט פאר יידישער פּראָלעטארישער קולטור בא דער אלוקראַיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע.**

פון יענער זײַט. פון „מאָרגן־פרײַהײַט“: ווינטשעווסקיס 75־יאָריקער יובילײ אין ניו־יאָרק; דעם „זיידנס אייניקלעך“ (דער אָנטייל פון די יידישע קינדער־שולן באם אינטערנאציאָנאלן ארבעטער־אָרדן...). ווינטשעווסקי אליין האָט אפן אָוונט ניט געקענט זײַן, צוליב זײַן שווערן געזונט־צושטאנד, נאָר זײַן רעדע האָט ער צוגעשיקט. עטלעכע ווערטער אינגאנצן:

„ווער עס איז א סוינע פון סאָוועטנפארבאנד, איז מײַן סוינע, ווער עס איז קעגן ארבעטער־קלאס און קעגן דער קאָמוניסטישער פארטיי, איז מײַן פערזענלעכער סוינע“.

אונדזער פראָלעטארישע דראמאטורגיע. אין דעם ארבעטער־טעאטער „ארטעף“, וואָס איז ניט לאנג פארוואנדלט געוואָרן אין א שטענדיקן טעאטער, איז געשטעלט געוואָרן די פיעסן פון די סאָוועטישע ייִדישע דראמאטורגן: וועוויאָרקעס „נאפטאָלע באָטווין“, גאָדינערס „דזשים קופערקאָפ“ (אן אמעריקאנישע טעמע), וועוויאָרקעס קאָמעדיע „ברילֿיאנטן“.

די קינסטלערישע ליטעראטור אין ייִדיש פאר 1930 יאָר מיט אָנווײַזונגען וועגן די רעצענזיעס (פון די רעקאָמענדיר־צעטלען אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פון כארקאָווער מעלוכע־ביבליִאָטעק א.נ. פון קאָראָלענקאָ).

1931

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „די רויטע וועלט“, כארקאָוו:

נומ. 1—2. א. קושניראָוו — גענעראלע ליניע (לידער); ש. עפשטיין — לענין, ווי איך האָב אים געזען (פארצייכענונגען); ה. ריקלין — טשעקיסטן (נאָוועלע); ש. גולקא — דער צושטאנד פון דער ייִדישער קולטור־ארבעט אין אוקראַיִנע. י. נוסינאָוו — אין וואָס באשטייט דער אָביעקטיווער קריטעריי פון קינסטלערישקײַט? (זע אויך נומ. 3); א. ר. צווייג — יויסעף באָוושאָווערס שאפן און זײַנע סאָציִאל־אידעאָלאָגישע וואָרצלען; א. וועוויאָרקע — מאָסקווער ייִדישער מעלוכע־טעאטער (צו זײַן 10־יאָריקן יובילײ); ל. בראָווארניק — וואָס האָט מען געלייענט אין קיִעווער ווינטשעווסקי־ביבליִאָטעק. פון דער ביבליִאָגראפיע: י. ווייצבליט — „צײַטשריפט“, IV באנד; ש. הירש — נ. אויסלענדערס „אף לאדעמירער וועגן“.

דעם 4 פעווראל איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען אן אָוונט, געווידמעט איציק פעפערס שאפונג. מיט א פאָרטראָג איז ארויסגעטראָטן מ. ליטוואקאָוו; דעם 19 פעווראל איז אין כארקאָוו פאָרגעקומען אן אָוונט, געווידמעט א. קושניראָוון, פאָרטרעגער — א. וועוויאָרקע; דעם 6 מארט איז אין כארקאָוו פאָרגעקומען אן אָוונט, געווידמעט ראבינען. פאָרטרעגער — א. וועוויאָרקע.

צווישן 9 און 20 פעווראל איז אין קיִעוו פאָרגעקומען די אלפארבאנדישע ייִדישע שפראך־קאָנפערענץ. עס האָבן אָנטיילגענומען שפראך־טוער, ליטעראטן, רעדאקטאָרן, פארלאגן פונעם גאנצן פארבאנד. די קאָנפערענץ האָט פארסאכאקלט די אָפּגעטאָנענע לינגוויסטישע ארבעט און אָנגעמערקט די ווענדפונקטן אין דער ווײַטערדיקער ארבעט.

כ. דונעץ — פראגעס פון ליטעראטור אף דער ווײַסרוסלענדישער קאָנפערענץ פון ייִדישע קולטור־טוער.

נומ. 3. דער סעקרעטאריאט פון וואָפּפּ האָט באשלאָסן צונויפרופן אן אלפארבאנדישע בעראטונג פון די ייִדישע פראָלעטארישע שרײַבער; א. וועוויאָרקע — מאָסקווער ייִדישער מעלוכע־טעאטער (צו זײַן 10־יאָריקן יובילײ).

אין דער אקאדעמיע פון קונסטוויסנשאפט איז פאָרגעקומען א דיסקוסיע וועגן דער נאציִאָנאלער פראָבלעם אין קונסט. אין די דעבאטן זײַנען ארויסגעטראָטן די כאווײרים אָרשאנסקי, ראפאלסקי און ליטער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אף די פראָבלעמען פון ייִדישן טעאטערוועזן אין ראטנפארבאנד.

די פארייניקונג פון רעוואָליוציִאָנערע שרײַבער אָרגאניזירט א ריי אינטערנאציִאָנאלע שרײַבער־בריגאדעס, וואָס וועלן באקאנען זיך מיט דער פאָלקסווירטשאפטלעכער בויונג פונעם ראטנפארבאנד.

דעם 16 אפּרעל איז אין געבײַדע פון כארקאָווער ייִדישן מעלוכע־טעאטער פאָרגעקומען א גרויסער אָוונט, געווידמעט דעם יובילײ פון דער „פרײַהײַט“. מיט פאָרטראָגן און זיכרוינעס זײַנען צווישן אנדערע ארויסגעטראָטן: רעדאקטאָר פון דער צײַטונג „שטערן“ — כ׳ לעוויטאן, געוועזענער רעדאקטאָר פון „פרײַהײַט“ — ש. עפּשטיין.

נומ. 4—5. ד. וואָלקענשטיין — בונים (פון ראָמאן „1905“. פאָרזעצונג אין די נומ. 6, 9—10, 11); ש. עפּשטיין — די ייִדישע מארקסיסטישע קריטיק; י. ליובאָמירסקי — דער אוקראַיִנישער ייִדישער מעלוכע־טעאטער (צו זײַן 5־יאָריקן יובילײ); י. מיטלמאן — „ביבליִאָלאָגישער זאמלבוך“, אונטער דער רעד. פון י. ליבערבערג.

דעם 27 אפּרעל האָט זיך געעפנט די צווייטע אלוקראַיִנישע קאָנפערענץ פון ייִדישע פראָלעטארישע שרײַבער. אין דער ביוראָ זײַנען ארײַן אבטשוק, אלבערטאָן, גילדין, גרינזײַד, וועוויאָרקע, כאשטשעוואצקי, לעוויטאן, מעלאמוד און אי. פעפער. אלס קאנדידאטן פון ביוראָ זײַנען אויסגעוויילט — האָלדעס, נאָטע לוריע און פאָליאנקער. אין סעקרעטאריאט זײַנען אויסגעוויילט די כאווײרים אי. פעפער, כ. גילדין, אי. גרינזײַד.

נומ. 6. אי. גרינזײַד — א לײַבלעכע ביקס; ש. אלעק — שאכטע נומ. 1 (פארצייכענונג); י. נוסינאָוו — פלעכאנאָוו און לענין וועגן גאָרקין (סאָף אין נומ. 7); י. דאָברושין — אין וווּקס (וועגן ב. אָלעווסקיס לידער־בוך).

נומ. 7. י. ראבין — בוזי דובין (ראָמאן. פאָרזעצונג אין די נומערן 8, 9—10); כאנע לעווינע — גאגע (סאָף אין נומ. 8); ד. האָפשטיין — בא דער ארבעט (לידער, אן אָפענער בריוו א. קושניראָוון); א. ר. צווייג — אפן ברייטן שליאך פון דער סאָוועטישער ליטעראטור (וועגן מ. קולבאקס „זעלמעניאנער“).

נומ. 8. אווראָם קאהאן — אינזשעניערן (ראָמאן. פאָרזעצונג אין נומ. 9—10); מ. כאשטשעוואצקי — אונדזער דראמאטורגיע; ראוויטש־טשערקאסקי — וועגן א. יודיצקיס בוך „די ייִדישע בורזשואזיע און דער ייִדישער פראָלעטאריִאט אין ערשטער העלפט XIX יה.“

נומ. 9—10. עזראָ פינינבערג — מיט הערצער מיט הייסע (לידער); י. פאליקמאן — סטעפעס שיטן זיך; דער ניסטער — צייכענונגען (צום שניט, א נאכט מיט א טאָג); צו דער אלפארבאנדישער בעראטונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער: מ. קיפער — אפן נײַעם עטאפ; מ. כאשטשעוואצקי — טאקע אן אטאקע מיט פויל געווער (וועגן דער קריטיק פון בראָנשטיינס בוך „אטאקע“); מ. מיזשיריצקי — די שאפונגס־פראָבלעמעס אין דער ייִדישער סאָוועטישער פראָזע: בערגעלסאָניזם אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור; ה. רעמעניק — וועגן אלבערטאָנס „שאכטעס“.

נומ. 11. ה. דאָבין — ניכטערע טעג; ש. גאָלדענבערג — מאקאר (פּאָעמע. סאָף אין נומ. 12); י. בראָנ־

שטיין — קעגן בּיִאָלאָגיזם און פֿאָלקיזם (וועגן קולבאַקס ליטעראַרישן וועג).

נ ו מ. 12. ט. גען — א שלעכטער טאָג (נאָוועלע); פּײַוול סיטאַ — בא הינדז אף דער מאָלדאַוואַנקע (נאָוועלע); ע. שעכטמאַן — אין שטעטל; מ. אראָנסקי — זשמערינקע (פֿון ציקל פֿאַרצייכענונגען וועגן ייִדישע אַרבעטער אף דער אײַזנבאַן); א. אַשעראָוויטש — אונטער א פּאַרטייִשן לאָזונג (וועגן מ. ליטוואַקאָווס „אף צוויי פראָנטן“); א. ר. צווייג — יאַנקעלעוויטשעס לידער־זאַמלונג „זאַפּט“; רעזאָליוציעס: 1. וועגן גאַנג פֿון דער דיסקוסיע אין דער ייִדישער ליטעראַטור (רעזאָליוציע פֿון סעקרעטאַריאַט פֿון וואַפּפּ); 2. וועגן די אָרדנטלעכע אויפֿגאַבעס פֿון איבערבויען דעם ראַפּפּ; „די רויטע וועלט“ פֿאַרן 1931 יאָר.

פֿונעם אינהאַלט פֿון זשורנאַל „פּראָליט“, כאַרקאָוו:

נ ו מ. 4—5. א באַריכט פֿון דער 2־טער אַלוקראַיִנישער קאָנפֿערענץ פֿון די ייִד. פּראָלעטאַרישע שרײַבער (27—30 אַפּרעל); פּאָרטראָגן אף דער קאָנפֿערענץ: י. פּעפּער — וועגן די אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין רעקאָנסטרוקטיוון פּעריִאָד; א. וועוויאָרקע — וועגן שעפֿערישן מעטאָד פֿון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור (סאָף פֿון ביידע פּאָרטראָגן — אין נום. 6).

נ ו מ. 6. וועגן די גאַסטראָלן פֿון מאָסקווער גאָסעט אין יוני—יולי אין כאַרקאָוו; וועגן די גאַסטראָלן פֿון אוקראַיִנער גאָסעט אין ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע; כ׳ אַבּטשוק איז צוזאַמען מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע פֿון ווּספּפּ און „איזוועסטיִא“ אַרויסגעפֿאָרן קיין קוזבאַס; קיין כאַרקאָוו איז צוזאַמען מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע פֿון גרוזינישע, אַרמענישע און ווײַסרוסישע שרײַבער געקומען דער ייִדישער שרײַבער פֿון ווײַסרוסלאַנד — יודלסאָן. די בריגאַדע איז אָפּגעפֿאָרן קיין דניעפּראָפּעטראָווסק און מאַקייעווקע; אין מאָסקווע איז אַרויס א זאַמלונג פֿון ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע אין א רוסישער איבערזעצונג מיט א פֿאָרוואָרט פֿון מ. ליטוואַקאָוו. אין דעם יאָר איז אַרויס פּעפּערס א זאַמלונג לידער אין דער איבערזעצונג פֿון באַגריצקי, סוועטלאָוו, גאָלאָדני, גאָראָדעצקי, אַנטאָקאָלסקי און אַנד.

נ ו מ. 7. מ. וואָרטמאַן און ש. קליטעניק — וועגן בראָנשטיינס בוך „אַטאַקע“; א. אַבּטשוק — אונדזער פּראָזע (קאָרעפּעראַט אפֿן צווייטן אַלוקראַיִנישן צוזאַמענפֿאָר פֿון די ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער); וועגן דעם וויזיט פֿון רעדאַקטאָר פֿון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער צײַטונג „מאָרגן־פֿרײַהײַט“ אין כאַרקאָוו. פֿון כאַרקאָוו פֿאָרט אָלגין קיין מאָסקווע, פֿונוואַנען ער וועט מאַכן א רײַזע איבער די ייִדישע דערפֿער און קאָלאָניעס.

נ ו מ. 8. מ. דאַניִעל — פֿאָדערונגען צו זיך און צו כאַווײרים (דיסקוסיע־אַרטיקל צו דער אַלפֿאַרבאַנדישער באַראַטונג פֿון די ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער). דער אַוטאָר טרעט אַרויס קעגן דער טעאָריע פֿון דירעקטע ליטעראַרישע אײַנפֿלוסן, וואָס באַהויפּט, אַז קושניראָווס בילדערישקײַט גייט קלוימערשט דירעקט פֿון יעסענינען; מאַרקישעס פֿלאַקאַטישקײַט — פֿון מאַיאַקאָווסקין; די רעוואָליוציאָנערע פּאַטעטיק פֿון פּעפּערן — פֿון בעזימענסקין; פֿיִנינבערג און כאַשטשעוואַצקי — פֿון בלאָקן; קוויטקאָס „רויטער שטורעם“ — פֿון בלאָקן; כאַריק — פֿון רייזינען; גאָדינער — פֿון דעם ניסטער; דאַניִעל — פֿון פּילניאַקן; גילדין — פֿון די פּראָלעטקולטאָווצעס.
מ. וואָרטמאַן און ש. קליטעניק — א בוך קאָמוניסטישע קריטיק (וועגן ליטוואַקאָווס זאַמלונג „אף צוויי פראָנטן“).

נ ו מ. 9—10. א. אַבּטשוק — וועגן איינער א לאַנג באַקאַנטער „טעאָריע“ (דאָס אַנטקעגנשטעלן די ייִדישע ליטעראַטור פֿון איין רעפּובליק דער אַנדערער: אוקראַיִנע — ווײַסרוסלאַנד, און פֿאַרקערט. דאָ גייט א רייד וועגן אָרשאַנסקיס בוך „די ייִדישע ליטעראַטור פֿון ווײַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָליוציע“, 1931); מ. מיזשעריצקי — א טאָעס אָדער א פֿעלשונג (וועגן י. בראָנשטיינס אַרטיקל אין „צײַטשריפֿט“ נום. 5 „ליטעראַריש־קריטישע סאַכאַקלען“); אַווראָם קאַהאַן — וועגן סיאָמע זשוקאָווסקין (דעם ניט לאַנג פֿאַרשטאָרבענעם קריטיקער); רעזאָליוציע פֿון 2־טן פּלענום פֿון דער ייִדסעקציע ווּספּפּ.

נ ו מ. 11. מאַטעריאַלן צו דער אַלפֿאַרבאַנדישער באַראַטונג פֿון די ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער: ס. שטשופּאַק — פֿראַגן פֿון דער שעפֿערישער דיסקוסיע; ש. הירש — די פּראָזע פֿון די שלאָגלער; מ. אַראָנסקי — דער אַרבעטער אין דער ליטעראַטור פֿון די שלאָגלער; י. ראַבין — א פֿויל געווער און א פֿוילע אַרבעט (אַרײַנפֿיר־וואָרט אפֿן אָוונט, געווידמעט כאַשינס און פּאַלאַטניקס אַרטיקלען אין „עמעס“ אונטערן נאָמען „אַן אַטאַקע מיט פֿויל געווער“); באַריכט פֿונעם צווייטן פּלענום פֿון דער הויפּט־ביוראָ פֿון ייִדסעקציע ווּספּפּ; רעזאָליוציעס איבער די פּאָרטראָגן (סאָף אין נום. 12).

נ ו מ. 12. י. סערעבריאַני — א גרופּע אַרבעטער־שלאָגלער — שרײַבער (מ. דעכטיאַר, שאָלעם איזראַעליט, שימען גאָרעליק — פּראָזע; רוּווע רייזען, ה. שווערדיק, מאָטע קאַפּלאַן — פּאָעזיע); י. נוסינאָוו — דער שעפֿערישער וועג פֿון אָשער שוואַרצמאַן (צום 12־טן יאָרצײַט זינט זײַן אומקום).

פֿונעם אינהאַלט פֿונעם זשורנאַל „שטערן“, מינסק.

נ ו מ. 4—5. י. בראָנשטיין — סאַכאַקלען פֿון קאַמף פֿאַרן דיִאַלעקטיש־מאַטעריִאַליסטישן שעפֿערישן מעטאָד אין דער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט; מ. עריק — וועגן די טעקסטן פֿון אונדזערע עלטערע ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער; א. דאַמעסעק — די פּראָבלעם פֿון קלאַסן־דיפֿערענציִאַציע אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור; י. בראָנשטיין — פֿאַר א פּראָלעטאַרישן אָטשערק; י. ליוּבאָמירסקי — וואָס פֿעלט אונדזער דראַמאַטורגיע; וועגן דער אַרבעט פֿון די ליטקרײַזן אין מינסק.

י. סערעבריאַני

(פֿאָרזעצונג קומט)

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

א פּאָר ווערטער, איידער מיר קאָמענטירן

מיר דערמאָנען זיך, וויִאזוי מיט יאָרן צוריק זײַנען די ערשטע זוכנדיקע טריט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" גאַנץ אָפּט באַגלייט געוואָרן מיט נעוויִעס, אַז ער, דער יונגער זשורנאַל פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, „וועט ניט זײַן קיין גענוג ייִדישער" און ער וועט ניט דערגרייכן צום קינסטלערישן ניוואָ פון אַנדערע זשורנאַלן.

הײַנט אָבער, ווען מיר בלעטערן אַפילע די אומפּריינטלעכע פּרעסע, געפינען מיר שוין ניט אַזעלכע רייד. ריידן וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד" אין אַזאַ טאָן, ווי פריִער, הייסט אַנערקענען די אייגענע אַמעראַצעס.

דאָס באַטײַט אָבער ניט, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד" קאָן זיך שוין זאָרגלאָז־געמיטלעך באַוויַיזן פאַר דעם ליטעראַרישן „שטעטל", און ס'וועט עמעצער ניט אַרײַנלייגן עמעצן אין דער האַנט אַ שטיין אויף אַ שלײַדער צו טאָן.

איז טאַקע טשיקאַווע אַ קוק צו טאָן, וויִאזוי מע פאַלט הײַנט אָן אויף „סאָוועטיש היימלאַנד" און בעמיילע שוין אויך אויף דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

ווי נידעריק זיי זײַנען געפאַלן

דער ניו־יאָרקער „טאָג", וואָס האָט שוין אויסגעפּרוווט אַלע מיטלען אויף צו פאַרשרײַען דאָס שעפערישע קאָל פון „סאָוועטיש היימלאַנד", האָט, זעט אויס, לעסבריירע באַשלאָסן צו באַנוצן דאָס קלייזײַען פון בולוואַרזשורנאַליסטיק. דעם 2 אַפּרעל ד. י. איז ער אַרויס מיט אַ ידיִעה, אַז „אין דער פירערשאַפט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז פאָרגעקומען אַ סיכסעך איבער דער פראַגע — וואָס מע מעג יאָ און וואָס מע מעג ניט דרוקן אין זשורנאַל".

און הערט און גאַפט: דער סיכסעך „האָט דערגרייכט אַ פּונקט", ווען... „יוסף ראַבין, אַ מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם ייִדישן סאָוועטישן זשורנאַל, האָט אָפּגעדרוקט זײַנע אַ דערציילונג ניט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", נאָר אין דער „פאָלקס־שטימע", וואָס דערשײַנט אין ווארשע"...

וואָסי?

לאָזט זיך אויס, אַז:

„דאָס סאַמע וויכטיקסטע דערבײַ איז דער פאַקט, וואָס ראַבינס דערציילונג שילדערט דאָס לעבן אין אַ ייִדיש שטעטל פאַר און נאָך דער נאַצי־אָקופּאַציע, — און וועגן דעם, אַז די נאַציס האָבן אויסגעראָטן ייִדישע שטעטלעך, טאָר מען ניט שרײַבן אין „סאָוועטיש היימלאַנד"...

נאַטירלעך, מיר וואָלטן געקאָנט אַלס ענטפער אויף אָט די רייד ברענגען אַ צעטל פון צען, צי צוואַנציק, צי דרײַסיק, צי נאָך מער ווערק אין „סאָוועטיש היימלאַנד", אַרײַנגערעכנט, פאַרשטענדלעך, יוסף ראַבינס ווערק, אין וועלכע עס ווערן געשילדערט סײַ די ייִדישע שטעטלעך, סײַ די רציחעס פון די נאַציס, סײַ דער הייליקער קאַמף קעגן נאַציזם; מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען אַ צעטל פון צען, צי צוואַנציק, צי דרײַסיק, צי נאָך מער ווערק, וועלכע די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, ניט נאָר יוסף ראַבין, נאָר אַ סאַך אַנדערע, אַרײַנגערעכנט אויך די אַנדערע מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", האָבן פאַרעפנטלעכט אין די פּראָגרעסיווע שוועסטער־צײַטונגען — סײַ אין דער ווארשעווער „פאָלקס־שטימע", סײַ אין דער פּאַריזשער „נײַע פּרעסע", סײַ אין דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט", סײַ אין „פרײַ ייִסראָעל", סײַ אין קאַנאַדער „וואָכנבלאַט", מאָנטעווידעער „אונדזער פרײַנט"...

אָבער מיר וועלן ניט פאַרנעמען דאָס אָרט אין זשורנאַל מיט אַזעלכע צעטלען. מיר וועלן בלויז זאָגן:

„ראַבויסײַ, ראַבויסײַ... ווי נידעריק איר זײַט געפאַלן..."

ניט „ענציקלאָפּעדיִא בריטאַניקאַ" איז שולדיק...

„ענציקלאָפּעדיִא בריטאַניקאַ", די שאַץ־קאַמער פון אַלץ, וואָס די בורזשואַזע וויסנשאַפט אויף אַלע אַלמעגלעכע געביטן האָט צו זאָגן און צו קאָמענטירן און צו אָפּשאַצן, האָט אַרויסגעגעבן איר יערלעכן צוגאָב־באַנד פאַרן 1967. ס'איז דערפרייענדיק צו זען צווישן די 900 זײַטן, אָנגעשפּיקעוועטע מיט אינפאָרמאַציע, אַ זײַטעלע וועגן די נײַע ווערק פון דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור. אָבער...

די פאָדערונגען, וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט צו אינפאָרמאַציע, זײַנען אַלגעמיין באַוווּסט: אַלץ דאַרף זײַן אַדרעסירט צום קאָנקרעטן אָרט, צו דער קאָנקרעטער צײַט. וויִאזוי זשע זאָל מען, אַשטייגער, פאַרשטיין דאָס, וואָס דער אוטאָר פונעם אַרטיקל אין „ענציקלאָפּעדיִא בריטאַניקאַ" דינע אַבראַמאָוויטש (אַ מיטאַרבעטערן פון „ייִוואָ") פאַרשווײַגט דעם פאַקט, אַז די דערשינענע אין סאָוועטנפאַרבאַנד ייִדישע ביכער זײַנען דערשינען טאַקע דאָרט, אין סאָוועטנפאַרבאַנד?

און דאָס איז נאָך ניט אַלץ.

דינע אַבראַמאָוויטש שאַצט אָפּ מיט איר אייגענער מאָס באַזונדערע ווערק. עס איז צו באַמערקן אַ נייגונג פון דער כאָשעווער פאָרשערין צו איַינזען אין הײַנטצײַטיקע ליטעראַרישע דערשײַנונגען אומבאַדינגט אַן אָפּנייג פון דעם אָנגענומענעם אין מעשך פון די פריִערדיקע יאָרן ליטעראַרישן פּראָצעס. לעמאָשל, עפראַיִם קאַגאַנאָווסקיס „דאָס פינצטערע הויז" איז „אַן אָפּנייג פון דער געזעלשאַפטלעכער נאָוועלע"(?) אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אַן אָפּנייג פון דעם זעלבן מין נאָוועלע איז אויך „שטיגן צום הימל".

און אַזוי צוביסלעכווײַז דערקלײַבט זיך דינע אַבראַמאָוויטש צו נאָטע לוריעס ראָמאַן „הימל און ערד", וואָס איז פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל אין „סאָוועטיש היימלאַנד". זוכן מיר שוין אַ קוק צו טאָן, פון וואָס, נעמלעך, עס איז אַן אָפּנייג דאָס ווערק פונעם הײַנטצײַטיקן סאָוועטישן ראָמאַניסט. אהא, טאַקע פאַראַן אַן אָפּנייג! „הימל און ערד", דערציילט דינע אַבראַמאָוויטש דעם לייענער פון „ענציקלאָפּעדיִא בריטאַניקאַ", איז אַ געוויסער אָפּנייג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור", ווײַל... „ווײַל דער ראָמאַן ענדיקט זיך ניט אויף דעם געוויינלעכן אָפּטימיסטישן שטייגער..."

נאָך מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק האָט מ. דאַניִעלס בוך „יוליס" זיך געענדיקט מיטן טויט פון אַלע זײַנע העלדן — די קאָמונאַרן פונעם ווילנער ראַט. ווי איר זעט, — אויך ניט אויפן „געוויינלעכן אָפּטימיסטישן שטייגער". עלי שעכטמאַנס ראָמאַן „ערעוו", וועלכער איז דערשינען קימאַט אין איין צײַט מיט נאָטע לוריעס

„הימל און ערד“, איז דורכויס דורכגעזאפט מיט טראגיק, מיט מענטשלעכע יעסורים. די דריי פארעפנטלעכטע ביכער פונעם ראמאן זיינען אומענדלעך ווייט פון דעם „געוויינלעכן אפטימיסטישן שטייגער“, ווי דינע אבראמאוויטש האט א פארמוליר געטאן.

מיר וועלן אבער דא ניט נעמען ארומפירן דינע אבראמאוויטש איבער די זייטלעך פון די ווערק, וואס עס האבן פאר א האלבן יארהונדערט אנגעשריבן די סאוועטישע יידישע שרייבער. דינע אבראמאוויטש לייענט מינאסטאם אף יידיש, און זאל זי זיך אליין מאטריען זיין אריינקוקן אין דער ליטעראטור, וועגן וועלכער זי שרייבט. מיר ווילן בלויז זאגן, אז אין אראפשלאגן פון וועג יענעם לייענער, וועלכער באקאנט זיך מיט דער יידישער ליטעראטור לויט א קארגער ארויסזאגונג אין „ענציקלאפעדיא בריטאניקא“, איז שולדיק ניט אזוי „ענציקלאפעדיא בריטאניקא“...

פוסטע כאלוימעס

די קולטור־אפטיילונג באם יידישן וועלט־קאנגרעס האט איינגעארדנט אין בריסעל א סימפאזיום וועגן דער יידישער קולטור. ס'איז בעפיירעש ווערט צו באגריסן די טענדענץ צו אביעקטיוויקייט בא די ארגאניזאטארן פונעם סימפאזיום, וועלכע האבן איינע פון די פראגן אפן טאג־סיידער פארמולירט אזוי: „די ראליע און ווירקונג פון די גרויסע יידישע זשורנאלן „סאוועטיש היימלאנד“, „דווקא“ („דאפקע“), „די גאלדענע קייט“, „די צוקונפט“, „יידישע קולטור“ אין יידישן לעבן היינט־צו־טאג“. מיטן רעפעראט וועגן „סאוועטיש היימלאנד“ איז אפן בריסעלער סימפאזיום ארויסגעטראטן דער באוווסטער פראגרעסיווער דראמאטורג און עסעיסט כאים סלאוועס.

איצט לאמיר א קוק טאן, וויאזוי עס שרייבט וועגן אט דעם איניען דער קארעספאנדענט פון דער טעל־אוויווער צייטונג „לעצטע נייעס“ א. כארף. „בא גאר א סאך איז געווען די מיינונג, — שרייבט א. כארף, — אז דר. סלאוועס האט סיכסוכים מיט זיינע געוועזענע קאמוניסטישע כאווירים. אבער... גלייך אין די ערשטע ארויסגעזאגטע ווערטער פון דאקטאר סלאוועס האט מען דערפילט די איבערגעיילטקייט פון די גוטע דערווארטונגען... דר. סלאוועס האט געפונען פאר נייטיק זיך פארצושטעלן אלס קאמוניסט...“

בעקיצער, די קאלטע־מילכאמע־לייט צווישן די אנטיילנעמער פונעם סימפאזיום האבן זיך „איבערגעיילט“ מיט זייערע שאדן־האפענונגען. זייער אנטוישונג איז געווארן נאך גרעסער, ווען כאים סלאוועס האט געגעבן א הויכע אפשאצונג דעם זשורנאל „סאוועטיש היימלאנד“ און דערביי דערמאנט, אז אזעלכע יידישע זשורנאלן, ווי „די גאלדענע קייט“, „די צוקונפט“, דאפקע“, דערשיינען צוזאמען אין קוים עפעס מער ווי א העלפט עקזעמפליארן ווי „סאוועטיש היימלאנד“.

פאר דער יידישער ליטעראר׳ישער רעאקציע איז, זעט אויס, ניטא שוין קיין אנדער האפענונג, ווי ווארטן אף סיכסוכים — אויב ניט „אין דער פירערשאפט פון „סאוועטיש היימלאנד“ גופע, איז „כאטש“ צווישן באזונדערע יידישע פראגרעסיווע שרייבער מיט זייערע „געוועזענע קאמוניסטישע כאווירים“. אף וויפל אבער אויך דאס זיינען, ווי מע זאגט, פוסטע כאלוימעס, פאלט זי, די יידישע ליטעראר׳ישע רעאקציע, שוין מאמעש אריין אין מארעשכוירע — אפילע ווען מע דערמאנט אין אזא אומשולדיקער זאך, ווי דער טיראזש פון „סאוועטיש היימלאנד“.

א וועטעראן פון דער יידישער בינע

פאר די העכער 50 יאר, וואס זי איז געווען פארבונדן מיט דער בינע, האט סאניע איידעלמאן דורכגעמאכט קימאט דעם גאנצן וועג פונעם יידישן טעאטער, אנהייבנדיק פון די וואנדער־טרופעס.

אין 1899, ווען אין יעקאטערינאסלאוו (איצט דניעפראפעטראווסק) איז געקומען א וואנדער־טרופע מיט יוליוס אדלערן אין דער שפיץ, האט דאס 13־יאריקע מיידעלע צוגעצויגן צו זיך די אופמערקזאמקייט מיט איר אויספילן אין א ליבהאבערישן קרייז די ראל פון אוויגאיל אין דער פיעסע „שולאמיס“.

געהיים פון דער מאמען איז סאניע אנטלאפן מיט דער טרופע. זעקס כאדאשים האט זי ארומגעוואנדערט איבער שטעט און שטעטלעך פון אוקראינע. אין 1906 פארט זי ארום מיטן באוווסטן שוישפילער בראנדעסקא. און כאטש זי ווערט א ליבלינג באם יידישן עולעם, איז זי אבער אליין ניט צופרידן מיט זיך. שטרעבנדיק צו אנקומען אין א גוטן טעאטער מיט גוטע אקטיארן, בא וועמען זי זאל זיך קאנען לערנען שפילן, לאזט זי זיך אוועק קיין ווארשע, ווו עס האט געשעמט מיט איר טעאטערשפיל עסטער־ראכל קאמינסקא. דער אכטיאריקער פעריאד פון צוזאמענארבעט מיט דער גרויסער אקטריסע האט געהאט א שטארקע ווירקונג אף סאניע איידעלמאן. מיט גרויס דערפאלג האט זי געשפילט צענדליקער פארשיידנארטיקע ראלן — די ראל פון דער בלינדער אין מ. ארנשטיינס פיעסע „דאס ווילנער באלעבעסל“, פון נאטאשען אין „קרייצער־סאנאטע“ אא.

די ערשטע וועלט־מילכאמע האט איבערגעריסן דאס נארמאלע לעבן פונעם טעאטער־קאלעקטיוו, וועלכער איז אין 1915 זיך צעפאלן. סאניע איידעלמאן, צוזאמען מיט רודאלף זאסלאווסקין, ליבערטן און וויסמאנען, לאזט זיך אוועק אין באשטאנד פון א ניי־געשאפענער טרופע איבער די שטעט פון רוסלאנד. זיי שפילן אין אדעס, באברויסק, וויטעבסק, פעטראגראד, יעקאטערינאסלאוו.

נאך דער אקטיאבער־רעוואליוציע ארבעט די באוווסטע אקטריסע אין פארשיידענע טעאטער־קאלעקטיוון: מיט רובינען און זאסלאווסקין אין האמעל, אין מוזיקאליש־דראמאטישן טעאטער אין ראסטאוו, אין קיעווער „קונסטווינקל“.

אין קיעווער יידישן מעלוכע־טעאטער קומט סאניע איידעלמאן אן מיט א גאר היפשן באגאזש פון סצענישער דערפארונג, מיט איינגעווארצלטע טראדיציעס פון דעם בעסערן יידישן טעאטער, פון וועלכן זי האט אפגעהיט די סאמע פרוכטבארע אייגנשאפטן: אומיטלבארע אופירונג אף דער בינע, רעאליסטישע מאניר פון שפיל. דא פילט זי גלענצנדיק אויס די ראל פון דער מומע דאבריש אין „סענדער בלאנק“, פון מאכליען אין „מירעלע עפראס“, פון ריווקען אין „צוויי קונילעמלעך“.

מיר באגריסן הארציק דעם וועטעראן פון דער יידישער בינע סאניע איידעלמאן מיט איר 80־טן געבורטסטאג.

כ. א ס ט ר א ו ו ס ק י

קורצע רעצענזיעס!

מימי פינזאָן — „דער הויף אָן פענצטער". פאַרלאַג „איקוף", בוענאָס־אײַרעס, 1965

מימי פינזאָן — דאָס איז די אַרגענטינער פּראָגרעסיווע ייִדישע שרײַבערין און איבערזעצערין אַדעלאַ ווײַנשטיין־שליאַפּאָשניק. אונטער אָט דעם ליטעראַרישן פּסעוודאָנים איז זי ברייט באַקאַנט אין אַרגענטינע. אין אַ ריי פּעריאָדישע אויסגאַבעס („איקוף", „טריבונע") האָט זי געשריבן אויך אונטער דעם פּסעוודאָנים „ייִדל קאָטווינטי".

„דער הויף אָן פענצטער" איז דאָס ערשטע בעלעטריסטישע ווערק פון מימי פינזאָן, וואָס איז אַרויסגעגעבן אין אַ בוך־פאָרם. די שרײַבערין טרעט דאָ אַרויס אַלס רײַפער מײַסטער, וועמענס אויג און אויער איז געווענדט צום פּראָסטן פאָלקסמענטשן מיט זײַנע ליידן און פריידן. די שפּראַך פון די העלדן איז אַ יאָדערדיק־ייִדישע מיט אַ סאַך כיין און ראַפינירטקייט.

אין דעם בוך „דער הויף אָן פענצטער" ווערט געגעבן אַ וואָרהאַפטיק בילד פון דעם גרויסן ייִדישן וואַנדערונגס־שטראָם פון נאָך דעם 1905 יאָר ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

מיטן מויל פון אַן אַכט־צעניאָריק מיידעלע, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט מיט אירע עלטערן פון דער אוקראַיִניש־ייִדישער שטאָט „שוואַרצטימע" (בעלאָצערקאָוו) קיין בוענאָס־אײַרעס, ווערט דערציילט וועגן דעם מישטיינסגעזאָגט לעבן פון איטאַליענער, שפּאַניער און ייִדן אין בוענאָס־אײַרעסער גרויסן שכיינים־הויף, דעם אַזויגערופענעם „קאָנווענטיזשעס".

אין דעם „קאָנווענטיזשע"־ווירבל טרעפן מיר דעם געזונטן בעלאָצערקאָווער בעקער־יונג, וואָס איז דאָ, אין בוענאָס־אײַרעס, געוואָרן אַן אומגליקלעכער „קוענטניק" — אַ מין קאָראַביינִיק; די טאָכטער פון אַ דאָרפישן שטריקלמאַכער; די ייִדישע שנײַדערס און סטאָליערס, די איטאַליענישע מוליערס און שפּאַנישע קעלנערס, די פאָלקס־קעמפער פאַר סאָציאַלער פרײַהײַט און קולטור־רעכט, די „אַנאַרכיסטן", די מיידלעך הויז־נייטאָרנס און זייערע מאַמעס די וועשערנס, די קאַלע־מיידלעך אונטער פאַרגראַטעטע פענצטער, די פּרומע „סעניאָריטאָס", וואָס פירן ליבעס מיט „געוואַגטע מעסער־יונגען".

אײַנדרוקספול זײַנען באַשריבן די אַרבעטער־שטרײַקן, די אַרעסטן, די פּאָגראָמען אויף ביבליאָטעקן.

מימי פינזאָנס הומאָר און פאָלקסכאָכמע קומט געוויס פון די ייִדישע קלאַסיקער און פון די אַרגענטינער הומאָריסטן — מיגעל קאַנע און ראָבערטאָ פּאַיראָ.

דעם מיידל עטלס קוק אויף דער וועלט און אירע סאָציאַלע סטירעס און ווידערשפּרוכן איז נאָענט צו די אָנשויוּנגען פון איר פאָטער, וואָס האָט נאָך אין דער אַלטער היים געזונגען די ליד פון די „דרײַ הונדערט מיט צען וועלטן", אויסלאַכנדיק די קלייקוידעש.

דער טאַטע האָט געלייענט מענדעלען און שאָלעם־אליכעמען, סאָציאַליסטישע בראָשורן, געטראָגן אַן אויסגענייט העמדל איבער די הויזן מיט אַ שנור פאַרבונדן און געפירט שטרײַקן אין די בעקערײַען.

און איצט:

„עטל טרינקט די זיסע טיי פון אַ שאָל מיט רויטע קווייטן, און דער מומעס הייזעריקלעך קאָל צעגיסט זיך פאַמעלעך איבער דער שטוב, אויסגעמישט מיטן זשומען פון די פליגן, מיטן געזאַנג פון דעם סאַמאָוואַר און מיטן קליפּ־קלאַפּ פון דעם קראַן: „אַמעריקע האָט זיך אים פאַרגלוסט! גרינגע פייגעלעך! וואָס איז דאָ אַזוי ביטער געווען? דעם ברודער מײַנעמס אַ האַלבע שטוב, באָרעכהאַשעם, איז דאָ; אַ פאַך אין האַנט האָסטו. הײַנט וואָס טראָגט דיך דער רוען? זיצט דאָך אָבער אין אים אַ ניטגוטער! איך בעט דיך, מיט וואָס איז בייגל באַקן בא זיך אין „שוואַרצטימע" ערגער, ווי אויסגעריסן צו ווערן ערגעץ אין דער אַמעריקע?.."

אָט אַזעלכע און ענלעכע דיאַלאָגן, בילדער און סענטענצן דעקן אויף פאַרן לייענער אויף אַ רעאַליסטישן אופן דאָס טיף־טראַגישע אין דער געשיכטע פון די „אויסוואַנדערער" צו די ווײַטע ברעגן פון לאַ־פּלאַטאַ.

קאָן זײַן, מע וואָלט געדאַרפט אויסטיילן פון בוך „דער הויף אָן פענצטער" די שטאַרקערע און שוואַכערע קאַפּיטלען?..

צו די מער טאַלאַנטפולע פון זיי געהערן „אַלפאָנסינע", „מיידלעך", „ליכט", „קאַרנאַוואַל". אין דער דערציילונג „אַלפאָנסינע" איז דער טראַגישער גורל פון די העלדן באַהויכט מיט שיינקייט פון מענטשלעכער ווירדע און פּראָטעסט.

אַלפאָנסינע קאָן מער ניט איבערטראָגן דעם אומעט פון די פיר ווענט און דאָס נודנע קלאַפּן פון דעם וואַנטזייגער. כאַפּט אַלפאָנסינע אַראָפּ פון די פיס אַ „קלאַפּער" און שמײַסט אים אַרײַן אין זייגער. איר שווערער לעבנס־גורל ענדיקט זיך אַזוי. דער מאַן דערשטעכט זי מיט אַ קליין מעסערל. דער גאַנצער „הויף" גייט כאַדאָראָם.

פאַראַן אין דעם בוך „דער הויף אָן פענצטער" אייניקע אומטאַקטישע „ייִדיש־שאָוויניסטישע" אויסדרוקן, עמעס אַרויסגעבראַכטע דורכן מויל פון אָפּגעשטאַנענע „שוואַרצטימער" ווײַבער. אַזוינע שטעלן פון בוך שאָקירן דעם סאָוועטישן לייענער.

אָבער אינגאַנצן גענומען איז „דער הויף אָן פענצטער" אַ טאַלאַנטפול און נייטיק ווערק פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער שרײַבערן מימי פינזאָן.

כאַווע סלוצקאַ־קעסטין — „אין אונדזערע טעג"

(דערציילונגען, מיניִאַטורן און סקיצן. טעל־אַוויוו, 1966)

ווען איר ענדיקט לייענען דאָס לעצטע זײַטל פון אָט דעם בוך, טוט דאָס האַרץ זיך טיף אַ ריס און איר בלײַבט זיצן, ווי אַ דאָרשטיקער אין אַ הייסן זומער־טאָג בײַ אַן אויסגעזופּטן קרוג. צי דען שוין אַלץ?..

דאָס איז ניט קיין „פאַרווײַלונגס"־ליטעראַטור, וואָס מע לייענט, קעדיי גרינגער אײַנשלאָפן. פאַרקערט, ווען איר לייענט דורך כאַווע סלוצקאַ־

קעסטינס דערציילונגען און סקיצן, שלאָפט זיך זייער שלעכט.

ווײַל ווי קאָן מען בלײַבן גלײַכגילטיק צו אַזעלכע טראַגישע דערציילונגען, ווי „איר געשיכטע", „אונטער דעם גרינעם לאַמטערן", „דער באַנאַנען־בוים" און אַנדערע?

אָט איז דער קורצער אינהאַלט פון דער דערציילונג „דער באַנאַנען־בוים".

דאָס קומט פאָר אין ייִסראָעל.

אין א פאַרוואָרפן אָרט, אין „שייך מוניס", לעבן א כאָרעווע הײַזל, וואַקסט עלנט א באַנאַנען־בוים. ער איז אָנגעגאָסן מיט פורפור־שײַן און צײַטיקײַט. ער איז טיף פאַרוואָרצלט, זײַנע צווײַגן זײַנען, ווי די גרויסע גרינע פעכערס, צעפּאַטלט. אין לאַנגע פרענדזן ציִען זיי זיך צו דער זון און באַקומען לעבנס־זאַפט.

אָבער וויִאַזוי וואַקסט ער דאָ, אין אַזאַ ווילדעניש, ווער באַוואַסערט אים? אף דעם ענטפערט איינער אַן אַרטיקער ייִד:

— דאָ האָט געלעבט אַן אַראַבער אַכמעד, געהאַט א פרוי, א זון, א סאָד און א שטיקל אײַנקומעניש — א הײַזקע. אין דער מילכאָמע־בעהאָלע איז אַכמעדס זון אומגעקומען. אַכמעדס פרוי שטאַרבט פון צאַר, אַליין אַכמעד וווינט שוין איצט בא זײַן טאָכטער פאַטמען, און צום באַנאַנען־בוים שלעפּט ער אַלע וואָך וואַסער, טרינקט אים אָן און גיט אים לעבן.

די צײַט איז געגאַנגען, און דער באַנאַנען־בוים איז געוואַקסן. שטאַנגען אַראָפּהענגענדיקע באַנאַנען — די טרײַע מי פון אַכמעדן — האָבן זון געטרונקען. נאָר איינמאָל, איינמאָל אין א האַרבסטיקן טאָג, ווען די שרײַבערין האָט נאָכאַמאָל באַזוכט „שייך מוניס", האָט זי מיט א ווייטעק אין האַרצן דערזען, אַז די שטאַנג מיט באַנאַנען הענגט נאָך אַלץ אַראָפּ פון בוים אַן אויסגעטריקנטע, אַן אײַנגעקאָרטשעטע. קיינער האָט ניט גענאָסן פון איר גוטס.

אַכמעד איז געשטאָרבן. מע האָט אים געפונען זיצנדיק אונטערן באַנאַנען־בוים אָן סימאָנים פון לעבן.

קינדער האָבן געזאָגט: „אַכמעדס באַנאַנען־בוים דאַרפן מיר אָפּהיטן און ניט שעדיקן"...

וווּנדערלעך איז די דערציילונג „איר געשיכטע", ווו עס ווערט שאַרף געשטעלט די פראַגע פון „געמישטע" מישפּאָכעס. די העלדן פון דער דערציילונג פאָליע און מוסטאַפאַ זײַנען אָנגעשריבן רעליעף, פאַרטיפט און לײַדנשאַפטלעך. דאָ איז ווידער צו זען די ערלעכע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע פונעם אַווטאָר.

אין דער גרעסערער דערציילונג „דאָס געסל" מאָלט די שרײַבערין דאָס לעבן פון די שוסטערס און בויערס, סטאָליערס און מעכאַניקערס, הענדלער און דינסטן.

דער רײַכער טייל פון דער געגנט וווינט אין „יאַד־מוישע", דער אָרעמער אין „שכונאַס־אַטיד", וואָס אַליין דער נאָמען פון געסל איז שוין „א ביזאָיען". מע שעמט זיך זאָגן, אַז מע וווינט אין „שכונאַס־אַטיד", זאָגט מען, אַז מע וווינט אין „יאַד־מוישע".

אין דעם בוך ווערן אַרויסגעפירט א ריי ייִדישע פאַבריקאַנטן, וואָס עקספּלואַטירן ייִדישע און אַראַבישע אַרבעטער און פּרווון אָנבינדן דעם פאָלק זייער אייגענע העסלעכע „פּסיכיק":

— דאָרט, אין אַמעריקע, גייט אַלץ מיט א טעמפּאָ. בא אונדז איז אָפּגעשטאַנענקײַט, פּראָווינץ, אַפילע מײַנע געשעפטן זײַנען פּראָווינציִעלע. הונדערט אַרבעטער. איז וואָס קאָן איך שוין אַרויסציִען פון מײַנע „מענטשן"? דעריבער מוז מען זײַן פּאָרזיכטיק באַם אָנעמען זיי.

כאַווע סלוצקאַ־קעסטין קען גוט דאָס לעבן פון די ייִדישע און אַראַבישע פאָלקסמאַסן אין לאַנד. עס טוט איר וויי, וואָס אייניקע בירגער שעמען זיך מיט דער אַראַבישער שפּראַך, ווי ייִדן האָבן זיך אַמאָל געשעמט און שעמען זיך נאָך ערגעץ אויך איצט מיט זייער אייגענעם לאָשן.

אין „אונדזערע טעג" געפינען מיר א ריי דערינערונגען און דערציילונגען וועגן דער מילכאָמע־טראַגעדיע אין פּוילן, אינטערעסאַנטע קינדער־דערציילונגען און פּאָעטישע מײַסעלעך.

כאַווע סלוצקאַ־קעסטינס בוך איז א גוטער צושטײַער אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון ייִסראָעל.

מאָטל גרוביאַן

אונדזערע

אינטערוויו

„ראַדוגאַ" — „סאָוועטיש היימלאַנד"

מיט א קורצער צײַט צוריק האָט דער ייִדישער שרײַבער יעכיִעל פאַליקמאַן געהאַט א באַגעגעניש מיט די קיִעווער רוסישע שרײַבער, אף וועלכער ער האָט דערציילט וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד". א מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט געבעטן דעם כ׳ פאַליקמאַן דערציילן וועגן דער דאָזיקער באַגעגעניש.

אין דער רעדאַקציע פון רוסישן זשורנאַל „ראַדוגאַ" (אָרגאַן פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון אוקראַיִנע), — זאָגט י. פאַליקמאַן, — ווערן סיסטעמאַטיש אָרגאַניזירט באַגעגענישן מיט שרײַבער און קונסט־טוער. אף איינער אַזאַ באַגעגעניש האָט מען מיך אײַנגעלאַדן און געבעטן דערציילן וועגן אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אין דער באַגעגעניש האָט אַכוץ די מיטאַרבעטער פון רעדאַקציע זיך באַטייליקט קימאַט דער גאַנצער אַווטאָרן־קאָלעקטיוו פון „ראַדוגאַ".

מיט אינטערעס איז אויסגעהערט געוואָרן די אינפאָרמאַציע וועגן די באַגעגענישן, וועלכע די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פירט דורך מיט די לייענער, וועגן דעם אָפּקלאַנג, וועלכן דער זשורנאַל האָט אין די פּראָגרעסיווע קרײַזן פון אויסלאַנד.

דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „ראַדוגאַ" וו. א. קאָנדראַטענקאָ האָט אין זײַן אַרויסטרעטונג אַרויסגעזאָגט א ווונטש, אַז ביידע זשורנאַלן זאָלן זיך אויסטוישן מיט די בעסטע ווערק פון זייערע אַווטאָרן.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

א דערגאַנצונג צו א. קוזנעצאָווס ראָמאַן „באַבי־יאַר“

כאַשעווע כאַוויירים!

איר געדענקט אַט די שרעקלעכע שורעס פון אַנאַטאָלי קוזנעצאָווס דאָקומענטאַלן ראָמאַן „באַבי־יאַר“.

„...דינע האָט א קוק געטאָן אראָפּ, און ס'האָט זיך איר פארדרייט דער קאָפּ. אונטן איז געווען א יאַם מיט פארבלוטיקטע קערפּערס... ווען מע האָט די גאַנצע גרופּע פארטריבן אַף אַן ארויסשטארצנדיקן אָרט איבערן אָפּגרונט, איז איינער פון די דײַטשן אָפּגעגאַנגען פונעם שײַטער, זיך גענומען פארן קוילנוואַרפער און אָנגעהויבן שיסן... בא דינען האָט א בליץ געטאָן א געדאַנק: „באַלד וועל איך... באַלד...“ און טייקעף האָט זי זיך מיט צונויפגעדריקטע פויסטן א וואָרף געטאָן אין אָפּגרונט... באַם פאַלן האָט זי ניט דערפילט ניט קיין קלאַפּ, ניט קיין ווייטעק. ס'האָט אַף איר א שפּריץ געטאָן וואַרעם בלוט, און איבערן פּאָנעם האָט גערונען בלוט, גלײַך ווי זי איז ארײַנגעפאַלן אין א וואַנע מיט בלוט. זי איז געלעגן מיט צעשפּרייטע הענט, מיט פארמאַכטע אויגן“.

דער אווטאָר פונעם ראָמאַן האָט מיטגעטיילט אין אַן אָנמערקונג: די קיִעווער ארטיסטקע דינא מיראָנאָווגא פּראָניטשעווא, וואָס האָט זיך דורך א נעס געראַטעוועט פון די קוואָרים פונעם באַבי־יאַר, וווינט און ארבעט אין קיִעוו. דאָס האָט זי דערציילט דעם שרײַבער, וויִאַזוי די פאַשיסטן האָבן צעשאָסן פיל טויזנטער סאָוועטישע מענטשן אינעם יאַר, פארוואַנדלענדיק אים אין א שעכטהויז פון מענטשן.

ניט לאַנג צוריק האָב איך באַקומען פון דינע מיראָנאָווגען א בריוו. אין אים זײַנען פאראַן אייניקע פּראָטים, וואָס דערגאַנצן דעם ראָמאַן. אָט איז דער בריוו:

„...קיין מענטשן, וואָס זײַנען ארויסגעקראָכן אין פולן זין פון וואָרט פונעם באַבי־יאַר אין 1941 יאָר, איז אַכוץ מיר דערווײַל קיינער ניטאָ.

איך האָב געהאַט צוויי ברידער. דער עלטערער איז אומגעקומען אַפן פראָנט. און דער יינגערער איז אַנטלאָפן פון געפענקעניש און זיך דערקליבן אַהיים. בא די טויערן פונעם הויז האָט מען אים דערשאָסן. דעם פאָטער, די מוטער און די שוועסטער האָט מען צעשאָסן אין באַבי־יאַר, — איך האָב עס געזען. איך בין צוויי מאָל געלאָפן פונעם יאַר, געלאָפן צוויי מאָל פון די געסטאַפּאָווצעס, געלאָפן פון דער זשאַנדאַרמעריע, געלאָפן נאָכן אָפּזיצן אַכט און צוואַנציק מעסלעס אין טורמע. כ'האָב גענעכטיקט אין כורוועס, קעלערס, אַף בוידעמער, אין מיסט־גריבער — א הונגעריקע, האַלב־נאַקעטע, שלאָפע, מיט שווערע טראַוומעס פון די קלעפּ מיט די ביקסן־קאָלבעס... ניט קוקנדיק אַף די אַלע ליידן, האָב איך קיין

כראָניק

אונדזערע לייענער אינפאָרמירן

עליע ריזשאַנסקי (קיִעוו). אין קאָנפערענץ־זאַל פונעם שרײַבער־פארבאַנד פון אוקראַיִנע האָבן העכער הונדערט ליבהאָבער פון פּאָעזיע זיך צונויפגעקליבן אַף א באַגעגעניש מיט צוויי קיִעווער יִדישע דיכטער פון יִינגערן דאָר — מישע מאָגילעוויטש און פיניע קיריטשאַנסקי.

געעפנט דעם אָוונט האָט ה. פּאָליאַנקער. א וואָרט וועגן דער שאַפונג פון די דיכטער האָט געהאַלטן כאַיִם לויצקער. מיט אָפּשאַצונגען וועגן דער שאַפונג פון מאָגילעוויטשן און קיריטשאַנסקין זײַנען ארויסגעטראָטן איציק קיפּניס, ריווע באַליאַסנע, יויסעף בוכבינדער, דער זשורנאַליסט ס. קיפּניס, דער סעקרעטאַר פון דער פּאָעזיע־סעקציע פונעם שרײַבער־פארבאַנד פון אוקראַיִנע סטאַניסלאַוו טעלניוק אאַ. דער דיכטער וויטאַלי זאַסלאַווסקי האָט פּאָרגעלייענט מאָגילעוויטשעס לידער אין זײַן איבערזעצונג און אין דער איבערזעצונג פונעם רוסישן דיכטער לעאָנידווישעסלאַווסקי.

יוינע ראַדינאָוו (ריגע). אין ריגע האָט זיך געעפנט אַן אויסשטעלונג פונעם קינסטלער יויסעף קוזקאָווסקי. א גרויס אָרט פארנעמט דאָ די יִדישע טעמאַטיק: פּאָרטרעטן פון ביראָבידזשאַנער האָרעפּאַשניקעס, איליוסטראַציעס צו מ. געבירטיגס ליד „עס ברענט“, פּאָרטרעטן פון די סאָוועטישע פּאַטריאָטן זש. ליפּקע און זײַן פרוי, וועלכע האָבן בייס דער אָקופּאַציע פון ריגע געראַטעוועט 44 יִידן.

ש. צעגאַן (קיִעוו). דאָ האָט דורכגעפירט זײַנע גאַסטראָלן דער מאָסקווער יִדישער טעאַטראַליזירטער אַנסאַמבל פון אַנאַ גוזיק. דער ספּעקטאַקל „בלאָנדזנדע שטערן“ (א קאָמפּאָזיציע פון א. רובינשטיין, לויט שאָלעם־אַלייכעמען) איז געשפּילט געוואָרן זעקס מאָל און יעדעס מאָל בא פול־געפּאַקטע זאַלן.

אי. רווינסקי (קאָראָסטען, זשיטאָמירער געגנט). דער פּאָפּולערער זינגער מיכאַיִל אַלעקסאַנדראָוויטש איז בייס זײַנע גאַסטראָלן אין די שטעט פון אוקראַיִנע און מאָלדאַוויע ארויסגעטראָטן אויך בא אונדז אין קאָראָסטען. א שטאַרקן אײַנדרוק האָבן געמאַכט אַף די ליבהאָבער פון יִדישער מוזיק די פאָלקסלידער „מוישעלע מײַן פרײַנט“, „דער אַלטער מענאַשע“, „יונגע יאָרן“ אאַ.

אין דער זשיטאָמירער געגנטלעכער פילהאַרמאָניע און אין קאָראָסטען איז מיט דערפאָלג ארויסגעטראָטן דער ארטיסט פון מאָסקווער דראַמאַטישן טעאַטער

איין מאָל זיך ניט צעוויינט, ניט געקרעכצט, ניט צעשריִען זיך פון ווייטעק. איך האָב זיך געהאלטן פעסט, ווי א שטיין, און איצט ווער איך אופגערודערט פון יעדער קליינִיקײַט און די אויגן ווערן טייקעף פול מיט טרערן.

מײַן מאן — פראָניטשעוו וויקטאָר — איז געווען אפן פראָנט, ארײַנגעפאלן אין געפענקעניש, אנטלאָפן פון דאָרטן, געקומען אהיים, ווען איך האָב זיך שוין אויסבאהאלטן אין דארניצע (הינטער קיִעוו, אף יענער זײַט דניעפּער). נאָך דער מאסן־צעשיסונג פון די ייִדן זײַנען די דײַטשן ארומגעגאנגען איבער די קווארטירעס, און אויב זיי האָבן זיך דערוווּסט, אָט ווי בא מיר, אז דער מאן איז א רוסישער, — האָבן זיי אלציינס צעשאָסן די קינדער. א פּאָליציִאנט האָט א כאפּ געטאָן מײַן זון (ער איז דאן אלט געווען צוויי יאָר מיט דרײַ כאדאָשים) און אים ארויסגעטראָגן אין הויף, קעדיי אים דאָרט צעשיסן. דער מאן האָט דעם פּאָליציִאנט אײַנגעבעטן, ער זאָל ניט טשעפּען דאָס קינד, זאָגנדיק אים, אז פארנאכט־צו דארף איך קומען, — דעמלט וועט מען נעמען ביידן. דאָס קינד האָט מען איבערגעלאָזט ביז אפדערנאכט. ווען די פּאָליציִאנטן זײַנען אוועקגעאנגען, האָט דער מאן פארוויקלט וואָוואָטשקען אין פּאפּיר, פארבונדן מיט שטריקלעך, ווי א פּאקעט, און אָפּגעטראָגן צו מיר קיין דארניצע. פיר כאדאָשים האָב איך זיך אויסבאהאלטן מיטן אייפּעלע. אפן פינפטן... זײַנען נאָך מיר געקומען צו פאָרן די געסטאפּאָווצעס. איך האָב באוויזן צו אנטלויפן. די רוסישע פרוי נאטאשע האָב איך געבעטן אָפּטראָגן ערגעץ־ווו וואָוואָטשקען. מע האָט נאטאשען אָבער פארנומען אינײנעם מיט מײַן זון. אין דער זשאנדארמעריע האָט מען באקוקט דאָס קינד, צי איז עס ניט קיין ייִדישס. נאטאשע האָט געטײַנעט, אז עס איז איר קינד, אן אוקראַיִנער. מע האָט זיי אָפּגעלאָזט, נאָר ביידן אזוי צעמיימעסט, אז וואָווע איז שטום געוואָרן. נאטאשע האָט אים אָפּגעטראָגן קיין קיִעוו אין א קינדערהיים, זאָגנדיק, אז זי האָט אים אונטערגעקליבן אף דער גאס און ווייסט ניט, וועמעס קינד ער איז.

איך האָב אים געפונען דעם 13 מארט 1944 יאָר. מע האָט אים גערופן „וויטאליק דער אומבאוווּסטער“. דאָס לאָשן האָט זיך צו אים אומגעקערט. איצט איז מײַן זון וולאדימיר פראָניטשעוו — א קאדראָווער אָפיצער, דינט אין מיטל־אזיע.

דעם מאן, פראָניטשעוו וויקטאָר, האָט מען ארעסטירט, ווען מע האָט ניט געפונען ניט מיך, ניט דאָס קינד. מע האָט אים אכזאָריִעסדיק פארמוטשעט אין געסטאפּאָ.

...ווען דער פּאָליציִאנט האָט ארויסגעטראָגן וואָווען אף צעשיסן, האָט די שכיינע א כאפּ געטאָן מײַן מיידעלע, וואָס איז דעמלט אלט געווען פיר יאָר מיט דרײַ כאדאָשים, און באהאלטן זי בא זיך אין שאפע. דאָרט איז דאָס מיידעלע מײַנס אָפּגעווען צוויי וואָכן.

איצט איז מײַן לידאָטשקע א מוטער פון צוויי קינדער. איר מאן איז אן אינזשעניער־ראדיִאָלאָקאטאָר, א וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער, און לידאָטשקע אליין איז א ראדיִאָ־מאָנטאזשניק“.

אָט דער בריוו איז נאָך איין אנטיפאשיסטישער דאָקומענט. איך קאָן נישט ניט צושיקן אים אײַך איצט, ווען די נעאָפאשיסטן הייבן ווידעראמאָל אוף דעם קאָפּ.

י ע. ל י ט ו ו י ן, זשורנאליסט

„ליטעראטורנאיא גאזעטא“, מאָסקווע.

אף פושקינס נאָמען דער פארדינסטפולער ארטיסט פון רספסר יויסעף קאָלין, וועלכער האָט געלייענט אין רוסיש פראגמענטן פון שאָלעם־אליינכעמס ווערק „טעוויע דער מילכיקער“ און „מענאכעם־מענדל“.

נײַעס פון אויסלאנד

אף דער פײַערונג פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט“

אין ניו־יאָרק איז פאָרגעקומען אן אָוונט לעקאָוועד דעם 45־יאָריקן יובילײ פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט“. אפן אָוונט זײַנען ביײַגעווען בעערעך 2 טויזנט מענטשן. דער הויפּט־רעדאקטאָר פון דער צײַטונג פּייסעך נאָוויק האָט אין זײַן פאָרטראָג גערעדט וועגן דער ראָליע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט“ אינעם ייִדישן לעבן אין די פאריייניקטע שטאטן.

אינעם קינסטלערישן טייל איז ארויסגעטראָטן דער ייִדישער פילהארמאָנישער פאָלקס־כאָר און דער באקאנטער ייִדישער זינגער לויִס דאנטאָ.

„סטעמפּעניוס פידעלע“

אין בוקארעשטער ייִדישן טעאטער איז פאָרגעקומען די פּרעמיערע פונעם ספּעקטאקל „סטעמפּעניוס פידעלע“, אינסצענירט לויט שאָלעם־אלייכעמס ראָמאן „סטעמפּעניו“.

רעזשיסער פונעם ספּעקטאקל איז דער שוישפּילער בענאָ פּאָפּליקער, אוטאָר פון דער מוזיק ה. מאיאָראָוויטש, פון די טענץ — טילדע אורזעאנו.

אן אויסשטעלונג פון ייִדישע אלטערטימלעכע כפייצים

דער זאמלער פון ייִדישע אלטערטימלעכע כפייצים עמיל ווייץ האָט געעפנט אין ניו־יאָרק אן אויסשטעלונג פון זײַן קאָלעקציע. צווישן די עקספּאָנאטן געפינט זיך א ליבע־בריוו, געשריבן אף א ליים־טאָוול, וואָס איז אלט 4 טויזנט יאָר, צירונג פון צוריק מיט צוויי טויזנט יאָר, אוראלטע פּאָטשט־מארקעס אאוו.

וויכטיקע ארכעאָלאָגישע אנטדעקונג

האָלענדישע ארכעאָלאָגן טיילן מיט, אז זיי האָבן אין ראיאָן, וואָס ליגט צאָפן־צו פון יערושאָלאִים, אנטדעקט זעלטענע אופשריפטן, וועלכע זײַנען אלט בעערעך 2500 יאָר. לויט זייער מיינונג, איז די נײַע אנטדעקונג איינע פון די וויכטיקסטע נאָך די מעגילעס פון יאם־האמעלאך.

דער אָנפירער פון די ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען דר. פראנקען האלט, אז די אופשריפטן קאָנען האָבן א גרויסע באדײַטונג אין פאָרשן די שפּראך, וועלכע מע האָט באנוצט אין דער טאנאך־טקופע.

לאָמיר ווידער זינגען אָט די לידער

יונגע גוואַרדיע



דעם העלן טאָג אנטקעגן,
כאַווײרים, קומט אין שטרײַט!
מיט מוט אף נײַע וועגן!
ניצאָכן איז ניט ווײַט!

מיט מאכט פאָרויס און פעסט די טריט.
איר, יונגע, קומט אונדז אַלע מיט.
מיר גייען — די יונגע גוואַרדיע
פון פראָלעטאַריאַט!

2 מאָל

מיר היטן אין זיקאָרן
דעם טאַט פון אַלטער וועלט,
דעם פײַן פון קינדער־יאָרן,
פון הונגער און פון קעלט.

די קייט, וואָס האָט דעם טראָט געשטערט,
מיט יעדן טאָג צעריסן ווערט.
מיר גייען — די יונגע גוואַרדיע
פון פראָלעטאַריאַט!

2 מאָל

וואַרשטאַט איז אונדז מעגאַלע
דעם סאָד פון יענער קראַפט,
וואָס שאַפט די אויצרעס אַלע
און ארבעטער — פאַרשקלאַפט.

איצט האָבן מיר די קראַפט דערקענט,
זי איז — א שווערד בא אונדז אין הענט!
מיר גייען — די יונגע גוואַרדיע
פון פראָלעטאַריאַט!

2 מאָל

מיר שטרעקן אײַך די הענט אויס,
כאַווײרים, אין פאַרבאַנד!
צערײַסט די אַלטע פענטעס
און בויט דאָס ראַטנלאַנד.

די מאַכט פון ארבעטער פאַרשפרייט,
די גאַנצע וועלט זאָל ווערן רויט.
מיר גייען — די יונגע גוואַרדיע
פון פראָלעטאַריאַט!

2 מאָל

די דאָזיקע ליד אין דער איבערזעצונג פון מוני זאָרקי איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין זשורנאַל „יונגוואַלד", 1923.

פאַרשיידנס

די „נאַראָנים־ביבל“

אזא נאָמען האָט באַקומען בא די ביבליאָגראַפן איינע פון די ביבל־אויסגאבעס אין XVI יאָרהונדערט. אָט איז די געשיכטע פון דעם בוך.

בא אן אייגנטימער פון א טיפּאָגראַפיע אין ווין — זײַן פאמיליע איז געווען אנדרעטער — איז אין 1516 יאָר געבוירן געוואָרן א טאָכטער טערעזע. זי איז אויסגעוואקסן א שיין מיידל, נאָר א גרויסע צולאָכעסניצע און מיט א שטארקן געפיל פון זעלבסטווירדע. דער פאָטער איז געווען צופרידן, ווען אים האָט זיך סאָפקאָלסאָף אײַנגעגעבן זי באַסענע מאכן פאר א בירגער פון אאוגסבורג. אלס נאדן האָט ער געגעבן א דרוק־מאשין. אלץ וואָלט געווען גוט, ווען ניט טערעזעס כאראקטער. זי פלעגט די גאנצע צײַט טײַנען, אז די אונטערטעניקײַט פון דער פרוי צום מאן איז אן אומגעלומפּערטע אומרעכט און אז די פרוי איז אין אלעמען גלײַכווערטיק מיטן מאנצבל. טערעזעס מאן האָט האכנאָעדיק געקאָכט ווארמעס און געצירעוועט זאָקן און האָט אפילע זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז אינגיכן וועט ער איבערן ווײַבס כאראקטער האָבן גרויסע אומאָנגענעמלעכקײַטן.

איינמאָל האָט ער פארטראכט ארויסלאָזן א נײַע אויסגאבע פון דער ביבל. ווען דער אויסגעזעצטער טעקסט איז שוין געווען מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקײַט אויסגעקאָרעגירט (די ביבל האָט זיך גערעכנט פאר א הייליק בוך, און יעדער גרײַז אין איר וואָלט געווען א כילעל־האשעם) און באשטעטיקט דורך די גײַסטלעכע מאכטהאָבער, האָט דער מאן זיך געטיילט מיט דער פרייד פאר דער פרוי, אז ענדלעך ווערט פארטיק א קאָמפּליצירטע און פאראנטוואָרטלעכע ארבעט. צוהערנדיק זיך צום מאנס

ווער האָט איבערגעגעבן גערינגן סאַם?

אין א נאָטיץ אונטער אזא נאָמען שרײַבט א. גורקאָוו אין „איזוועסטיִא“:

ווער האָט געגעבן א מעגלעכקײַט דעם נאציסט נומער 2 געָרמאן גערינגן אויסמײַדן דעם טויט דורך טליִע, צו וועלכער ער איז פארמישפּעט געוואָרן אפן נירנבערגער פּראָצעס, און ענדיקן דאָס לעבן מיט זעלבסטמאָרד? וועגן דעם זײַנען ארומגעגאנגען און גייען נאָך ביז איצט ארום סאמע פארשיידענע קלאנגען.

אזוי, צום בײַשפּיל, האָט דער טורמע־פאבריקמאכער וויטקאמפּ, וואָס פלעגט שערן גערינגן, שפּעטער דערציילט די זשורנאליסטן, אז א טאָג פארן אויספילן דעם אורטייל פון געריכט האָט גערינג אים געשענקט זײַן גאָלמעסער און א קעמעלע, זאָגנדיק דערבײַ: „איך וואָלט גערן געשענקט אײַך אויך מײַן ליולקע, נאָר איך קאָן דאָס ניט טאָן: זי וועט מיר נאָך צוניץ קומען“. וויטקאמפּ קאָנסטאטירט: „לויטן פילזאָגנדיקן שמייכל האָב איך פארשטאַנען, אז מיט דער ליולקע זײַנען פארבונדן גרויסע האָפענונגען. ווען איך האָב זיך דערוווּסט וועגן גערינגס זעלבסטמאָרד, איז פאר מיר געוואָרן אבסאָליוט קלאָר: בלויז אין דער ליולקע האָט ער געקאָנט באהאלטן די אמפּולע מיט ציאַן־קאלי“.

דער פאבריקמאכער דערציילט ניט וועגן דעם, וויאַזוי דער ציאַן־קאלי איז געקומען צו גערינגן. אין 1950 האָט דער עסטרײַכישער זשורנאליסט פּעטער מארטין בלייבטרעו זיך בארימט, אז דאָס האָט ער איבערגעגעבן דעם סאַם. דורכשמוגלענדיק זיך אין פּוסטן געריכט־זאל, האָט ער, קלוימערשט, מיט דער הילף פון א שטיקל קײַ־גומי צוגעקלעפּט א סאַם־אמפּולע צום פּיופּיטער בא דעם אָרט פון דער באשולדיקונגס־באנק, וווּ ס'איז געזעסן גערינג... בא דער ערשטער ערנסטער באטראכטונג פון אָט דער ווערסיע האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי איז פאנטאסטיש: קיינער האָט ניט געקאָנט זיך דורכשמוגלען אין זאל, וואָס איז באוואכט געווען דורך פּאטרולן פון די פיר פאַרבינדעטע מעלוכעס.

דאָ ניט לאנג האָט דער זשורנאל „קוויק“ (דײַטשישע פעדעראטיווע רעפּובליק) עטוואָס געעפנט דעם פאַרהאנג איבער דער געהיימניס. אין נײַן נומערן האָט ער געדרוקט מעמוארן פון גערינגס פרוי — עמא גערינג. זי האָט דערציילט, אז בײַס איר לעצטער באגעגעניש אין טורמע מיט איר מאן האָט דער פאשיסטישער רײַכסמארשאל געמאָלדן: „אָט די אויסלענדער קאָנען מיך הארגענען, נאָר זיי האָבן ניט קיין רעכט מיך מישפּעטן. זײַ רויִק;

א שרײַבער, וואָס האָט ניט אָנגעשריבן קיין איין שורע

די בורזשואזע פארלעגער האָבן צוליב ביזנעס א לאנגע צײַט רעקלאַמירט קאָרנעליִוס קראָקן אלס געניאַלן שרײַבער פון XX יאָרהונדערט. בלויז אין דער 628־טער (!) אויסגאבע פונעם בוך „גרינע עפּל“, א דעטעקטיווער ראָמאן־פּלאגיאַט, האָבן זיך די פארלעגער אנטשיידט דעמאַסקירן דעם אווטאָר, אויסנוצנדיק דאָס אלס סענסאציע פאר א נײַעם ביזנעס. אפן שארבלאט פונעם בוך איז געווען אָנגעשריבן: „א זעלטענער ליטעראַרישער פּלאגיאַט; א ראָמאן פון לעבעדיקע און פון טויטע“. זייער טשיקאווע איז דער בריוו־אויסטויש פונעם פארלעגער סקווײַער מיטן „אווטאָר“. אין זײַן ענטפער סקווײַערן שרײַבט קראָק: „איך, קאָרנעליִוס קראָק, בין א בארימטער אווטאָר, וואָס האָט פארן לעבן ניט אָנגעשריבן קיין איינציקע שורע. אָט דער ראָמאן איז א שפּײַ אין פּאָנעם אײַך, פארלעגער, וואָס האָבן פארזעצט די ליטעראטור אין טורמע; אײַך, וועלכע פאָדערן א פײַגן־בלעטל פאר א קינסטלעריש ווערק; אײַך, וואָס שערן אלעמען מיט איין מאשינקע און וואָס ניוועלירן אלץ. אָט דער ראָמאן איז א שפּײַ אין פּאָנעם אויך דער געזעלשאפט, וואָס „עסט אלץ, וואָס מע גיט“, וואָס שטרעבט ניט צו זען די ווירקלעכקײַט און וואָס זוכט נאָר דאָס כאסענע־בעט צום סאָף פונעם ראָמאן...“

רייד, האָט טערעזע גענומען אין די הענט איינעם פון די קאַרעקטור־אָפּצוגן אַף צו קלײַבן נאכעס פונעם שיינעם גאָטישן שריפט, און איר בליק האָט זיך צופעליק אָפּגעשטעלט אַף די שורעס פון דער ביבל, ווו ס׳רעדט זיך וועגן דער אונטערטעניקײַט פון דער פרוי צו דעם מאַן. די פראַזע „Und er soll dein Herr sein“ („און ער זאָל דײַן האר זײַן“) האָט טערעזען אויסגעזען אזוי כוצפּעדיק, אַז זי האָט לאַנג ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן. באנאכט איז זי אופגעשטאנען פון געלעגער און זיך ארײַנגעגאנוועט אין דער דרוקערײַ. אָפּגעזוכט דאָס אויסגעזעצטע זײַטל, וואָס האָט זי ארויסגעבראכט פון די קיילים, האָט זי פארביטן צוויי בוכשטאבן אינעם וואָרט „Herr“ (האר), פארוואנדלענדיק עס אינעם וואָרט „Narr“ (נאר), און האָט זיך רויִק געלייגט שלאָפן.

אינדערפרי האָט דער מאַן אָנגעהויבן דרוקן דאָס בוך. אינגיכן האָבן די לייענער זיך דערקליבן צום באוווּסטן אָרט און אופגעהויבן א סקאנדאל. די גײַסטלעכע מאכטהאָבער האָבן באפוילן קאָנפיסקירן אלע אָפּגעדרוקטע עקזעמפּליארן, און דער שלימאזלדיקער אייגנטימער פון דער דרוקערײַ איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די אינקוויזיציע־ריכטער. ער האָט גאָרנישט געקאָנט דערקלערן און איז פארמישפּעט געוואָרן צום טויט דורך פארברענען. געראטעוועט דעם באלעבאָס האָט זײַן מעשאָרעס, וואָס האָט שוין נאָכן ארויסטראָגן דעם אורטייל געמאָלדן פארן געריכט, אַז ער האָט גענעכטיקט אין דרוקערײַ און געזען, ווי די באלעבאָסטע האָט זיך געפּאָרעט מיט דעם אויסגעזעצטן טעקסט פון דער ביבל.

דעם באלעבאָס פון דער דרוקערײַ האָט מען ארויסגעלאָזט אַף דער פרײַ, און זײַן פרוי, נאָכן באשטראָפן עפנטלעך מיט ריטער, האָט מען פארמישפּעט אַף אײביקער טורמע.

פאר דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז געווען באוווּסט בלויז איין עקזעמפּליאר פון דעם קוריאָזן בוך, וואָס האָט זיך געפונען אין דער וואָלפענביוטעלער ביבליאָטעק פון בראונשווײַג. צי איז ער געבליבן גאנץ נאָך צוויי מילכאָמעס, איז שווער צו זאָגן.

זיי וועט זיך ניט אײַנגעבן מיך אופהענגען, קיינמאָל וועט עס זיך זיי ניט אײַנגעבן. מע וועט מיך ניט לאָזן שטארבן מיט א שאנד־טויט“...

אלזאָ, גערינג האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז מע וועט אים ברענגען סאם. דער זעלבער זשורנאל „קוויק“ האָט אָפּגעדרוקט א מאטעריאל פונעם עסעס־גענעראל עריך פאָן באך־זעלעווסקי וועגן דעם, וויאַזוי ער האָט דעם סאם איבערגעגעבן גערינגן. נאָך בייס דעם פּאַרלויפיקן ארעסט און ביזן אָנהייב פון געריכט־פּראָצעס פלעגט דער געוועזענער שעף פון דעם אזויגערופענעם אמט פארן קאמף קעגן די באנדעס (אזוי פלעגן די היטלעראָווצעס אָנרופן די פּאטריאָטישע פארטיזאנישע גרופּעס אין די אָקופּירטע לענדער) בא די באגעגענישן מיט גערינגן אין די קאָרידאָרן און בייס די פארהערן זיך סטארען ארויסווײַזן איבערגעטריבענעם אָפּשײַ פאר אים, אזוי אַז די וואַכלײַט זאָלן צו דעם געווינט ווערן און ניט לייגן אַף דעם קיין באזונדער אופמערקזאמקײַט. דערנאָך, שוין בײַס דעם געריכט־פּראָצעס, באגעגענענדיק גערינגן אין דעם טורמע־קאָרידאָר, האָט באך־זעלעווסקי אין א פּאסיקן מאָמענט אים א דריק געטאָן די האנט, כאָטש דאָס איז געווען שטרענג פארבאָטן, און דער סאם איז שוין געווען באם רײַכסמארשאל.

די וואַרשײַנלעכקײַט פון אָט דער ווערסיע ווערט באשטעטיקט מיט דעם, וואָס בא באך־זעלעווסקין גופע האָט מען געפונען א צווייטע אמפּולע מיט סאם. קרימינאליסטן האָבן אויסגעפאָרשט דאָס גלאָז פון דער אמפּולע און עס פארגליכן מיט די שפּליטערס, וואָס דער טורמע־דאָקטער מארטין האָט געפונען אין 1946 יאָר. אלע זײַנען געקומען צו איין אויספיר: „דאָס גלאָז איז אבסאָליוט אידענטיש.ביידע אמפּולעס זײַנען פון איין און דער זעלבער פאבריק־סעריע“.

באך־זעלעווסקי און אויך דער זשורנאל „קוויק“ פארשווײַגן זאָרגפעליק די פראגע וועגן דעם, ווער עס האָט באופטראָגט דעם גענעראל צו געבן סאם דעם מילכאָמע־פארברעכער. דער נאָמען אָבער פונעם הויכגעשטעלטן עסעסאָווען איז ניט איין מאָל דערמאָנט געוואָרן אין צוזאמענהאנג מיט דער עקזיסטענץ פון א געהיימער צווישנפעלקערלעכער נאציסטישער אָרגאניזאציע „שפּינען“, וועלכע איז געשאפן געוואָרן טייקעף נאָך דער מילכאָמע און האָט זיך געשטעלט א ציל „אײַנהיטן די קאדרען“, „ניט דערלאָזן די ליקווידירונג פון דער נאציאָנאל־סאָציאליסטישער אידעאָלאָגיע“. באך־זעלעווסקין האלט מען אלס איינעם פון די אָנפירער פון אָט דער אָרגאניזאציע אין דער דײַטשישער פעדעראטיווער רעפּובליק.

אינעם ענטפער אפן פארלעגערס לעצטן בריוו באשרײַבט קאָרנעליוס קראָק די „טעכניק“ פון שאפן דעם ראָמאן „גרינע עפּל“:

„איר פרעגט מיך, ווי האָב איך געשאפן אזא אויסגעצייכנטן ראָמאן... אין מעשעך פון פיל לאנגע טעג, וואָס איך בין געזעסן אין דער איינצל־קאמער, האָב איך נישט געזען ניט קיין צײַטונגען, ניט קיין ביכער, ניט קיין פּאפּיר... ענדלעך האָט מען זיך איבער מיר דערבארעמט און געגעבן מיר א פּעקל ראָמאנען אָן אָנהייב און אָן א סאָף, זעט אויס, פון פארשיידענע אווטאָרן... לייענענדיק אָט די ראָמאנען, בין איך דערשיטערט געוואָרן פון דעם פאקט, וואָס ניט לויטן סטיל, ניט לויט דער מאניר פון שילדערן די העלדן האָבן זיי זיך לאכלוטן ניט אונטערגעשיידט איינער פון אנדערן“.

טאקע אָט דער פאקט, ווי ס׳שרײַבט קראָק, האָט אים ארופגעפירט אפן געדאנק צו שאפן א „נײַעם“ ראָמאן פון באזונדערע זײַטן פון די איבערגעלייענטע. „און אָט דאן, — זעצט ער פאָר, — האָב איך אָנגעהויבן אויסנוצן די ווערק פון אומבאקאנטע אווטאָרן, איך פלעג אויסרײַסן זײַטלעך פון פארשיידענע ביכער און פארײַניקן זיי אין דער אָרדענונג, וועלכע ס׳האָט געפאָדערט מײַן סוזשעט. איך פריי זיך, וואָס איך בין געוואָרן א נאָוואטאָר, וועלכער האָט אנטדעקט א נײַעם אופן פון שאפן אויסגעצייכנטע בעסטסעלערס. בלויז א שערל און קליי! אין דעם איז די נעשאָמע פון אונדזער גאנצער מײַרעוו־ליטעראטור“...

נאָטיצן
פון א ייִדישן בוקיניסט

„היהודים ושפת הסלאַווים"

אין 1867 איז אין ווילנע דערשינען א בוך פון דעם באקאנטן קולטור־היסטאָריקער און אָריענטאַליסט אווראַם־עליאָהו הארקאווי (1839—1920) אונטערן נאָמען „היהודים ושפת הסלאַווים" (ייִדן און די סלאַווישע שפּראַכן).

אין דעם בוך אנטוויקלט א.־ע. הארקאווי א טעאָריע, אז די ייִדן פון מיזרעך־אייראָפּע האָבן, אָנהייבנדיק פון דעם פריִען מיטלאַלטער און ביזן XVII יה., זיך באנוצט מיט א סלאַווישער שפּראַך. לויט א.־ע. הארקאווי, זײַנען שפּורן פון ייִדן אין דאָרעם־רוסלאַנד שוין פאראַן אין דעם ווייטן אוראַלט. אָנהייבנדיק פון די צען שוואָטים, וואָס דער באַווּלשער קייסער נעווואכאדנעצער האָט אהער פארטריבן אין VIII יה. פאר אונדזער צײַט, האָבן אין גאנג פון יאָרהונדערטער אין די קאנטן זיך אויסגעבילדעט אייגנארטיקע ייִדישע קאָלאָניעס. און אין II יאָרהונדערט פון אונדזער צײַט, בייסן אופשטאנד קעגן די רוימער, זאָל ראבי אקיווע האָבן ארומגערײַזט אין די ייִדישע יישוווים פון דאָרעם־רוסלאַנד צו ווערבירן סאָלדאטן פאר באר־קאָכבאס ארמיי. די אימיגראַציע פון ייִדן קיין רוסלאַנד איז באזונדערס געוואקסן אינעם VIII יה., **נאָך דעם** ווי די כאזארישע הערשער האָבן אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבן. אין יענער צײַט זײַנען אין ביזאנץ געווען שטארקע רעדיפעס אף ייִדן, און זיי האָבן מאסנווייז אויסגעוואנדערט קיין רוסלאַנד. אָט דער פארצווייגטער ייִדישער קיבעץ, האלט א.־ע. הארקאווי, האָט שוין אין פריִען מיטלאַלטער זיך צוגעייגנט די שפּראַך פון זײַנע סלאַווישע שכיינים.

אזא מיינונג האָבן אויך געהאט אזעלכע באדײַטנדיקע געלערנטע פון יענער צײַט, ווי ייִצכאָק־בער לעווינזאָן (1794—1860), לעאָפּאָלד צונץ (1794—1886), הײנריך גרעץ (1817—1881), מאטיסיאָהו שטראַשון (1817—1885) אא.

א.־ע. הארקאווי האָט אין זײַן בוך „היהודים ושפת הסלאַווים" געפּרווט געבן דער טעאָריע א ווויסנשאפטלעכע באזע. ער ארגומענטירט זי מיט פאָלגנדע באווײַזן:

1. די גוויִעס־איידעס פון דעם אראבישן געאָגראַף פון סאָף IX, אָנהייב X יה. איבן הורדאדבע וועגן ייִדישע סאָכרים, וואָס ריידן אין א סלאַווישער שפּראַך. ענלעכע יעדיִעס זײַנען אויך פאראַן אין די באשרײַבונגען פון די ייִדישע רײַזנדער ביניאָמין פון טודעלאָ (XII יה.) און פּסאכיע פון רעגענסבורג (XII יה.).

2. די סלאַווישע ווערטער, וואָס זײַנען פאראַן אין די קאָמענטארן פון ראשע (ר׳שי, 1040—1105), בא דעם לעקסיקאָגראַף נאָסן בען יעכיִעל פון רוים (1035—1106) און אין אנדערע ביכער פון פריִען מיטלאַלטער, זײַנען געווענדט דעריקער אף צו באפרידיקן די באדערפעניש פון די סלאַוויש־ריידנדיקע ייִדן אין יענער צײַט.

3. אייניקע ייִדישע נעמען, ווי זלאַטע, טשארנע, סלאַווע, ביילע, ביינוש, דאָברוש אא., געווויסע שפּראַך־אידיאָמען אין ייִדישע ווערטלעך און די

די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן:

„ארבייטער צייטונג" (כארקאָוו)

א שטרייק פון די דרוקער

פון מארט אָן זײַנען די פּרײַזן אף שפּייז־פּראָדוקטן אויסגעוואקסן אף 50—60 פּראָצ. עמעס, די שטאָט־אופּראווע האָט אײַנגעשטעלט נאָרמאַלע פּרײַזן, נאָר לויט די דאָזיקע פּרײַזן קאָן מען גאָרנישט ניט קויפן — ניט אפן מארק, ניט אין די קראָמען. די דרוקער האָבן ארויסגעשטעלט א פאָדערונג, אז די באַלעבאטים זאָלן אנטשפּרעכיק העכערן די ארבעטסלוין־טאריפן, נאָר די באַלעבאטים האָבן געענטפערט מיט אָן אָפּזאָג.

אין צען דרוק־אונטערנעמונגען איז דערקלערט געוואָרן א שטרייק. דעמלט האָבן די אונטערנעמער מאסקים געווען צו העכערן די ארבעטסלוין־טאריפן אף 25 פּראָצ., נאָר איצט האָבן די ארבעטער געענטפערט מיט אָן אָפּזאָג.

אין א כוידעש ארום נאָכן אָנהייב פונעם שטרייק האָט צו די שטרייקער זיך אָנגעשלאָסן א ריי נײַע דרוק־אונטערנעמונגען.

„דער ייִדישער פּראָלעטאריער"
(קיִעוו)

וועגן דער פּאָגראָם־אגיטאציע

די אנטיסעמיטישע אגיטאציע האָט זיך לעצטנס פארשטארקט און פארשפּרייט. פון פארשיידענע עקן רוסלאַנד קומען אָן יעדיִעס, אז עס גייט א פּאָגראָם־אגיטאציע, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך א גענייטער האַנט.

די לאַגע איז נאָך מער פארשארפט געוואָרן, וואָס א געוויסער טייל פון דער רוסישער ליבעראַלער פּרעסע האָט אין איר אגיטאציע קעגן באָלשעוויזם ניט געמיִעסט זיך מיט די געננג פונעם גאסן־אנטיסעמיטיזם. די „רעטש" און „בירזשעוויִע וועדאָמאָסטי" לאָזן ניט אדורך די געלעגנהייט צו טײַטן מיט די פינגער, אז דער און דער „באָלשעוויק", וואָס האָט זיך פארבאָרגן אונטער א רוסישן פּסעוודאָנים, איז אייגנטלעך א ייִד.

„אונדזער לעבן" (אָדעס)

צום ביילים־פּראָצעס

קיין פּעטראָגראַד זײַנען ארויסגעפאָדערט געוואָרן פון קיִעווער קרײַזגעריכט אלע מאטעריאַלן, וואָס האָבן א שײַכעס צום ביילים־פּראָצעס. דער

גרויסע צאל מאקאראנישע פאלקסליידער זיינען רודימענטן פון יענער צייט, ווען יידן האבן גערעדט סלאוויש.

4. אויך די סלאווישע מאטבייעס מיט יידישע אויסיעס פונעם XII און XIII יה. זיינען א פראדוקט פון יענער טקופע.

5. קעדיי צו באשטעטיקן זיינע האשארעס, ברענגט אויך א.־ע. הארקאווי באווייזן פון אייניקע ראבאנישע שיילעס־אוטשוועס פונעם XVI און XVII יה. אזוי, לעמאשל, שרייבט דער ראוו מייער קאץ אשקענאזי פון מאהיליאוו באם דניעפער אין יאר 1635: „כי זה המנהג נתפשט בארצנו שבני בריתינו היושבים בקרבנו רובם מדברים בלשון רוסיא... אם יתן ד׳ תמלא הארץ דעה וידברו כולם שפה אחת לשון אשכנז...״[1]

אגעוו, מייער קאץ, אדער ווי ער רופט זיך אויך אשקענאזי, שטאמט פון דייטשלאנד און איז, אזוי צו זאגן, געווען איינער פון די ערשטע קעמפערישע יידישיסטן אין רוסלאנד.

זוכנדיק די אורקוואלן פון דער געשיכטע פון די ערשטע יידן אין רוסלאנד, פרווט א.־ע. הארקאווי אפילע געפינען זיי אין דעם טאנאך און אין דעם טאלמוד.

קעגן א.־ע. הארקאוויס אויספירן איז ארויסגעטראטן דער היסטאריקער שימען דובנאוו (1860—1941). אין זיין ארבעט „די אומגאנגס־שפראך און די פאלקס־ליטעראטור פון די פויליש־ליטווישע יידן אינעם XVI און דער ערשטער העלפט פונעם XVII יה.״ („יעווריייסקאיא סטארינא״ נומ. 1 פארן 1909, זז. 7—40) דערווייזט ער, אז אין XVI יה. איז שוין די יידישע שפראך געווען די אומגאנגס־שפראך בא די יידן אין די סלאווישע לענדער. מיט וואס פאר א שפראך אבער זיי האבן זיך באנוצט אין די פריערדיקע פעריאדן, בלייבט ניט דערזאגט אין ש. דובנאווס דערמאנטער ארבעט.

ביז היינט־צו־טאג איז א.־ע. הארקאוויס טעאריע ערנסט פון קיינעם ניט אפגעפרעגט געווארן. אזעלכע באדייטנדיקע פארשער, ווי פראפעסאר מייער באלאבאן (1877—1942), דאקטאר ייצכאק שיפער (1884—1943), פראפעסאר בער מארק (1908—1966), האבן אונטערגעהאלטן הארקאוויס היפאטעזע. דער פילאלאג נויעך פרילוצקי (1882—1941) האלט, לעמאשל, אז דאס פעלן פון דעם אס „ה״ אין אנהייב ווארט אינעם אוקראינישן יידיש („אבן״ אנשטאט „האבן״), דאס פעלן פונעם נייטראלן מין אינעם ליטווישן יידיש, אויך דאס פעלן פון לאנגע וואקאלן און אנדערע אייגנשאפטן אין דעם מיזרעך־אייראפעישן יידיש זיינען א רעזולטאט פון דער סלאווישער שפראך, מיט וועלכער די דארטיקע יידן האבן זיך אמאל באנוצט.

אין דעם בוך „היהודים ושפת הסלאוים״ זיינען פאראן אויך וויכטיקע דאקומענטן מיקויעך דער אלגעמיינער געשיכטע פון די מיזרעך־אייראפעישע פעלקער.

דער באקאנטער אריענטאליסט טאדעוש לעוויצקי שרייבט אין זיין ארבעט „העברעישע מעקוירים צו דער געשיכטע פון די סלאווישע פעלקערשאפטן״ (1956), אז א.־ע. הארקאווי „האט אנגעהויבן א נייעם פעריאד אפן געביט פון פארשן די העברעישע מעקוירים צו דער געשיכטע פון די סלאוון און אנדערע מיזרעך־אייראפעישע פעלקערשאפטן אין פריען מיטלאלטער״...

ל. פאדריאטשיק

---

[1] ...ווייל אזא מינהעג איז פארשפרייט אין אונדזער לאנד, אז די מערהייט אונדזערע יידן, וואס לעבן דא, ריידן רוסיש... אויב גאט וועט געבן, וועט זיך פארמערן וויסן אין לאנד, און אלע וועלן ריידן איין שפראך, לאשן אשקענאז...

קאסטן, אין וועלכן די מאטעריאלן זיינען פארפאקט געווארן, וועגט 2 פוד.

גלייכצייטיק זיינען ארויסגעפאדערט געווארן די מאטעריאלן וועגן דעם אדוואקאט מארגאלין, וואס איז בעשייטע אויסגעשלאסן געווארן פון דער אדוואקאטן־קאסטע אלס שטראף פאר זיין ארויסטרעטן אלס פארטיידיקער פון בייליסן.

„אונדזער ווארט״ (אדעס)

עס רעדט דער פויער מאטווייעוו

אין אדעס איז פארגעקומען א פויערים־צוזאמענפאר, אין וועלכן עס האבן אנטיילגענומען 70 פויערים פון פארשיידענע ערטער פון דארעם־רוסלאנד. מיט א הייסער רעדע איז ארויסגעטראטן דער פויער מאטווייעוו, וועלכער האט גערופן צו פארגעסן די סינע צו יידן, וואס די צארישע מאכט האט געפלאנצט. „די יידן, — האט געזאגט מאטווייעוו, — זיינען אונדזערע ברידער און פריינט״. די רעדע האט ארויסגערופן אפן צוזאמענפאר א שטורעם אפלאדיסמענטן.

א יידישע געטא אין ווארשע

פון ווארשע טיילט מען אונדז מיט: אף א זיצונג פון שטאטראט איז באהאנדלט געווארן די יידן־פראגע. דער דעפוטאט פרילוצקי האט אין זיין ארויסטרעטונג געזאגט: „אין דער טעטיקייט פונעם מאגיסטראט פילט זיך א ספעציעלע סיסטעם פון שאפן אין שטאט א יידישע געטא. איינעם א יידן האט מען פארטריבן פון די קריסטלעכע גאסן (די הויפט־גאסן פון שטאט) דערפאר, וואס ער האט געטראגן א בארד און איז קלוימערשט געווען שמוציק אנגעטאן. מע האט אים געבראכט אין פאליציי־צירקל און באטראכט זיין וועש. די פאליציי האט אים ארויסגעגעבן א צייגעניש, אז ער איז געקליידט אין ריינעם וועש. נאר די מיליציע האט די צייגעניש אפילע לייענען ניט געוואלט, זי האט אים געטריבן האלדז־און־נאקן, שרייענדיק: „מארש אף די נאלעווקעס״.

„מינסקאיא גאזעטא״

„אויסער יידן״

אין צענטער פון מינסק האט זיך געעפנט א פארשטייערשאפט פון מאסקווער בירזשע־ארטעל.

אף דער טיר איז אופגעהאנגען געווארן א מעלדונג, וואס לאדט איין ארייניצוטרעטן אין ארטעל אלעמען, „אויסער יידן״.

נאָטיצן אפן קאַלענדאר

שרײַבער און ווערק

מיט אכציק יאָר צוריק איז גע־בוירן געוואָרן דער אָנגעזעענער ייִדי־שער שוישפּילער און רעזשיסער, גרינדער פונעם ייִדישן טעאַטער אין אַמעריקע מאָריס (אווראָם־מוישע) שוואַרץ.

מ. שוואַרץ שטאַמט פונעם וואָלי־נער שטעטל סודילקאָוו. ווען ער איז אַלט געוואָרן 12 יאָר, האָבן זײַנע עלטערן אויסגעוואַנדערט קיין אַמע־ריקע און באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק. פון 1921 איז שוואַרץ דירעקטאָר, רעזשיסער און שוישפּילער אין ניו־יאָרקער „נײַעם טעאַטער“, וואָס איז באַוווּסט ווי דער „קונסט־טעאַטער אפן נאָמען פון מאָריס שוואַרץ“.

דער „קונסט־טעאַטער“ האָט פאַר די צען יאָר, וואָס ער האָט געאַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון מ. שוואַרץ, אופגעפירט העכער 60 ספּעקטאַקלען פונעם פּאָפּולערן אין יענער צײַט ייִדישן רעפּערטואַר. אייניקע פון די דאָזיקע ספּעקטאַקלען, ווי, לעמאַשל, גאָלדפאַדענס „לוי סאַכמויד“, זײַנען אַנערקענט אַלס העכסטע דערגרייכונ־גען פון דער ייִדישער טעאַטער־קונסט.

מאָריס שוואַרץ פּערזענלעך האָט פאַרפאַסט זעקס פּיעסן. צוויי פון זיי זײַנען אופגעפירט געוואָרן אף דער בינע: „דער וואָלקן“ (1912), „שעק־ספּיר און קאָמפּאַני“ (1925). פאַרן „קונסט־טעאַטער“ האָט מ. שוואַרץ באַאַרבעט און געשטעלט גאָלדפאַ־דענס „קישעפמאַכערן“, „צוויי קוני־לעמלעך“, „לוי סאַכמויד“, שאָלעם אַשס „קידעש־האשעם“ אאַ.

ד"ר. מוקדוייני האָט געשריבן וועגן מאָריס שוואַרצן: „ער איז דער מע־כאַשעף אין פאַרוואַנדלונג, דער גרעסטער בעריע אין שאַפן מאַסקעס; אַ באַזונדער כיין גיסט ער אויס אף אַלע זײַנע מענטשן“.

מאָריס שוואַרץ איז געשטאָרבן דעם 5 דעקאַבער 1960 אין טעל־אוויוו, בעשאַס ער איז געווען צו־גאַסט אין ייִסראָעל.

מיט זעכציק יאָר צוריק איז גע־בוירן געוואָרן דער ייִדישער דיכטער באָרוך אָליצקי.

ב. אָליצקי שטאַמט פונעם שטעטל טריסק (פּוילישער טייל פון וואָלין). אין דער יוגנט איז ער געווען אַ ייִדישער לערער. אין 1925 איז ער אַרויסגעטראָטן מיט לידער אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער“, דעביוטירט אין די „וואַרשעווער שריפטן“ און אין „נײַע וועלט“, שפּע־טער — אין ייִדישע סאָוועטישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

אין 1951 איז אין ניו־יאָרק דער־שינען באָרוך אָליצקיס בוך „מײַן בלוט איז אויסגעמישט“ (לידער און געזאַנגען), 160 זײַטן.

בייס דער היטלעריסטישער אָקו־פּאַציע פון ווײַסרוסלאַנד האָט ב. אָליצקי זיך געפונען אינעם שטעטל ליאַכאָוויטש, ווו ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציסטן.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания седьмой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отделы прозы и поэзии — Б 8-49-42; отдел критики — Б 3-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер и А. Токер

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 18/V 1967 г. Формат $70 \times 108^1/_{16}$. Печ. л. 10(14). Бум. л. 5+2 вклейки.
Цена 50 коп. Зак. 2596.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
Пер. Аксакова, 13.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

Цена 50 коп.

2 ЗАЧАТЬЕВСКИЙ ПЕР. 70821
Д.2 КОР.7 КВ.68
СКЛЯРСКОМУ Д.Ш

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 6

1 9 6 7

В НОМЕРЕ:

А. Кушниров. Рассказы о гражданской войне.
Г. Ошерович. Робеспьер (поэма).
М. Лев. Повесть о партизане Петре Оранском.
Ш. Горшман. Рассказы.
Р. Балясная. Из поэмы о Левитане.
Стихи Л. Вассерман, М. Штурмана.
И. Рабин. Шевочка и Тевка в Москве (роман. Окончание).

ТРИБУНА ЖИЗНИ

А. Вергелис. В Англии (путевые заметки).

ЛИТЕРАТУРНАЯ КРИТИКА. БИБЛИОГРАФИЯ. ВОПРОСЫ ИСКУССТВА

Б. Махлин. Варианты одного произведения Менделе Мойхер-сфорима.
Я. Штернберг. О творчестве поэта И. Мангера.
Х. Лойцкер. Вопросы еврейской лексики.
И. Серебряный. Даты и факты. К истории еврейской советской литературы.
Б. Слуцкий. На выставке Роберта Фалька.
Комментарии редакции. Краткие рецензии. Листая журналы и газеты. О чем писала еврейская печать 50 лет назад. Хроника. Заметки на календаре.